This material was made publicly available by the

Heritage Projects Foundation

info@yiddish-culture.com

https://yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

This material is provided online strictly for personal use only. For commercial, academic or any other use, please contact us at the following email address:

info@yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

סאָוועטיש

2

1982

היימלאַנד

סאָוועטיש היימלאַנד

■

ליטעראַריש-קינסטלערישער
כוידעש-זשורנאַל

■

אָרגאַן פון שרײַבער-פאַרבאַנד פון פססר

■

דערשײַנט פון 1961

■

פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל"

מאָסקווע

ב

פעוראַל

1982

אינהאַלט

ל. אי. ברעזשנעוו. זיכרוינעס 3
פיניע פלאָטקין. אלץ, וואָס דיך רינגלט ארום (לידער) 31
אלעקסאנדער ליזען. שאַט, א מענטש ווערט געבוירן! 33
אין די יובילײ־טעג פון „סאָוועטיש היימלאנד" (קאָלעקטיווער רעפּאָרטאזש) 42
יעווגעניִא מאלאכאָווסקאיא. איבערן אטלאַנטישן אָקעאן 57
טשארנע יאראָשעוויטש. זיקאָרן (פּאָעמע) . . 85
יעכיִעל פאליקמאן. ניטאָ און דאָ 89
מאָטל גרוביאן. אין אייביקן וואלד (לידער) 96
אין דער ברידערלעכער פעלקער־מישפּאָכע 100
סאמועל לעווי. בריוו פון וואשינגטאָן 104
א שמועס באם רונדן טיש 115

ליטעראטור־קריטיק. ביבליִאָגראפיע. פראגן פון קונסט

שמועל וויניצקי. עס זינגט פון אים ארויס . . . 119
אונדזערע מיטײלונגען. לייב ווילסקער. אומבאוווּסטע לידער פון יעהודע האלייווי 128
נאָטיצן פון א ביבליִאָגראף. מענדל ראָזענהויז. וועגן ביבליִאָטעקן און ביבליִאָגראפן 137
ארן ווערגעליס. מאזלטאָוו, יידיש טעאטער! (מאָנאָלאָגן און זינגלידער צו דער שטעלונג „קאָמעדיִאנטן" לויט שאָלעם־אלייכעמס „בלאָנדזנדע שטערן") . . . 144
מאניע קאָטליאראָווע. גאסטראָלן אפן ווײַטן מיזרעך 156
שמועסן וועגן מוזיק און עסטראדע. זינאָווי קאָמפּאַנייעץ. עטלעכע שטריכן צום פּאָרטרעט פון אלעקסאנדער קאָנסטאנטינאָוויטש גלאזונאָוון 161
פובליציסטיק. לעאָנעל דאדיִאני. פארענדערונגען אינעם לעבן פון ייִסראָעל 163
עס שמועסט מיטן לייענער דער בריוו־אָפּטייל פון דער רעדאקציע 167
דאָס איז טשיקאווע. א. קנאָפּ. פושקין אין אָדעס . . 169
מאטעריאלן פאר א לעקסיקאָן פון דער יידישער סאָוועטישער ליטעראטור 170
פאר די, וואָס לערנען יידיש . . . . . . , . . . 171
רעזומע לויט די מאטעריאלן פונעם נומער (רוסיש־ענגליש) I

הויפּט־רעדאקטאָר

א. ווערגעליס

רעדקאָלעגיע:

כ. ביידער (שטעלפארטרעטער פון הויפּט־רעדאקטאָר),
ש. גאָרדאָן, ט. גען,
נאָטע לוריע, ב. מאָגילנער,
ב. מילער, כ. מעלאמוד,
ה. פּאָליאנקער,
י. שוסטער (פאראנטוואָרטלעכער סעקרעטאר), י. שרײַבמאן

די פעלקער פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד, די גאַנצע פּראָגרעסיווע מענטשהײַט האָבן אָפּגעמערקט דעם 75־טן געבורטסטאָג פונעם גענעראַל־סעקרעטאַר פון צק קפּסס, פאָרזיצער פון פּרעזידיום פונעם אויבער־סאָוועט פון פּסס כאַווער לעאָניד איליטש ברעזשנעוו.

מיר ברענגען דאָ די איבערזעצונג פון ל. אי. ברעזשנעווס נײַ ווערק „זיכרוינעס", וואָס האָט זיך באַוויזן אין דרוק ערעוו דער דאָזיקער רומפולער דאַטע.

ל. אי. ברעזשנעוו

זיכרוינעס

דאָס לעבן לויטן זאַוואָדישן הודאָק

1

עס האָט מיר אָפּגעגליקט געבוירן צו ווערן, אויסוואַקסן און זיך פאַרהאַרטעווען בא האָ־רעוואַניע אין אַן אַרבעטער־מישפּאָכע, אין א גרויסן אַרבעטער־יישעוו. איינער פון די סאַמע ערשטע, סאַמע שטאַרקע אײַנדרוקן פון דער קינדהײַט — דער זאַוואָדישער הודאָק. כ'געדענק: עס הייבט ערשט אָן זיך פאַרנעמען אָף טאָג, און דער טאַטע איז שוין אין דער ספּעצאָווקע, די מאַמע באַגלייט אים בא דער שוועל. עס רעוועט מיט א באַס דער הודאָק, וואָס מע הערט אים, האָט זיך מיר געדאַכט, אָף גאָר דער וועלט.

קיין ראַדיאָ איז ניט געווען, קיין זייגערס האָבן די אַרבעטער ניט געהאַט, דער זאַוואָד אַליין פלעגט זיי צונויפרופן אָף דער אַרבעט. דער ערשטער וואָרענונג־הודאָק פלעגט געגעבן ווערן האַלב זעקס פאַרטאָג, נאָכדעם זעקס — צו דער וואַכטע, דערנאָך האַלב זעקס פאַרנאַכט — א וואָרענונג, און ווידער צו דער אַרבעט — זעקס. מענטשן זײַנען דעמאָלט אין אונדזער קאַמענס־קאָיע, דער צוקינפּעטיקער אַרבעטער־שטאָט דניעפּראָדזערזשינסק, געווען פינף און צוואַנציק טויזנט, און די גאַנצע רעכענונג פון דער צײַט, דער גאַנצער היימישער שטייגער, די געוווינ־שאַפטן, די זיטן, גופא די אַרבעט פון די מענטשן — מיט איין וואָרט, דאָס גאַנצע לעבן איז געגאַנגען לויטן הודאָק נאָך.

איך פֿלעג זיך אפּגיך אָנטאָן און באָרוועסערהייט, אפֿן ניכטערן הארצן, נאָכלויפֿן דעם טאטן. אויב ער האָט מיך גענומען פֿאר דער האנט, פֿלעג איך מיט שטאָלץ זיך ארומקוקן אין אלע זײַטן: אָט, הייסט עס, א מין גרויסער כ'בין אויסגעוואקסן, כ'גיי שוין אפֿן זאוואָד, און אלט בין איך דעמלט געווען דאָס פֿינפֿטע יאָר. פֿון די שכײַנעסדיקע הײַזער, פֿון די זײַטיקע געסלעך און ליקן זײַנען ארויסגעקומען אנדערע ארבעטער, מיר פֿלעגן ווערן אלץ מער, קימאט אלע זײַנען געווען אָנגעטאָן אין אָפּגעריסענע רעקלעך און אין הויזן פֿון גראָבער „קיטײַקע“. און ס'איז מיר, געדענק איך, זייער געווען געפֿעלן צו שפּאנען מיט אלעמען צוזאמען.

דער טויזנטקעפּיקער אוילעם האָט געשטראָמט בארג־אראָפּ, צום דניעפּער, צום „באזארני ספּוסק“. דאָ פֿלעגט מיך דער טאטע פֿארלאָזן, און אינגיכן האָט זײַן קארטוז זיך פֿארלאָרן אינעם יאם קארטוזן, קעפּקעס, פֿילצענע היטלען — איך האָב נאָר געזען פֿונדערווײַטנס, ווי דער שווארצער דורכגאנג אפֿן זאוואָד שלינגט אײַן די וואכטע. און, אן ערעך, ווען כ'בין אלט געווען א יאָר זיבן, בין איך אויך אליין דאָס ערשטע מאָל ארײַנגעגאנגען אין די דאָזיקע טויערן — האלטנדיק אין די הענט שיסעלעך, אין וועלכע כ'האָב געבראכט מיטיק דעם טאטן.

דער זאוואָד האָט געארבעט אין צוויי וואכטעס, יעדע צו צוועלף שאָ, נאָר ס'זײַנען געווען טעג (באם ברעכן די וואכטעס), ווען די ארבעטער פֿלעגן בלײַבן אף דער אונטערנעמונג אויך צו אכצן שאָ. קיין גאָרקיך איז ניט געווען, קיין איבערײַס אף מיטיק האָט מען ניט געהאט — פֿלעגט מען אפּגיך א קײַ טאָן, וואָס ווער ס'האָט מיטגענומען פֿון דער היים. צו אייניקע פֿלעגן קומען מיט פּעקעלעך עסן זייערע ווײַבער, טעכטער, שוועסטער. שפּעטער האָב איך זיך דערוווסט: דער טאטע און די מאמע מײַנע האָבן זיך באגעגנט ניט אף א שפּאציר, ניט אין שטאָטגאָרטן, ניט אין געסט און ניט אין א קלוב, וועלכער האָט, אגעוו, אין זייער צײַט ניט געקאָנט אפֿילע זײַן, נאָר טאקע דאָ, אינעם אײַזנוואלץ־צעך פֿונעם דניעפּרישן זאוואָד.

דער טאטע איז געווען דער געהילף פֿונעם וואלצער, און אלס שווייסער איז געשטאנען בא די גלי־אויוונס דער אלטער ארבעטער דעניס מאזאלאָוו. איך געדענק אים גוט: א יאָדערדיקער, א קארגער אף א וואָרט, אן עמעסער רוסישער ארבעטמענטש. געשטאמט האָט ער פֿון יענאקיִעוואָ, ביז דעם געארבעט אין ניקאָפּאָל, אף אונדזער זאוואָד האָט ער זיך שוין איבערגעקליבן מיט א גרויס געזינד, און מיטיק פֿלעגט אים ברענגען זײַן דערוואקסענע טאָכטער נאטאליע. אָט דאָ טאקע, בא די גלי־אויוונס, באם געשטעל „280“, האָבן די יונגע זיך באקאנט, און אין א יאָר ארום האָבן זיי כאסענע געהאט. דער טאטע איז דעמלט אלט געווען אכט און צוואנציק יאָר, די מאמע — צוואנציק.

וואָס קאָן מען נאָך זאָגן וועגן מײַן אָפּשטאם? קיין ייִכעס־צעטלען האָבן די ארבעטער־מישפּאָכעס, ווי באוווסט, ניט געפֿירט. איך ווייס, אז דער פאָטער, איליא יאקאָוולעוויטש ברעזשנעוו, איז אָנגעקומען אפֿן זאוואָד אין 1900 יאָר. געקומען איז ער אהער פֿון קורסקער גובערניע, פֿונעם דאָרף ברעזשנעוואָ, סטרעלעצקער אויעזד. דער נאָמען פֿונעם דאָרף, ווי אויך דער פֿאמיליע־נאָמען אונדזערער, שטאמט, דארף מען מיינען, דערפֿון, וואָס דאָס דאָרף ליגט באם ברעג, און מעגלעך, אז אויך פֿון די באגריפֿן «беречь», «оберегать»[1], וואָס דאָס שטימט פֿולקאָם מיט דער פֿויערשער זאָרגזאמער באציִונג צו דער ערד, — דער שפּײַזערן. די ערד האָט מען געשעצט, פֿארטיידיקט, געהיט, דוירעסלאנג באגאָסן זי אי מיט שווייס אי מיט בלוט. אָבער אויך דוירעסלאנג איז דער דאלעס ניט אָפּגעטראָטן פֿון די מענטשן, אנדערש וואָלט דעם טאטן ניט אויסגעקומען אוועק פֿון די היים־ערטער אף ארבעט.

אגעוו, שפּעטער האָט מיט אונדז אין איין דירע געוווינט דער פֿעטער ארקאדי, אויך ברעזשנעוו לויט דער פֿאמיליע, נאָר ער איז ניט געווען דעם טאטנס א ברודער, בלויז א לאנדסמאן. געקומען צו פֿאָרן, ווי אלע, אף פֿארדינסטן, דער טאטע האָט אים ארײַנגעלאָזט צו זיך, ער האָט זיך ארופֿגעארבעט אף א מעטאלורג און שוין דערנאָך, ווען ער האָט כאסענע געהאט מיט מײַן מאמעס ייִנגערער שוועסטער, איז ער געוואָרן אונדזער קאָרעוו און פֿאר מיר א פֿעטער. ווײַזט אויס, אז אין אונדזער דאָרף, ווי עס טרעפֿט פֿון לאנג אָן אין די רוסישע דערפֿער, זײַנען געווען ניט ווייניק מישפּאָכעס מיט אלציינע פֿאמיליע־נעמען.

אזויארום, בין איך לויט דער נאציִאָנאליטעט א רוס, לויט דער אָפּשטאמונג — א געבוירענער פּראָלעטאריער, א דאָר־דוירעסדיקער מעטאלורג. אָט דאָס איז אלץ, וואָס עס איז באוווסט וועגן מײַן גענעאלאָגיע.

מעגלעך, אז גראָד דאָ וועט זײַן צום אָרט דערמאָנען די גענעאלאָגיע פֿון דעם רוסלענדישן ארבעטער־קלאס. זײַן שטורמישער וווּקס האָט זיך אָנגעהויבן טאקע פֿונקט אף דער גרענעץ פֿון XIX — XX יאָרהונדערטער, און דאָס האָט ארויסגערופֿן מיגראציִעס פֿון גוואלדיק־גרויסע

[1] беречь, оберегать — אָפּהיטן, באוואָרענען, שאנעווען (איבערז.)

פאַלקסמאסן, שאַרפע ענדערונגען אין דעם לעבן פון מיליאָנען מענטשן. דער גורל פון יעדן איינעם פון זיי באַזונדער האָט געקאָנט אויסזען ווי א צופעליקער, נאָר זייער געמיינזאַמער גורל איז געווען היסטאָריש פאַרורזאַכט, מע קאָן זאָגן, פאָרויסבאַשטימט דורך דער טעכנישער רעוואָליוציע, וועלכע איז פאָרגעקומען אינעם לאַנד. און לאַכלוטן ניט קיין צופאַל האָט גע־בראַכט מײַנע עלטערן גראָד אַף דער יעקאַטערינאָסלאַווטשינע (אין דער איצטיקער דניעפּראָפּעטראָווסקער געגנט), געצווונגען זיי אײַנפונדעווען זיך גראָד אין דאָרעם־רוסלאַנד.



אין אָט דעם קאַנט האָבן אַף א גליקלעכן אויפן זיך געפונען בישכיי־נעס די קוילן פון דאָנבאַס און דאָס ארץ פון קריוואָראָזשיע, די אײַזנבאַן האָט זיי פאַרייניקט, די וואַסער־מאַ־גיסטראַל פונעם דניעפּער האָט דער־מעגלעכט אָפּצושיקן דעם פאַרטיקן מעטאַל צו די מאַשינבויער פון בע־

דער פאַרלאַג „פּאָליטיזדאַט" האָט אַרויס־געלאָזט לעאָניד איליטש ברעזשנעווס בוך „זיכרוינעס", איליוסטרירט מיט פאָטאָ־גראַפיעס. מיר דרוקן איבער פונעם בוך צוויי פאָטאָבילדער: לעאָניד איליטש ברעזשנעוו אין דער יוגנט און די מיש־פּאָכע ברעזשנעוו.

זשיצע, בריאַנסק. דאָס אַלץ, צוזאַמען גענומען, ווי אויך די גרענעצלאָזע מעגלעכקייטן אויס־צונוצן ביליקע ארבעט־קראַפט האָט געצויגן אהער ניט בלויז די רוסלענדישע אונטערנעמער, נאָר אויך די אויסלענדישע קאַפּיטאַליסטן. דער דניעפּערישער זאַוואָד, אַשטייגער, האָט פאַריי־ניקט בעלגישן, פּוילישן און פראַנצויזישן קאַפּיטאַל („קאַפּיטאַל", האָט מען געזאָגט בא אונדז אַף דער סלאָבאָדקע, האָבנדיק אין זינען דאָס וואָרט «копить».[1]) דער זאַוואָד איז גוואַלדיק שנעל געוואַקסן: פון 1887 ביז 1896 האָט די באַפעלקערונג אין קאַמענסקאָיע זיך פאַרגרעסערט פון 2000 נעפּאָשעס ביז 18 000.

די דאָזיקע ציפערן ווערן געבראַכט אין וו. אי. לענינס בוך „די אַנטוויקלונג פונעם קאַפּי־טאַליזם אין רוסלאַנד". „דאָס, וואָס ס'פלעגט פריער זיך אויסבילדן אין מעשעך פון דוירעס, — האָט ער געשריבן, — ווערט איצט פאַרווירקלעכט פאַר א מין צענדליק יאָר". א סאַך שפּעטער, זייענדיק א סטודענט, האָב איך געלייענט אָט דאָס קלאַסישע ווערק און געוואונדערט די אויפמערק־זאַמקייט, מיט וואָס פאַר א גענויקייט און טיפקייט וולאַדימיר איליטש האָט שטודירט דעם וווּקס פון דער מעטאַלורגיע אַפן דאָרעם. פאַר מיר, געדענקט זיך, איז געווען ביז גאָר וויכטיק, וואָס, אַנאַליזירנדיק די געזעלשאַפטלעך־עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג פונעם גאַנצן לאַנד, ארומ־כאַפנדיק מיטן בליק גאַנץ רוסלאַנד, האָט דער גרויסער פירער פונעם וועלט־פּראָלעטאַריאַט געזען אויך אונדזער קאַנט, דערונטער דאָס געוועזענע דאָרף קאַמענסקאָיע, דערלערנט זיין פאַרגאַנגענהייט, געוווּסט זיין קעגנוואַרט, פאָרויסגעזען זיין צוקונפט.

אין די 80־ער יאָרן פון פאַריקן יאָרהונדערט זיינען לויט דער טעכנישער באַוואָפנטקייט די ערשטע געגאַנגען די סאַנקט־פּעטערבורגער גובערניע, די מאָסקווער, קיִעווער, פּערמער, וולאַדימירער גובערניעס, נאָר שוין אין די 90־ער יאָרן איז די יעקאַטערינאָסלאַווער גובער־ניע, וועלכע האָט אָפּגערוקט די אַלטע אינדוסטריע־צענטערן, געגאַנגען נאָך דער הויפּטשטאָ־טישער. אַפן אוראַל איז „די צאָל דאַמף־קרעפטן" אויסגעוואַקסן פאַר צען יאָר אין דריטהאַלבן מאָל, און אַפן דאָרעם פאַר דער זעלבער צייט — קימאַט אין זעקס מאָל. דערביי האָבן די דאָרעמ־דיקע זאַוואָדן אין אונטערשייד פון די אוראַלער שוין גענוצט ניט קיין האָלצקוילן, נאָר שטיינ־קוילן, געשמאָלצן טשוהון שוין ניט מיט קאַלטן בלאָזן און באַם פּראָדוצירן אייזן האָבן זיי אָפּגעוואָרפן דעם אוראַלטן אַזויגערופענעם קריצע־מעטאָד[2].

„ווי שטאַרק אוראַל איז אַלט, — האָט וו. אי. לענין געמאַכט אַן אויספיר, — און די פּאָראַנד־קעס, וואָס הערשן אַפן אוראַל, זיינען „געהייליקט דורך דוירעס", אַזוי שטאַרק איז דער דאָרעם יונג און געפינט זיך אין פּעריאָד פון פאָרמירן זיך. די ריין קאַפּיטאַליסטישע אינדוסטריע, וואָס איז דאָ אויסגעוואַקסן פאַר די לעצטע יאָרצענדליקער, ווייסט ניט נישט פון קיין טראַדיציע, נישט פון קיין סאָציאַלע שיכטן, נישט פון קיין נאַציאָנאַליטעט, נישט פון קיין אָפּגעזונדערט־קייט פון א באַשטימטער באַפעלקערונג".

דאָס אַלץ, כאַזער איך איבער, האָב איך איבערגעלייענט און באַגרייפט שפּעטער, אין די סטודענטישע יאָרן. אָבער דאָס, וועגן וואָס לענין האָט געשריבן, האָב איך געזען און פאַרגע־דענקט נאָך פון די קינדער־יאָרן. דאָס קלינגען פון פיל לעשוינעס, די מענגעס דערשראָקענע פּויערים, וואָס זיינען געפלאָסן צו אונדז פון פאַרשיידענע גובערניעס, די באַראַקן, צונויפגע־קלאַפּטע בעכיפּאָזן, און די בויונג פון דאָמנעס, מאַרטענעס, מעכטיקע וואַלץ־געשטעלן — כ'גע־דענק דאָס אַלץ ביז די מינדסטע פּראַטים. דער זאַוואָד, אין יענער צייט דער גרעסטער אַפן דאָרעם, האָט זיך געהויבן איבערן יישעוו. אַלץ האָט בא אונדז זיך געצויגן צו אים, און איך, ווי א סאַך אַנדערע אַרבעטער־קינדער, האָב געוווּסט, אַז כ'וועל, ווי דער טאַטע, קומען אין צעך אַריין, צום לעבעדיקן פייער. וועגן קיין אַנדער גוירל האָט מען אין יישעוו ניט גע־טראַכט. דער זאַוואָד האָט הויך געהודעט, דערמאָנט וועגן זיך, און איך האָב געוווּסט: אָט דאָס איז מיין גוירל.

וועדליק פאַר יענער צייט, האָט דער זאַוואָד זיך גערעכנט פאַר א גוט אויסגעשטאַטן, נאָר, פאַרשטייט זיך, נישט קיין ראָלגאַנגען, נישט קיין הייב־טישן זיינען אין צעך ניט געווען. די וואָגאָנען פלעגט מען אויסלאָדן מיט לאָפּעטעס, די קוילן האָט מען אויך געוואָרפן אין די אויוונס מיט לאָפּעטעס. א כמורנע פערדל האָט געפירט שווערע שטיקער אייזן צו די גליִ־אויוונס, בא וועלכע ס'האָט אָרודגעוועט מיין זיידע דעניס. פונדאַנען פלעגט מען די ביז ווייס צעגליטע „שטיקער", וואָס האָבן געוויגן צו א האַלבן טאָן, שלעפּן מיט האַקנס צום געשטעל, דערנאָך מיט די הענט אַריבערשלעפּן פון איין קאַליבער אַפן אַנדערן, און פון דער לעצטער קאַמער, אַנ־

---

[1] к о п и т ь — אָנזאַמלען, שפּאָרן (איבערז.).

[2] ק ר י צ ע — א שטיק אייזן, וואָס מע באַקומט באַם באַאַרבעטן ערץ אָדער טשוהון אין דעם האָרן אומיטלבאַר אַף האָלצקוילן אָדער שטיינקוילן (איבערז.).

כאַפּנדיק מיט צוואַנגען די נאָך הייסע, נאָר שוין צעוואַלצטע, דינע סטענגעס, לויפנדיק זי אַרופציִען אַף אויסגעשפּרייטע פון פּליטעס, ווו דער מעטאַל האָט באַדאַרפט אָפּגעקילט ווערן.

ווידער און ווידער פלעגט פאַרגליווערט ווערן אַף זײַן אָרט (בא אונדז האָט מען געזאָגט: „איין שלייף") אַ הויכוווקסיקער, ברייטפּלייציקער אַרבעטער אין אַ פאַרטעך און אין טשוניעס[1]. איך האָב גוט געזען: ער איז ביז לעצט אָנגעשטרענגט, גרייט אין יעטווידן מאָמענט אַ נעם טאָן זיך פאַר די צוואַנגען. ווי נאָר די צעגליטע, שיפּענדיקע, בייזע שלאַנג וועט זיך אַרויסרײַסן פון דער קאַמער, וועט ער זי אין דער זעלבער רעגע באַרויִקן און מיט אַ ברייטן פאָך פון די הענט אַריבערוואַרפן, „אַרײַנגעבן" אין אַנדערע וואַלצן. ווי אַ פאַנטאַסטישער גיבער, אַ ריז פלעגט זיך מיר פאָרשטעלן אין יענעם מאָמענט דער מענטש. און דאָס איז געווען מײַן טאַטע.

אַז דער טאַטע פלעגט מיך דערזען, פלעגט ער צורופן דעם פּעטער אַרקאַדי, אָדער אונדזער שאָכן לוקאַ, אָדער עמעצן אַנדערש פון די אַרבעטער, מע זאָל אים פאַרבײַטן, ער פלעגט אַ וואַש טאָן די הענט, דאָס פּאָנעם, אַרויסגיין אין דרויסן, פאַרזשמורען די אויגן פון דער זון און זיך אַנידערזעצן אַף דעם פאַרוויאַנעטן גראָז עסן מיטיק. געגעסן האָט ער שווײַגנדיק. אָן אַנדערש מאָל פלעגט ער מיט אַ שאַרסטקער האַנט מיך גלעטן איבערן קאָפּ, פרעגן, וואָס עס הערט זיך אין שטוב, וואָס עס מאַכט די מאַמע. געענדיקט האָט זיך דער מיטיק טאָמיד אַלציינס, דער טאַטע פלעגט זאָגן: „גיי, שפּיל זיך". און איך, ניט פאַרשטייענדיק, וואָס פאַר אַ טײַוולאָנישע האָרעוואַניע עס שטייט אים פאָר ווידער, בין געלאָפן מיט מײַנע כאַוויירים צו די רייכערנדיקע קוימענס, וואָס הינטער זיי האָט זיך געענדיקט דער זאַוואָד.

אַהינטער דער ריי פון געבײַען זײַנען געוואַקסן קוסטעס רויטע ווערבע און דורך אָט דער געוויקסן־געדיכטעניש פלעגן מיר זיך דערקלײַבן צום דניעפּער. דער ברעג איז אין יענעם אָרט געווען הויך און שטײַל. מיר האָבן געקוקט פון אויבן, און די ווײַט, וואָס פלעגט זיך עפענען פאַר אונדז, האָט מען מיטן אויג ניט געקאָנט אַרומכאַפּן. פון אונטן האָט זיך געבלויט דאָס וואַסער, ס'האָט זיך געלאָזט זען אַ גרין אינדזל, פאַרוואַקסן מיט קוסטעס, ווײַטער איז אַלץ געווען פאַרהילט מיט בלאָוון: דאָס וואַסער, די לאָנקעס, די דערפער ניקאָלײַעווקע און קורילאָווקע פון יענער זײַט טײַך — פאַר אונדז איז דאָס שוין געווען עק וועלט.

קינדהײַט איז קינדהײַט. דאָ, באַם דניעפּער, איז אַלצדינג געווען פאַר אונדז אַ פרייד: מיר פלעגן אַראָפּלויפן פונעם ברעג־אָפּהאַנג, זיך באָדן, אַריבערשווימען אַפן אינדזל. אָבער בעשום־אויפן ניט פרילינג־צײַט. בייסן געוויסער פלעגט דאָס וואַסער פאַרפלייצן די ביימער אַפן אינדזל, דער ווײַטער ברעג האָט זיך קוים אָנגעזען. איצט, דערמאָנענדיק זיך גאָגאָלן — „זעלטן וואָס פאַר אַ פויגל וועט דערפליִען ביז דער מיט דניעפּער..." — טראַכט איך, אַז אָט דאָס בילד פונעם טײַך איז בא אים אופגעקומען לויט אַ דערמאָנונג פון דער קינדהײַט.

די דערמאָנונג וועגן דער קינדהײַט איז שטענדיק ליב, אָבער עס וואָלט זיך וועלן אויסמײַדן דעם טאָעס, אין וועלכן עס פאַלן אַרײַן ניט זעלטן די אווטאָרן פון זיכרוינעס: דאָס פאַרגאַנגענע מאָלט זיך זיי אין ראָזעווען שײַן, כאָטשבי דערפאַר, וואָס זיי זײַנען דעמלט אַליין געווען יונג.

2

אונדזער מישפּאָכע האָט געלעבט אין דער אַרבעטער־סלאָבאָדקע, וואָס האָט געהייסן די „אונטערשטע קאָלאָניע", אין אַקסיאַנאָווער געסל. דאָ בין איך געבוירן געוואָרן דעם 19 דעקאַבער 1906 יאָר. אין דעם זעלבן צימער טאַקע זײַנען געקומען אַף דער וועלט מײַן ברודער יאַקאָוו און די שוועסטער ווערא.

די זאָרג וועגן די גײַסטיקע באַדערפענישן פון די אײַנוווינער איז אויסגעשעפּט געוואָרן דערמיט, וואָס אין דעם ייִשעוו קאַמענסקאָיע זײַנען געווען צוויי פּראַוואָסלאַוונע קלויסטערס, אַ קאַטויליִשער קאָסטיאָל, אַ ליוטעראַנישע קירך און אַ ייִדישע סינאַגאָגע. די איבעריקע „קולטור־אַנשטאַלטן" האָבן זיך אָנגעהויבן גלײַך בא די טויערן פון זאַוואָד: סטריגולינס טראַקטיר, סמירנאָווס טראַקטיר און נאָך אָן אַ שיר טראַקטירן, קאַזיאָנע ווײַן־קראָמען.

און אַף דאָרעם־מײַרעוו פונעם ייִשעוו, אין דער „אייבערשטער קאָלאָניע", איז געווען גאָר אַן אַנדער וועלט: ס'זײַנען געשטאַנען צווייגאָרנדיקע, גערענמע, ווייל־אײַנגעאָרדנטע הײַזער פון

---

[1] טשוניעס — פּאָסטעלעס, געפלאָכטענע פון שטריקלעך (איבערז.).

דער זאוואָד־אדמיניסטראציע. אפילע דער רויך, וואָס האָט געשלאָגן פון די פּילצאָליקע קוימענס — הויכע און נידעריקע, קײַלעכדיקע און אכטקאנטיקע, — האָט פארקערעוועט פון זיי אין א זײַט, זיך געצויגן קימאט שטענדיק צו דער ארבעטער־סלאָבאָדע. ערשט שפּעטער האָב איך פארשטאנען, אז דאָ איז גענומען געוואָרן אין אכט, וווהין עס בלאָזן אמיינסטן די ווינטן פון דער דניעפּער־געגנט. דאָס איז די סיבע, וואָס דער הימל פון מײַן קינדהײַט איז געווען פארהילט אין רויך, א שיכט פון סאזשע האָט באדעקט אונדזערע שטיבער.

די ארבעטער איז אפּן שטרענגסטן אויפן געווען פארבאָטן ארופצוקומען אף דער טעריטאָריע פון דער „אייבערשטער קאָלאָניע". דאָרטן פלעגט אין די אָוונטן לײַכטן עלעקטרישע שײַן, אהין פלעגן צוקאטשען זיך דראָשקעס אף געבלאָזענע שינעס, פון דאָרט פלעגן ארויסגיין וואזשנע דאמען און הערן. דאָס איז געווען ווי עפּעס א מין אנדער מענטשן־ראסע — א זאטע, אן אויסגעקעכלטע, א גרויסהאלטערישע. אן אינזשעניער, אין א פּאָרמענער פוראזשקע, אין א פּאלטאָ מיט א סאמעטן קעלנערל, וואָלט קיינמאָל קיין ארבעטער ניט דערלאנגט די האנט, און דער ארבעטער איז געווען מעכויעוו, צוגייענדיק צו אן אינזשעניער אָדער צו א מײַסטער, אראָפּנעמען דאָס היטל. מיר, די ארבעטער־קינדער, האָבן געקאָנט בלויז פונדערווײַטנס, פון הינטער די פּארקן־גראטעס באם שטאָט־גאָרטן קוקן אף דעם „ריינעם פּובליקום", וואָס פּלאָנירט ארום אונטער די קלאנגען פון א בלאָז־אָרקעסטער.

קעדיי גוט צו פארשטיין און שעצן דאָס איצטיקע, דארף דער מענטש זען אין דער ווירקלעכער שײַן דאָס פארגאנגענע.

„אזעלכע קאטאָרגע־באדינגונגען, ווי אפן קאמענסקאָיער זאוואָד, איז שווער ערגעץ נאָך צו באגעגענען, — זאָגט איידעס איינס פון די באָלשעוויסטישע פלוגבלעטלעך, וועלכע פלעגן פארשפּרייט ווערן אין אונדזער ייִשעוו. — ווּ איז דאָס געזען געוואָרן, אז די ארבעט זאָל דויערן אָן שום יאָמטעוו־טעג א גאנץ יאָר און ס'זאָל אויסקומען ארבעטן צו צוועלף שאָ נאָכאנאנד און אמאָל אויך צו אכצן, ניט האָבנדיק קיין איבערײַס אף פרישטיק און אף מיטיק? ווּ איז דאָס געהערט געוואָרן, אז בא די ארבעטער זאָל מען אראָפּרעכענען אף רעמאָנטירן די געבײַדעס, אף פאריכטן די מאשינעס און אינסטרומענטן? אונדזערע בלוטזויגערס איז אפּאָנעם ווייניק יענע רעוואָכים, וואָס זיי באקומען פון אונדזער מי, און, צוטשעפּענדיק זיך צו יעטווידן פּאל, שטראָפירן זיי אונדז... אין אייביקער ארבעט, אין אייביקער קויט לעבן מיר, קעדיי דער בײַטל בא די באלעבאטים זאָל זײַן פול און אונדזערע מאָגנס פּוסט".

די רעוואָליוציאָנערע געשיכטע פון די ארבעטער אין דאָרעם־רוסלאנד איז באוווּסט. כ'וועל דערמאָנען, אז די ערשטע סאָציאַל־דעמאָקראטישע קרײַזלעך האָבן זיך דאָ באוויזן נאָך אין 1885 יאָר. געווען איז אזא קרײַזל אויך אין קאמענסקאָיע, וווהין עס פלעגט רעגולער געבראכט ווערן די לעניניסטע „איסקרא". לויט לענינס אופטראָג האָבן אין אָט דעם קאנט אין פארשיידענע צײַטן געפירט אן אקטיווע ארבעט אזעלכע זײַנע שילער און מיטקעמפער, ווי אי. כ. לאלאיאנץ, וו. פּ. נאָגין, וו. א. שעלגונאָוו, מ. ג. צכאקאיא, ר. ס. זעמליאטשקא, וו. וו. וואָראָווסקי, פּ. ב. לעפּעשינסקי, ג. ק. אָרדזשאָניקידזע. אָבער עס וואָלט זיך וועלן באזונדערס זאָגן וועגן דרײַ באָלשעוויקעס פון דער פּלעיאדע ערשטע ארבעטער, וועלכע האָבן באוווּסטזיניק זיך געשטעלט אפן וועג פון רעוואָליוציאָנערן קאמף.

דעם יעקאטערינאָסלאווער „פארבאנד פון קאמף פאר באפרײַען דעם ארבעטער־קלאס" האָט אָרגאניזירט אין 1897 יאָר איוואן וואסיליעוויטש באבושקין. וו. אי. לענין, ווי באוווּסט, פלעגט אים רופן דער שטאָלץ פון דער פּארטיי, דער פּאָלקס־העלד. „אָן אזעלכע מענטשן, — האָט געשריבן לענין, — וואָלט דאָס רוסישע פּאָלק פארבליבן אף שטענדיק א פּאָלק פון קנעכט, א פּאָלק פון כאָלאָפּן. מיט אזעלכע מענטשן וועט דאָס רוסישע פּאָלק אויסקעמפן פאר זיך די פולשטענדיקע באפרײַונג פון יעטווידער עקספּלואטאציע".

אין באבושקינס קרײַזל האָט זיך באהעפט צו דער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג גריגאָרי איוואנאָוויטש פּעטראָווסקי. דער נאָמען פון אָט דעם ארבעטער־רעוואָליוציאָנער, שפּעטער אן אָנגעזעענעם טוער פון אונדזער פּארטיי, איז צוגעייגנט געוואָרן דעם זאוואָד, אף וועלכן ער האָט געארבעט אלס א טאָקער. אין אָנדענק וועגן זײַנע פארדינסטן האָט אויך די שטאָט יעקאטערינאָסלאוו באקומען איר נײַעם נאָמען דניעפּראָפּעטראָווסק.

ניקיפאָר יעפרעמאָוויטש ווילאָנאָוו איז דער דריטער צווישן די, וועגן וועמען עס האָט זיך געוואָלט דערמאָנען; ער איז באוווּסט ווייניקער פון אנדערע. און געווען איז ער דאָך אויך א העלד און א מארטירער פון דעם באפרײַונגס־קאמף. זומער 1903, ווען די שטרײַק־כוואַליע האָט ארומגעכאפּט גאנץ דאָרעם־רוסלאנד, איז ער אין יעקאטערינאָסלאוו געוואָרן א מיטגליד פון דעם „איסקרא"־קאָמיטעט פון דער רסדאַפּ. ער האָט אָנגענומען דעם פּארטיי־נאָמען מיכאַיל

זאוואַדסקאַי, און ער איז טאַקע געווען א זאוואָד־מענטש, א קוואַליפיצירטער שלאָסער, אַן עמע־סער אַרבעטער לויטן גייַסט.

ווען אין אָט די ערטער איז אָנגעקומען די ידיעה וועגן דער שפּאַלטונג, וואָס איז פּאַר־געקומען אַפן 11 צוזאַמענפּאָר פון דער רסדאַפּ, האָט ווילאַנאָוו גלייַך זיך פאַרעכנט פאַר א באַל־שעוויק. ער האָט אָנגעשריבן וו. אי. לעניגען א גרויסן בריוו, נאָר ניט באַקומען קיין ענטפער, ווייַל מע האָט אים אײַנגיכן אַרעסטירט און פאַרשיקט קיין סיביר. אָבער וולאַדימיר איליטש האָט אים געענטפערט, און אָט די בריוו האָבן אין יאָרצענדליקער אַרום זיך באַגעגנט אין דעם אַרכיוו פונעם אינסטיטוט פון מאַרקסיזם־לעניניזם באַם צק קפּסס. אַף לעגינס ענטפער האָט זיך פאַרהיט א צושריפט, געמאַכט מיט דער האַנט פון נ. ק. קרופּסקאַיאַ: „אָפּגעשיקט מישע זאוואָדסקין דעם 22/XII‟.

נאָך מער, דער גרינדער פון אונדזער פּאַרטיי האָט געבראַכט אײַנגאַנצן די מיינונג „פון איינעם א זאוואָד־אַרבעטער פון דער שטאָט — וו.‟ אין זײַן בראָשור „א בריוו צו א כאַווער וועגן אונדזערע אָרגאַניזאַציאָנעלע אויפגאַבן‟. און באַגעגנט האָבן זיי זיך מיט ווילאַנאָון ערשט אין זעקס יאָר אַרום, אין פּאַריזש, און ווען קרופּסקאַיאַ האָט באַמערקט, אַז פון יעקאַטערי־נאָסלאַוו פלעגט זיי אַמאָל שרייַבן אינטערעסאַנטע בריוו מישע זאוואָדסקאַי, האָט ווילאַנאָוו א שמייכל געטאָן: „איז דאָס בין איך דאָך טאַקע‟. דאָ ערשט איז קלאָר געוואָרן.

ווילאַנאָוו האָט דורכגעמאַכט דעם געוויינלעכן וועג פון א רעוואָלוציאָנער — אַרעסטן, איינצל־קאַמערעס, טורמעס, פּלייטע, נייַע אַרעסטן, פאַרשיקונגען. די זשאַנדאַרמען האָבן אים געוואָרפן אין נאַסע קאַרצערס, אָפּגעשלאָגן אים די לונגען, דערפירט צו פריִער שווינדזוכט. און סײַווי איז ער אויסגעוואַקסן אַלס איינער פון די אָנגעזעענע אָרגאַניזאַטאָרן און פּראָפּאַגאַנדיסטן פון דער פּאַרטיי, און בייס דער רעוואָלוציע פון 1905 יאָר איז ער אין סאַמאַרע געווען דער פּאַרזיצער פונעם ראַט פון די אַרבעטער־דעפּוטאַטן. ער איז דעמאָלט אַלט געווען סאַכאַקל צוויי און צוואַנציק יאָר.

שוין א טויט־קראַנקער איז ער אַרייַנגעפאַלן אין עמיגראַציע, געוווינט אַפן קאַפּרי־אינדזל, זיך געפונען אין סאַמע צענטער פון דעם פראַקציאָנעלן קאַמף. די צייַט איז געווען א שווערע, אונטערן דרוק פון דער רעאַקציע איז אָנגעגאַנגען אַן אידייִיש צעקריכן זיך אין פאַרשיידענע זײַטן, עס האָבן זיך באַוויזן „אָטזאָוויסטן‟, „גאָטבויערס‟, „עמפּיריאָמאָניסטן‟ און אַנד. ניט פּאַשעט איז דעם אַרבעטער־רעוואָלוציאָנער געווען צו פאַנאַנדערקלייַבן זיך אין דעם אַלעמען, אָבער ער האָט פולקאָם ריכטיק געמאַכט זײַן אויסוואַל — אַוועק נאָך לעגינען. ס׳איז באַוווּסט וולאַדימיר איליטשס בריוו צו א. מ. גאָרקין, ווו נאָך דעם, ווי ער דערציילט וועגן א לאַנגן שמועס מיט מיכאַיל זאוואָדסקאַי, דריקט ער אויס דעם טיפן גלויבן, אַז דער אַרבעטער־קלאַס וועט אויסשמידן זײַן אייגענע פּאַרטיי — „אויסשמידן גיכער, איידער עס דוכט זיך אַמאָל אויס פונעם שטאַנדפּונקט פון דער פאַרשאָלטענער עמיגראַנטישער לאַגע, אויסשמידן זיכערער, איי־דער מע קאָן זיך עס פאָרשטעלן, אויב אורטיילן לויט איניקע אויסערלעכע סימאָנים און באַזונ־דערע עפּיזאָדן. אַזעלכע מענטשן, ווי מיכאַיל, זײַנען א גאַראַנטיע דערפון‟.

יאָ, אַזעלכע מענטשן, ווי באַבושקין, פּעטראָווסקי, ווילאַנאָוו און טויזנטער אַנדערע, זײַנען געווען א גאַראַנטיע דערפון. און איך שרײַב וועגן אָט די מעסירעסנפעשדיקע קעמפער, ס׳זאָל ווערן נאָך קלאָרער, פאַרוואָס דער אַרבעטער־קלאַס פון רוסלאַנד איז קעסיידער געגאַנגען מיט וו. אי. לעניגען, מיט די באָלשעוויקעס, מיט דער גרויסער פּאַרטיי פון קאָמוניסטן. אין דער רעוואָלוציע פונעם 1905 יאָר האָבן די אַרבעטער דעפּראָוועצעס שוין געגומען דעם סאַמע אַקטיוון אָנטייל. גלייַך נאָך די סאָוועטן פון אַרבעטער־דעפּוטאַטן אין פּעטערבורג, מאָסקווע, איוואַנאָווע־וואָזנעסענסק, קיִעוו, יעקאַטערינאָסלאַוו, לוגאַנסק און אַנדערע גרויסע שטעט איז געשאַפן געוואָרן א סאָוועט אויך אין דעם ייִשעוו קאַמענסקאָיע. דעם טאָן האָבן דאָרט פון סאַמע אָנהייב געגעבן די באָלשעוויקעס און אַלס פּאַרזיצער איז אויסגעוויילט געוואָרן דער באָלשעוויק אי. מ. בעסעדאָוו, אַן עלעקטריקער פונעם זאוואָד. שפּעטער איז מיר אויסגעקומען צו באַגעגענען זיך מיט אים: נאָך דעם בירגערקריג איז ער געווען בא אונדז דער פּאַרזיצער פונעם שטאָט־סאָוועט, און דערנאָך דער דירעקטאָר פונעם זאוואָד.

דער קאַמף האָט געדויערט אויך נאָכן דורכפאַל פון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע. ניט געקוקט אַף די מאַסן־אַרעסטן, ניט געקוקט אַף די אידייִישע וואַקלונגען, האָבן די מענשע־וויקעס און די עסערן קיינמאָל דאָ ניט פאַרמאָגט קיין שטאַרקע פּאָזיציעס. דער קאַמף האָט זיך אַלץ אויסגעברייטערט, יאָר איין, יאָר אויס האָבן געאַרבעט אונטערערדישע קרייַזלעך. ס׳זײַנען געווען שטרײַקן, מע האָט דורכגעפירט מאַיאָווקעס. צום בײַשפּיל, דעם 4 יול 1912 יאָר האָט די „פּראַוודאַ‟ געשריבן: „נעכטן האָט די פּאָליציי אַרעסטירט אַפן קאַמענסקאָיער זאוואָד 22 מענטשן, וועלכע ווערן באַשולדיקט, אַז זיי האָבן געמאַכט א פּרוּוו צונויפרופן א פּאָליטישן

מיטינג". אין איינעם פון די קאָמענדיקע צײַטונגס־נומערן איז שוין מיטגעטיילט געוואָרן, אַז „אַפּן קאַמענסקאָיער זאוואָד האָט מען אַרעסטירט 32 אַרבעטער". אָבער אײַנברעכן דעם קאַמף־גײַסט פונעם אַרבעטער־קלאַס איז געווען אוממעגלעך.

„נאָר אופהייבנדיק אין אַלגעמיינעם באַוואָפנטן אופשטאַנד פון ראַנד צו ראַנד, — האָט געגערופן אַ פלוגבלעטל, וואָס איז אַרומגעגאַן אַף אונדזער זאוואָד אין 1916 יאָר, — נאָר פאַרניכטנדיק ענדגילטיק די שקלאַבעריק־אָפּגעלעבטע דעספּאָטיע פון ניקאָלײַ וו און גרינדנדיק אַף אירע רויִנען אַ דעמאָקראַטישע רעפּובליק, וועלן מיר קאָנען אויסהיטן זיך פון איבערכאַזערן די גרוילן פון דער מענטשן־שכיטע... זאָל אונדזער קאַמף זײַן אַן איינהייטלעכער, געמיינזאַמער, ווײַל אין דער איינהייט איז די קראַפט!"

פאַרשטייט זיך, אין יענע יאָרן האָב איך די דאָזיקע פלוגבלעטלעך ניט געלייענט, אַף די מאַיאָווקעס האָט מען אונדז, יינגלעך, ניט מיטגענומען, און ביכלאַל איז ווײַט ניט אַלץ געווען פאַר אונדז צוגענגלעך און קלאָר. אָבער אין אָט דער אַטמאָספער בין איך געוואַקסן, די געדאַנקען און האָפענונגען פון די אַרבעטער זײַנען מיר אורשפּרינגלעך געווען נאָענט, איך האָב זיך אַנגעשלאָסן אין זיי, הערנדיק די געשפּרעכן צווישן די דערוואַקסענע, זעענדיק זיי אין די שווערע טעג פון שטרײַקן. איך מעג זאָגן, אַז פון די קינדער־יאָרן אָן האָבן זיך פאַר מיר אַנטפּלעקט די שענסטע שטריכן פונעם אַרבעטמענטש.

ער איז אַ גרויסער האָרעפּאַשניק, ער פאַרמאָגט אָן אַ שיר געדולד, ער קען זײַן אַרבעט און איז געוווינט צו טאָן זי גוט. אַפילע אין דער צאַרישער צײַט, אַפילע אין די באַדינגונגען פון עקספּלואַטאַציע איז אים געווען דערווידער שלעכטע אַרבעט, ווײַל ער האָט קעסיידער געשעצט מײַסטערשאַפט און געהאַט אָפּשײַ פאַר זײַן מי. קימאַט אַלע רײַכטימער, וואָס די מענטשהײַט האָט אָנגעזאַמלט, זײַנען געשאַפן מיט זײַנע מוסקולדיקע הענט, אָבער אַליין איז ער צו אייגנטום ניט צוגעבונדן, גײַציקע כעזשבוינעס האָבן ניט אָפּגעטויט זײַן נעשאָמע, און עס לעבן אין איר ברייטקײַט, האָפערדיקײַט און אייביקער דראַנג צו גערעכטיקײַט. ער איז דערפינדעריש, איינפאַלעריש, באַשאָנקען מיט שאַרפן פאַרשטאַנד און הומאָר. ער איז אַנטשלאָסן, דרייסט, אַ טרײַער פרײַנט, גרייט אין יעטווידן מאָמענט קומען צו הילף די כאַווירים. דער זאַוואָדישער הודאָק האָט אַלעמען פאַראַמאָל גערופן צו דער וואַכטע, און ער טאַקע האָט באַהעפט די אַרבעטער, עס פלעגט אופקומען דאָס הויכע געפיל פון איינקײַט, פון דער אינטערעסן־געמיינזאַמקײַט, פון יענער פּראָלעטאַרישער סאָלידאַריטעט, וואָס פאַרוואַנדלט מיליאָנען מענטשן, פאַרשיידענע לויט זייער עלטער, דערפאַרונג, מינהאָגים, נאַציאָנאַליטעט, אין אַ מעכטיקן, מאָנאָליטן, ווירקלעך רעוואָליוציאָנערן קלאַס.

צו אָט דעם קלאַס האָב איך באַלאַנגט לויט מײַן אָפּשטאַם, אין אָט דער סוויווע בין איך אופגעצויגן געוואָרן, מיט איר בין איך פאַרבונדן, מעג מען זאָגן, מיט לײַב און לעבן. מײַן טאַטע איז ביז זײַנע לעצטע טעג פאַרבליבן אַן אַרבעטער. אַרבעטער זײַנען געווען מײַן זיידע, מײַן מאַמעס ברידער — מײַנע פעטערס, און איך אַליין בין, ווען ס'איז געקומען די צײַט, אוועק אַפּן זאַוואָד, און גלײַך נאָך מיר דער ברודער, די שוועסטער, דער שוועסטערס מאַן... די מישפּאָכע פון די ברעזשנעוס האָט פיל יאָרצענדליקער פון איר לעבן געשענקט דעם לײַבלעך־אייגענעם זאַוואָד. אונדזער פאַמיליע־נאָמען וועט איר אויך הײַנט געפינען אין די צעטלען פונעם זאַוואָד.

3

כ'וועל זאָגן גענויער וועגן דער מישפּאָכע, ווײַל נעמלעך דאָ געפינען זיך די קוואַלן פונעם מענטשנס כאַראַקטער, פון זײַן באַציִונג צום לעבן. מײַנע עלטערן האָבן אַף זיך אויסגעפּרווט די גאַנצע לאַסט פונעם צאַרישן יאָך, געהאַט אין גרעסטן טייל פונעם לעבן אַ שווערע דאָליע, אָבער אין שטוב האָט בא אונדז שטענדיק געהערשט שאַלעם־באַיִס. מעגלעך, עס איז ניט צוגעגאַנגען אָן וועלכע־ניט־איז רײַבונגען, אָבער מיר, קינדער, האָבן עס ניט געשפּירט, אַפילע קיין געהעכערטע שטימען איז אונדז ניט אויסגעקומען צו הערן.

דער טאַטע איז געווען אַ מענטש אַ געלאַסענער, אַ שטרענגער, אונדז האָט ער ניט געבאַלעוועט, נאָר, ווי ווײַט איך געדענק, אויך קיינמאָל ניט באַשטראָפט. אָפּאָנעם, ס'איז דערין קיין נויטווענדיקײַט ניט געווען: מיר זײַנען אופגעצויגן געוואָרן אין גײַסט פון אָפּגעבן קאָוועד די עלטערן. געווען איז דער טאַטע הויך אין וווקס, מאָגער, און, ווי די מערהײַט וואַלץ־אַרבעטער, פיזיש זייער קרעפטיק. די געזיכט־שטריכן זײַנען בא אים געווען אײדעלע, ער האָט געהאַט

גוטע, אופמערקזאַמע אויגן. דער טאַטע האָט שטענדיק אכטונג געגעבן אַף זיך, אין שטוב געווען ריין ראַזירט, אונטערגעצויגן, ליב געהאַט אין אַלץ אַקוראַטקייַט. און די דאָזיקע זייַנע מידעס זייַנען, אַפּאָנעם, אַריבער צו אונדז. פאַר דעם טאַטן איז אין דער העכסטער מאָס געווען אייגנטימלעך דאָס געפיל פון זעלבסטווירדע, ער האָט ניט געכיטרעוועט, געווען אָפנהאַרציק, פעסט, און די כאַווײרים האָבן געהאַט פאַר אים אָפּשײַ. אונדז, זייַנע קינדער, איז דאָס געווען אָנגענעם צו זען.

— אויב דו האָסט שוין צוגעזאָגט, איז האַלט וואָרט, — פלעגט מיר דער טאַטע זאָגן. — צווייפלסטו — זאָג דעם עמעס, האָסטו מוירע — טו ניט, נאָר אָפּגעטאָן — איז זייַ ניט קיין פּאַכדן. ביסטו זיכער, אַז דו ביסט גערעכט, — באַשטיי אַף דייַנס ביז לעצט.

אַזוי פלעגט ער טאַקע אַליין זיך באַגיין, באַ אים זייַנען די ווערטער זיך ניט פאַנאַנדערגעגאַן מיטן טאַט.

אָן אוילעם האָט אין דעם יִשעוו קאַמענסקאָיע זיך צונויפגעזאַמלט אַ פאַרשיידענער. אין דער זאַוואָד־אַדמיניסטראַציע האָבן געדינט פראַנצויזן, בעלגיִער, פּאָליאַקן. צווישן די אַרבעטער איז אויך געווען ניט ווייניק פּאָליאַקן, אָבער מער היגע — אוקראַיִנער און זייער אַ סאַך יעלעצער, קורסקער, אָריאָלער, קאַלוגער פּויערים. מייַן טאַטע האָט קיין כילעק צווישן די אַרבעט־לייַט ניט געמאַכט, ער האָט געטיילט די מענטשן, ווי מיר וואָלטן איצטער געזאָגט, ניט לויט דער נאַציִאָנאַלער, נאָר לויט דער קלאַסן־אָנגעהעריקייַט. און פאַר מיר, דערמאָן איך זיך, איז אַ זון פון אַן אוריאַדניק אָדער פון אַ סויכער אַ גוויר, כאָטש זיי זייַנען רוסן, געווען אַ פרעמדער, און קינדער פון אַרבעטער, פון די זעלבע פּאָליאַקן, זייַנען געווען ווי אייגענע.

נאָך דער רעוואָליוציע, ווען דער זאַוואָד איז אַריבערגעגאַנגען אַף אַן אַכטשאָיִקן אַרבעטסטאָג און מע האָט באַדאַרפט קאָמפּלעקטירן אַ דריטע וואַכטע, האָט מען דעם טאַטן באַשטימט פאַר אַ פאַבריקאַטאָר. לאַנגע יאָרן האָט ער אָפּגעאַרבעט ווי אַ וואַלצער, זיך גערעכנט פאַר אַ מייַסטער אין זייַן פאַך, אָבער די נייַע פליכטן האָבן געפאָדערט ניט בלויז געניטקייַט, נאָר אויך סאָלידע קענטעניש. אַ פאַבריקאַטאָר גיט אָן די באַשטעלונגען אין מאַרטען־צעך, באַשטימט, פון וועלכע בלאָקן מע קאָן באַקומען די באַשטעלטע פּראָפילן, וועלכע מאַרקעס שטאָל אויסקלייַבן, וויִאַזוי פירן די טערמישע באַאַרבעטונג, קעדיי פאַרקלענערן די פאַרלוסטן פון וואַרעמקייַט, אאַוו. אין טאָך גערעדט, פאָדערט זיך שוין דאָ אינזשעניִערישע אויסרעכענונג, און דער טאַטע איז צו אַלץ געקומען אַדאַנק זייַן פיליאָריקער פּראַקטיק און דעם אייַנגעבוירענעם סייכל.

אין דער סאָוועטישער צייַט האָבן מיר זיך אַריבערגעצויגן אַף דער פעלין־גאַס, אין אַ נייַ זאַוואָדיש הויז, וווּ מיר האָבן באַקומען אַ צווייצימערדיקע דירע אַפן ערשטן שטאָק. איין צימער האָט דער טאַטע אָפּגעטראָטן דעם פעטערס מישפּאָכע. געלעבט האָבן מיר צווישן זיך גוט, פרייִלעך, אָפט אויפגענומען געסט, געזונגען לידער, ביז האַלבער נאַכט געשמועסט, און די מאַמע האָט צומאָל קיינעם ניט אָפּגעלאָזט, ביז וואַנען זי האָט אַלעמען ניט אָנגעהאָדעוועט. דאָס הויז איז געשטאַנען באַ דער סטאַנציע טריטוזנאָיע, דעמלט האָט דאָס אָרט זיך גערעכנט פאַר אַ פאָרשטאָט, פונהינטן איז געווען אַ גרין הויפל, ס'האָבן געצוויטשעט אַקאַציעס, דער פרימאָרגן פלעגט זיך אָנהייבן מיט פייגל־געזאַנג.

דער טאַטע איז געווען אַ שלאָסער, אין די 30־ער יאָרן געוואָרן אַ סטאַכאַנאָוועץ, געווען אַרומגערינגלט מיט קאָוועד, די קינדער געבראַכט צו אַ טאַכלעס, מיר אַלע האָבן שוין געאַרבעט, צוגעהאָלפן דער מישפּאָכע, אָט ווען דער טאַטע וואָלט באַדאַרפט לעבן און לעבן. נאָר ער איז פּלוצעם קראַנק געוואָרן און געשטאָרבן, בייס ער איז נאָך קיין זעכציק יאָר ניט אַלט געווען.

ביז זייַנע לעצטע טעג האָט דער טאַטע געלעבט מיט די דייַגעס פונעם זאַוואָד. ער האָט קעסיידער שטאַרק זיך אינטערעסירט מיט אַלץ, וואָס ס'פלעגט פאָרקומען אין לאַנד, אַף דער וועלט. אין מייַן זיקאָרן האָט זיך פאַרהיט אַ געשפּרעך, וועלכן איך פלעג שפּעטער אָפט דערמאָנען און כ'וואָלט אים וועלן דאָ ברענגען. אין יענעם טאָג בין איך געקומען פון דער וואַכטע און אָנגעהויבן, ווי ס'האָט זיך געפירט באַ אונדז, צו דערציילן דעם טאַטן וועגן דעם, וואָס עס טוט זיך אַפן זאַוואָד. דער טאַטע האָט אָבער געטראַכט וועגן עפּעס זייַנס. ער האָט מיך איבערגעשלאָגן:

— זאָג מיר, ליאָניע, וואָסער באַרג איז דער העכסטער אין דער וועלט?

— עווערעסט.

— און ווי הויך איז ער?

איך בין דערשטוינט געוואָרן: וואָס האָט ער זיך גענומען מיך עקזאַמענירן?

— פינקטלעך געדענק איך ניט, — זאָג איך אים, — עפּעס בא די נייַן טויזנט מעטער... וואָס דאַרפסטו עס?

— און דער אײפעל־טורעם?

— איך מיין, דרייַ הונדערט מעטער.

דער טאַטע האָט לאַנג געשוויגן, עפּעס אין געדאַנק איבערגעלייגט, דערנאָך געזאָגט:

— ווייסט, ליאָניע, ווען מע הייסט, וואָלטן מיר געמאַכט א ביסל העכער. מיר וואָלטן געגעבן וואַלץ. אַף א מעטער זעקס הונדערט וואָלטן מיר אופגעהויבן דעם טורעם.

— צוליב וואָס, טאַטע?

— און דאָרט פון אויבן וואָלטן מיר אוועקגעלייגט א קוּוער־באַלקן און אופגעהאַנגען היטלערן. קעדיי, פאַרשטייסט, אַלע זאָלן פונדערווייַטנס זען, וואָס עס וועט זייַן מיט די, וואָס ווילן אָנהייבן א מילכאָמע. נו, עפּשער איז דאָ אַף דער וועלט ניט איינער אזא היטלער, עפּשער איז דאָ נאָך עמעצער. ס׳וואָלט געקלעקט אָרט אויך פאַר אַנדערע. האַ? ווי קלערסטו?

א גאַנץ לעבן — אַן ארבעטער, און אַזעלכע געדאַנקען אין קאָפּ. און ווען? לאַנג פאַר דער מילכאָמע, פאַר אונדזער זיג, פאַרן נירענבערגער פּראָצעס, וואָס האָט אוועקגעשטעלט די היטלערישע רעדלפירער צום שאַנד־סלופּ. אָט דער מענטש האָט ניט שטודירט די מאַרקסיסטישע טעאָריע, נאָר, ווי עס רעדט זיך, ער האָט מיטן כוש געפילט דעם גרויסן עמעס פון אונדזער זאַך, געזען די געפאַר פונעם פאַשיזם און זייער ריכטיק אויסגעדריקט די באַציִונג פונעם ארבעטער־קלאַס, פון אַלע ארבעטנדיקע צו דער מילכאָמע־געפאַר.

די מוטער מייַנע, נאַטאַליא דעניסאָוונא, האָט אַף א סאַך איבערגעלעבט דעם פאָטער. און אויב פון אים האָב איך איבערגענומען, ווי מע פלעגט זאָגן בא אונדז, די אייַנגעשפּאַרטקייַט, דאָס געדולד, די געוווינשאַפט, נעמענדיק זיך פאַר עפּעס א זאַך, אומבאַדינגט זי דערפירן ביזן סאָף, איז פון איר האָב איך געיאַרשנט די צוגעלאָזנקייַט, דעם אינטערעס צו מענטשן, דאָס קאָנען באַגעגענען שווער־יקייַטן מיט א שמייכל, מיט א שפּאַס. א גאַנץ לעבן האָט זי געארבעט, אופגעצויגן אונדז, געהאָדעוועט, באַוואַשן, געהיילט פון יעדער קרענק, און, געדענקענדיק דאָס, בין איך אַף שטענדיק צוגעוווינט געוואָרן צו שעצן די שווערע און הערלעכע מי פון א פרוי און א מוטער, די מי, וואָס מע זעט ניט אָן און וואָס זי ווייסט פון קיין סאָף ניט.

ארבעטנדיק שפּעטער אין זאַפּאָראָזשיע, דניעפּראָפּעטראָווסק, מאָלדאַוויִע, קאַזאַכסטאַן, האָב איך אויסגענוצט יעדע געלעגנהייַט אַף צו זען זיך מיט דער מאַמען, כ׳האָב קעסיידער זיך באַצויגן צו איר מיט טיפער אכטונג פון א זון. איך וועל זאָגן מער: א מענטש, וואָס האָט ניט ליב זייַן מוטער, וועלכע האָט אים געשענקט דאָס לעבן, אופגעהאָדעוועט אים און דערצויגן, — אזא מענטש איז מיר פּערזענלעך פאַרדעכטיק. ניט אומזיסט זאָגט דאָס פאָלק — מוטער היימלאַנד: ווער ס׳איז פייִק אוועקוואַרפן און פאַרגעסן די מוטער, דער וועט זייַן א שלעכטער זון אויך פאַרן היימלאַנד.

איך האָב שוין געארבעט אין מאָסקווע, און די מאַמע איז אַלץ ניט מאַסקים געווען אריבערפאָרן צו מיר, געוווינט אין דעם זעלבן הויז אַף פּעלין־גאַס, אין דעם זעלבן ענגן דירעלע — מיט דער שוועסטער און איר מאַן, א זאַכלעכן אינזשעניער, וועלכער איז אויסגעוואַקסן ביז צו א שעף פון א צעך אַף אונדזער זאַוואָד. שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט — ניט פון מייַנע אייגענע, זיי האָבן מיר וועגן דעם ניט געשריבן — אזא געשיכטע. די אָרטיקע מאַכט־אָרגאַנען האָבן געהאַלטן, אַז ס׳איז ניט באַקוועם, וואָס די מוטער פון א סעקרעטאַר פון צק קפּסס וווינט אין אזא קוואַרטיר, און זיי האָבן פאָרגעלייגט א מער גרױסע, מער ליכטיקע, מיט אַלע באַקוועמלעכקייַטן. צו יענער צייַט, דאַרף מען אָפּמערקן, האָט אין דניעפּראָדזערזשינסק ברייט זיך פאַנאַנדערגעוויקלט די וווינונגס־בויונג. די מאַמע אָבער, ווי שטאַרק מע האָט זי ניט געפּרוווט אייַנריידן, האָט זיך אָפּגעזאָגט אריבערצוקלייַבן זיך און ווייַטער געוווינט אין דעם פריִערדיקן הויז. געגאַנגען מיט א קוישל אין מאַגאַזין, זיך געבייזערט, אַז מע האָט פּרובירט איר אָפּטרעטן די ריי, געהאַלטן אַף זיך, ווי פריִער, די גאַנצע באַלעבאַטישקייַט, זייער ליב געהאַט מעכאַבעד זייַן מענטשן. ביז אַצינד געדענק איך די לאָקשן, וואָס זי פלעגט אַליין מאַכן: כ׳האָב קיינמאָל אַזעלכע באַטאַמטע ניט געגעסן. און אין די אָוונטן פלעגט זי אין איר זקיינישער קאָפּטע, אין טונקעלן קאָפּטיכל ארויסגיין אין גאַס, אוועקזעצן זיך אַף דער באַנק באַם טויער און אַלץ שמועסן וועגן עפּעס מיט די שכיינעס.

ס׳פלעגן זיך געפינען, ווי עס פירט זיך, מענטשן, וועלכע האָבן געוואָלט אויסנוצן די באַקאַנטשאַפט מיט ברעזשנעווס מוטער צוליב זייערע צוועקן, געשטופּט איר, קעדיי איבערגעבן „לויט די אינסטאַנצן", פאַרשיידענערליי אָנקלאָגעס און מעלדונגען. און, כ׳דאַרף זאָגן, מיך האָט געוווּנדערט איר פאַרשטאַנד און טאַקט, די גרעסטע באַשיידנקייַט, מיט וועלכער זי האָט זיך געהאַלטן. מיר האָט די מאַמע ווידעראַמאָל טאַקע קיין איינציק מאָל גאָרנישט ניט געזאָגט, און

דערוויסן פֿלעג איך זיך פֿון א זײַט, פֿון אנדערע. זי האָט געהאַלטן, אז זי האָט קיין רעכט ניט אַרײַנמישן זיך אין מײַנע איניאַנים. זי האָט געוווּסט, ווי איך שעץ זי און האָב זי ליב, נאָר אויב איך וועל עמעצן הערפֿן לויט איר באַקאָשע, לאָמיר זאָגן, מיט א ווינונג, וועט דאָך דאָס זײַן אפֿן כעזשבן פֿון אנדערע, וועלכע האָבן זיך ניט אָנגעשטויסן אָדער ניט געקאָנט זיך ווענדן צו איר. און יענע, קאָן זײַן, נייטיקן זיך מער אין שטיצע. אזוי אן ערעך האָט די מאַמע געטראַכט, און זאָגן פֿלעגט זי פּראָסט:

— אָט זײַנען מײַנע צוויי הענט. — און פֿלעגט אופהייבן די אָדערדיקע, אויסגעהאָרעוועטע, אַלטע הענט. — מיט וואָס איך קאָן, וועל איך מיט אַלע דיר העלפֿן. נאָר זאָגן דעם זון, וואָס ער דאַרף טאָן, קאָן איך ניט. אזוי אז פאַרצײַ מיר, אויב דו קאָנסט.

אין 1966 יאָר איז די מאַמע אריבערגעפֿאָרן צו מיר קיין מאָסקווע. זי האָט זיך דערוואַרט אף אורייניקלעך, געלעבט רויִק, אין איינקלאַנג מיט איר געוויסן. ארומגערינגלט געווען מיט ליבשאַפֿט פֿון אַלעמען, ווער ס׳האָט זי געקענט, שטאָלצירט מיטן צוטרוי, וואָס דאָס פֿאָלק און די פּאַרטיי האָבן ארויסגעוויזן צו איר ערשטלינג, און פֿאַר מיר איז געווען א גרויס גליק צו זיצן נאָך אַלע ארבעטן באַנאַנד מיט דער מאַמען, הערן איר ליבע שטים, קוקן אין אירע גוטע, שטראַלנדיקע אויגן.

4

איך האָב נאָך ניט געזאָגט: נישט בלויז דער טאַטע מײַנער האָט געוווּסט גראַמאַטע, נאָר אויך די מאַמע האָט געקענט שרײַבן און ליב געהאַט צו לייענען, וואָס דאָס איז בײַ אירע יונגע יאָרן געווען א זעלטענע זאַך אין אן ארבעטער־סלאָבאָדקע. ערשט ווען איך בין עלטער געוואָרן, האָב איך פֿארשטאַנען, וואָס עס האָט געקאָסט די עלטערן זייער אַנטשלאָסנקײַט צו געבן אונדז, די קינדער, עכטע בילדונג. און זיי האָבן דאָס געוואָלט און דערגרייכט: נײַן יאָר בין איך אַלט געווען, ווען מ׳האָט מיך אָנגענומען אין צוגרייטונג־קלאַס פֿון דער קאַמענסקאָיער קלאַסישער מענער־גימנאַזיע. כ׳דערמאָן זיך, ווי די מאַמע האָט אַלץ ניט געגלייבט, אז מ׳האָט מיך אָנגענומען, און אויך די גאַנצע גאַס האָט זיך געכידעשט.

ארבעטער־קינדער האָט מען פֿריִער בּיכלאַל ניט צוגעלאָזט אין גימנאַזיע, און אויך דאָ האָט מען די טירן ניט צעפּראַלט, בלויז קוים־קוים א שפּעלטעלע געלאָזט אָפֿן. אפֿאָנעם, פֿון איין זײַט איז דאָס ארויסגערופֿן געוואָרן דורך די באַדערפֿעניש פֿון דער וואַקסנדיקער פּראָדוקציע, און פֿון דער צווייטער — האָט זיך אָפּגערופֿן די ווירקונג פֿון די רעוואָליוציאָנערע געשעענישן אין רוסלאַנד. און פֿונדעסטוועגן האָט מען געמאַכט פֿאַר אונדז א ספּעציעלן קאָנקורס, געגעבן מען האָט מען די סאַמע באַגאַבטע, אן ערעך איינעם פֿון פֿופֿצן, און ארום־און־ארום האָט מען אין יענעם יאָר אָנגענומען ארבעטער־קינדער סאַכאַקל זיבן. אַלע אנדערע גימנאַזיסטן פֿלעגן קומען צו פֿאָרן פֿון דער „אייבערשטער קאָלאָניע", זיי האָבן געהערט צו דער סוויווע פֿון טשינאָווניקעס, רײַכן סויכערטום, זאַוואָד־נאַטשאַלסטווע.

אונדז האָט מען גערופֿן קאַזיאָנע „סטיפּענדיאַטן". דאָס הייסט ניט, אז מיר האָבן באַקומען סטיפּענדיע, דאָס הייסט בלויז, אז בא דעם באַדינג, אויב מיר וועלן האָבן אויסגעצייכנטע דערפֿאָלגן, באַפֿרײַט מען אונדז פֿון צאָלן פֿאַרן לערנען זיך. דער סכאַר־לימעד איז אָבער געווען אומגעהייער גרויס — 64 רובל גאָלד. אזויפֿיל האָט ניט פֿאַרדינט אפֿילע דער סאַמע קוואַליפֿיצירטער ארבעטער, און, פֿאַרשטייט זיך, אז דער טאַטע וואָלט בא זײַן גאַנצן ווילן ניט געקאָנט צאָלן אזעלכע געלטער.

געלערנט האָב איך זיך, ווי, אגעוו, אַלע מײַנע פֿרײַנט, גוט. ערשטנס, איז געפֿעלן געווען זיך דערוויסן עפּעס נײַס, צווייטנס, האָט דער טאַטע שטרענג אכטונג געגעבן אף מײַן לערנען, און דריטנס, לערנען זיך שלעכט איז פּאַשעט און פּראָסט געווען אומעגלעך — פֿאַר אונדז וואָלט עס געווען דאָס זעלבע, ווי אויסגעשלאָסן ווערן פֿון דער גימנאַזיע.

צו אונדז, קינדער פֿון ארבעטער, איז די באַציִונג געווען ניט אזא, ווי צו די גימנאַזיסטן פֿון דער „אייבערשטער קאָלאָניע". און ס׳האָט אין אונדז געבערענט דער קאַס און דער לײַדנשאַפֿטלעכער ווילן צו דערווײַזן, אז ס איז ניט עמעס, ווען מע רעדט וועגן אונדזער קלוימער־שטער ניט פֿייִקייַט צום לערנען, אז מיר זײַנען גאָר ניט נארישער פֿון די זינדלעך פֿון די רײַכע מישפּאָכעס, ווען מען מע איז א סאך זאכן מויכל.

אונדזער באַליבטער לערער איז געווען דער היסטאָריקער קאָוואַלעוויטש. ער האָט גלענצנדיק געפירט זײַן לימעד, דערציילט ניט בלויז וועגן די קייסאָרים, נאָר אויך וועגן ראַזינען, וועגן פּוגאַטשאָוון, פון אים האָב איך צום ערשטן מאָל זיך דערוווּסט וועגן דעם דעקאַבריסטן־אופשטאַנד, דערהערט די נעמען פון טשערנישעווסקין, הערצענען. ער האָט אונדז געלערנט דענקען, באַנעמען די געזעצמעסיקײַטן פון דער געזעלשאַפט־אַנטוויקלונג און, ווי איך האָב דערנאָך פאַרשטאַנען, האָט ער ווײַט אַריבערגעשפּאַנט די ראַמען פון דער אָפיציעלער פּראָגראַם. פאַרשטייט זיך, אונדז איז ניט אײַנגעפאַלן, אַז אונדזער בעסטער לערער איז אַ באָלשעוויק, אַן אונטערערדלער, און דערוווּסט האָבן מיר זיך וועגן דעם שפּעטער, ווען ס'האָבן אים דערשאָסן די דעניקינצעס. איצט איז אין דער שטאָט דניעפּראָדזערזשינסק דאָ אַ גאַס אַף קאָוואַלעוויטשעס נאָמען. עפּשער ווייסן ניט אַלע יונגע, וועמעס נאָמען ס'איז באַערט געוואָרן, בין איך צופרידן, וואָס איך קאָן וועגן דעם זאָגן.

דער פּעוואַראַל פון זיבעצעטן יאָר האָט זיך דערקײַקלט אויך ביז צו קאַמענסקאָיע מיטן געקנאַל פון אַ ווײַטן דונער. די זעלבסטהערשונג איז געפאַלן. אָבער די מילכאָמע איז ווײַטער געגאַנגען, די רייען נאָך ברויט זײַנען ניט געוואָרן קלענער, אַף דער ערד זײַנען ווי פריִער געזעסן די גוטבאַזיצער, די זאַוואָדן האָבן ווי פריִער געהערט צו די פאַבריקאַנטן. אויך בא אונדז האָט די „איבערשטע קאָלאָניע" אַלץ נאָך פון אויבן אַראָפּ, כאָטש שוין נישט אָן פּאַכעד, געקוקט אַף דער „אונטערשטער". די באַלעבאַטים זײַנען געבליבן באַלעבאַטים, די אַרבעטער — אַרבעטער.

גאָר אַנדערש האָבן זיך פאַרגעדענקט, איך וואָלט געזאָגט, אַף אייביק זיך אײַנגעקריצט אין מײַן זיקאָרן די גרויסע טעג פון אָקטיאַבער.

דער הודאָק פונעם זאַוואָד האָט זיך פּלוצעם צערעוועט ניט אין זײַן שאָ. די צײַט האָט זיך ווי צעשפּאָלטן, צעבראָכן זיך אַף צווייען, אָנגעהויבן איר נײַע רעכענונג. דאָס איז געווען פאַר אונדז ביז גאָר אומגעוויינלעך, און מיר האָבן זיך גלײַך נאָך די טאַטעס אַ וואָרף געטאָן צום זאַוואָד. שיר ניט די גאַנצע שטאָט האָט זיך געלאָזט לויפן אַהינצו, די מענטשן האָבן זיך אַ שאָט געטאָן פון די צעכן, עס האָבן גערויזאַם געברומט מענטשן־שטימען, אַ גרענעצלאָזער יאַם מיט קעפּ האָט געבושעוועט אַפן פּלאַץ. ס'האָבן זיך געלאָזט זען סאָלדאַטישע פּאַפּאַכעס בא די פאַרוווּנדעטע, וועלכע האָבן זיך אומגעקערט פונעם פראָנט, ערגעץ־ווו האָבן אַ שווינדל געטאָן פרויען־טיכלעך, אָבער אַמערסטנס זײַנען דאָ געווען מעטאַלורגן, אַרבעטער. און ס'האָט זיך מיר פאַרגעדענקט דאָס געפיל פון אַלגעמיינעם ענטוזיאַזם, פון עמעסן יאָמטעוו.

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ מיטינג, אַף וועלכן ס'איז אַרויסגעטראָטן מ. אי. אַרסעניטשעוו, דער ערשטער אָנפירער פון די קאַמענסקאָיער באָלשעוויקעס. ער האָט בא אונדז געאַרבעט אין קעסל־צעך, פרי זיך אַרײַנגעצויגן אין רעוואָליוציאָנערן קאַמף, געדרוקט און פאַרשפּרייט פלוגבלעטלעך, דערנאָך, ווען מע האָט אָנגעהויבן שפּיאָנירן נאָך אים, איז ער אַוועקגעפאָרן קיין פּעטראָגראַד, דורכגעמאַכט אַ רומפּולן וועג פון אונטערערד, ניט אויסגעמיטן אויך סיבירער פאַרשיקונג, געווען צווישן די, וואָס האָבן באַגעגנט וו. אי. לענינען אַפן פינלענדישן וואָקזאַל, געהערט זײַן באַרימטע רעדע, וועלכע האָט זיך געענדיקט מיטן רוף: „זאָל לעבן די סאָציאַליסטישע רעוואָליוציע!". שפּעטער, אין די יאָרן פונעם בירגערקריג, האָבן די ווײַסע דערשאָסן אַרסעניטשעוון, און מיר איז אויסגעפאַלן זיך צו לערנען אין דעם מעטאַלורגישן אינסטיטוט אַף מיכאַיִל אַרסעניטשעווס נאָמען.

דענסטמאָל אַפן מיטינג האָט ער גערעדט וועגן דעם גרויסן זיג פונעם פּראָלעטאַריאַט, דערציילט וועגן װ אַלרוסלענדישן ראַטן־צוזאַמענפאָר, געמאָלדן וועגן דעם, אַז ס'איז געשאַפן געוואָרן די ערשטע אין דער וועלט אַרבעטער־פּויערשע רעגירונג, און בעראָש פון איר שטייט וולאַדימיר איליטש אוליאַנאָוו־לענין. דער עולעם האָט זיך אַ רודער געטאָן, עס האָבן זיך דערהערט אויסגעשרייען: „הוראַ!". און נאָך געדענק איך, מיט וואָס פאַר אַ פאַרציטערט האַרץ, פאַריסן דעם קאָפּ, האָב איך געקוקט אַף דעם רויטן שטיק לײַוונט, וואָס האָט געפלאַטערט אַפן פאָן פון דעם האַרבסטיקן גרויען הימל.

יעדער דאָר, ווילט זיך צוגעבן, באַקומט בעיערושע פון די פריִקע דוירעס דאָס, וואָס זיי האָבן דעראָבערט, דערוואָרבן, אויסגעבויט, אופגעטאָן, און ער גייט ווײַטער, זעצט פאָר זײַן וועג — שוין אַף אַ נײַער הייך, אַף אַ נײַער שטופּע פון דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג. צײַטנווײַז ווײַזט זיך אויס די יונגע, אַז אַלדאָס וויכטיקע איז פאָריבער. פאָריבער די רעוואָליוציע, פאָריבער די שלאַכטן פון דעם בירגערקריג, די יאָרן פון סאָציאַליסטישן איבערגעשטאַלטיקן דאָס גיגאַנטישע לאַנד, פאָריבער די העראָיִק פון דער גרויסער פּאַטערלענדישער מילכאָמע... אַזוי טראַכטן די יִנגלעך און מיידלעך, נאָר ס'קומט זייער צײַט, די עסטאַ־

1*

פּעטע פֿון די זיידעס און טאטעס גייט איבער צו זיי אין די הענט, און דעמלט ווערט קלאָר, אז אויך אַף זייער גורל פֿאלן אויס ניט קיין קליינע ניסיוינעס און גראַנדיעזע אופּטוען.

עס דערוואַרעמט מיך הײַנט דער געדאַנק, אז בא די דוירעס רעוואָליוציאָנערע קעמפּער, בויער פֿון די ערשטע פּיאַטילעטקעס, שלאַכטלײַט פֿון דער פּאַטריאָטישער מילכאָמע איז אויסגעוואקסן א ווירדיקער אומבײַט. אופגאבעס פֿון מאַסשטאבן, וועגן וועלכע ס'איז פֿריער אומעגלעך געווען צו טראַכטן, קאָנען מיר אָנטרויען דעם קאָמיוג, אַלע יונגעלײַט פֿונעם סאָוועטנלאַנד, און מיר זעען, אז זיי פֿאַרמאָגן דאָס הערלעכע געפֿיל פֿון פּערזענלעכער פֿאַראַנטוואָרטלעכקײַט פֿאַר אַלץ, וואָס עס קומט פֿאָר אַף אונדזער ערד, אז זיי טראָגן אַרײַן אין יעטווידער איניציאַטיוו זייער ראָמאַנטישן אימפּעט און, וואָלט איך זאָגן, יונגע באַפֿליגלטקײַט. די יוגנט וואַקסט א קאָמוניסטיש איבערצײַגטע, א טיף איבערגעגעבענע דער זאַך פֿון דער פּאַרטיי, דער זאַך פֿונעם גרויסן לענין, א טרײַע די אידעאַלן פֿונעם אָקטיאַבער.

אָט וועגן דעם טראַכט איך, דערמאָנענדיק זיך אין דער רויטער פֿאָן פֿון דער רעוואָליוציע, וועלכע האָט געפֿלאַטערט אין כמורנעם האַרבסטיקן הימל. ס'וועט קיינמאָל ניט פֿאַרשווינדן פֿון מײַן זיקאָרן דער אָנקום פֿון אָקטיאַבער אין אונדזער אַרבעטער־ייִשעוו. די פֿאָן איז אופגעהויבן געוואָרן הויך־הויך, אַפֿן קוימען פֿון דעם דאָמנע־אויוון נומער איינס.

* * *

גרויס איז געווען די קאָמפּליצירטקײַט פֿון דעם סאָציאַלן לעבן אין די יאָרן פֿון מײַן יוגנט, בײַס דעם אײַנבראָך פֿון עפּאָכעס. ניט גרינג איז דעמלט געווען די דניעפּראָווצעס: די מאַכט פֿון דער צענטראַלער ראַדע האָבן פֿאַרביטן די דײַטשישע כאַיאָלעס, נאָך זיי האָט זיך געיאָוועט פּעטליורע, אין יאַנוואַר 1919 יאָר האָט אים די קאַוואַלעריע פֿון דער רויטער אַרמיי אַרויסגעשלאָגן פֿון קאַמענסקאָיע, נאָר אין א האַלב יאָר אַרום זײַנען געקומען די ווײַסע, און דערנאָך — די מאַכנאָווצעס, די גריגאָריעווצעס, פֿאַרשיידענער ערעוו־ראַוו איז אַרויסגעקראָכן אַף דער אויבערפֿלאַך, אַף די פֿאַרזאַמלונגען האָבן זיך צעדאַבערט די אוקראַיִנישע „סאַמאָסטיי־ניקעס“, די מענשעוויקעס, קאַדעטן, עסערן, אַנאַרכיסטן. אין יענע יאָרן האָבן מיר באַקומען א גאַנץ אָנשוילעכע פּאָליטישע דערציִונג, מיר זײַנען געוואָרן רײַפֿער, ווי מע זאָגט, ניט מיט יעדן טאָג, נאָר מיט יעדער שאָ.

און אָט וואָס עס וואָלט זיך וועלן נאָכאַמאָל באַטאָנען: אונדזער שטאָט איז געווען אַן אַרבעטער־שטאָט, די באַפֿעלקערונג איז אין דער מערהײַט געווען אַן אַרבעטער־באַפֿעלקערונג, און דעריבער האָט מען בא אונדז שטענדיק געהאַלטן, אז די פּראָלעטאַרישע רעוואָליוציע איז אַן אונדזעריקע, די פּאַרטיי פֿון די באָלשעוויקעס — אַן אונדזעריקע, די מאַכט פֿון די סאָוועטן — אַן אונדזעריקע! דאָס הייסט, אז בא די אַרבעטער דניעפּראָווצעס איז קיין פּראָבלעם פֿון אויסוואַל, קיין עצעם פֿראַגע, מיט וועמען גיין, וועמעס צאַד האַלטן, ניט געווען. מײַן טאַטע, צום בײַשפּיל, האָט צו דער פּאַרטיי, און פּינקטלעכער, צו קיין שום פּאַרטייען ניט געהערט, אָבער פֿון די ערשטע יאָרן פֿון דער רעוואָליוציע האָט ער אַקטיוו געשטיצט די באָלשעוויקעס, און שפּעטער, ווען איך בין אָנגעקומען אין קאָמיוג, און דערנאָך געוואָרן א מיטגליד פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, האָבן עס דער טאַטע און די מאַמע אופגענומען ווי גרויסע און פֿריידיקע געשעענישן.

אין די ערשטע שווערע יאָרן נאָך דער רעוואָליוציע, ווי נאָר ס'האָט אָפּגעדונערט דער געקנאַל פֿונעם בירגערקריג, איז אינעם גוס־צעך פֿון אונדזער זאַוואָד אויסגעגאָסן געוואָרן א דענקמאָל פֿון טשוהון, מע קאָן זאָגן, אַן אוניקאַלער. ער שטייט אויך הײַנט אַף איינעם פֿון די שענסטע פּלעצער אין דניעפּראָדזערזשינסק. אַף א הויכן זײַל שטייט דער לעגענדאַרער טיטאַן פּראָמעטיי, זײַנע קייטן זײַנען צעריסן, אין דער האַנט האַלט ער א פֿײַערדיקן פֿאַקעל, בא די פֿיס — דער באַזיגטער אָדלער, וואָס האָט אים דוירעסלאַנג געפּײַניקט. די דאָזיקע סימבאָליק איז אָנשוילעך, און אין די יאָרן פֿון מײַן יוגנט איז זי געווען פֿאַרשטענדלעך אַלעמען. מיר האָבן דאָך געדענקט, ווי עס איז אַראָפּגעשלײַדערט געוואָרן דער צווייקעפּיקער צאַרישער אָדלער, און דער לעבנסשאַפֿנדיקער פֿלאַם איז טאָמיד געווען אין די הענט פֿון די מעטאַלורגן. זיי האָבן געשאַפֿן א הימן פֿון מעטאַל דעם העלד, וואָס האָט אָפּגענומען בא די געטער דאָס פֿײַער און אַף אייביק עס געשאָנקען די מענטשן. דאָס איז א דענקמאָל פּראָמעטייען און אין דער זעלבער צײַט — א מאָנומענט דעם אַרבעטער־קלאַס.

ס'איז געקומען דער מערקווירדיקער טאָג פֿון מײַן לעבן. בא מײַנע פֿופֿצן יאָר בין איך געוואָרן אַן אַרבעטער. די גימנאַזיע, וועלכע איז פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין דער ערשטער אַר־

בעט־שול פון דער שטאָט קאַמענסקאָיע, האָט מיר ארויסגעגעבן א צײַגעניש, אז כ'האָב פארענ־
דיקט די שול. מע האָט באַדאַרפט ארבעטן, העלפן דער מישפּאָכע, מע האָט מיך גענומען אפן
זאַוואָד פאר א קאָטשעגאַר, נאָכדעם איבערגעפירט פאר א שלאָסער, און איך האָב גאנץ גיך
באַהערשט די דאָזיקע פראָפעסיעס. דער זאַוואָד איז מיר פון לאַנג געווען באַקאַנט, דער גע־
רויש פון די צעכן, דער געהילך, דער רייעך פון אָנגעגליטן מעטאַל — אַלץ איז מיר דאָ געווען
צום הארצן.

אַלזאָ, ס'איז געקומען דער געגאַרטעטער טאָג, ווען דער הודאָק פונעם זאַוואָד האָט זיך צע־
הודעט אויך פאר מיר, אינײנעם מיטן טאַטן בין איך ארויס אַף דער וואַכטע און געארבעט, ווי
אַלע. ס'האָבן געשמאַרצט, אַזש געבראָכן די מוסקולן, דער שווייס האָט פארקלעפּט די אויגן,
נאָר איך בין געווען אָפּגעמעסן גליקלעך. און דערנאָך איז געקומען א פרייד: זיך אומגעקערט
אַהיים, אראָפּגעוואָרפן פון זיך די שווארץ־פארייכערטע פופײַקע, און די מאַמע האָט מיר, ווי
דעם טאַטן, אופגעגאָסן אײַז־קאַלטע וואַסער אַף די הענט. און איך האָב אָפּגעוואַשן דאָס פּאָ־
נעם. כ'געדענק, כ'האָב אופגעהויבן דעם קאָפּ און דערזען טרערן אין אירע גוטע אויגן.

— וואָס איז מיט דיר, מאַמע?

— פון פרייד, לאָניע, פון פרייד. אָט ביסטו שוין אויך געוואָרן א ברויטגעבער.

ס'איז מיר שוין אויסגעקומען אײנמאָל צו ריידן וועגן דעם, נאָר איך וויל דאָ איבערכא־
זערן: איך געדענק טאָמיד מײַנע לערער און עלטערע כאַווײרים, מיט וועלכע כ'האָב געארבעט
אפן דניעפּרישן זאַוואָד. זיי האָבן מיר געגעבן די ערשטע פראָפעסיע, געלערנט מיט מיר די
קאָמפּליצירטע וויסנשאַפט פון לעבן, באַוויזן די גרויסע קראַפט און גײַסטיקע שײנקײַט פון
דעם ארבעטמענטש.

אַזעלכע אוניווערסיטעטן פארגעסן זיך ניט.

דאָס געפיל פון הײמלאַנד

1

דאָס געפיל פון הײמלאַנד איז בא אונדז בא אַלעמען אנטוויקלט זייער שטאַרק. א וואונדער־
שײן געפיל! און עס נערט זיך, פארשטייט זיך, ניט בלויז מיט באַאַבאַכטן די שײנקײַט פון
אונדזער ערד. מע דאַרף, ווי מע זאָגט, ארײַנוואַקסן אין איר מיט די וואָרצלען, און ווען דער
מענטש וועט ביזן שווייס זיך אָנהאָרעווען אַף איר, אויסכאָוועט ברויט, פארלייגן דעם אָנהייב
פון א שטאָט, אויסבויען א נײַעם וועג אָדער ער וועט גראָבן אַף אָט דער ערד אָקאָפּעס, פאַר־
טיידיקנדיק זי, — אָט דעמאָלט וועט ער פארשטיין ביזן סאָף, וואָס אַזוינס עס הייסט הײמלאַנד.

איך זאָג דאָס אנטקעגן דעם, וואָס אין אָנהייב פון די 20־ער יאָרן האָט פאר מיר זיך אָנ־
געפאַנגען די צײַט פון דערקענען דאָס אייגענע הײמלאַנד. אין באַנען, אַף טײַך־שיפן, צומאָל
רײַטנדיק אַף א פערד, און אַמערסטן גייענדיק צופוס, איז אויסגעקומען „אויסמעסטן" א סאַך
טויזנטער קילאָמעטערס. אָנגעהויבן האָט זיך אַלץ פון א רײַזע אין די קאַנטן, פונוואַנען ס'האָט
געשטאַמט דער טאַטע. אַף דער קורסקער ערד האָב איך זיך דערקונדיקט, וואָס עס שטעלט
מיט זיך פאר דאָס פויערשע לעבן, זיך אָנגעשלאָגן צו דער האָרעוואַניע פונעם ערדארבעטער.

כ'וועל דערציילן, מיט וואָס עס איז ארויסגערופן געוואָרן אַזאַ שאַרפער קער אין מײַן
לעבן. דער כורבן נאָך דעם בירגערקריג איז זיך צונויפגעפאַלן מיט א שרעקלעכער פאַרטרי־
קעניש אין בײַוואָלגע. דעמאָלט טאַקע, אין די יאָרן 1921 — 1922, האָט די פארטריקעניש און
דער הונגער זיך ארופגעוואָרפן אויך אַף אוקראַינע. אַף גאַנץ יעקאַטערינאָסלאַווטשינע האָבן
געבראַנט די פארזייען, א האַלב פונט ברויט א טאָג פלעגט מען געבן אַן ארבעטער, אי דאָס
ניט יעדן טאָג. אָבער קאַלזמאַן ס'האָט אין די אויוונס געפלאַקערט דאָס פײַער, קאַלזמאַן די
קוימענס האָבן געטעמט, קאַלזמאַן עס האָט געארבעט דער זאַוואָד, האָבן אויך מיר געארבעט.
און דערנאָך איז געקומען דער שווארצער טאָג, ווען מע איז געצוווּנגען געווען אָפּצושטעלן דעם
דניעפּרישן מעטאַלורגישן זאַוואָד.

אין די צעכן איז געוואָרן טויט־שטיל, אַרום־און־אַרום וויסט, די אײַזנבאַן־ליניעס, וואָס האָבן געפירט צום זאַוואָד, האָבן מיט אַן אויסערגעוויינלעכער שנעלקײַט גענומען פאַרוואַקסן ווערן מיט בוריאַן, וואָס די טריקעניש איז אים אויך ניט געווען שרעקלעך. מענטשן האָבן זיך געלאָזט פאָרן אין די אַרומיקע דערפער, וואָס מע האָט געקאָנט האָט מען געביטן אויף שפּײַז־פּראָדוקטן. איינציקע פלעגן פאַרכאַפּן מיט זיך פלאַך־אײַזן פונעם זאַוואָד — די רײַכע דאָרפסלײַט האָבן עס גענומען אויף רייפן. מיט אַזאַ אונטערנעמערישן לוסט האָט אונדזער מישפּאָכע זיך ניט אויסגעצייכנט, און דערצו, ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, האָבן מיר פאָרן אויסטויש גאָרנישט ניט אָפּגעשפּאָרט. דער טאַטע און איך האָבן אויפגעהערט צו זײַן ברויטגעבער און געוואָרן געברויכער.

דאָס לעבן אין קאַמענסקאָיע האָט פאַרלוירן יעטווידן זין. מע האָט געעפנט אַ בירזשע פאַר אַרבעטלאָזע, אָבער קיין אַרבעט איז דערפון ניט צוגעקומען. עס האָבן זיך באַוויזן קרענק, ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ הונגער, יעדן טאָג פלעגט אין די שכײַנישע הײַזער עמעצער שטאַרבן. די שטאָט איז געוואָרן מענטשן־פּוסט, אויך אונדז איז אויסגעקומען זיך רירן פון אָרט. כ׳געדענק, אַוועקגייענדיק, האָב איך צום לעצטן מאָל זיך אומגעקוקט — געזעגנט זיך מיטן זאַוואָד, און כ׳האָב אויף די קוימענס, אויף די עסטאַקאַדעס, אויף די דעכער פון די צעכן דערזען שוואַרצע נעסטן פון קראָען. ס׳איז פאַרבליבן אַ שווערער אײַנדרוק: אויבן האָבן געקרײַזט טשאַטעס קראָען, אונטן איז געשטאַנען אַ טויט־פאַרגליווערטער דער זאַוואָד.

אַזוי־אַרום, איז דער אומקער צו דער ערד געווען אַ געצוווּנגענער. אָבער מאַכמעס מײַן יונגקײַט, האָט מיך די אומגעריכטע נעסיִע אויך געפרייט. זי איז געווען די ערשטע אין מײַן לעבן, דערצו נאָך האָב איך שוין פון לאַנג געוואָלט באַזוכן דאָס געבורט־אָרט פון מײַן טאַטן, זיך אַ פּרוּוו טאָן אויף ערדאַרבעט. איך האָב שוין גוט באַנומען, ווי וויכטיק ס׳איז די דאָזיקע אַרבעט פאַרן פאָלק, לעבנסנייטיק פאַרן לאַנד, וואָס האָט דערקענט די עמעסע פּרײַז פון ברויט. און ווען מע האָט אָפּסנײַ געלאָזט אין גאַנג דעם דניעפּער־זאַוואָד, ווען דער טאַטע מיט דער מאַמען און די קלענערע קינדער האָבן זיך אומגעקערט אַהיים, האָב איך, ווי שטאַרק עס האָט מיך ניט געצויגן אין אייגענעם צעך, געהאַלטן פאַר מײַן פליכט צו בלײַבן, און כ׳האָב נאָך לאַנג זיך פאַרנומען מיט ערדאַרבעט — אין קורסקער קאַנט, אין ווײַסרוסלאַנד, אויפן אוראַל.

אָט פון יענער צײַט אָן האָבן אין מיר זיך אַנטפלעקט צוויי ליבשאַפטן, וועגן וואָס איך וויל איצט דערציילן. דער אָפּשײַ צו ערדאַרבעט איז צו מיר איבערגעגאַנגען נאָך קינדווײַז — פון די עלטערן, פון דער גאַנצער אומגעבונג אין קאַמענסקאָיע און אין דער אומגעגנט. אונדזער יישעוו איז געווען אַן אייגנאַרטיקער. קאַמענסקאָיע איז אויף האַלב פאַרבליבן אַ דאָרף, כאָטש געלעבט האָט דאָרט עכטער, זאַוואָדיש געשטאַלטער פּראָלעטאַריאַט. אין דער עצעם נעשאָמע פון די פּראָלעטאַריער האָט געלעבט דער גײַסט פון מענטשן, וואָס זײַנען ניט לאַנג פאַר דעם געווען פּויערים. דער טאַטע פלעגט גאַנץ אָפט דערציילן, ווי ער זעלבסט האָט „געשלעפּט דעם פּויערשן יאָך“. ניט ווייניק צאַר איז געווען אין יענעם לעבן, אָבער איך האָב געזען, מיט וואָס פאַר אַ פאַרבאָרגענעם טרויער און צאַרטקײַט דער טאַטע האָט גערעדט וועגן דעם דאָרפישן ראַכוועס, וועגן אַקערן, וועגן היי־שניט, וועגן דרעשן, וועגן ברויט, וואָס איז דערוואָרבן מיט די אייגענע הענט. און, פאַרשטייט זיך, ס׳איז לאַכלוטן ניט צופעליק, וואָס די באַציִונג צו ברויט איז אין אונדזער מישפּאָכע געווען ביז גאָר אַכפּערדיק. עס האָט זיך אויפן גאַנצן לעבן פאַרגעדענקט דער מאַמעס פריילעך ווערטל, וואָס האָט יעדן טאָג געקלונגען בײַ אונדזער טיש: „נו, קינדערלעך, אָפּגעגעסן, און אַצינד יעדעס ברעקל — אין הענטל!“. ניט אויס אָרעמקײַט און ניט אויס קאַרגשאַפט זײַנען אין פאָלק געבוירן געוואָרן אַזעלכע ווערטער. זיי האָבן דערצויגן בײַ די קינדער אַ זאָרגפעליקע, כ׳וואָלט זאָגן, אַ הייליקע באַציִונג צום ברויט.

אָן אַזאַ באַציִונג צום טאָגטעגלעכן ברויט קאָן ניט אויסוואַקסן, מײַן איך, קיין ווירדיקער, איידלמוטיקער אין פולן זין פון אָט דעם וואָרט מענטש. מע האָט איצט אין די גאָרקיכן, אין די קאַפע און ברויט־קראָמען אָנגעהויבן אַרויסהענגען שיין־אויסגעפאָרמירטע לאָזונגען — שוינען דאָס ברויט. דאָס איז, פאַרשטייט זיך, נוצלעך. ס׳איז אָבער טרויעריק, וואָס מע דאַרף האָבן אַזעלכע לאָזונגען. שפּאָרזאַמקײַט דאַרף אײַנגעפלאַנצט ווערן פון קינדווײַז אָן, און אין דער ערשטער ריי מיצאַד די עלטערן אין די מישפּאָכעס.

דאָ וועט זײַן צום אָרט דערמאָנען, אַז אין 1918 יאָר האָט דער פאַרוואַלטער מיט די אינייאָנים פון ראַטפאָלקאָם וו. ד. באָנטש־ברויעוויטש געפרעגט: „וולאַדימיר איליטש, צי קאָן מען מיט איין וואָרט אויסדריקן, פאַר וואָס קעמפן מיר איצט?“ ניט פאַרטראַכטנדיק זיך אויף קיין מינוט, האָט וו. אי. לענין געענטפערט: „ברויט“. ער האָט אין יענע יאָרן געשריבן, אַז קאַמף פאַר ברויט דאָס איז קאַמף פאַרן סאָציִאַליזם.

אומקערנדיק זיך אין געדאנק צו די יאָרן פון מײַן יוגנט, זע איך איצט: די ארבעט אין דאָרף איז געווען זייער א נייטיקע און א וויכטיקע פאר דער מעלוכע. און איך האָב דאָ פיל געלערנט און פיל באגרײַפט. שפּעטער האָב איך זיך אומגעקערט קיין דניעפּראָדזערזשינסק, געקומען אפן זאוואָד, געוואָרן אן אינזשעניער א מעטאלורג, נאָר אליין די צײַט האָט ניט געלאָזט פולשטענדיק זיך אָפּזונדערן פון די דאָרף־איניאָנים. זיי האָבן זיך איבערגעקרייצט מיט דער דערפארונג פונעם זאוואָדישן לעבן, זיך פאראייניקט, דערגאנצט איינס דאָס אנדערע. אין גאנצן ווײַטערדיקן לעבן איז מיר אויסגעפאלן שיר ניט אין א גלײַכער מאָס צו באשעפטיקן זיך אי מיט דעם אי מיט יענעם. צוויי ליבשאפטן האָבן זיך צונויפגעגאָסן אין איינער. און איך בין דאנקבאר דעם גוירל פאר דעם, וואָס ער האָט מיר געגעבן לעקציעס פון לעבן אי אפן פוירישן פעלד אי אפן זאוואָד.

איך בין אָבער פארלאָפן פאָרויס, און דעמלט, האָבנדיק דערקענט דאָס לעבן פונעם דאָרף אין איינעם פון די סאמע שווערע פעריאָדן, אָפּארבעטנדיק אי באם אקערן, אי באם זייען, אי באם שנײַדן די טווע, אפּאנעמעסן צובינדנדיק זיך צו דער ערד, בין איך אין 1923 יאָר אָנגעקומען אין קורסקער ערד־אײַנאָרדענונג־טעכניקום. כ'האָב אָפּגעגעבן קאָנקורס־עקזאמענעס און בין ניט שלעכט דורכגעגאנגען — מע האָט מיר געגעבן א געהעכערטע מעלוכע־סטיפּענדיע.

דאָס איז געווען אן אלטער טעכניקום, מיט א גוטער לערן־באזע, מיט לאנגאָניקע פּראָגרעסיווע טראדיציעס. (עס האָט דאָרטן, אגעוו, זיך אויך געלערנט אמאָל וו. ד. באָנטש־ברויעוויטש.) פאר דעם פּיריאָריקן לערן־פּעריאָד האָבן מיר געהאט צו באקומען גרינטלעכע קענטענישן אין מאטעמאטיק, פיזיק, כימיע. אף אן אינסטיטוט־ניוואָ האָט מען שטודירט די ספּעציעלע געגנשטאנדן — געאָדעזיע, אלגעמיינע געאָלאָגיע, באָדנקענטעניש, געאָגראפיע, לאנדווירטשאפטלעכע סטאטיסטיק. מיר האָבן געלייענט לענינס ווערק — ניט אין די איצט געוויינטע בענדער פון די געזאמלטע ווערק, נאָר אין דינע בראָשורן, וואָס האָבן נאָך געשמעקט מיט טיפּאָגראפישער פארב. מיר האָבן שטודירט ראטן־בויונג, מעלוכע־רעכט פון פּססר, און שוין אף דער ערשטער פּראקטיק אין שטשיגרער אויעזד האָב איך זיך איבערצײַגט, אז די דאָזיקע קענטענישן זײַנען ניט בלויז טעאָרעטיש, נאָר אויך פּראקטיש זייער נייטיק פאר אן ערד־אײַנאָרדענער.

צו זיבעצן יאָר האָט מען מיך אָנגענומען אין קאָמיוג, און נאָך דעם האָב איך געהאלטן פאר מײַן כיווו אָנטיילצונעמען אין אלע גזעלשאפטלעכע איניציאַטיוון. און געווען, דאָרף מען זאָגן, זײַנען זיי ניט ווייניק. מיר פלעגן ארויסגיין אף רויטע שאבעסניקעס, דורכפירן מאסן־קאמפּאניעס „אויס אמעראצעס!" און „הילף די פארוואָרלאָזטע", עפענען לייען־שטיבלעך אין די דערפער, ארויסלאָזן וואנטצײַטונגען, שטעלן ספּעקטאקלען, דורכפירן דאָרף־סכאָדן, אופקלערן די באטראקעס זייערע רעכט, און אף אלץ האָבן מיר זיך אויסגעטויגט, און אלץ איז געווען אונדזער אייסעק.

2

ס'איז דעמלט אונדז אויסגעקומען צו באנעמען איינעם אן עמעס: די צײַט האָט ניט בלויז דויערהאפטיקײַט, נאָר אויך פארנעם. מע קאָן אָן שום נוצן טראנזשירן, אוועקפּאטערן די טעג מיט די יאָרן, און מע קאָן זיי צונויפפּרעסן, מאכן שטײַף, אָנלאָדן ביז לעצט. און דעמלט וועסטו דערזען, אז דו קאָנסט באווײַזן זייער א סאך אופצוטאָן.

געלעבט האָבן מיר אין צוזאמענוווינונג אף דער כערסאָנער גאס צומאָל אין הונגער און אין קעלט, אָנגעטאָן זײַנען מיר געווען ווער ווי ס'האָט געקאָנט: מע האָט געטראָגן סאטינעווע קאָסאָוואָראָטקעס, פארשמאָלצענע ארבעטער־קעפּקעס, קובאנקעס, בודיאָנאָווקעס. אין יענע צײַטן האָבן מיר, פארשטייט זיך, האלדזטיכער אָפּגעוואָרפן. אָבער געלעבט האָט די קאָמסאָמאָליע פון די 20־ער יאָרן פילפארביק און אינטערעסאנט. די באדערפענישן פונעם לאנד זײַנען געווען אונדזערע באדערפענישן; מיר האָבן געטרוימט וועגן א ליכטיקער צוקונפט פאר דער גאנצער מענטשהײַט, געטומלט, געאמפערט זיך, פארליבט זיך, געלייענט און אליין געשריבן לידער.

פאר קיין מעווינים פון פּאָעזיע האָבן מיר זיך ניט געהאלטן, העכער פון אלץ האָבן מיר געשטעלט די אקטועלקײַט, די פּאָליטישע טענדענץ פון די לידער. און פּאָעטן זײַנען בא אונדז געווען אונדזערע, קאָמיוגישע.

איינמאָל בין איך געפאָרן מיט דער אײַזנבאן, אין דעם זעלבן וואגאָן איז געזעסן א מיידל אין מײַן עלטער, אויך א סטודענטקע. מע האָט זיך צערעדט. דאָס מיידל האָט באוויזן א העפט מיט לידער, וועלכע מע קלײַבט, געוויינלעך, פאר אן אלבאָם. און אָט וואָס ס'איז כאראקטעריס־

טיש: אין דעם העפט איז געווען א ליד, וואָס כ'האָב ביז דעמלט קיינמאָל ניט געהאַט באַגעגנט, — „אַף וואָראָווסקיס טויט“. מיר האָבן דעמלט שווער איבערגעלעבט דעם מאָרד פון אונדזער אַמבאַסאַדאָר, די ליד האָט מיך גערירט, און כ'האָב זי דאָ אַפן אָרט אויסגעלערנט אַף אויסווייניק. פון דער ערשטער שורע — „דאָס איז געשען אין לאָזאַן...“ — און ביז דער לעצטער סטראָפע:

А утром в отеле с названьем «Астория»
Посол наш убит был убийцы рукой.
И в книге великой российской истории
Жертвой прибавилось больше одной [1].

איך געדענק, קיין קורסק איז געקומען צו פֿאָרן מאַיאַקאָווסקי. פֿאַרשטייט זיך, אַז מיר, קאָמיוגיסטן, האָבן זיך דורכגעריסן אין קלוב פון די אײַזנבאַנער, ווו ס'איז געווען זײַן אָוונט. דאָס ריין געקליידטע פובליקום האָט באַגעגנט דעם פּאָעט פֿײַנטלעך. „אָט איר האַלט זיך פֿאַר אַ קאָלעקטיוויסט, — האָט מען געשריִען פונעם זאַל, — איז פֿאַרוואָס שרײַבט איר אומעטום: איך, איך, איך?“ דער ענטפֿער איז געקומען טייקעף: „ווי איז אײַער מיינונג, דער צאַר איז געווען אַ קאָלעקטיוויסט? און ער האָט דאָך קעסיידער געשריבן: מיר, ניקאָלײַ דער צווייטער“. אַ טומל, אַ געלעכטער, אַפּלאָדיסמענטן. אָדער נאָך אַזאַ עפּיזאָד. פון דער לעצטער ריי האָבן זיך אופגעהויבן צוויי יונגעלײַט, וועמען ס'איז, אַפּאָנעם, געווען אינטערעסאַנטער צו פֿאַרברענגען זאַלבעצווייט, און ניט הערן מאַיאַקאָווסקין. און אָט, ווען זיי האָבן פּאַמעלעך זיך דורכגערוקט לענגויס דער ריי, האָט זיך דערהערט דאָס מעכטיקע קאָל פונעם פּאָעט. אויסגעשטרעקט די האַנט אין זייער זײַט, האָט מאַיאַקאָווסקי געזאָגט: „כאַווײרים! ווענדט אײַער אופמערקזאַמקײַט אַפן פּאָרל, וואָס גייט פון דער ריי אַרויס“ [2]. און ווידער אַ שטורמישער אויסברוך פון געלעכטער, אַפּלאָדיסמענטן.

מאַיאַקאָווסקי האָט געלייענט פראַגמענטן פון דער פּאָעמע „וולאַדימיר איליטש לענין“. מע האָט געהערט מיט אַ פֿאַרכאַפּטן אָטעם. איליטשס טויט האָבן מיר איבערגעלעבט ערשט ניט לאַנג, דער ווייטעק פונעם גאַנצן פֿאָלק איז געווען פֿאַר יעדן פון אונדז אַ טיף פּערזענלעכער ווייטעק.

Коротка
и до последних мгновений
нам
известна
жизнь Ульянова.
Но долгую жизнь
товарища Ленина
надо писать
и описывать заново [3].

די דאָזיקע ווערטער האָבן אָפּגעקלונגען מיט אַן אויסערגעוויינלעכער קראַפט. מאַיאַקאָווסקי האָט גערעדט רויִק, ווי ער וואָלט געטראַכט אַף אַ קאָל, אָבער זײַן באַס האָט געגרייכט ביז דער לעצטער ריי. אוןווירקלעך, „ער האָט אַפּסנײַ געצווונגען שײַנען“ די סאַמע הויכע פֿאַר אונדז באַגריפֿן.

Партия и Ленин —
близнецы-братья —
кто более
матери-истории ценен?
Мы говорим Ленин,
подразумеваем —
партия,
мы говорим
партия,
подразумеваем —
Ленин [4].

---

[1] און אײַנדערפֿרי אין דעם האָטעל מיטן נאָמען „אַסטאָריע“ איז אונדזער געזאַנדטער דערמאָרדעט געוואָרן מיט דער האַנט פון אַ מערדער. און אין דעם בוך פון דער גרויסער רוסלענדישער געשיכטע איז צוגעקומען מער מיט איין קאָרבן (בוכשטעבלעכע איבערזעצונג).

[2] דער רוסישער אידיאָמאַטישער אויסדרוק, «Из ряда вон выходящий», וועלכער איז דאָ ווערטלעך איבערגעזעצט, באַטײַט: אונטערשיידט זיך שטאַרק פון אַנדערע (איבערז.).

[3] קורץ און ביז די לעצטע רעגעס איז אונדז באַוווּסט דאָס לעבן פון אוליאַנאָוון. אָבער דאָס לאַנגע לעבן פונעם כאַווער לענין דאַרף מען שרײַבן און באַשרײַבן פונסנײַ. (בוכשטעבלעכע איבערזעצונג).

[4] די פּאַרטיי און לענין — צווילינג-ברידער — ווער איז מער פֿאַר דער מוטער-געשיכטע ווערטפֿול? מיר זאָגן לענין, און מיר מיינען — פּאַרטיי, מיר זאָגן פּאַרטיי, און מיר מיינען — לענין. (בוכשטעבלעכע איבערזעצונג).

די געטאָקטע שורעס זײַנען אַרײַן אין האַרץ און אין דער נעשאָמע, האָבן פֿון זיך אַליין זיך פֿאַרגעדענקט.

מאַיאַקאָווסקי האָט אָפּן אָונט נאָך געלייענט „צו די אַרבעטער פֿון קורסק, וואָס האָבן אַרויסבאַקומען דעם ערשטן אַרץ...״. מיך האָט די דאָזיקע ליד געצווונגען זיך דערמאָנען אין דעם זאוואָד — אין די דאָמנע־אויוונס, מאַרטענען. ס׳האָט ווידער זיך פֿאַרבענקט אַהיים. אָבער פּונקט דעמלט, אין 1927 יאָר, האָב איך פֿאַרענדיקט דאָס לערנען, געוואָרן אַן ערד־אײַנאָרדענער און בין צוגעטראָטן צו דער אַרבעט — אין איינעם אַן אויעזד פֿון דער קורסקער געגנט. דעם קומענדיקן פֿעלד־סעזאָן האָב איך פֿאַרבראַכט אין ווײַסרוסלאַנד, הינטער אָרשע, דערנאָך באַשטימט געוואָרן אויף אַ נײַער אַרבעט און אַרויסגעפֿאָרן — שוין ניט אַליין, מיט דער פּרוי — אַף אוראַל, צוערשט אין מיכײַלאָווסקער, נאָכדעם אין ביסערטיער ראַיאָן. מיט מײַן קינפֿטיקער פּרוי האָבן מיר זיך באַקאַנט אַף איינעם פֿון די קאָמיוגישע אָוונטן. זי איז אויך אופֿגעצויגן געוואָרן אין אַזאַ אַרבעטער־מישפּאָכע, ווי מײַנע, געקומען צו פֿאָרן קיין קורסק פֿון בעלגאָראָד אויך זיך לערנען. פֿון דעמלט אָן איז וויקטאָריאַ פּעטראָוונא טאָמיד געוועזן פֿאַר מיר און פֿאַרבלײַבט ניט בלויז אַ ווײַב און די מוטער פֿון מײַנע קינדער, נאָר אויך אַ בעעמעס טײַערער און האַרציקער פֿרײַנט.

ס׳איז אויסגעקומען זיך פֿאַרהאַלטן דאָרט אַף לאַנג. אַ סאַך וויאָרסטן האָב איך דורכגעטופּעט אַף דער אוראַלער ערד, אַ סאַך געאַרבעט און אַף שטענדיק ליב באַקומען אָט דעם קאַנט, זײַנע מענטשן און די גרויסאַרטיקע שיינקײַט פֿון דער נאַטור.

דאָס איז געווען אַ קאָמפּליצירטע צײַט, ווען ס׳האָבן זיך געבראָכן די אַלטע אײַנגעפֿונדעוועטע פֿאָרמען פֿון לעבן, און די שפּראָצונגען פֿון דעם נײַעם האָבן ערשט נאָך גענומען זיך דורכשלאָגן און מע האָט זיי באַדאַרפֿט אַקשאָנעסדיק זוכן, שטיצן און אויסכאָוען. דער XV צוזאַמענפֿאָר פֿון דער אַלקפּ(ב), וועלכער איז פֿאָרגעקומען אין דעקאַבער 1927 יאָר, האָט באַשטעטיקט די פּראָגראַם פֿון דער ווײַטערדיקער בויונג פֿונעם סאָציאַליזם אין לאַנד. פֿאַרווירקלעכנדיק דעם לענינישן קאָאָפּעראַטיוון פּלאַן, האָט דער צוזאַמענפֿאָר גענומען אַ קורס אַף קאָלעקטיווירן די לאַנדווירטשאַפֿט. און דאָס סאָוועטישע פֿאָלק אונטער דער אָנפֿירונג פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי האָט דורכגעפֿירט די טיפֿסטע סאָציאַלע איבערגעשטאַלטונגען אין דאָרף, ריכטנדיק עס אַף סאָציאַליסטישע רעלסן. נעמלעך אין אָט די פֿיר יאָר — פֿון 1927 ביז 1931 — איז מיר גראָד אויסגעקומען צו אַרבעטן אין דאָרף, שאַפֿן קאָלווירטן, זײַן אין דעם סאַמע מיטן פֿון די געשעענישן פֿון דער גרעסטער סאָציאַלער רעוואָליוציע אין דאָרף.

מענטשן פֿון מײַן ספּעציאַליטעט האָט מען פֿריִער אָפֿטער גערופֿן ערדמעסטער. איצט האָט זיך דער נאָמען געענדערט, מיר זײַנען געוואָרן ערד־אײַנאָרדענער אין עכטן זין פֿון דעם דאָזיקן וואָרט. שאַפֿנדיק לאַנדווירטשאַפֿטלעכע אַרטעלן, האָבן די מענטשן פֿאַרייניקט אין זיי די ערד, דאָס פֿי, די ווירטשאַפֿטלעכע געבײַען, דעם אינוועטאַר. און מיר, ערד־אײַנאָרדענער, האָבן באַדאַרפֿט ניט פּאָשעט פֿאַרמעקן די מעזשעס, פֿאַרייניקנדיק אַף די מאַפּעס די אָפּגעזונדערטע פּאַסיקלעך ערד פֿון די אינדיווידואַלן אין איין קאָלעקטיוו פֿעלד. ס׳איז נייטיק געווען דאָס צו טאָן אַף אַ נײַעם סאָציאַלן, וויסנשאַפֿטלעכן, עקאָנאָמישן און טעכנישן יעסאָד, אַרויסגייענדיק פֿון די אינטערעסן פֿון די גרויסע סאָציאַליסטישע ווירטשאַפֿטן, וועלכע זײַנען אויסגערעכנט אין דער צוקונפֿט אַף מאָדערנער אַגראָטעכניק און אַף ברייטער מעכאַניזאַציע פֿון אַלע אַרבעטן.

מיר האָבן געשאַפֿן נײַע מאַפּעס — די ערשטע מאַפּעס פֿונעם אָרגאַניזירטן, וויסנשאַפֿטלעכן ערד־באַנוץ אין די קאָלווירטן. אונדזערע מאַפּעס האָבן לאַנג געדינט די קאָלווירטן, די אַגראָנאָמען האָבן זיך מיט זיי גענוצט אויך נאָך דער מילכאָמע. און מיר האָט די דערפֿאַרונג פֿון ערד־אײַנאָרדענונג, וועלכע כ׳האָב געקראָגן אינעם פּעריאָד פֿון שאַפֿן די ערשטע קאָלעקטיווע ווירטשאַפֿטן, גוט געהאָלפֿן אין דער צוקונפֿט באַם אָרגאַניזירן הונדערטער נײַע סאָווירטן אין צאָפֿן־קאַזאַכסטאַן, אַף דער צעלינאַ.

אין יענע יאָרן האָב איך צום ערשטן מאָל דערפֿילט זיך ווי אַ פֿולמעכטיקער פֿאָרשטייער פֿון דער ראַטנמאַכט אין די אויגן פֿון הונדערטער מענטשן. לויט דעם, וויִאַזוי מע פֿלעגט אוועקשטעלן דעם ניוועליר און די מעסט־ווירע, וווהין מע האָט דורכגעלייגט די טראַסע, לויט דעם, וויִאַזוי דער מענטש האָט זיך געהאַלטן אין די צוזאַמענשטויסן מיט די באַלעגופֿים, האָבן די פּויערים געאורטיילט וועגן דער פּאָליטיק פֿון דער פּאַרטיי: דאָ, אין פֿעלד, פֿלעגט יעדערן קלאָר ווערן, פֿאַר וועמען און קעגן וועמען איז די ראַטנמאַכט.

עס האָט זיך גוט פֿאַרגעדענקט דער ערשטער טראַקטאָר, וועלכן די ביסערטיער אײַזנבאַנער האָבן געשענקט די פּויערים. דאָס איז געווען אַ קלייניקער שוואַכינקער „פֿאָרדזאָן״, נאָר אַנציקונג האָט ער אַרויסגערופֿן ניט ווייניקער, און עפּשער נאָך מער פֿונעם ערשטן ספּוטניק.

ניט פּאָשעט א מאשין איז ארויס אף די פעלדער, דאָס איז געווען א געווער אף סאָציאַל איבער־געשטאַלטיקן דאָס דאָרף, דאָס איז געווען א פּראָפּאגאנדיסט און אן אגיטאטאָר פון דער קאָל־ווירטישער אָרדענונג. די היגע באַלעגופים און באַלעגופישע אונטערלעקער האָבן צעלאָזט א קלאנג, אז די ערד וועט קלוימערשט ניט געבערן אונטער דעם „אײַזערנעם פערד“, נאָר די טוווע איז געראָטן אף כידושים, און דאן האָבן זיי אונטערגעצונדן באנאכט דעם שײַער. בלויז אדאנק דעם העראָיִזם פון די ביסערטיער קאָלווירטניקעס איז געלונגען אָפּראטעווען דאָס ברויט.

און דאָס אַלץ איז פאָרגעקומען ניט אין קינאָ, ניט אין ביכער, נאָר אין אייגענעם לעבן. צוזאמען מיט אנדערע קאָמיוגיסטן האָב איך געהאט צוזאמענשטויסן מיט די באַלעגופים אף די פעלדער, געשטרײַט מיט זיי אף די דאָרפישע סכאָדן. מע האָט אונדז געסטראשעט מיט דרענג, מיט ווילעס, מיט פײַנטלעכע צעטעלעך, מיט ארײַנגעשלײַדערטע שטיינער אין פענצטער. איינ־מאָל האָבן מיר איבערגעלייענט אין די צײַטונגען, אז אין דער שכיינעסדיקער טיומעניער געגנט זײַנען די באַלעגופים באגאנגען א נידערטרעכטיקן פארברעכן — איינער פון די ערשטע, וועלכע האָבן אָפּגעהילכט דעמלט, אינעם פעריִאָד פון דער מאסן־קאָלעקטיוויזאציע, איבערן גאנצן לאנד. באנאכט האָבן זיי זיך אונטערגעגאנוועט צום טראקטאָריסט פּיאָטער דיאקאָוו, וועלכער איז געשלאָפן אין דער קאבינע, באגאָסן מיט קעראָסין און אונטערגעצונדן. מיר האָבן שווער איבערגעלעבט דעם שרעקלעכן טויט פון אונדזער אומבאקאנטן, נאָר טייקעף טײַער געוואָ־רענעם מיטקעמפער און כאווער. און נאָך אנטשלאָסענער, דרייסטער זײַנען מיר אוועק אין אָנ־גריף אף די פארהאסטע באַלעגופים.

און אינגיכן האָט זיך באוויזן א ליד וועגן אָט דעם טראקטאָריסט. מיר האָבן זי ליב באקו־מען און זי אָן אופהער געזונגען, אָפּט דערבײַ שטייענדיק — אין אָנדענק פון דעם העלד פון דער קאָלעקטיוויזאציע.

По дорожке неровной, по тракту ли —
Все равно нам с тобой по пути.
Прокати нас, Петруша, на тракторе,
До околицы нас прокати![1]

די אין אַלגעמיין וויכע, לירישע, הארציקע ליד פלעגן מיר שוין פארענדיקן גרויזאם, ווענדנדיק אירע ווערטער אויך צו זיך זעלבסט:

Огрызаются, лютые, лаются,
Им нерадостен наш урожай...
Кулачье до тебя добирается:
Комсомолец, родной, не плошай![2]

ערשט א סאך שפּעטער, אין א יאָר דרײַסיק ארום, האָב איך זיך דערוווּסט, אז פּיאָטער דיאקאָוו איז אַלפּי־נעס געבליבן לעבן און דערצו נאָך אָפּגעקעמפט די גאנצע מילכאָמע. מיט איין וואָרט, בעעמעס א מענטש, וואָס קומט פון א ליד.

און געווען איז דאן דאָס 1929 יאָר, וואָס איז ארײַן אין דער געשיכטע, ווי דאָס יאָר פון גרויסן איבערבראָך אפן גאנצן גיגאנטישן פראָנט פון דער סאָציאַליסטישער בויונג, ווען בא־נאנד מיט דער אנטוויקלונג פון דער גרויס־אינדוסטריע — דער פירנדיקער צווײַג פון דער פאָלקס־עקאָנאָמיק — האָט אין לאנד זיך אָנגעהויבן די אויסבילדונג פון א גרויסער מעכאניזיר־טער לאנדווירטשאפט.

דאָ ניט לאנג האָבן די כאווירים פון סווערדלאָווסקער געגנטקאָם קפּספּ מיר צוגעשיקט אייניקע דאָקומענטן פון יענע יאָרן.

אָט איז אן אויסצוג פון דעם פּראָטאָקאָל פונעם פּלענום פון ביסערטיער ראיקאָם אַלקפּ(ב) פארן 5 דעקאבער 1929 יאָר:

„כאוו. ברעזשנעוו: יענער פּלאן, וואָס איז אָנגעמערקט בא אונדז אף דורכפירן די פרילינג־דיקע פארזיי־קאמפּאניע, איז פארבונדן מיט די גרעסטע שוועריקײַטן. דעם לאנדווירטשאפטלעכן אינווענטאר, וועלכן מיר מוזן האָבן, פארמאָגן מיר ניט, הייסט עס, אז די פראגע פון ארײַנשיקן לאנדווירטשאפטלעכע מאשינעס שטייט אין א שארפער פלאך. אין צוזאמענהאנג מיטן אריבער־

[1] צי מיט א שטעגל ניט־קיין גלאטס, צי מיטן טראקט — אַלציינס פאלט צונויף אונדזער וועג מיט דײַנעם. נעם אונדז ארויף, פּעטרושע, אפן טראקטאָר, ביז צום ראנד פון דאָרף גיב אונדז א יאָג דורך. (בוכשטעבלעכע איבערזעצונג).

[2] זיי זידלען זיך, די ווילדע, שטעלן זיך אנטקעגן, האווקען, אונדזער גערעטעניש פרייט זיי ניט... עס דערקלײַבט זיך צו דיר די קולאקישע סטײַע: קאָמסאָמאָלעץ, טײַערער, ווײַז ניט ארויס קיין שוואכקײַט. (בוכשטעבלעכע איבערזעצונג).

פירן אייניקע דאָרפּראַטן אַף פּילפּעלדיקן זיי־פּאַרקער וועט בא אונדז פאַרקלענערט ווערן דער פאַרזיי־שעטעך פון די ווינטער־ און זומער־קולטורן. די דורכגעפירטע ערד־אײַנאָרדענונג האָט די בעסטע ערדן איבערגעגעבן די אָרעמ־ און מיטלפּויערשע טיילן פון דער באַפעלקערונג, אין צוזאַמענהאַנג דערמיט דאַרפן מיר אָנווענדן אַלע באַמיִונגען, אַז די דאָזיקע ערדן זאָלן פאַרזייט ווערן. ס׳איז קיין סאָפעק ניט, שעדיקערײַ פון די באַלעגופים וועט דאָ זײַן. הייסט עס, ס׳דאַרפן פולשטענדיק אויסגענוצט ווערן אַלע מעגלעכקײַטן, וועלכע זײַנען געגעבן געוואָרן דער אָרעמער און מיטעלער טיילן פונעם פּויערטום. א באַזונדערע אופמערקזאַמקײַט דאַרף געווענדט ווערן אַף דער פאַנאַנדערטיילונג פון די קרעדיטן פאַר די אָרעמפּויערשע גרופּעס, וועלכע זײַנען אָרגאַניזירט געוואָרן. איך האַלט פאַר א גרויסן כיסאָרן אין דער אַרבעט פון דער קאָלעקטיוויזאַציע, וואָס ס׳זײַנען ניטאָ קיין פּלענער פון דער דאָזיקער אַרבעט, און די דאָרפּראַטן האָבן זי פּלאַנמעסיק ניט געפירט. די שעפן, וואָס פאָרן אַרויס, האָבן די פּראַגן פון קאָלעקטיוויזאַציע אין די דערפער ניט פאַרשאַרפט...״

איך אָט דעם דאָקומענט איז פאַראַן אַן עמעסדיק בילד פון דער צײַט, פון דער ניט רויִקער און ניט לײַכטער צײַט. די איניאָנים אין דאָרף האָבן געפּאָדערט, ס׳זאָלן אָפּגעגעבן ווערן אַלע קויכעס. איך האָב מײַנע קויכעס ניט געזשאַלעוועט און אַלס צוטרוי פון די מענטשן אופגענומען דאָס אויסוויילן מיך פאַר א דעפּוטאַט פונעם ביסערטיער ראַיאָנישן ראַט פון דעפּוטאַטן פון די אַרבעטנדיקע. גלײַך נאָך דעם האָט מען מיך באַשטימט צו פאַרוואַלטן מיטן ראַיערדאָפּטייל, דערנאָך האָט מען מיך אויסגעוויילט אַלס שטעלפאַרטרעטער פונעם פאָרזיצער פון ראַיוספּירקאָם. און אין אָנהייב 1931 יאָר בין איך באַשטימט געוואָרן אַף אַרבעט קיין סווערדלאָווסק — אַלס שטעלפאַרטרעטער פונעם שעף פון דער אוראַלער קרײַזישער ערד־פאַרוואַלטונג. מיר האָבן זיך אַריבערגעקליבן מיט דער פרוי קיין סווערדלאָווסק, אָבער אין א געוויסער צײַט אַרום האָב איך באַשלאָסן אומצוקערן זיך אַף מײַן זאַוואָד — אַרבעטן אַלס שלאָסער און גלײַכצײַטיק זיך לערנען אין אינסטיטוט.

3

אָט ווי דאָס האָט פּאַסירט. כ׳האָב אַלע יאָרן לויט בריוו פון די אייגענע, לויט אַרויסטרעטונגען אין די צײַטונגען נאָכגעשפּירט נאָך דעם, וואָס עס קומט פאָר אַף אונדזער זאַוואָד. די אַרבעטער דניעפּראָווצעס אַלייך האָבן געפּאָדערט, מע זאָל אים ווידער־אופשטעלן, זייערע א דעלעגאַציע איז געפאָרן קיין מאָסקווע, זיך דערשלאָגן אַן אופנאַם און הילף בא פ. ע. דזערזשינסקין, דעם דעמאָלסטיקן פאָרזיצער פון „וועסענכא״[1]. אין 1925 יאָר האָט אין דער פּרעסע זיך באַוויזן זײַן אַרויסטרעטונג אַף דער XIV קאָנפערענץ פון רקפּ(ב): „איך דאַרף זאָגן, אַז פון יענע קאָקסאָסן, וואָס האָבן זײַנערצײַט פונקציאָנירט אַפן דאָרעם, פלעגט אייך קאָקאָס געבן יערלעכע פּראָדוקציע מער ווי 20 מיליאָן פּוד אויסאַרבעטונגען. דער דאָזיקער קאָקאָס, דער אַזויגערופענער דניעפּרישער זאַוואָד, איז פון נעכטיקדיקן טאָג אָן, דעם 28 אַפּרעל, 2 אַזייגער באַטאָג, געעפנט געוואָרן און ס׳איז אַף אים געלאָזט געוואָרן די ערשטע דאָמנע״.

די דאָזיקע יעדיִעס האָבן, פאַרשטייט זיך, גערעגט, גערייצט די נעשאָמע, כ׳האָב ניט געקאָנט פאַרגעסן, אַז אונדזער זאַוואָד פאַרגרעסערט די מעכטיקײַטן, וואַקסט, ביפראַט נאָך אַז אויך אַפן אוראַל האָט אומעטום צו דעם רייעך פון די פעלדער און לאָנקעס זיך צוגעמישט דער גוט־באַקאַנטער רייעך פון אינדוסטריע. וווהין דו זאָלסט ניט פאָרן, שטייען אומעטום אוף פאַר די אויגן פאַבריק־קוימענס און רויכלעך איבער זיי. גופע אין ביסערט און ניט ווײַט פון איר האָבן זיך געפונען די אַמאָליקע דעמידאָוו־זאַוואָדן — ניזשני־יעסערגיִעווסקער, מיכײַלאָווסקער, רעווּדער. וועגן סווערדלאָווסק איז שוין אָפּגערעדט: פונקט אין יענער צײַט האָט זיך דאָ פאַנאַנדערגעוויקלט די ניטגעזעענע לויט די מאַסשטאַבן בויונג פון דעם „זאַוואָד פון זאַוואָדן״ אוראַלמאַש.

איך האָב אַזוי געקלערט: אין דער קאָלעקטיוויזאַציע איז שוין פאָרגעקומען אַן אומצוריקקערבאַרער רוק (צו דער מיט פון 1931 יאָר האָבן אין די קאָלווירטן זיך פאַרייניקט העכער א העלפט פון די אינדיווידועלע ווירטשאַפטן פונעם לאַנד), און די אינדוסטריע נעמט זיך ערשט אָן מיט קויעך. דאָרט, אַפן אינדוסטריִעלן פראָנט, געפינט זיך איצט דער פאָדערשטער ראַנד

[1] אַבּרעוויִאַטור Высший совет народного хозяйства — ВСНХ – העכסטער ראַט פאַר פאָלקסווירטשאַפט. (איבערז.)

פֿונעם קאַמף פֿאַרן סאָציאַליזם. אָן דער אינדוסטריע, אָן עלעקטראָענערגיע, אָן אַ ברייטער נעץ פֿון מאַשין־טראַקטאָר־סטאַנציעס וועסטו ניט אופֿהייבן אויך די לאַנדווירטשאַפֿט. דאָס לאַנד האָט באַדאַרפֿט מעטאַל, צוויי דריטל פֿונעם טשוהון האָבן געגעבן די דאָרעם־זאַוואָדן, אַלס דער גרעסטער צווישן זיי האָט זיך גערעכנט דער דניעפּרישער זאַוואָד, וועלכן מע האָט אָנגערופֿן אָפֿן נאָמען פֿון פּ. ע. דזערזשינסקי, — הייסט עס, אַז מײַן אָרט איז דאָרטן.

אָט אַזוי איז פֿאָרגעקומען דאָס אומקערן זיך אין די געבורט־ערטער. עס איז, פֿאַרשטייט זיך, שווער געווען ווידער אַרויסגיין אין דער אַרבעטער־ספּעצאָווקע אַף דער וואַכטע, און דער־צו נאָך זיך לערנען אין די אָוונטן אינעם אינסטיטוט, נאָר קויכעס זײַנען געווען און אַקשאָנעס האָט געקלעקט.

אין 1931 יאָר האָט מען אַף דעם לײַבלעך־אייגענעם זאַוואָד מיך אָנגענומען אין דער פּאַר־טיי. איך געדענק ווי הײַנט, דאָס איז געווען דעם 24 אָקטיאַבער. דער פּאַרטיי־בילעט נומ. 1713187 האָט פֿאַרביטן אין מײַן קעשענע דאָס קאַנדידאַטן־קאַרטל, און כ'האָב געוווּסט, אַז ניט קיין לההאָטעס וועט ער מיר געבן, נאָר נײַע, ניט פּאַשעטע פֿליכטן. כ'מיין, אָבער, אַז יעדערער פֿון אונדז, קאָמוניסטן, אויב מע וועט אים פֿרעגן, צי וואָלט ער געוואָלט אויסקלײַבן אַן אַנדער וועג, וועט ענטפֿערן פֿעסט: ניין. דערפֿאַר ווײַל אונדזער וועג — דאָס איז דער וועג פֿון מעסי־רעסנפֿעשדיקן דינען דעם פֿאָלק, דער פּאַרטיי.

די צײַט איז פֿאַר מיר נאָך מער אײַנגעפּרעסט געוואָרן. אין די צעכן איז געגאַנגען אַ רעקאָנסטרוקציע, מיט איר האָט אָנגעפֿירט דער הויפּט־אינזשעניר פֿון אונדזער זאַוואָד אי. פּ. באַרדין, דער קינפֿטיקער אַקאַדעמיקער, מע האָט געשטעלט נײַע אַגרעגאַטן, אײַנגעגלידערט מעכאַניזאַציע — מיט איין וואָרט, אַרבעט האָט געקלעקט. אינעם אינסטיטוט האָט אויך געקאָכט אַן אינטערעסאַנט לעבן. מיר האָבן אַלע דאַן זיך זשעדנע געצויגן צו וויסן. דערצו בין איך נאָך אויסגעוויילט געוואָרן אַלס גרופּפּאַרטאָרג פֿון דעם פֿאַקולטעט, דערנאָך אַלס פֿאַרזיצער פֿון פּראָפֿקאָם און, צולעצט, אַלס סעקרעטאַר פֿון דעם פּאַרטקאָם פֿונעם גאַנצן אינסטיטוט. דאָס איז געווען אַ גרויסער צוטרוי מיצאַד די כאַווײרים. פֿאַרשטייט זיך, אַז אָט דער צוטרוי האָט פֿאַר־שאַפֿט פֿרייד, און אויך לויט דער נאַטור בין איך געווען פֿון די, וואָס האָבן ליב זיך צו געפֿי־נען צווישן מענטשן, פֿולשטענדיק זיך אָפּגעבן דער אַרבעט.

אין די 30־ער יאָרן איז באַזונדערס שאַרף געשטאַנען די אופֿגאַבע פֿון לערנען, דערציִען, אידייִש פֿאַרהאַרטעווען די קאַדרען, קוידעמקאָל די וויסנשאַפֿטלעך־טעכנישע אינטעליגענץ. און דעריבער האָב איך געהאַלטן פֿאַר זייער אַ פֿאַראַנטוואָרטלעכער די אַרבעט, וועלכע מע האָט מיר פֿאַרגעלייגט אין 1933 יאָר: אַ סטודענט פֿונעם דריטן קורס, בין איך באַשטימט געוואָרן אַלס אָנפֿירער פֿונעם אַרבפֿאַק, און דערנאָך אויך אַלס דירעקטאָר פֿון דעם דניעפּראָדזערזשינ־סקער מעטאַלורגישן טעכניקום. כ'האָב געאַרבעט מיט האַרץ. ס'האָט זיך געוואָלט וואָס מער אופּטאָן פֿאַר די כאַווײרים. עס האָט זיך פֿאַרהיט דאָס בוך פֿון באַפֿעלן פֿון יענע יאָרן. מיט אַ שמייכל האָב איך דורכגעקוקט די אַלטע, אין עפּעס, קאָן זיך איצט דוכטן, נאַיִווע באַפֿעלן, אָבער דאַן איז דאָס געווען פּאָליטיק. מיר האָבן געהאַלטן פֿאַר אונדזער כויוו זיך שלאָגן פֿאַר אונדזער יעדן סטודענט, מיר פֿלעגן אײַנריידן די זאַוואָדישע כעוורע זיך לערנען, באַמיט זיך צו העלפֿן זיי מיט פּראָפֿאַריישע האַלוואָעס, אָדער אַן אַנדערש מאָל פּאַשעט זיי אָנהאָדעווען אין אונדזער גאָרקיך. אַנומלטן איז אין שטאָט געקומען צו פֿאָרן דער באַוווּסטער געלערנטער — דער מע־טאַלורג, שעפֿער פֿון דער טעאָריע פֿונעם דאָמנע־פּראָצעס אַקאַדעמיקער מ. אַ. פּאַוולאָוו, איך האָב אים אײַנגעשמועסט, ער זאָל אַרויסטרעטן פֿאַר די אַרבפֿאַקאָווצעס. און זיך געפֿרייט, צוקוקנדיק, ווי די כעוורע פֿון מײַן עלטער הערן דעם אַקאַדעמיקער. פֿון די דאָזיקע יאָרן זײַנען שפּעטער אויסגעוואַקסן אויסגעצייכנטע קאָמאַנדירן פֿון דער פּראָדוקציע — ניט קיין „ספּעצן“ פֿון אַלטן טיפּ, נאָר ענטוזיאַסטן, נאָוואַטאָרן, מענטשן, טרײַע די אידעאַלן פֿון קאָמוניזם.

די אַרבעט אין טעכניקום, די פּאַרטיי־אופֿטראָגן און די געזעלשאַפֿטלעכע איניאַנים האָבן אָבער מיך גופֿע ניט באַפֿרײַט פֿון דעם לערנען. כ'האָב געצייכנט קורס־פּראָיעקטן, אָפּגעגעבן עקזאַמענעס. ניט בלויז נישט וואַרטנדיק אַף קיין פּריווילעגיעס פֿאַר זיך, נאָר פֿאַרקערט. די לאַגע האָט פֿאַרפֿליכטעט צו זײַן אַ בײַשפּיל פֿאַר אַנדערע — האָב איך דען געקאָנט פֿאָדערן דערפֿאָלגן און פֿלײַס בײַ אַנדערע, ווען איך אַליין וואָלט זיך געלערנט ווי־ס'ניט־איז? איך וועל ברענגען נאָך איין דאָקומענט — אַן אויסצוג פֿונעם פּראָטאָקאָל פֿון דער זיצונג פֿון דער מעלוכישער קוואַליפֿיציר־קאָמיסיע פֿאַרן 28 יאַנואַר 1935 יאָר:

„געהערט: די פֿאַרטיידיקונג פֿונעם דיפּלאָם־פּראָיעקט פֿונעם סטודענט פֿון V קורס פֿון דער טערמאָענערגעטישער אָפּטיילונג ברעזשנעוו ל. אי. אַף דער טעמע: „פּראָיעקט פֿון עלעקט־ראָסטאַטישער אָפּרייניקונג פֿון דעם דאָמנע־גאַז אין די באַדינגונגען פֿונעם זאַוואָד אַף פּ. ע.

דזערזשינסקיס נאָמען". די אָפּשאַצונג פון דער אַרבעט מיצאַד דער קאַטעדרע: דער טעאָרעטישער טייל — אויסגעצייכנט, דער פּראָיעקט — אויסגעצייכנט.

דער באַדאַכטער צוגאַנג צום לייזן די אויפגאַבן פון גאַז־אַפּרייניקונג און די אויסרעכענונגען אין דעם באַריכט זאָגן אײדעס וועגן דער גלענצנדיקער אינזשעניערישער צוגרייטונג פונעם אויטאָר פון דעם פּראָיעקט.

אָפּ אַלע פראַגן האָט כאַוו. ברעזשנעוו געגעבן אויסשעפּנדיקע ענטפערס.

באַשלאָסן: די דיפּלאָם־אַרבעט איז אויסגעפילט אויסגעצייכנט. צוייגענען דעם כאַוו. ברעזשנעוו ל. אי. דעם טיטל אינזשעניער—טערמאָענערגעטיקער".

וועגן מײַן נײַער אַרבעט אַלס שעף פון אַ וואַכטע אין ענערגעטישן צעך וועל איך זאָגן קורץ: דאָס איז געווען אַ יאָר, אָנגעפילט מיט אָנגעשטרענגטער מי, מיט זוכן אָפּטימאַלע פּראָדוציר־רעזשימען, מיט שטרײַטן, שלאָג־וואַכטעס, אַנטקעגן־פּלענער, נאַכט־אַרויסרופן, און צומאָל אויך מיט אוואַרן.

אין דעם זעלבן יאָר איז פאָרגעקומען אויך אַ נײַער שאַרפער קער: מע האָט מיך מאָביליזירט אין דער רויטער אַרמיי.

אינדערפרי ביז איך געקומען מיט דער פּאָוועסטקע אין מיליטערישן קאָמיסאַריאַט און באַגעגנט דאָרט אונדזערן אַ פריערדיקן סטודענט אַרקאַדי קוצענקאָ. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אונדז ביידן שיקט מען, נעמענדיק אין אַכט אונדזער בילדונג, קיין טשיטאַ, אין אַ טאַנקען־שול, וועלכע האָט דאַן געהייסן טראַנסבײַקאַלער פאַנצערטאַנקען־אַקאַדעמיע. ווידער האָט מען געדאַרפט זיך געזעגענען מיטן זאַוואָד, מיט די פרײַנט, מיט די אייגענע און פאָרן אין ווײַטע קאַנטן.

— דו ווילסט זײַן אַ מיליטערמאַן? — האָט געפרעגט קוצענקאָ.

— ווער קאָן וויסן, — האָב איך געזאָגט. — עפּשער וועט דאָס אויך גוט צוניץ קומען אין אונדזער לעבן...

4

פּערציק טעג און פערציק נעכט האָט זיך באַוועגט אָפּ מיזרעך אונדזער מיליטערישער עשעלאָן. מע איז געפאָרן דורך מאָסקווע, און איך האָב געהאַפט, אַז כ'וועל קענען זײַן אָפּן רויטן פּלאַץ, אָנקוקן דעם קרעמל, שטיין באַם לענין־מאַוזאָליי, אָבער דאָס איז מיר געלונגען נאָר אָפּ צוריקוועגס.

ס'איז געווען טרויעריק, ווי שטענדיק, ווען אַ געוויסער לעבנס־עטאַפּ פאַרבלײַבט אין דער פאַרגאַנגענהײַט, און אין דער זעלבער צײַט איז געווען פרייליך, ווײַל אין דער צוקונפט האָט אונדז דערוואַרט אַן אַנדער, נאָך ניט באַקאַנט לעבן, און ס'האָט זיך געעפנט אַלץ אַ נײַע, ווי ס'האָט געזאָגט דער פּאָעט, ווײַט נאָך ווײַט...

אַזאַ איז שוין, ווײַזט אויס, די אייגנשאַפט פונעם כאַראַקטער: אַלע ערטער, ווו ס'איז אויסגעקומען צו אַרבעטן, האָב איך ליב ביז הײַנטיקן טאָג, האַלט זיי פאַר אייגענע. עס געפעלן מיר סײַ די אוקראַיִנישע דערפער — ווײַס־גרינע אינדזלען צווישן די ווײַצענע פעלדער, סײַ די שיינקײַט פון די ווײַסרוסישע לאַנדשאַפטן, וואָס וואַרפט זיך ניט אין די אויגן, נאָר טוט פאַרקלעמען דאָס האַרץ, סײַ די שעפעדיקע בלױונג פון די סעדער אין מאָלדאַוויע, סײַ די ענדלאָזע סטעפּעס פון קאַזאַכסטאַן, באַזונדערס פרילינג־צײַט, ווען די טולפּאַנען און מאָגנען באַדעקן זיי מיט אַ דורכויסיקן טעפּיך... און פאַר יענע פערציק מעסלעס איז דאָס גאַנצע לאַנד דורכגעגאַנגען פאַר מײַנע אויגן, און איך האָב ניט אויפגעהערט באַוואונדערן זײַנע ראַכוועסן.

דער מיליטער־לאַגער, וווהין מיר זײַנען אָנגעקומען, האָט זיך געפונען אינעם ראַיאָן פון דער סטאַנציע פעסטשאַנקע, ניט ווײַט פון טשיטאַ. אָפּ דער געלער ערד זײַנען געשטאַנען לאַנגע גרויע נידעריקע באַראַקן, וועלכע ס'האָבן געבויט נאָך די יאַפּאַנער. אינמיטן איז געווען אַן איבונג־פּלאַץ, אַרום־און־אַרום האָבן זיך געהיפּנט ווילדע פעלדזן. ס'האָט זיך פאַרגעדענקט אַ שלעפּריקער קעמל, וועלכער האָט געשלעפּט פעסער מיט וואַסער. וואַסער פלעגט מען אַהערצו פירן, און אין דער באָד (פאַר אַ סאָלדאַט — איז דאָס די ערשטע זאַך) האָט מען געגעבן וואַסער לויט דער נאָרמע צוויי שעפלעך אָפּ אַ מענטשן.

מע האָט אונדז אָנגעטאָן אין דער אוניפאָרם, צעשיקט אין די ראָטעס, איך בין אַרײַנגעפאַלן אין דער ערשטער ראָטע פונעם טאַנקען־באַטאַליאָן, און ס'האָט זיך אָנגעהויבן די דינסט.

— אופשטיין! פלי אַרויס ווי אַ קויל!

מעג זײַן אַ היץ, אַ פראָסט, אַ רעגן, אַ ווינט — פלעגן מיר אַרויסשפּרינגען מיט נאַקעטע ברוסטן, מאַכן די פרימאָרגנדיקע גימנאַסטיק, דערנאָך שערענגעסווײַז צום פרישטיק, דערנאָך לערנען דעם סטאַטוט, לאַנגע שאָען פון מיליטערישער צוגרייטונג און באַלערעוודיקע אַנווײַזונגען פונעם סטאַרשינאַ פאַליייעוו, וועלכער איז געווען באַזונדערס שטרענג צו אונדז:

— ס׳איז אײַך דאָ ניט קיין אינסטיטוט. דאָ דאַרף מען צולייגן קאָפּ. סמיר־ר־נאָ!

גיין פלעגן מיר, זינגענדיק לידער, — די באַליבטע איז דעמלט געווען «Нас побить, побить хотели»[1] — געזונגען מיט כיישעק, צופײַפנדיק, געשטעמפּלט די טריט. איך האָב זיך שנעל אַרײַנגעצויגן אין דעם דאָזיקן לעבן.

דאָ ניט לאַנג, בײַס דער רײַזע קיין סיביר און אַפן ווײַטן מיזרעך, איז מיר אויסגעקומען באַזוכן פעסטשאַנקע. דאָס איז שוין גאָר ניט יענער יישעוו, כאָטש אויך הײַנט געפינט זיך דאָרט אַ מיליטערישע לערן־טייל. ס׳איז פאַראַן אַ מוזיי פון מיליטערישן רום, ווו איך האָב דערזען אויך מײַן פאָרטרעט אין אַ טאַנקיסטישן העלם פון יענע יאָרן. די סאָלדאַטן האָבן מיט ליבשאַפט צונויפגעזאַמלט פאָטאָגראַפיעס, מאַטעריאַלן פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע, דאָקומענטן פון די מאַלאָזעמעלצעס. דערנאָך האָבן די יונגע שלאַכטלײַט אײַנגעלאַדן אַ קוק טאָן די הײַזער, ווו זיי וווינען. און ווידער זײַנען דאָס געווען אַבסאָליוט ניט יענע באַראַקן, ווו מיר זײַנען דורכגעגאַנגען די דינסט. הײַנטצײַטיקע געבײַדעס, ליכטיקע פענצטער, פאַרבעטע קויקעס, ריין־אויסגעוואַשענע דילן. דעמלט אָבער איז, אין טאָג גענומען, קיין וווינונגספאָנד ניט געווען און די טאַנקען זײַנען געשטאַנען אין טראַנשייען, באַדעקטע פון אויבן בלויז מיט ברעזענט.

דאָס וויכטיקסטע איז בײַ אונדז געווען די מיליטער־דינסט. אַ סאַך אופמערקזאַמקײַט פלעגט מען, ווי שטענדיק אין דער אַרמיי, אָפּגעבן דעם ספּאָרט — אַרבעטן אַפן טורניק, שפּילן אין וואָלייבאָל, ווינטער־צײַט — לירשע־מאַרשן. כ׳געדענק, ס׳פלעגט מיר אויסקומען אויך איינעם אַליין דורכצומאַכן אַ לאַנגן וועג אַף לירשעס. אַ קילאָמעטער דרײַסיק־פערציק. כ׳האָב געפירט ראַפּאָרטן פאַר דער קאָמאַנדשאַפט אַף דער צווישנסטאַנציע.

מע פלעגט אונדז אָפט זאָגן, אַז טאַנקיסטן דאַרפן קענען דורכמאַכן אויך צופוס שנעלמאַרשן. די צונויפגעוויקלטע שינעלן — אַף די פלייצעס, די שיך אונטערציִען, און אַ קאָמאַנדע: „מאַרש פאָרויס!“ די שנעל־מאַרשן זײַנען געווען ווײַטע. צוערשט פלעגן מיר סײַ די פיס אָנמוליען סײַ די אָנעטשעס האָבן מיר ניט געקענט אָנוויקלען. דאָס אַלץ איז געווען. און איינמאָל פרילינג־צײַט, בײַס אַזאַ וואָרף־מאַרש האָט זיך צווישן די סאָפּקעס צעגאָסן אַן אָרטיק טײַכל. מיר האָבן זיך שוין געהאַט אומגעקערט, געשפּאַנט מיט אַ ליד, אַלץ איז, דאַכט זיך, געווען גוט. און פלוצעם אַ וואַסער־פאַרצאַמונג. מיר דערהערן דאָס קאָל פונעם קאָמאַנדיר: „וואָס האָט איר זיך אָפּגעשטעלט?“ שווײַגן מיר: ס׳הייסט, אַליין זעסטו דאָך, איבערן וואַסער איז ניט אַריבערצוגיין. דערצו נאָך אַ שטאַרקער קאַלטער ווינט. דער פריִער פרילינג האָט מיט קיין וואַרעמקײַט יענע ערטער ניט געבאַלעוועט. מיר זעען, דער קאָמאַנדיר האָט אויסגעטאָן די גימנאַסטיאָרקע, אײַנגעוויקלט אין איר דאָס פערזענלעכע געווער, אופגעהויבן עס איבערן קאָפּ און אָפּגעגעבן אַ קאָמאַנדע: „נאָך מיר!“ דאָס וואַסער איז אײַז־קאַלט, מיר זײַנען אַריבער דאָס טײַכל — עס קלאַפּט אַ צאָן אָן אַ צאָן. און אָט, אַ נײַע קאָמאַנדע: „פאָרויס, לויפנדיק!“ נישקאָשע, מ׳האָט אויסגעהאַלטן.

אַזוי האָט זיך פאַרהאַרטעוועט דער ווילן, אַזוי האָט זיך אויסגעאַרבעט דער כאַראַקטער, דער כאַראַקטער פון אַ סאָוועטישן סאָלדאַט. דערנאָך איז געקומען דאָס סאַמע אינטערעסאַנטע: די טאַקטישע איבונגען, דאָס דערלערנען די מאַטעריעלע טייל, דאָס פירן די טאַנקען. מיר האָבן דאַן באַהערשט די מיטעלע טאַנקען «Т-26», «БТ-4», וועדליק הײַנטיקע צײַטן, פאַרשטייט זיך, שוואַכע. אָבער דאַן האָבן זיי אונדז זיך אויסגעוויזן ווי אַ גרויזאַם געווער. מיר האָבן געשאָסן פון אָרט, אין גאַנג — איבער זיך באַוועגנדיקע צילן. און מיר פלעגן זייער שטאָלצירן, ווען אַליין דער קאָמבאַט קאַפּצאָוו האָט אָפּגעשאַצט אונדזער שיסן אַף אויסגעצייכנט.

מיט גרויס פאַרגעניגן דערמאָן איך ביז איצט דעם דאָזיקן שטרענגן קאָמאַנדיר און האַרציקן מענטשן. איך קאָן ניט זאָגן, אַז מיר זײַנען געוואָרן מיט אים פרײַנט (ער איז געווען דער קאָמאַנדיר, איך — אַ קורסאַנט), אָבער באַצויגן זיך צו מיר האָט דער קאָמבאַט גוט, איך האָב אויך געהאַט אָפּשײַ פאַר אים. אין די אָוונטן פלעגן מיר ניט זעלטן שמועסן וועגן דער אַרמייִדינסט, וועגן דער מעגלעכער מילכאָמע. שפּעטער האָט וואַסילי אַלעקסייעוויטש קאַפּצאָוו זיך באַטייליקט אין די שלאַכטן אַף כאַלכין־גאָל, באַקומען דעם טיטל העלד פון סאָוועטנפאַרבאַנד,

---

[1] „אונדז מ׳האָט צעשלאָגן, צעשלאָגן געוואָלט“ (איבערז.).

צו דער פּאַטערלענדישער מילכאָמע איז ער געקומען אַלס גענעראַל און איז העלדיש געפאַלן אַפן פראָנט. דאָס איז געווען דער ערשטער קאַדראָווע אָפיצער, וועלכן איך האָב דערקענט: וועגן אַזעלכע זאָגט מען געוויינלעך — אַ מיליטעריש ביינדעלע. לויטן שניט פונעם כאַראַקטער אַ מענטש אַ ניט באַריידעוודיקער, מיט אַ שטאַרקן ווילן, שטענדיק אַן אונטערגעצויגענער, אַ מונטערער. ער איז געווען פאַר מיר סײַ אַ לערער סײַ אַ מוסטער פון אַן עכטן קאָמאַנדיר, וואָס האָט געווידמעט זײַן לעבן דער דערציִונג פון סאָוועטישע סאָלדאַטן, וועלכע האָבן אין אַ באַליביקן מאָמענט זיך געקאָנט שטעלן צו פאַרטיידיקן אונדזער גרויס היימלאַנד.

איך געדענק אַזאַ עפּיזאָד. ניט ווײַט פון דעם אָרט, ווו ס'האָט זיך דיסלאָצירט אונדזער טייל, איז געפלאָסן דער טײַך טשיטינקאַ. מיר האָבן ליב געהאַט קומען אַפן ברעג: דורכזיכטיק־ריין וואַסער, אין פיל ערטער זעט זיך אַרויס דער דנאָ. איז זאָגט איינמאָל קאָפּצאָוו:

— איר האָט דאָ צונויפגעזאַמלט זיך אַלע אינזשעניערן. איז פרוווט לייזן אַזאַ אויפגאַבע. איר גייט דורך אַף אײַערע טאַנקען איבער אַ פלאַכלאַנד, שפּרײַזט אַריבער די שטרויכלונג, שטעלט אַוועק די מאַשין אונטער אַ ווינקל אַף די סאָפּקעס, און קיינער פון אײַך האָט זיך ניט פאַרטראַכט וועגן דעם, וויאַזוי מע גייט דורך אַף אַ טאַנק איבערן דנאָ פון אַ טײַך?

און וואָס מיינט איר: מיר האָבן זיך מיט דעם איניען פאַרנומען. אָנגעהויבן איבערלייגן, וואָס מע קאָן טאָן. סאָפּקאָלסאָף געלייזט פונדעסטוועגן אָט די אויפגאַבע.

וואָס איז דאָס? דערציִונג פון אַזאַ מין איינשטעלערישקייט? ניין, מיר האָבן פאַרשטאַנען דעם באַפעל פונעם קאָמבאַט אַזוי, אַז דאָס גרייט ער אונדז צו באַליביקע קאָמפּליקאַציעס, אַף וועלכע עס קאָן אָנטרעפן דער עקיפּאַזש פון אַ טאַנק שוין ניט בייס דער לער, נאָר אין געווירבל פון די קריגס־אָפּעראַציעס. און דאָרט וועט אויסקומען לייזן אויפגאַבן מער קאָמפּליצירטע, איידער אַפן פּאָליגאָן, אַפן איבונג־פּלאַץ. אָט צו וואָס קאָפּצאָוו האָט אונדז געגרייט. און אַ סאַך פון אונדז זײַנען אים געווען דאַנקבאַר דערפאַר. די טאַנקיסטן, וועלכע זײַנען אַרויס פון אונדזער באַטאַליאָן, האָבן זיך אַרויסבאַוויזן ווי פאַרהאַרטעוועטע קאָמאַנדירן אין די יאָרן פון דער פּאַטערלענדישער מילכאָמע. וויאַזוי דערמאָנט מען דאָ ניט סוואָראָווס ווערטער: „שווער אין דער לער — גרינג אין שלאַכט". עמעס, אין שלאַכט איז קיינמאָל ניט גרינג.

אין פעסטשאַנקע בין איך איינער פון די ערשטע באַשטימט געוואָרן אַלס קאָמאַנדיר פון אַ וזוואָד, און דערנאָך אויך אַלס קאָמאַנדיר פון דער צווייטער ראָטע. פאַר מיר איז די דאָזיקע נאָמינירונג געווען אַ בעקאָוועדיקע, איך האָב זי אויפגענומען ווי צוטרוי מיצאַד דער קאָמאַנדשאַפט.

דערנאָך בין איך געוואָרן אַ פּאָליטרוק פון אַ טייל. די טעג זײַנען געווען פאַרפולט ביזן ברעג. סײַ מיליטער־דינסט, סײַ אַרויסלאָזן שלאַכט־בלעטלעך, סײַ די פּאָליט־שאָ, די דערציִונגס־אַרבעט, און מע דאַרף אויך אַ שמועס טאָן מיטן סאָלדאַט. מענטשן בלײַבן מענטשן, אַלע האָבן אייגענע דײַגעס, אייגענע צאָרעס, אייגענע פריידן. נאָר וויאַזוי איך זאָל ניט געווען זײַן פאַרנומען, פלעג איך קעסיידער געפינען אַ מינוט אַף צו שיקן אַ בריוועלע אַהיים. איינמאָל האָב איך אַפילע אָפּגעשיקט די מײַניקע אַ קאַרטעטשקע. איך בין געשטאַנען אַפן גאַנעק, איז צוגעגאַנגען קאָפּצאָוו, עמעצער האָט אַ שנאָל געטאָן מיטן פּאָטאָ־אַפּאַראַט. און ס'האָט זיך באַקומען אַ פּאָטאָגראַפיע. כ'האָב באַשלאָסן זי שיקן אַהיים. געקלערט אַזוי: דעם טאַטן און דער מאַמען איז שטענדיק אָנגענעם ניט בלויז צו באַקומען אַ בריוו, נאָר אויך אַ קוק צו טאָן אַף זייער זון.

5

עס זײַנען אַדורך יאָרן. און איצט זע איך באַזונדערס גוט, ווי נוצלעך ס'זײַנען געווען פאַר מיר אָט די אַלע איבערפּאָרענישן, נאָמינירונגען אַף אַרבעט, די נײַע באַגעגענישן און נײַע איניאָנים, אין וועלכע ס'איז אויסגעקומען אַרײַנצודרינגען.

פאַרשטענדלעך, אַז ווען כ'האָב פאַרטיידיקט דעם דיפּלאָם פון אַן אינזשעניער, האָב איך ניט געטראַכט, אַז אין דער צוקונפט שטייט מיר פאָר זיך פאַרנעמען מיט דעם ווידער־אויפבוי פון „זאַפּאָראָזשסטאַל", אָנפירן מיט דער לאַנדשוץ־אינדוסטריע פון אַ געגנט און אַפילע פון דעם גאַנצן לאַנד. אַרבעטנדיק אַלס ערד־אײַנאָרדענער, האָב איך ניט געהאַט אין געדאַנק, אַז צוזאַמען מיט כאַווײרים וועט מיר אויספאַלן איבערשטאַלטן די ערד אַף מיליאָנען צעלינאַ־העקטאַרן, און קריגנדיק מיליטערישע געשולטקײַט, האָב איך זיך ניט פאָרגעשטעלט אין דער פולער מאָס, וויאַזוי זי וועט צוניץ קומען אין דער שווערסטער פון די מילכאָמעס. ניט געוווסט

האָב איך אויך, אז דאָס אלץ צוזאמען גענומען, בא דער שטענדיקער פארבינדונג מיט מאסן מענטשן, וועט פארוואנדלט ווערן אין א געשמעלץ פון דערפארונג, געווינהײַטן, קענטעניש, וואָס ווערט אָנגערופן מיט צוויי פּראָסטע ווערטער: פּארטיייִשע ארבעט. און נאָר מיט דער צײַט האָב איך גענומען פארשטיין, אז מיך, פּונקט ווי טויזנטער אנדערע מענטשן, האָט מען ווירקלעך געגרייט, דערבײַ פּולקאָם באוווסטזיניק, צו קינפטיקע גרויסע טועכצן. די דאָזיקע צוגרייטונג האָט געפירט די קאָמוניסטישע פּארטיי.

אינגיכן נאָכן אומקערן זיך פון דער ארמיי האָט מען מיך אויסגעוויילט אלס שטעלפארטרעטער פון דעם פאָרזיצער פונעם אויספירקאָם פון דניעפּראָדזערזשינסקער שטאָטראט. פאָרזיצער איז דעמלט געווען אפאנאסי איליטש טראָפימאָוו, אן אלטער פּארטיי־מיטגליד, א יאָמאן פון דער באלטיק, אן אָנטיילנעמער פון דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע, אן ארבעטער פון אונדזער דזערזשינקע. קיין גרויסע בילדונג האָט ער ניט געהאט, האָט ער זיך זייער דערפרייט מיט מײַן אינזשענירישער צוגרייטונג און טייקעף פאָרגעלייגט זיך צו פארנעמען אין אויספירקאָם מיט די פראגן פון בויונג און שטאָט־ווירטשאפט.

ס'איז אויסגעקומען טיף ארײַנצודרינגען אין דער ארבעט פונעם סאָוועט — אן אומרויִקע, פילפלאניקע, א פולשטענדיק געריכטעטע צו די באדערפענישן פונעם פאָלק. די ארבעט איז געווען ניט קיין נײַע — איך האָב צו איר זיך אָנגעשלאָסן נאָך אין ביסערטיער ראיאָן, און פונדעסטוועגן האָט מען א סאך באדארפט באגרײַפן אפסנײַ. די דאָזיקע דערפארונג האָט מיר געהאָלפן אין 1960 יאָר, ווען איך בין אויסגעוויילט געוואָרן אלס פאָרזיצער פונעם פרעזידיום פון דעם אויבער־סאָוועט פון פססר, העלפט אויך הײַנט, ווען באנאנד מיט די פליכטן פון גענעראל־סעקרעטאר פון צק קפסס האָבן די פארטיי און דאָס פאָלק באנײַס מיר פארטרויט אָט דעם הויכן, בעקאָוועדיקן, אָבער אויסערסט פאראנטוואָרטלעכן פאָסטן, וואָס פאָדערט אומדערמידלעכע מי.

האָבנדיק אין זיקאָרן די אייגענע פּראקטיק, האָב איך פון סאמע אָנהייב גענומען זיך דערשלאָגן, עס זאָלן פאנאנדערגעארבעט און אָנגענומען ווערן געזעצן, וועלכע פארברייטערן די רעכט פון די דעפּוטאטן, כ'האָב געשטעלט די פראגע וועגן פארשטארקן די ראָליע פון די אָרטיקע סאָוועטן, וועגן העכערן זייער אווטאָריטעט, וועגן פארפולקומען די טעטיקײַט פון דעם גאנצן מעלוכישן אפּאראט.

מײַן ארבעט אין קאמענסקאָיע, וואָס איז פאר מײַנע אויגן פארוואנדלט געוואָרן אין דער מאָדערנער שטאָט דניעפּראָדזערזשינסק, דערמאָן איך קעסיידער מיט דאנקבארקײַט. ס'איז געווען א צײַט ביז גאָר אן אינטערעסאנטע. נעמלעך דעמלט האָבן מיר אפּלאָדירט דעם פירלינג פּאפּאנינצעס, וואָס האָט באהערשט דעם צאָפן־פּאָליוס, מיט א צאפּלדיק הארץ האָבן מיר נאָכגעשפּירט נאָך די טשקאלאָווישע איבערפליִען, זיך געפרייט מיט די יעדיִעס פון דער מאגניטקע, פונעם קוזנעצקער קאָמבינאט און פון אנדערע נײַ־בויונגען. דער דניעפּרישער זאוואָד האָט אין יענע יאָרן זיך אויך אנטוויקלט ווײַטער: אין מײַנע צײַטן האָט מען צעבלאָזן דעם אכטן דאָמנע־אויוון, געלאָזט אין גאנג די אגלאָפּאבריק, דעם דריטן מארטען־צעך. איבער דעם גאנצן פארבאנד האָט אָפּגעהילכט דער סטאכאנאָווישער רעקאָרד פון אונדזער שטאָלקאָכער יאקאָוו טשײַקאָווסקי. דער פאָלקס־קאָמיסאר פון דער שווערער אינדוסטריע סערגאָ אָרדזשאָניקידזע האָט גערופן די שטאָל־שמעלצער פונעם לאנד איבערנעמען זײַן דערפארונג.

צוזאמען מיטן זאוואָד, פינקטלעכער, מיט די זאוואָדן, וועלכע האָבן זיך באוויזן בא אונדז, איז געוואקסן די שטאָט, אין איר ארײַן זײַנען די דערפער טריטוזנאָיע, ראָמאנקאָוואָ. עס זײַנען אנטשטאנען פּראָבלעמען — ס'האָבן אויסגעפעלט שולן, פּאָליקליניקעס, קינדערגערטנער, ס'איז געווען שווער מיט וווינונגען, עס האָבן זיך גענייטיקט אין באנײַונג די וואסערלייטונג, די קאנאליזאציע, דער טראנספּאָרט. אָט מיט דעם אלעמען האָב איך זיך טאקע באשעפטיקט אין אויספירקאָם. מע האָט געדארפט זיך אויסלערנען אמפּערן זיך מיט די דירעקטאָרן, וועלכע האָבן געשטרעבט צו בויען „כוטאָרן“ לעם זייערע אונטערנעמונגען, בײַקומען די שטימונגען, וואָס דרינגען ארויס פון ענגע אמט־אינטערעסן, זאמלען די קויכעס און מיטלען אין איין פויסט, און איך געדענק גוט אונדזערע ערשטע דערפאָלגן, זאָל זײַן באשיידענע, נאָר אזעלכע נייטיקע פאר די מענטשן.

אין פאָלקס־קאָמיסאריאט פון דער שווערער אינדוסטריע איז מיר געלונגען צו באקומען אסיגנירונגען, און מיר האָבן דורכגעלייגט א טראמוויי־ליניע פון באגליי ביזן לעניק־פּלאץ — ס'איז געווען בעעמעס א גרויסער יאָמטעוו, ווען די רויטע וואגאָנען האָבן זיך א לאָז געטאָן לויפן דורך דער גאנצער שטאָט. איך געדענק, וויִאזוי מע האָט אופגעשטעלט (פאר צוויי און זעכציק טעג) דעם שיינעם בניִען, אין וועלכן עס געפינט זיך אויך הײַנט דער פּיאָנערן־פּאלאץ, וויִאזוי די קאָמיוגיסטן האָבן געבויט דעם סטאדיִאָן, וויִאזוי ס'האָבן זיך באוויזן בא אונדז „הויט־

כע״ מויערן פון פיר שטאָקן, מיט באַלקאָנען, מיט ברייטע פענצטער. און האגאם די מאסשטאבן פון דער בויונג זײַנען געווען ווײַט ניט קיין איצטערדיקע, דאָך האָבן הונדערטער מישפּאָכעס געפּראַוועט כאנוקאס־האבאיִס. מע האָט ברוקירט אין שטאָט די גאסן, געפלאנצט סקווערן, ס׳איז געוואָרן מער סכוירעס אין די מאגאזינען, דער אוילעם האָט זיך צוגעקליידט, דאָס לעבן איז געוואָרן בעסער — מיט דעם טאקע האָט זיך מיר פארגעדענקט די צײַט פון דער ארבעט אין דניעפּראָדזערזשינסק.

אין שטאָט־סאָוועט פון דניעפּראָדזערזשינסק בין איך געווען מער פון א יאָר, דערנאָך האָט מען מיך ארויסגערוקט אף פּארטיי־ארבעט. צוערשט האָב איך פּארוואלטעט מיט אן אָפּטייל, און אין פעווראל 1939 יאָר בין איך אויסגעווײלט געוואָרן אלס סעקרעטאר איבער פּראָפּאַגאנדע פון דעם דניעפּראָפּעטראָווסקער געגנטלעכן קאָמיטעט פון קפּ(ב)או. וועגן דער קאָמפּליצירטער און פארשיידנארטיקער ארבעט פונעם געגנטקאָם — דעם שטאב פון דער פּארטיי־אָרגאניזאציע פון דער גאנצער געגנט — האָב איך גענוי דערציילט אינעם בוך „ווידערגעבורט“. דער ערשטער סעקרעטאר איז דעמלט געווען בא אונדז סעמיאָן באָריסאָוויטש זאדיאָנטשענקאָ, א מענטש א געניטער, א קלוגער, א שטארקער, בא וועמען מע האָט געקאָנט פיל לערנען. די באציִונגען צווישן אונדז האָבן זיך אײַנגעשטעלט זאכלעכע, כאווערישע. פון איצט אָן האָב איך געטראָגן די פאראנטוואָרטלעכקײַט פאר איינעם פון די וויכטיקסטע באצירקן פון דער פּארטיי־ארבעט — פאר דער ארבעט אין געביט פון אידעאָלאָגיע. דער קרײַז פון מײַנע פליכטן איז שטארק אויסגעוואקסן, די מאסשטאבן פון דער ארבעט האָבן זיך פארברייטערט, עס פלעגט מיר איצט אויסקומען אָפט ארומצופאָרן איבער די שטעט און דערפער, באגעגענען זיך מיט הונדערטער מענטשן.

איך האלט פאר זייער א וויכטיקן אומשטאנד דאָס, וואָס כ׳האָב דורכגעמאכט די דאָזיקע שול. עס זײַנען פאראן, ווי באוווּסט, דרײַ גרונט־ריכטונגען פון פּארטיי־אָנפירונג — פּאָליטישע, אידעאָלאָגישע, אָרגאניזאציאָנעלע. קיין רייד וועגן דעם, וועלכע פון זיי איז וויכטיקער, קאָן ניט געמאָלט זײַן — אלע זײַנען זיי פאר דער פּארטיי נייטיק, אלע אין א גלײַכער מאָס וויכטיק. דאָס קאָנען צונויפּפאָרן אלע זײַטן פון דער פּארטיי־טעטיקײַט — דאָס איז א קונסט, און די דאָזיקע קונסט דארף מען זיך לערנען א גאנץ לעבן.

די אידעאָלאָגישע ארבעט איז שטענדיק געווען און פארבלײַבט איינע פון די ערשטראנגיקע אופגאבן פון דער קאָמוניסטישער פּארטיי. די דאָזיקע ארבעט איז פארשיידנארטיק: זי פאָדערט א וויסנשאפטלעכן אנאליז פון די פּראָצעסן, וועלכע קומען פאָר אין דער געזעלשאפט, און א באשטענדיקע לייזונג פון די אנטשטייענדיקע אין צוזאמענהאנג דערמיט פּראָבלעמען.

עס איז געפערלעך אפילע אף א צײַט, אפילע אף באזונדערע באצירקן פארגעסן וועגן דעם אידייִשן פּרינציפּ אין מעלוכישן און געזעלשאפטלעכן לעבן, שאָלעם מאכן מיט אידייִשע פּעלערן. אפן ערשטן קוק זײַנען זיי ניט אזוי אָנזיכטיק, ווי לאָמיר זאָגן, פּעלערן טעכנישע. אויב עס איז ניט ריכטיק פארפּראָיעקטירט עפּעס אן אגרעגאט, וועט ער ניט געבן די דערוואַרטע מעכטיקײַט אָדער ער וועט אינגאנצן ניט ארבעטן — דאָס לאָזט זיך באלד דערזען, דעם פאַרשאפענעם העזעק איז לײַכט אונטערצורעכענען. און א פּעלער אין דער אידעאָלאָגיע איז, אלס קלאל, פארבאָרגן, פארקאמופלירט מיט א שלייער פון שיינע ווערטער, אָבער טאקע דעריבער נאָך מער געפערלעך מיט זײַנע פאָלגן, ווײַל ער וועט זיך אומבאדינגט אָפּרופן און ברענגען אומגעהייערן שאָדן, אויב מע וועט אים צו דער צײַט ניט פאריכטן. אין דער הײַנטצײַטיקער וועלט איז קיין וואקוום ניטאָ: דאָרט, וווּ מיר זײַנען זאָרגלאָז, דאָרט זײַנען טעטיק אונדזערע אידעאָלאָגישע קעגנער. „דעריבער, — האָט געלערנט וו. אי. לענין, — באטײַט דערמיט גופע יעדע פארמינערונג פון דער סאָציאַליסטישער אידעאָלאָגיע, יעדע באזײַטיקונג פון איר די פארשטארקונג פון דער אידעאָלאָגיע דער בורזשואזער“.

דאָס האָב איך מיט א באזונדער שארפקײַט געשפּירט אין יענע יאָרן, וועגן וועלכע איך דערצייל דאָ: אף מײַרעוו האָט זיך שוין אָנגעהויבן דער צווייטער וועלט־קריג, ער האָט זיך דערנעענטערט צו אונדזערע גרענעצן, דער אידייִשער גראנגל צווישןביידע סיסטעמען האָט זיך דערנעענטערט צו זײַן העכסטער פאָרם — צו אן אָפענעם קריגס־צוזאמענשטויס. אין דער דאָזיקער אומגעבונג זײַנען אויסגעוואקסן די פאָדערונגען צו דער אידייִש־פּאָליטישער דערציִונג פון די קאדרען, צו דער פארשטארקונג פון דער פארבינדונג צווישן דער פּארטיי מיט די מאסן. ס׳איז געווען נייטיק פירן אן אקטיווע, אָנגרײַפערישע פּראָפּאגאנדיסטישע ארבעט, רעכטצײַטיק ארויסווײַזן א ווידערשטאנד דער פײַנטלעכער אידעאָלאָגיע, פארפעסטיקן בא די סאָוועטישע מענטשן די הויכע פּאָליטישע באוווּסטזיניקײַט, דערציִען זיי אין גײַסט פון סאָציאַליסטישן פּאטריאָטיזם און פּראָלעטארישן אינטערנאציאָנאליזם, אין גײַסט פון טרײַהײַט די אידעאלן פון קאָמוניזם.

צו דעם אַלעמען דאַרף זײַן אַ גוסט באַ יעדן אָנפֿירער, באַ יעדן קאָמוניסט, שוין אָפּגערעדט פֿון דער סאַמע, וואָלט זיך געדאַכט, פּאַשעטער אויפֿגאַבע, וואָס פֿאָדערט דאָך קעסיידערדיקע באַמיִונגען, — דערפֿירן צום פֿאָלק די ציִלן, וועלכע מיר שטעלן פֿאַר זיך, אויפֿקלערן, וואָס קאָנקרעט דערשלאָגט זיך אַפֿן געגעבענעם עטאַפּ דער צענטראַל־קאָמיטעט פֿון אונדזער פּאַרטיי. מיט אַנדערע ווערטער, מע דאַרף אַרויסטרעטן אין פֿאַרשיידענע אַאודיטאָריעס, באַגעגענען זיך מיט מענטשן. דעמאָלט, אין דניעפּראָפּעטראָווסקער געגנט, האָב איך צום ערשטן מאָל זיך צוזאַמענגעשטויסן מיט אָט דער נויטווענדיקײַט, אין פֿאַרבינדונג מיט וואָס כ׳וויל אַרויסזאָגן אייניקע געדאַנקען, וועלכע האָבן זיך אָנגעהויבן אויסבילדן באַ מיר נאָך אין יענע יאָרן.

דאָס פּאַרטייִשע לײַדנשאַפֿטלעכע וואָרט איז געווען און פֿאַרבלײַבט אַ שאַרף געווער פֿון דער פּאַרטיי, און באַציִען זיך צו דעם דאַרף מען זייער ערנסט.

די סאָוועטישע מענטשן באַווײַליקן די פּאָליטיק פֿון דער פּאַרטיי, שטיצן זי. און פֿונדעסטוועגן האָבן מיר טאָמיד געשענקט און שענקען גרויס אויפֿמערקזאַמקײַט דער אידעאָלאָגישער אַרבעט. דאָס הויפּט־וואָפֿן אין דער דאָזיקער אַרבעט איז דער עמעס. סײַ וועגן די דערפֿאָלגן סײַ וועגן די בלויזן, האַלטן מיר, איז נייטיק צו ריידן ערלעך. אַן אָפֿענעם געשפּרעך וועלן מענטשן טאָמיד פֿאַרשטיין. וו. אי. לענין האָט באַטאָנט, אַז דער קויעך פֿונעם סאָציִאַליזם איז אין דער באַוווּסטזיניקײַט פֿון די מאַסן.

ס׳איז ניטאָ קיין זאַך, וואָס זאָל זײַן מער פּרוכטלאָז, ווי פּראָפּאַגאַנדע אָן אַן אַדרעס, אָן אָפּגעריסענע פֿון די אינטערעסן פֿון דער אַאודיטאָריע, פֿון די טאָג־באַדערפֿעניש. אויב דער אָראַטאָר מײַדט אויס צו ענטפֿערן אויף שאַרפֿע פֿראַגן, רופֿט ער אַרויס באַ די מענטשן אומצוטרוי. אויב דער לעקטאָר פֿלאָנטערט מיט דער צונג אויף דער טריבונע, כאַזערט איבער דאָס, וואָס איז אַלגעמיין־באַוווּסט, האָט עס ניט די ווערט קיין גראָשן, נאָך מער, אַזאַ אָראַטאָר קאָן ביכלאַל אָפּגעווינען די מענטשן פֿון הערן לעקציעס. פֿאָרמאַליזם אין דעם געביט איז שעדלעך, ס׳איז אומבאַדינגט נייטיק אַ שעפֿערישער צוגאַנג. כ׳וויל אונטערשטרײַכן: ניט אין פּיפּיקע אָראַטאָרישע קונצן, אין וועלכע עס זײַנען געניט די בורזשואַזע פּאָליטיקער, ניט אין דעם אויסגערעכנטן פּאַטאָס און ניט אין רײַסן דעם גאָרגל ליגט דער סאָד פֿונעם דערפֿאָלג. וו. אי. לענין, ווי באַוווּסט, האָט ניט פֿאַרמאָגט קיין הויכע שטים, און אים האָבן דאָך דערהערט אַלע. דאָס גאַנצע לאַנד, די גאַנצע מענטשהײַט. דערהערט דערפֿאַר, ווײַל מע האָט געהערט. און געהערט האָט מען, ווײַל אין די רעדעס זײַנען געווען אידייען און געדאַנקען, נאָענטע פֿאַר די מאַסן, אויף צו פֿאַרטיידיקן די דאָזיקע אידייען פֿלעגט ער געפֿינען אַרגומענטן, וואָס עס איז זיי געווען אומעגלעך אָפּצופֿרעגן, ער איז געווען לאָגיש, פֿלעגט מאַכן טיף וויסנשאַפֿטלעכע, דרייסטע אויספֿירן, שטעלן אויפֿגאַבן שטענדיק קאָנקרעטע און באַדײַטנדיקע...

די פֿאַרמילכאָמעדיקע יאָרן אין דניעפּראָפּעטראָווסק דערמאָנען זיך ווי אַ צײַט פֿון אויסערסט אָנגעשטרענגטער אַרבעט. אויסערלעך איז אַלץ געווען רויִק: אין קינאָ זײַנען געגאַנגען די קאָמעדיעס „וואָלגע־וואָלגע“ און „דער ליכטיקער וועג“, מיטן געוויינלעכן אַרבעט־ריטם איז געפֿלאָסן דאָס לעבן אין די שטעט און דערפֿער, אויף די פֿעלדער האָט גערײַפֿט די גערעטעניש. אָבער מיר אַלע האָבן געפֿילט: די געפֿאַר פֿון אַ מילכאָמע וואַקסט אָן. אין 1940 יאָר האָט דער דניעפּראָפּעטראָווסקער שטאָטקאָם באַקומען אַ פֿאַראַנטוואָרטלעכע אויפֿגאַבע פֿונעם צק אַלקפּ(ב) — אַריבערפֿירן אַ טייל אונטערנעמונגען פֿון דער געגנט אויף אַרויסלאָז פֿון קריגסטעכניק. פֿון מאָסקווע איז אָנגעקומען אַ שיפּראָווקע, וועלכע האָט אונדז פֿאָרגעלייגט שאַפֿן אַ שטעלע פֿון אַ סעקרעטאַר פֿונעם געגנטקאָם איבער דער לאַנדשוץ־אינדוסטריע. די זיצונג פֿון דער ביוראָ האָט דורכגעפֿירט זשדאַנאָוו. ער האָט געזאָגט, אַז, נעמענדיק אין אַכט די באַזונדערע וויכטיקײַט פֿון דער דאָזיקער אַרבעט און די באַדײַטונג, וואָס עס גיט איר צו די פּאָליטביוראָ פֿונעם צענטראַל־קאָמיטעט, דאַרף מען אויף אָט דעם פּאָסטן אַרויסרוקן ניט בלויז אַ טעכניש צוגעגרייטן מענטשן, אַ ספּעציִאַליסט, וואָס איז באַהאַוונט אין מעטאַלורגיע, נאָר אויך אַ טיכטיקן אָרגאַניזאַטאָר, וואָס קאָן אַרבעטן מיט מענטשן. אָט אַזוי אָן ערעך האָט ער גערעדט און פֿאָרגעשלאָגן מײַן קאַנדידאַטור. מע האָט אָפּגעשטימט איינמוטיק.

צי האָבן מיר גענומען אין באַטראַכט די רעאַלע געפֿאַר פֿון אַ מילכאָמע, צי האָבן מיר זיך געגרייט דערצו? אָן שום צווייפֿל, גענומען אין באַטראַכט, געגרייט זיך. אין דעם, אַז די מילכאָמע־געפֿאַר וואַקסט אָן, אַז דער פֿאַשיזם איז אונדזער הויפּט־סוינע, זײַנען קיין ספֿייקעס ניט געווען.

דאָס לאַנד האָט זיך שטאַרק געניטיקט אין מעטאַל. אין יוני 1940 יאָר האָבן דער ראַטפֿאָלקאָם פֿון פֿססר און דער צק אַלקפּ(ב) אָנגענומען אַ באַשלוס „וועגן די מאָסמיטלען, וועלכע זיכערן דאָס אויספֿילן דעם אײַנגעשטעלטן פּלאַן פֿון שמעלצן טשוהון, שטאָל און פֿון פּראָדוצירן וואַלץ“. עס האָט זיך פֿאַנאַנדערגעוויקלט אַן אַלפֿאַרבאַנדישע פֿאַרמעסטונג פֿון די מעטאַלורגן

פאַר בעסער אויסנוצן די מעכטיקייט פון די אגרעגאטן, און מײַנע לאַנדסלײַט האָבן דערגרייכט אין דער דאָזיקער פאַרמעסטונג מערקבארע דערפאָלגן. די אונטערנעמונגען, וועלכע האָבן געגעבן אויסגעשפּראָכן פרידלעכע פּראָדוקציע, האָבן איצט אָנגעהויבן ארבעטן אַף דער ארמיי: דער זאוואָד אַף ארטיאָמס נאָמען, האָט ארויסגעלאָזט דעטאלן פאַר מיליטערישע אעראָפּלאַנען, דער זאוואָד אַפן נאָמען פונעם קאָמינטערן — מינענוואַרפער, דער דניעפּרישער מעטאַלורגישער אַף דזערזשינסקיס נאָמען — ארטילערישע סנאַריאַדן...

צו מיר אַפן טיש אינעם געגנטקאָם פלעגן אָנקומען סוואָדקעס, וועלכע האָבן נישט געקאָנט ניט פרייען. און כאָטש כ׳האָב געטראָגן די פאַראַנטוואָרטלעכקײַט שוין פאַר הונדערטער אונטערנעמונגען, האָב איך די ידיעס פון דעם לײַבלעך־אייגענעם זאוואָד, כ׳וועל ניט אויסבאַהאַלטן, באַזונדערס נאָענט גענומען זיך צום הארצן. אין 1941 יאָר איז דעם דניעפּרישן זאוואָד אַף פ. ע. דזערזשינסקיס נאָמען צוגעזאָגט געוואָרן דער טיטל „בעסטער מעטאַלורגישער זאוואָד פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד" און ער האָט באַקומען די רויטע איבערגאַנגס־פאָן פונעם פאָלקסקאָמיסאַריאַט פון שווארצער מעטאַלורגיע און פון דעם צק פונעם פראָפאַריין פון די מעטאַלורגן.

* * *

דאָס געפיל פון היימלאַנד הייבט זיך בא יעדן פון אונדז אָן פון דער דערמאָנונג וועגן דער קינדהייט, פון זײַן שטוב, זײַן גאַס, זײַן שטאָט אָדער דאָרף. און צוזאַמען דערמיט לעבט אין אונדז דאָס געפיל פון דעם ראַכוועסדיקן, גרויסן היימלאַנד, וואָס ווערט אין די טעג פון געפאַרן און פון גרויסע ניסיונעס מיטאַמאָל אינגאַנצן, פון ענד ביז ענד, ביז ווייטעק נאָענט און טײַער.

עס האָט מיר אָפּגעגאָלטן צו זען באַשײַמפּערלעך די ראַכוועסן פון דעם לײַבלעך־אייגענעם לאַנד, נאָענט דערקענען פיל מיטבירגער, און כ׳האָב געוווּסט, אַז די פּלענער, טרוימען, פאַרטראַכטן פונעם פאָלק זײַנען ווי אָנגעמאָסטן פאַר דער ערד, אַף וועלכער ס׳איז אונדז אויסגעפאַלן דאָס גליק צו לעבן, וועלכע מיר האָבן באַקומען פון די טאַטעס און דאַרפן איבערלאָזן פאַר די קינדער נאָך מער א רײַכע און בליִענדיקע.

מיר האָבן עס דערוויזן מיט די גרויסע אופטוען פון די ערשטע פינפיאָרן.

נאָר אָט איז געקומען א פײַנלעכע, ביטערע און צוזאַמען דערמיט פאַרפולטע מיט גרויסן גלויבן און ניטגעזעענעם העראָיִזם צײַט אין דעם לעבן פון אונדזער פאָלק. עס האָט זיך אָנגעהויבן די גרויסע פאָטערלענדישע מילכאָמע. ס׳איז געקומען די צײַט צו באַשיצן די גרויסע דעראָבערונגען פונעם סאָציאַליזם, פאַרטיידיקן אַלץ, וואָס מיר האָבן באַוויזן אופצוטאָן און אופצובויען, מיטן לעבן זיך אײַנשטעלן פאַר אונדזער ליבער ערד. און איך בין צוזאַמען מיט מיליאָנען סאָוועטישע סאָלדאַטן און אָפיצערן דורכגעגאַנגען דעם אויסערגעוויינלעך שווערן וועג פון דער מילכאָמע פון דעם אָנהייב און ביזן סאָף, פון דעם ערשטן טאָג פון דער מילכאָמע און ביז דעם ליכטיקן טאָג פון ניצאָכן.

אָבער וועגן אָט דעם פּעריאָד — איז א באַזונדערע רייד.

איבערזעצט — מ. שולמאַן

אַלץ, וואָס דיך רינגלט אַרום

א באַגעגעניש אין קאַלאָוויִרט „ראַדינאַ"

און ווען איך זאָל ניט זײַן אין דאָרף,
מיט פּולער רעכט כ'קאָן פּויעלן:
פּונקט ווי אין ראַיצענטער, אויך דאָרט
כ'זע שפּאָגל־נײַע מויערן.
לעם יעדער שטוב — א יונגער בוים
און טראָטוארן ציכטיקע.
עס האָט פאַרווירקלעכט זיך דער טרוים
בא מײַנע פרײַנט — קאָלווירטניקעס.

איך גיי אין גאַס. מיט פרייד איך טראַכט,
ווי ס'האָט די ערד געביטן זיך,
און פּלוצעם: א גוטמאָרגן, בראַט! —
די הענט צופרידן דריקן מיר.

לעבן וועג די ביימער זײַנען גרין —
מיט צווײַט זיך אָנטאָן אײַלן זיך.
ער זעצט אוועק מיך אין מאַשין
און פירט דאָס פעלד באַווײַזן מיר.

פון ברייטן שליאַך, וואָס ווײַטער גייט,
אַף רעכטס האָט ער פאַרקערעוועט:
— דאָ קלעווער האָבן מיר פאַרזייט
פאַר אונדזער רײַכער טשערעדע.

די זון האָט ברייטהאַרציק באַשײַנט
לעם אונדז די ביימער איינצלנע.
עס האָט א שמעק געטאָן מיט לײַן
און מיט א פעלד א ווייצענעם.

ער שלעפּט אַרויס פון דאָרט א זאַנג
און ציילט די רויע קערנדלעך.
אַזוי מע האָט אַמאָל — גאָר לאַנג
געציילט בלויז עפּשער רענדלעך.

לעם וועג די ביימער זײַנען גרין —
מיט צווײַט מיט ערשטן אײַלן זיך.
ער זעצט אוועק מיך אין מאַשין
און פירט די וועלט באַווײַזן מיר.

היט אָפּ די נאַטור

טאָמער א פויגל דאַרף הילף,
לאָז אים פון אויג ניט אַרויס,
גיי צו אים צו מיט געפיל,
נעם אים אַרײַן אין דײַן הויז.

זאָג ניט, אַז דיר איז אַלצאיינס —
ביימער אָן אונטערשייד שעצ.

טאָמער א פערד איז אין שווייס,
גיי צו אים צו ווי א מענטש.

גיב אים פון עמער א טרונק,
פיר אים אַוועק פון א ווינט.
אַלץ, וואָס דיך רינגלט אַרום,
ייִראַס־האַקאָוועד פאַרדינט.

אַפן רויטן פּלאַץ

די ערע־וואַך פון לענין־מאַוזאָליי
שטרענג לויט דער צײַט זיך בײַטן גייט אַרויס.
אָט זע איך יונגעלײַט, און לעבן זיי
א מענטש אין מײַנע יאָרן טיילט זיך אויס.

איך האָב אים צווישן אונדזערע דערקענט.
ער האָט מיך אויך דערקענט און זיך דערפרייט.

מיר האָבן זיך גענומען פאַר די הענט —
צעקושט זיך און שוין לאַנג זיך ניט צעשיידט.

געבליבן איז די פרײַנטשאַפט שטאַרק געטרײַ,
ווײַל די מילכאָמע האָט זי אויסגעפּרוווט.
און ס'זעען יונגע, גייענדיק פאַרבײַ,
ווי וועטעראַנען נעמען זיך אַרום.

פון אן אלטער העפט

1

באגינען האָט געגומען גיין א רעגן —
ס'איז אָנגערײַפן געוואָרן זייער שווער.
מיט די געפּאַלענע איז אויך א ליטעגאַנט געלעגן,
לעם אים — אן אַלטער פידל אַף דער ערד. —

יאָ, יאָ, געלעגן אַף דער פײַכטער ערד
אין א פוטליאַר א געלבלעכן פארשלאָסן...
דער פידל — ווי דער פידלער, דורכגעשאָסן,
און שווײַגט, פונקט ווי דער פידלער, פונקט ווי ער.

און ווייסט איר וואָס: אין ליטעגאַנטס פּלאַנשעט
די פּאַרטיטור פון א סימפאָניע שאָסטאַקאָוויטשס,
און אויסער יענע נאָטן, גליבבט, מער גאָרנישט —
זיי האָבן אים געהאָלפן נעמען שטעט.

2

א פרוי א רוסישע, א קראַנקע, שטאַרק געהוסט,
פאַר מיר איז מילך אוועק אנטלײַען —
סוכאַרעס איז מיר שווער געווען צו קײַען.
פונוואַנען איז דאָס איר געווען באוווּסט?

כ'געדענק איר זייער אויסדריקלעכן פּאָנעם
און דעם שפּיטאָל אין ניט קיין גרויסן הויז.
— סינאָק... — האָט זי געזאָגט, ווען כ'בין ארויס,
און צוגעטראָגן מיר א לעפל האָניק.

3

צוויי־דרײַ ווערטער כ'מוז פארשרײַבן:
אויב כ'וואָלט אָפּן שלאַכטפעלד בלײַבן
פון א קויל צי פון א שפּליטער —
אויסגעגאַנגען כ'וואָלט אָן ציטער.

כ'האָב פּאָרויס געוווּסט, אז קיינער
וועט מײַן אומקום ניט באוויינען.
וועגן מיר די פּאָכאָראָנקע
וואָלט געבליבן בא דעם ראָטנע.

מיך געמיידט האָט די סאָקאָנע,
כ'בין געקומען פון מילכאָמע.
נאָר די רו, וואָס איז אנטשטאַנען,
וועט ניט אופהייבן מײַן מאַמען

און מײַן טאַטן, מײַנע ברידער
פון די ריוון, פון די גריבער.
בעסער וואָלטן זיי איינעם
מיך, דעם איינציקן, באוויינען.

אלעקסאנדער ליזען

שאָט, א מענטש ווערט געבוירן!

1

די פרוי האָט עפּעס דערציילט. ער האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. מיר, ווידער, האָט זיך אויסגעוויזן, ווען כ'בין דורכגעגאנגען פארבײַ זיי, אז ער גריסט זיך מיט מיר. האָב איך זיך אָפּגעשטעלט. ער האָט אַף א רעגע אָפּגעלאָזט זײַן קוליע און מיר אויסגעשטרעקט די האנט. איך האָב זי א דריק געטאָן. נאָכדעם האָבן מיר זיך אנטשולדיקט אײנער פארן אנדערן און זיך צעשמייכלט. און שוין. כ'האָב זיך געלאָזט גיין ווײַטער. ס'איז מיר אָבער נאָך לאנג ווארעם געווען אפן הארצן פונעם שמייכל, וואָס ס'האָט געטאָן יענער אומבאקאנטער מענטש.

דער פרויס געזיכט איז מיר ווי געווען באקאנט. אזוי האָט זיך מיר אויסגעדאכט. עפּשער דערפאר, וואָס כ'האָב געהערט, ווי זי האָט דערמאָנט קופּערס נאָמען: לעוו רווימאָוויטש. און איך האָב גראדע אויך געקלערט וועגן קופּערן. זי ארבעט, אפּאָנעם, די פרוי, אַף אונדזער זאוואָד.

ס'האָט מיר א ביסל באנק געטאָן, וואָס כ'האָב זיך צוגעײַלט אוועקגיין פון זיי. נאָר אומקערן זיך צוריק האָט שוין ניט געפּאסט. כ'האָב זיך נאָר אויסגעקערעוועט, אויסגעווישט די ברילן פון די אָנגעקלעפּטע שנייעלעך. זיי, די פרוי און דער מאנצבל אַף די קוליעס, זײַנען נאָך אַלץ געשטאנען. די פרוי האָט דערציילט עפּעס, און דער מאנצבל האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, אָנשפּארנדיק זיך מיט בײדע הענט אַף די ווײַס געוואָרענע קוליעס.

שוין דער דריטער מעסלעס, ווי א געדיכטער שניי פאלט און פאלט פונעם נידעריקן פארגרויטן הימל. דער ברייטער ברוק איז פארוואנדלט געוואָרן אין א שמאָלן טראָטואר — אַן ענגע טראנשיי צווישן צוויי אָנגעהויפנטע בערג שניי, און דער טראָטואר, ווידער, איז פארוואנדלט געוואָרן אין א שלעכט אויסגעטאָפּטשעט ברודיק סטעזשקעלע. די שטאָט איז פארזונקען אין א ווײַסן נעפּל, א לעבעדיקן, א צאַפּלדיקן פון מיליאסן פלאטערנדיקע שנייעלעך. האָב איך א קלער געטאָן, אז אַף קוליעס דארף איצטער זײַן טאקע ביטער. ס'איז דאָך זייער גליטשיק. און יענער מענטש איז זיך געשטאנען רויִק אזוי און געשמייכלט.

באזונדערע ווערטער פון דער פרוי האָבן זיך פונדעסטוועגן דורכגעריסן דורכן שיידימטאנץ פון די שנייעלעך און זיך פארהאלטן אין מײַן זיקאָרן. עפּשער דערפאר, וואָס ארום־און־ארום איז געווען שטיל, און עפּשער נאָך דערפאר, וואָס מײַן באוווּסטזײַן איז געווען אָנגעשטעלט אַף דער דאָזיקער „וועל“. די וועל וואָס הייסט „לעוו רווימאָוויטש“...

קיין שום טראנספּאָרט, פארשטייט זיך, קורסירט איצט ניט. נישט קיין טראָלייבוס, נישט קיין אווטאָבוס, פון א טראמווײַ איז אָפּגערעדט — אפילע קיין סימען פון רעלסן ניט צו זען. אַלץ איז באגראָבן אונטער א קאלטער לאווע, און דאָס שטיקל וועלט ארום דיר זעט אויס ווי א ווײַסער מידבער.

נו איז וואָס? גאָרניט. א קליינער אומגליק. און עפּשער אינגאנצן קיין אומגליק ניט, נאָר א פארגעניגן: א שפּאן טאָן דרײַ קילאָמעטער צופוס צי עפּשער פיר, פינקטלעך וויפל, ווייס איך ניט, ווײַל פּראקטיש האָט עס מיך קיינמאָל ניט אינטערעסירט, דער וועג אינעם איבערגעפולטן טראָלייבוס ווערט געמאָסטן ניט מיט קיין קילאָמעטער, נאָר מיט מינוטן. דרײַ קילאָמעטער צופוס מיט מונטערע טריט דורך די טאנצנדיקע

שנייעלעך, וואָס פאַלן פונעם הימל, אָדער עפּ־שער פאַרקערט, הייבן זיך אויף פון דער ערד. וואָס איז דאָס? — אַן אַנשיקעניש? ניין. גיכער — א גרויסאַרטיקע נאַטור־פאַרשטעלונג, זייער א זעלטענע אין אונדזערע קאַנטן, וואָס שפּילט זיך אָפּ עפּשער איין מאָל אין א יוביל, אַזוי אַז טיילמאָל ווײַזט זיך אויס, אַז די סטיכיי האָט זיך שוין פולקאָם אויסגעוועפּט.

איך דערמאָן זיך איינִיקע ווערטער פון דער פּרוי: „...מע נעמט באַ אונדז צו לעוו רווימאַוויטשן... א שאָד, א שאָד... גלײַך ווי מע וואָלט אים אָפּגעריסן פון אונדז מיט א שטיק האַרץ...“ — כ׳דערמאָן זיך און כידעש זיך: זײַער ענלעך אָף דעם, וואָס לעוו רווימאַוויטש האָט מיר געזאָגט מיט א מינוט צען צוריק! „כ׳האָב דאָרטן איבערגעלאָזט א שטיק פון מײַן נעשאָמע...“ ער האָט שוין געהאַלטן באַם אונטערשרײַבן דעם אַקט וועגן איבערנעמען בא מיר דעם צעך, און אַלץ נאָך ניט געקאָנט זיך געזעגענען מיט יענעם צעך, ווו ער האָט פריִער געאַרבעט. איך, ווידער, האָב געמיינט: ער מאַכט זיך. פּאַרזיסט מיר די פּיל. און עפּשער טאַקע — פאַרענטפערט ער זיך אַזוי: ער פּרעטענדירט, הייסט עס, ניט אָף מײַן שטעלע. כאַלילע, וואָס דאַרף ער עס?

איך קוק מיט כשאַד אונטער די פּיס: הויל, גליטשיק אײַז. מוז מען שפּאַנען זייער פאַרזיכטיק. עס גייט ניט אַזוי אינעם רוקן, ווי אין די בריל׳ן... איז קוק איך און פּרווו דערווײַל אופּלעבן אין זיקאָרן דעם געשפּרעך מיט קופּערן. איך פּרווו זיך אים אַנאַליזירן, קלערנדיק בעשאַסמײַסע, אַז ס׳איז א פּוסטע זאַך: דער אַקט איז דאָך שוין אונטערגעשריבן, אַזוי טאַקע האָב איך צולעצט געזאָגט:

— דער אַקט איז אונטערגעשריבן, איז אַן עק. ניטאָ פון וואָס צו ריידן.

ער אָבער, לעוו רווימאַוויטש, האָט פּאַמעלעכן אויסגעשטרעקט די האַנט, ער בעט, הייסט עס, איך זאָל אים געבן די צעטלען פון די אַרבעטער פונעם צעך. גלײַך ווי ער וואָלט נאָך דעם צעך ניט איבערגענומען. ער האָט טאַקע אַזוי געזאָגט, באַמערקנדיק מײַן אומצופרידנקײַט:

— נו, גוט. דער אַקט איז געכאַסמעט. נאָר דאָס איז דאָך בלויז א פּאַפּירל, כ׳מיין, נאָר די פאָרם. און איצט מוזן מיר זיך נעמען פאַרן טאָך.

ס׳האָט א קלונג געטאָן דער טעלעפאָן. א צופרידענער האָט דוינעלע גיך־גיך א שאָט געטאָן מיט ווערטער אין טרײַבל אַרײַן:

— טאַטע, כ׳האָב שוין זיבן און דרײַסיק און אַכט צענטל...

מײַן טעכטערל איז אַנציקט פון איר קראַנקײַט, פּונקט ווי איך פון דער צעבושעוועטער סטיכיי. איבעריקנס, עפּשער כיטרעוועט זי, דוינע, וויל, אַז איך זאָל גיכער קומען אַהיים און דערציילן איר א מײַסעלע. דאָך האָט דאָס האַרץ א טיאָכקע געטאָן.

כ׳האָב דערלאַנגט קופּערן די צעטלען, פאַרשלאָסן דעם שופלאָד, א וואָרף געטאָן דעם שליסל אָפּן טיש. מיט א בראַזגערײַ האָט דער שליסל זיך צוגעקײַקלט איבערן גלאָז צו קופּערן, נאָר ער האָט זיך אַפילו ניט א ריר געטאָן. ער איז זיך באַשיידן געזעסן פון יענער זײַט טיש און געבלעטערט די צעטלען.

כ׳האָב זיך אויסגעדרייט צום פענצטער, אַראָפּגענומען די ברילן, צוגעדריקט זיך מיטן שטערן צום קאַלטן גלאָז. די זאַוואָדישע קאָרפּוסן אין די פּוכיקע שנייִיקע פעלערינעס האָבן פאַרלוירן זייער מאַסיוווּקײַט, די זאַכלעכע פאַרייכערטע וואָכיקײַט. זיי האָבן איצט אויסגעזען פאַנטאַסטיש. כ׳האָב זיך געשפּיגלט אין זיי, גלײַך ווי איך וואָלט זיי געזען דאָס ערשטע מאָל. אָדער דאָס לעצטע מאָל. ווען מע געזעגנט זיך מיט עפּעס טײַערס, באַמיט זיך דאָס אויג צו באַמערקן און דער זיקאָרן צו פאַרגעדענקען יעדע קלייניקײַט.

וואָס עפּעס פּלוצעם — „ווען מע געזעגנט זיך“? נאַרישקײַטן! און אַלץ איבער מײַן... עפּעס א פּאַסקודנע מאַכשאָוועלע קומט מיר אָפּן זינען: עפּשער מאַכן מיר זיך ביידע געפּייגערט, קופּער און איך?

קופּער נעמט איבער דעם צעך און האַלט אין איין קלאָגן זיך:

— נאָך וואָס דאַרף איך אים?.. אַכצן יאָר האָב איך געאַרבעט אין יענעם צעך. דו פאַרשטייסט, אַרקאַדי, גאַנצע אַכצן יאָר!

טאַקע דעמלט האָט ער געזאָגט די דאָזיקע ווערטער: „כ׳האָב איבערגעלאָזט דאָרטן א שטיק נעשאָמע...“

ער רעדט, און איך קלער: וואָדען! פּרומע באַשיידנקײַט! מע האָט אים מיט קויעך געשלעפּט אַהער צי וואָס? ווען ער וואָלט באַשטאַנען, בין איך זיכער, אַז מע וואָלט אים איבערגעלאָזט אין אַלטן צעך... איך האָב אים אָבער גאָרנישט ניט געזאָגט: אַלעמײַ זאָל איך קאַליִע מאַכן די שפּיל?.. דעם צעך האָב איך איבערגעגעבן האָפּערדיק, שיר ניט פרייִלעך, קוים, הייסט עס, זיך דערוואָרט:

— וואָדען! וואָס פאַר א שטעלע איז דאָס? פליכטן־אויספילער! וויפל איז דער שיר זײַן א פליכטן־אויספילער?..

אָט אַזוי האָבן מיר געשמועסט און באַשיט איינער דעם אַנדערן מיט קאָמפּלימענטן:

קופּער — מיך: איר זײַט א יונגער, א פײַקער, א גוטער ראַציִאָנאַליזאַטאָר, איר גרייט א דיסערטאַציע, נו און פּראַקטיש קענט איר אויך זייער גוט אונדזער טעכנאָלאָגיע, שוין עטלעכע

יאָר, ווי איר אַרבעט אַלס שטעלפאַרטרעטער און אַפילע אַלס פליכטן־אויספּילער פונעם שעף פון דעם דאָזיקן צעך, הייב איך ניט אָן צו פאַרשטיין, פאַרוואָס עפּעס האָט מען מיך באַשטימט אַלס שעף, און ניט אײַך...

איך — קופּערן: איך — עטלעכע יאָר, און איר — עטלעכע צענדליק יאָר. ס'איז אַ כּי־לעק!.. איר זאָלט ניט צווייפלען: סע וועט מיר זײַן זייער אָנגענעם און דעריקער נוצלעך צו אַרבעטן אונטער אײַער געניטער אָנפירונג...

די לעצטע ווערטער האָב איך באַזונדערס אַ קוועטש געטאָן, און ביכלאַל האָב איך אַ ביסל צוגעפּעפּערט מײַנע לויבגעזאַנגען מיט איראָניע, ס'זאָל זיך ניט באַקומען לאַקריץ־זיס. כ'האָב דאָס אָבער געטאָן פאָרזיכטיק. פאָרט מײַן קינפטיקער שעף. איך ווער דאָך ווידער אַ שטעלפאַרטרעטער.

אַגעוו, האָב איך אים מיטפילנדיק באַמערקט:

— אוואַדע איז אײַך דאָרטן, אין יענעם צעך, געווען געמיטלעכער. אַ קאַבינעטל האָט איר דאָרטן געהאַט אַן ערעך אַזאַ ווי דאָ. נאָר די אומגעבונג איז געווען אַ מער אָנגענעמע. צוויי פאָנען פון ביידע זײַטן. איין פאָן — פאַר די דערפאָלגן אין דער סאָציאַליסטישער פאַרמעסטונג, די צווייטע — פאַר ראַציאָנאַליזאַציע און דערפינדערישקײַט. וואָס וועט זיך אָבער דאָ באַקומען, איז נאָך אַ גרויסע פראַגע. איין זאַך — שוואַרץ־ווײַסע קינעסקאָפּן, און גאָר־גאָר אַן אַנדערע — קאָלירטע....

שלאָגט מיך קופּער איבער:

— דאָס זעלבע האָב איך דאָך געטײַנעט צום דירעקטאָר. אין שוואַרץ־ווײַסע קלײַב איך זיך טאַקע ניט שלעכט פאַנאַנדער. און נעמען זיך אַצינד, אַף די עלטערע יאָרן, פאַר קאָלירטע, איז מיר שוין שווערלעך. אָט איר, אַ יונגער, אַן ענערגישער...

אין טאָך איז ער גערעכט, קופּער. אַזוי מיין איך טאַקע, אויב ריידן אָפן און אופריכטיק, אָן אַניוועסדיקע כיינדלעך. אָט זיצן מיר פון ביידע זײַטן טיש, און דער שליסל ליגט אומבאַוועגלעך, ווי אַ שטיינדל, צווישן אונדז. איז אַדרבא — פאַרגלײַכט אונדז. ווער פּאַסט בעסער? איך צי ער?.. ניין, כ'זאָג ניט, אַז לעוו רווימאָוויטש איז אַ מענטש, וואָס שלעפּט זיך שוין פאַמעלעכן פונעם יאַריד. כאָלילע! ער קאָן נאָך ברענגען אַ סאַך נוץ. נאָר וואָלט ער שוין בעסער אָפּגעזעסן זײַנע עטלעכע יאָר אַף דעם זעלבן בענקל, אַף וועלכן ער איז געזעסן גאַנצע אַכצן יאָר. וואָס דאַרף ער נאָך אַף דער עלטער?.. איך אָבער — איז עפּעס אַנדערס... איך... איך, איך, איך...

איצטער בין איך אַ גרויסער כאָכעם. נאָר דעמלט, ווען מע האָט מיך אַרויסגערופן אינעם קאַדרען־אָפּטייל, האָב איך אָנגעהויבן מעקען: „כ'ווייס... עפשער... עפשער וועל איך זיך ניט ספּראַווען... עפשער... עפשער וואָלט געווען אַ סייכל, אַז... אַז כ'זאָל נאָך אָפּאַרבעטן אַ פּאָר יאָר אונטער דער אָנפירונג פון אַ געניטן...“

אָט אַזוי האָב איך זיך געקוועטשט, נאָר פונדעסטוועגן אין זיך געקלערט: „אָט באַלד וועלן זיי נעמען מיך אײַנריידן און אונטערמונטערן. וועל איך דאַן גרויסמוטיק געבן מײַן האַסקאָמע...

דער שעף פונעם קאַדרען־אָפּטייל האָט אָבער רויִק געזאָגט:

— גוט. מיר וועלן נאָך אַ טראַכט טאָן.

אינערלעך בין איך דאָך געווען זיכער, אַז מיך טאַקע וועט מען באַשטימען אַלס שעף פונעם צעך. ערשטנס, איז איצטער אַ מאָדע אַף יונגע קאַדרען, צווייטנס...

יאָ, צווייטנס... מיינט ניט, אַז איך יאָג זיך נאָך קאָוועד, איך בין ניט קיין גײַציקער, כאָטש גײַציקײַט, בין איך איבערצײַגט, איז געוויס אַ באַשטימטער און מעכטיקער סטימול. כ'מיין אָבער, אַז באַ מיר איז דער איקער ניט דאָס. איך בין פּאָשעט פאַרליבט אין קינעסקאָפּ, וואָס האָט נאָך איין נאָמען, אַ מער היימישן און ליכטיקן, כאָטש אויך אַ טעכנישן: „עלעקטראָנשטראַליק טרײַבל“. אין דער היים, ווידער, רוף איך עס „קישעף־טרײַבל“. און דווינעלע, און אַפילע פאַינע, ווען זי איז ניט איבעריק אַרײַנגעטאָן אין אירע קיך־געשעפטן, האָבן ליב צו הערן, וואָס איך דערצייל זיי וועגן זײַנע וווּנדערלעכע אייגנשאַפטן.

עמעס, פאַינע קאָן אַמאָל אַרײַנפאָרן אין מיט פון מײַנע רייד מיט עפּעס אַ וואָכעדיקער פראַגע („ווּעסט עפשער אַרויס אין קראָם נאָך ברויט?“) און צעשטערן מײַן גאַנצע היסלײַוועס. זי דערוואַרט זיך ניט אַף מײַן ענטפער און לויפט אַוועק, טוענדיק ניט קיין איבעריק שטילן טראַסק מיט דער טיר, וואָס דאָס קאָן באַטײַטן נאָר איינס: „וואָס דאַרף איך דײַן שיינריידערײַ? בעסער וואָלסטו מיר געהאָלפן אין דער באַלעבאַטישקײַט! איך אַרבעט דען ניט, פונקט ווי דו?“

2

זײַנען מיר, הייסט עס, ביידע געזעסן, איך און לעוו רווימאָוויטש פון ביידע זײַטן טיש. ער וואָלט געדאַרפט נאָר אויסשטרעקן די האַנט און נעמען דעם שליסל, און שוין. און פּאָטער. איז ניין. ער זיצט און קווענקלט זיך, ביז דער טעלעפאָן הייבט ווידער אָן קלינגען, און דווינעלע שרײַט אויס אַנציקט:

— טאטע, כ'האָב שוין זיבן און דרײַסיק און נײַן צענטל. קום גיכער אהיים.

כ'האָב א קוק געגעבן אף קופּערן, דערנאָך אפן טרײַבל און געזאָגט דוינעלען:

— באַלד קום איך.. און קלינג ניט מער. דו שטערסט מיר ארבעטן...

א ווײַלע איז אין טרײַבל שטיל. און נאָכדעם:

— איך שטער דיר ניט ארבעטן. איצטער איז שוין ניט קיין ארבעט... ארבעט־צײַט...

א־האַ! קלאָר. פאַינע שטייט הינטער דוינעס פּלייצעס.

דער קלונג האָט מיר צעשלאָגן די געדאַנקען, און איך קאָן זיך בעשום־אויפן ניט קאָנצענטרירן. ביפראַט, אז ס'האמערט מיר נאָך אין קאָפּ די מײַסע מיטן ווערווריקל. אינדערפרי, ווען איך בין ארויס פון שטוב, אײַלנדיק אפן זאַוואָד, — מע מוז דאָך גיין צופוס, — איז מיר עפּעס אראָפּגעפאַלן אפן קאָפּ. א ציגל? ניין, צו גרינג. א שניי־פּלאַכטע? ניין, צו שווער. איך האָב זיך טאקע זייער געײַלט, פונדעסטוועגן האָב איך זיך אָנגעבויגן און אופגעהויבן פון דער ערד א גרוילעך, פוכיק און קאָמיש ווערווריקל. כ'האָב עס ארופגעוואָרפן אפן באַלקאָן און שטרענג באַפוילן דוינען, וואָס איז גלײַך ארויסגעשפּרונגען אהין:

— מארש צוריק אין צימער ארײַן! אָבער געשווינד! דו קענסט זיך נאָך צוקילן.

איז עפּשער האָט זי זיך טאקע צוגעקילט און קראַנק געוואָרן?.. ביפראַט, אז בא אונדז ווילדעוועט אצינד א געפערלעכער גריפּ מיט א שפּאָגל־נײַעם ווירוס, וואָס האָט אי א נאָמען, אי א נומער. פארשאָלטענע ווירוסן. אמאָל האָבן זיי פונדעסטוועגן מוירע געהאַט פאַר פּרעסט. איצטער האָבן זיי זיך שוין צוגעפּאַסט. פּרעסט, זאַווייעס, — גאָרנישט גייט זיי ניט אָן!

זאָג איך קופּערן:

— כ'וועל גיין אהיים. מײַן מיידעלע איז, דאַכט זיך, ניט מיט אַלעמען.

הייבט ער אוף די אויגן פונעם צעטל, קוקט אף מיר מיט אן אָפּוועזנדיקן בליק. כ'מיין, ער ברעכט זיך שוין דעם קאָפּ, וויאַזוי זיך דערשלאָגן, אז דער צעך זאָל מאָרגן ארויסלאָזן כאָטש אף איין קינעסקאָפּ מער, ווי הײַנט, קעדיי אַלע זאָלן דערפילן, אז לעוו קופּער איז געקומען אהער. וואָדען! קוקט ער, הייסט עס, אף מיר א ביסל צעמישט, און פרעגט:

— וואָס הייסט „דאַכט זיך"?

הער א מײַסע! וואָס איז דאָס? א פארהער? אף וואָס פאר א סמאַך? און ביכלאַל, ס'איז זײַן אייסעק?

איז ערשטנס, איך האָב געקאָנט פאָרמולירן מײַן פארלאַנג אזוי: „כ'וועל גיין אהיים. מײַן מיידעלע איז ניט מיט אַלעמען". אָן דעם „דאַכט זיך". די דאָזיקע ווערטער האָב איך ארײַנגעשטעלט צוליב פּינקטלעכקײַט, נו, און צוליבן עמעס. איך בין דאָך ניט אינגאַנצן זיכער, אז דוינע איז ווירקלעך קראַנק, עפּשער איז דאָס גאָר פאַינעס א שפּיצל, כ'זאָל גיכער גיין אהיים.

און צווייטנס, בין איך ביכלאַל ניט מעכויעו צוטראַכטן קיין טערוצים. דער ארבעטסטאָג איז שוין לאַנג פארענדיקט, האָב איך די רעכט גיין אהיים. ביפראַט, אז איך מוז זיך הײַנט דערקלײַבן אהיים מיטן טראַמוויי נומער עלף.

ניט ווארטנדיק אף מײַן ענטפער, רעדט קופּער אויס אפגיך:

— נו, פארשטייט זיך, גייט אהיים.

עפּעס א צײַט קוועטשט ער זיך, נאָכדעם גיט ער צו:

— פארגעס אָבער ניט, ארקאַדי, אז מאָרגן דאַרפסטו מיר דערציילן, נו, פארשטייט זיך, אינקורצן וועגן אונדזערע מענטשן...

איר האָט באַמערקט? אמאָל זאָגט ער מיר „איר", און אמאָל „דו". איר האַלט, אז ס'איז צופעליק? מיר אָבער שײַנט, אז ער האָט דערבײַ א מיין. פאַראַן אויך א באַזונדער מיין אין אָט דעם זאָגן „אונדזערע מענטשן". כ'האָב גאַנץ גוט פארשטאַנען, אז ער האָט אין זינען: אונדזערע ארבעטער. פונדעסטוועגן פרעג איך אים האַלב אזעסדיק, האַלב טאַמעוואַטע:

— וואָסערע מענטשן?

שטרעקט ער מיר אויס די צעטלען.

— וועגן יעדן איינעם?

— יאָ. ווינטשנסווערט וועגן יעדן איינעם.

— וועגן אַלע אכט הונדערט? איך קען דאָך ניט יעדן איינעם אפילע לויטן אויסזען.

אזוי זאָג איך אים און קלער דערבײַ, אז אָט וועט ער זיך נעמען מיר דערציילן וועגן אַלעקסאַנדער מוקדן, וועלכער האָט געקענט, זאָגט מען, אַלע זײַנע זעלנער פון אויסזען, און זעלנער זײַנען בא אים געווען גאַנצע דרײַסיק טויזנט.

ער אָבער רעדט וועגן עפּעס אנדערש. דעם אָנהייב האָב איך ניט פארשטאַנען. וואָס ווײַטער, אַלץ מער זײַנען מײַנע געדאַנקען געווען פארנומען מיטן צושטאַנד פון מײַן טעכטערל. דערנאָך איז צו מיר דערגאַנגען, אז ער רעדט ווידער וועגן זײַן געוועזענעם צעך. דאָרטן, זאָגט ער, זײַנען אויך געווען אכט הונדערט, און אַלע האָבן אים געקענט. און א געפיל איז שטאַרק, ווען ער איז קעגנזײַטיק. הייסט עס, אז ער איז אויך מעכויעו געווען קענען זיי אַלע. און ניט פאָרמעל קענען, נאָר...

ער האָט עס אײַנגעטײַנעט מיט מיר (א טעווע פון באַיאָרטע), איך האָב אים ניט איבערגעשלאָגן, סע פּאַסט ניט, אָבער אין זיך האָב איך געקלערט: ער זאָל זיך נאָר ניט נעמען אגי־

טירן פאַר האַרציקײַט, מיטגעפיל און קעדוימע אַזעלכע מאַטעריעס... וואָרעם אויב אַזוי, טאָ ווו איז זײַן מיטגעפיל צו מיר, ווו? מײַן דוינעלע ליגט א קראַנקע, און ער לאָזט מיך ניט אָפּ...

פּונקט דעמלט האָט זיך דער טעלעפאָן ווידער צעקלונגען. כאַפּ איך דאָס טרײַבל. דוינעס קעלכל: „טאַטע, כ׳האָב שוין זיבן און דרײַסיק און צען צענטלעך...“ גיב איך איבער דאָס טרײַבל קופּערן. פאָרמעל מוז איך דאָך אַזוי טאָן: אויב מע קלינגט אהער, הייסט עס, אַז מע קלינגט דעם שעף פונעם צעך, און איך בין שוין אויס שעף. דער אַקט איז שוין אונטערגעשריבן.

קופּער נעמט דאָס טרײַבל מיט זײַנע גראָבלעכע פינגער, דריקט עס צעשטרייט צו צום באַוואַקסענעם אויער, טוט א קנייטש מיט די פּלייצעס, לייגט עס אַוועק אויפן טיש, און רוקט עס שווײַגנדיק אונטער נעענטער צו מיר און צום שליסל. פאַרנייג איך זיך פאַר אים און זאָג אים אָן א „דאַנקט זיך“:

— דערלויבט מיר גיין אהיים. מײַן מיידעלע איז קראַנק.

שטעלט ער אָן אויף מיר א פּאָר באַרויגעזלעכע צי עפּשער טריבע אויגן און זאָגט:

— עפּעס באַשטייט איר הײַנט פון גאָלע איראָניע...

— גיט צו, ענטפער איך אים, — נאָך איין וואָרט: פון טרייסט־איראָניע.

— איר מיינט טאַקע ביז איצט, אַז איך בין אײַך פאַרלאָפן דעם וועג?

— אָדער איר, אָדער א שוואַרצע קאַץ.

— ווײַטער מיינט איר, אַז ס׳איז מיר שוין צײַט צו אָפּטראָגן זיך...

— ניין. דאָס איז וווּלגאַר געזאָגט. עפּשער בעסער — „באַזײַטיקן זיך“?

— ווײַטער מיינט איר, אַז איך בין צו אַלט פאַר דער נײַער טעכניק...

— ניין. פּאָשעטער. די הײַנטצײַטיקע טעכניק איז צו יונג פאַר אײַך.

— ווײַטער מיינט איר, אַז איך בין מעכוּיעוו זיך צו באַרעכטיקן מיט עפּעס...

„איר... איר... איר...“ א שלעכטער סימען. איך בין אָבער שוין צעיאָצט.

— ניין. מיסטאָמע דאַרף איך זיך באַרעכטיקן... וואָדען!

כ׳האָב זיך ווידער פאַרנייגט פאַר אים, און צוגעגעבן:

— נעמט צו מײַן בעסטן טיפהאַרציקסטן דאַנק, וואָס איר האָט זיך ניט געלאָזט לאַנג בעטן און...

שלאָגט ער מיך איבער, קוקנדיק דערבײַ אויף מיר אָנגעשטרענגט, נאָר אַרויסריידנדיק די ווערטער זייער רויִק און לאַנגזאַם:

— איר זענט א צוציק...

ס׳איז געווען פאַר מיר אַזוי אומדערוואַרט, אַז איך בין געבליבן זיצן מיט אַן אָפן מויל. פון צעטומלטקײַט, צי איבער עפּעס אַנדערש, נעם איך אַראָפּ די ברילן, נאָכדעם טו איך זיי ווידער אָן, גלאָץ אויס די אויגן אויף קופּערן: עפּשער האָב איך א טאָעס. ניין, קיין ספֿק ניט. געהערט מיט די אייגענע אויערן — צוציק. אויב קופּער האָט געהאַט אין זינען מיך וואָס ווייטעקדיקער א ביס טאָן, האָט ער קיין מער פּריקרע וואָרט פאַר מיר ניט געקאָנט אָפּזוכן.

ראַשיק, דעמאָנסטראַטיוו טו איך זיך א הייב אויף פונעם אָרט און גיי צו דער שראַנק. קופּער איז, זעט אויס, ניט שטאַרק דערשיטערט דערפון. ער האָט מיסטאָמע אפילו ניט כאַראַטע, וואָס ער האָט אַזוי אומדערבאַרעמדיק א טשמעל געטאָן איבער מײַן אייגנליבע, מײַן דראַנג צו זעלבשטענדיקײַט, אומאָפּהענגיקײַט — כ׳האָב אַליין, הייסט עס, א קאָפּ אויף די פּלייצעס. ער האָט נאָר שווײַגנדיק אָנגעוויזן מיט זײַן גראָבלעכן ווײַזפינגער אויפן טרײַבל, וואָס איז געלעגן, נעבעך, פאַריאָסעמט אויפן טיש און זיך געקלאָגט מיט כאָרכלענדיקע קלאַנגען.

איך האָב האַסטיק א כאַפּ געטאָן דאָס טרײַבל און... כאַראָטע געהאַט. געמיינט דוינעלע, נאָר דערהערט פּאַיִנעס אויפגעבראַכטע שטים.

— וואָס נעמסטו ניט דאָס טרײַבל?.. וואָס גייסטו ניט אהיים?.. וואָס דאַרט דיר ניט דער קאָפּ פאַר דײַן קראַנק טעכטערל?..

דרײַ פראַגעס מיטאַמאָל, דרײַ „וואָסן“, — און לאָזט מיך ניט ענטפערן כאָטש אויף איינער. כ׳פאַרשטיי גאַנץ גוט, אַז די דרײַ זאַלפּן זײַנען נאָר אַן אַרטילערישע צוגרייטונג. באַלד וועט זיך אָנהייבן די אַטאַקע גופא, און מיר איז אַזוי אויך אָנגעזאָליעט אויפן האַרצן, לייג איך אַוועק דאָס טרײַבל אויף זײַן פריִערדיק אָרט, לעם שליסל, וואַרט צו א מינוט צוויי, ביז די אַטאַקע וועט זיך פאַרכלינען, דערנאָך דריק איך ווידער צו דאָס טרײַבל צום אויער און דערהער מיט פאַרוווּנדערונג א גאַנץ זאַכלעכע און קאָנקרעטע פראַגע:

— אַרקאַדי, וואָס הייסט ליומינאָפאָרן?

אָט דאָס איז גאָר עפּעס אַנדערש.

איצט איז די רעכטע צײַט, איך זאָל אײַך מוידיִע זײַן, אַז פּאַיִנע דרוקט איבער אויף דער מאַשינקע מײַן דיסערטאַציע, אַניט וועט איר ניט פאַרשטיין, פונוואַנען קומט צו איר די דאָזיקע פּלוצעמדיקע פראַגע. ביכלאַל האַלט פּאַיִנע, אַז מײַן דורכשלאָגן זיך א וועג אין לעבן גייט צו זייער לאַנגזאַם. „אַנדערע, — זאָגט זי, — אין דײַן עלטער זײַנען שוין קאַנדידאַטן און דירעקטאָרן, נאָר דו...“ צומאָל אָבער שטאָלצירט זי מעסוקן מיט מיר און פאַרשפּרייט צווישן די

שכיינים אומבאגרינדעטע קלאנגען, אז איך בין שוין, מע מעג זאָגן, א וויסנשאפט־קאנדידאט און בין געוואָרן א שעף פון א גרויסן צעך. איצט האָט זי זיך מיסטאמע פארטשעפּעט פארן וואָרט „ליומינאָפּאָרן“ און ווייסט ניט, צי מע דארף דאָס טאקע אזוי אָפּדרוקן, צי עפּשער איז דאָס גאָר א גרייז? סע קאָן אויך זיין, אז זי האָט געוואָלט מיט אָט דער פראגע פארזיסן דעם ביטערן טאם פון די דריי פּריִערדיקע. זי האָט א גוט הארץ, פּאיִנע. ווען זי וואָלט נאָך געהאט א קאפּעלע א קירצערע צונג, וואָלט ביכלאל געווען אויסגעצייכנט.

איך האָב נאָך ניט באוויזן עפּעס צו זאָגן און פונעם טרייבל דערהערט זיך דוינעלעס אומגעדולדיק קעלכל, זי כאזוערט איבער דער מוטערס פראגע אָף איר אויפן:

— טאטע, וואָס הייסט ליו... ליו... ליומינ... ניט געקאָנט טאקע אויסריידן אזא ווילדפרעמד וואָרט.

גיי פּרווו פארטייטש א קינד, וואָס הייסט ליומינאָפּאָרן. ביז איך פּרווו עפּעס צוטראכטן, כאפּט קופּער ארויס בא מיר דאָס טרייבל אזוי געשיקט און אומדערווארט, אז כ'פארליר זיך אזש. ער זאָגט מיט א שמייכל, גלייך ווי ער וואָלט מיך מיט א פּאָר מינוט צוריק ניט אָנגערופן „צוציק“:

— אויב דו ווילסט, ארקאדי, וועל איך פאר דיר ענטפערן.

און ניט ווארטנדיק אָף מיין האסקאָמע, נעמט ער מיט א געמאכטער קינדערשער שטימע עפּעס ארייַנריידן אין טרייבל, וואָס איז אָף האלב באדעקט מיט זיינע גראָוולעכע האָר. ער מיינט, ווייזט אויס, אז זי וועט אים בעסער פארשטיין, אויב ער וועט אזוי ריידן.

— דוינעלע... ליומינאָפּאָרן זיינען אזעלכע קליינינקע, זייער קליינינקע, נו, פּיצינקע...

— ווי שנייעלעך? — דערהערט זיך פונעם טרייבל דוינעלעס שטימעלע.

— ניין, נאָך קלענער... דאָס איז ערשטנס. און צווייטנס, פון שנייעלעך ווייעט מיט קעלט, און פון זיי — מיט שיין און ווארעמקייט...

— זיי זיינען גוטינקע, די פּיצעלעך?

— זייער־זייער גוטע. זיי ברענגען דעם מענטשן פארגעניגן און פרייד.

— און שיינע?

— אוואדע, זייער שיינע. און פון אלערליי קאָלירן. רויטע, בלאָווע, גרינע...

— וווּ וווינען זיי?

— אין טעלעוויזאָר.

— אין טע־לע־ווי־זאָר? פארוואָס זשע זע איך זיי ניט?

— ווייל זיי זיינען מעסוקן קליין...

אָט אזוי פירן זיי א געשפּרעך, און ביידע האָבן האנאָע פון אים, ביז סע רייסט אים ניט איבער פּאיִנעס בייזע שטים:

— ווען זשע וועסטו ענדלעך קומען אהיים?.. איך מוז א לויף טאָן אין אפּטייק נאָך רעפּועס פאר דוינעלען.

קופּער גיט מיר איבער דאָס טרייבל, און איך ענטפער:

— איך גיב איבער דעם צעך.

איך בין געווען גרייט צו א פּאוזע, נאָר ניט צו אזא לאנגדויערנדיקער.

קופּער האָט א זאָג געטאָן:

— נו, מיילע. איך פארהאלט דיך ניט מער. גיי אהיים.

מיר האָבן זיך ביידע א כאפּ געטאָן. איך — אָנטאָן דעם מאנטל. ער — איבערזעצן זיך אָף מיין בענקל. זיין האנט האָט זיך א צי געטאָן צום שליסל, נאָר פארבליבן הענגען אינמיטן וועג.

3

איך געדענק שוין ניט, צי האָב איך געזאָגט „אָף ווידערזעען“, ווען איך בין ארויס פונעם קאבינעט, צי ניין. דאכט זיך, געזאָגט. די שטימונג איז בא מיר געווען א פּאסקודנע. כ'וויס אליין ניט פארוואָס. צי איבער דעם געשפּרעך מיט קופּערן, וועלכער איז שוין פאָרגעקומען, צי איבער דעם געשפּרעך מיט פּאיִנען, וועלכער דארף ערשט פאָרקומען. א שיינעם דאנק דיר, ליבער מענטש אָף די קוליעס! ס'איז מיר עפּעס ליכטיקער געוואָרן אָפן הארצן פון דיין שמייכל... ווען איך וואָלט געקאָנט, פּאיִנע, צו דיר אזוי איצט א שמייכל טאָן, וואָלט דיר עפּשער ניט געווען אזוי שווער אָפן הארצן פון דעם, וואָס כ'בין געוואָרן אויס שעף און ווער ווייסט, ווען איך וועל ווערן א קאנדידאט. דערווייל בין איך א צוציק, ניט מער. כ'מיין, ער האָט דאָס געזאָגט ניט ווי א זידלוואָרט, נאָר גלאט אזוי. עפּשער אפילע אָף קאטאָוועס, אָבער מיר ווייסן דאָך, אז אין א קאטאָוועס איז אויך דאָ א שטיק עמעס...

דו האָסט צו מיר טיינעס, פּאיִנע, וואָס איך קום שפּעט פון דער ארבעט. עמעס, ביסט גערעכט. נאָר איצטער וועל איך קומען נאָך שפּעטער. איך דארף זיך באקאנען מיט אכט הונדערט מענטשן, פארשטייסט? פּערזענלעך זיך באקאנען, עפּשער וועט דערפאר עמעצער אמאָל זאָגן וועגן מיר, ווי די פרוי, וואָס האָט גערעדט מיטן מענטשן אָף די קוליעס, האָט געזאָגט וועגן קופּערן: „מע נעמט בא אונדז צו לעוו רוווימאָוויטשן... א שאָד, א שאָד... גלייך ווי מע וואָלט אים אָפּגעריסן פון אונדז מיט א שטיק הארץ...“

און איך? וויאזוי האָב איך א קלער געטאָן וועגן קופּערן: „מיר האָבן זיך ביידע א כאפּ

געטאָן. איך — אָנטאָן דעם מאנטל, ער — איבערזעצן זיך אף מײַן בענקל...״ צי איז דאָס טאקע ניט בעעמעס א מאניפּאָרגעלע פון א צוציק? צי האָב איך דען ניט געזען לויט אים, אז ער געזעגנט זיך נאָך אַלץ מיט זײַנע אכט הונדערט אַלטע פרײַנט, און איבערגעזעצט זיך האָט ער אף מײַן בענקל צוליב דעם, סע זאָל אים זײַן באקוועמער צעלייגן איבערן טיש א דרײַ צענדליק צעטלען און אָנהייבן באקאנען זיך מיט נײַע אכט הונדערט קינפטיקע פרײַנט? ניין. כ'בין געווען בלינד. טאָמיד זע איך נאָר זיך. נאָר זיך...

כ'האָב צו גיין דרײַ קילאָמעטער צופוס, איז הער, פאַינע, וואָס איך וועל דיר זאָגן. סע וועט דיר צוניץ קומען, עפשער כאָטש צוליב דעם, זאָלסט זיך איבעריק ניט ערגערן, ווען כ'וועל שפּעט קומען אהיים פונעם זאַוואָד. וואָרעם מע מיינט: א גרויסע זאך, א קינעסקאָפּ! אָט א טורבינע צי א דאָמנע — דאָס איז א יעש. גרויסמאסשטאביק! אָבער א קינעסקאָפּ — וואָס איז עס? ניט מער, ווי א טרײַבל.

איז אָט, טײַערינקע, זאָלסט וויסן זײַן, אז דאָס קאָלירט טרײַבל ווערט בא אונדז געבוירן ניט אזוי לײַכט ווי מע מיינט. פּרעציזע, יוועלירישע, „מיקראָסקאָפּישע" ארבעט פאָדערט דאָס דאָזיקע טרײַבל. די קלענסטע ניט־פּינקטלעכקײַט ברענגט צו א פארקריפלונג פונעם בילד אפן עקראַן, און דאָס ערגערט אונדז אזוי, ווען מיר זיצן אנטקעגן אים.

איז טאקע די ערשטע צײַט געווען בא אונדז צאָרעס. שטעל זיך פאָר: איבערן גאנצן עקראַן א געזיכט פון א שיינהײַט. און נאָר איין „קליינינקײַט": א רויטער שטרײַף איבערן ווײַסן שוואנען־האלדז. עס האָבן זיך געפלאָנטערט די קאָלירן, און פופציק פּראָצענט טרײַבלעך זײַנען געגאנגען אין בראַק. שרעקלעך, ניט אזוי?.. דאָך דארפסטו ניט פארגעסן, פאַינע, אז ס'איז געווען א נײַע זאך. וויפל צײַט האָבן מיר די פארביקע טעלעוויזיע? א צענדליק יאָר, עפשער עפּעס מער. מיר ווערן אָבער זייער גיך צוגעוווינט צו גוטן, ווערן שטארק אופגעבראכט, ווען... ניין, פאַינע, איך קלײַב זיך ניט בארעכטיקן דעם בראַק. כאָלילע! א סימען, טאָג און נאכט האָב איך געטראכט און טאקע צוגעטראכט אזא מאכשיר... שמייכל ניט אזוי איראָניש, פאַינע. איך דערצייל דיר עס ניט צוליב בארימען זיך, נאָר צוליב... איין מינוט. איך ענדיק שוין. וועסטו שוין אליין פארשטיין.

איז אָט, ווען מיר זײַנען געשטאנען אין דער לאבאָראטאָריע ארום אָט דעם קלוגן, ביז גאָר קאָמפּליצירטן מאכשיר און געשעפּט נאכעס פון זײַן כאָכמע און אויסערגעוויינלעכער פּינקטלעכקײַט, איז לעוו רווימאָוויטש צוגעגאנגען צו מיר מיט א שײַנענדיקן שמייכל אף זײַן פּולבלעך פּאָנעם — וואָס פאר א ליבן שמייכל ער האָט עס! — שטעל זיך פאָר: א שטראל פון זונען־ווײַט האָט זיך פארטשעפּעט אין זײַן גראָוולעכער אָבער נאָך געדיכטער טשופּרינע און זיך צעשפּילט אף זײַן געזיכט, — איז ער, הייסט עס, צוגעגאנגען צו מיר, אויך א שמייכלענדיקן, און ווענדנדיק זיך צו אלעמען, אויסגערופן:

— שאט! א מענטש ווערט געבוירן...

צוויי מאָל האָב איך עס פון אים געהערט: „שאט! א מענטש ווערט געבוירן". איין מאָל — דעמלט, אין דער לאבאָראטאָריע, און דאָס צווייטע מאָל — בא אונדז אין שטוב, אין איניקע טעג נאָך דעם, ווי דו האָסט געבוירן דווינעלען.

געדענקסט? ער האָט ארויסבאקומען פון דער קעשענע א פלעשל שאמפּאניער, אוועקגעשטעלט עס אפן טיש און זיך געלאָזט גיין אף די שפּיץ פינגער צום קינד. דו האָסט אים פארהאלטן, פארבונדן אים דאָס מויל מיט א שטיקל מארליע. שטילערהייט איז ער צוגעגאנגען צום בעטל און אראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. דאָס אייפּעלע האָט געקוקט אף אים מיט א מינע: אָט־אָט צעוויינט עס זיך. און ער האָט געשמייכלט צום קינד. בלויז מיט די אויגן געשמייכלט, וואָרעם דאָס מויל האָסטו דאָך אים פארהאנגען. און אזוי לאנג האָט ער געשמייכלט צום קינד מיט די אויגן, ביז אפן פארקנייטשטן פּענעמל פונעם אייפּעלע האָט זיך באוויזן דאָס ערשטע מאָל פאר זײַן קורץ לעבן עפּעס ענלעכס אף אן אָנציינערדיקן שמייכל, און לעוו רווימאָוויטש האָט זיגעריש אויסגערופן:

— שאט! א מענטש ווערט געבוירן...

וואָרעם א מענטש ווערט געבוירן ערשט דעמלט, ווען ער טוט זײַן ערשטן שמייכל.

א לייב שמייכלט ניט, און א טיגער, און א וואָלף, און א הונט, און אן אָדלער, און א מאלפּע אפילע, און א דעלפין — שמייכלען ניט. נאָר א מענטש!

דאָס האָט ער געמיינט מיט זײַן אויסרוף. אָבער פארוואָס האָט ער דאָס זעלבע געזאָגט, ווען מיר זײַנען געשטאנען ארום מײַן מאכשיר, ווייס איך ניט. פאראן, אפּאָנעם, אזעלכע רעגעס אין לעבן, ווען דער מענטש ווערט ווי ווידערגעבוירן מיט א שמייכל אף די ליפּן...

4

דער שניי שיט, און איך גיי. צוערשט שפּאן איך גיך, דערנאָך פּאמעלעכער און פּאמעלעכער. עפשער וויל מיך קופּער אָניאָגן און קאָן ניט, פאָרט א באיאָרטער מענטש, שוין מיט א שטיקל זאדישקע. אויב ער וועט וועלן זיך פארענטפערן פאר מיר, וועל איך אים גרויסמוטיק פארלויפן דעם וועג: „מיך? באליידיקט? עט, נארישקײַטן! כ'האָב שוין גאָר פארגעסן..." וואָדען!

וואָס דארף איך, ער זאָל זיך פאר מיר פארענטפערן? פאָרט אן עלטערער מענטש. און דעריקער — צי מעג איך דען פארגעסן, וויפל גוטס ער האָט מיר געטאָן און וויפל קענטענישן איך האָב בא אים גענאשט פונעם ערשטן טאָג, וואָס איך בין געקומען אפן זאוואָד נאָכן פארענדיקן דעם פאָליטעכנישן אינסטיטוט און ביז אצינד...

מיטאמאָל דערהער איך הינטער זיך גיכע טריט. דאָס סטעזשקעלע צווישן די בערגלעך שניי איז שמאָל. דער מענטש וועט מיך גיט קאָנען אויסמײַדן. בלײַב איך שטיין, דריי זיך אויס און דערזע א פרעמד פאָנעם. לאָז איך דעם מענטשן דורך און שלעפ זיך ווידער איבער דער שוואך אײַנגעטראָטענער סטעזשקע, שניי־פלאכטעס פאלן אלץ מער און מער, און פוסגייער ווערן ווינציקער און ווינציקער. ס'איז שוין שפעט, און מענטשן זיצן אין דער היים קעגן די עקראנען און שעפן נאכעס פון דעם קאָלירטן וואונדער. איך הייב ניט אָן צו פארשטיין, פארוואָס פארפאסן ניט די דיכטער קיין אָדעס לעקאָוועד איר מאיעסטעט, דער טעלעוויזיע? אָט אזוי פארשלאָג איך מיר אליין דעם קאָפ, קעדיי צו שטילן מײַן אנטוישונג, ווײַל איך בין געווען גרייט צו זען אן אנדער פאָנעם, א שמייכלענדיקס, קופערס.

ווען כ'האָב זיך דערשלעפט אהיים, איז דוינע שוין געשלאָפן. דאָס פענעמל רויט, די ליפן באוואָרפן. לעם בעטל שטייט א בענקל מיט א סאך אָנגעשטעלטע אף דעם פלעשעלעך, פודעלעך, פראָשקעס. פאינע האָט בעפיירעש איבערגעכאפט די מאָס. כ'האָב באמערקט א פאָר ליידיקע פלעשעלעך, וואָס זײַנען געשטאנען נאָך פון פאראיאָרן אף דער פאָליטשקע אין אונדזער שטוב־אפטייקל.

פאינע האָט ביכלאל ליב זיך ארויסשטעלן פאר זייער אן איבערגעגעבענער מוטער.

כ'האָב געזאָגט פאינען מיט א מונטערער שטים:

— דו ווייסט, איך בין שוין ווידער א שטעלפארטרעטער.

פאינע קוקט אף מיר און שווײַגט. עפעס צו לאנג שווײַגט זי, און זי איז דאָך בא מיר ניט קיין שווײַגערן.

ערשט אין עטלעכע רעגעס ארום האָט זי קוים ארויסגעקוועטשט פון זיך איין־און־איינציק וואָרט, וואָס איז געווען ענלעך אי אף א קרעכץ, אי אף א פאָרוווּרף:

— אזוי...

איך פרעג זי מיט דער זעלבער מונטערער שטים:

— קיינער האָט ניט געקלונגען?

— ווער קלינגט עס אזוי שפעט?

די פראגע האָט פאינע פארגעבן צערייצט און זייער הויך. האָט דוינע זיך אופגעכאפט פון שלאָף.

— טאטע, דערצייל מיר ווײַטער דאָס מײַסעלע.

— וואָס פאר א מײַסעלע?

פאינע שרײַט אויס באפעלעריש:

— וואָס פאר א מײַסעס אינמיטן נאכט! שוין זאָלסטו שלאָפן!

פאינע איז גערעכט. כאָטש ס'איז נאָך ניט מיט נאכט, נאָר דוינעלע דארף שלאָפן. אָבער דאָס קינד בעט זיך אזוי קלאָגעוודיק: „נו, טאטעלע, א קאפעטשקעלע... צוויי מינוט ניט מער...“, מוז איך איר טאקע נאָכגעבן, פאָרט קראנק, און כוץ דעם, ווארט איך דאָך אף א טעלעפאָן־קלונג.

— נו גוט, טעכטערל.

דוינעלע ליגט שטיל. איך מיין, אז זי איז שוין אײַנגעשלאָפן, זאָג איך פאינען:

— דאכט זיך, אז דער טעלעפאָן קלינגט. איאָ?

פאינע איז נאָך אלץ אָנגעדרודלט. זי צעשרײַט זיך:

— וואָס פאר א טעלעפאָן! וואָס האָסטו זיך צוגעטשעפעט מיטן טעלעפאָן!

רײַסט זיך בא מיר ארויס, ווי פון א געפלאצט קעסל:

— וואָס שרײַסטו?!.. מיינסט, אז איך בין אויס שעף, קאָנסטו שרײַען אף מיר!

פאינע קוקט זיך אום אפן קינד און רעדט ארויס שטיל, נאָר גיפטיק:

— פונקט פארקערט! דו לאָזט אויס צו אונדז דעם פארדראָס, וואָס מע האָט דיך אראָפגענומען...

ווער? ווען? קיינער האָט מיך ניט אראָפגענומען. זי האָט פאָשעט געוואָלט א טשמעל טאָן מיך וואָס ווייטעקדיקער...

דוינע עפנט אוף די אייגעלעך און סע הייבט זיך אָן א נײַע סעדרע:

— טאטע, דערצייל מיר וועגן דעם פלאמינגאָ...

איך אָטעם אָפ און סטארע זיך זאָגן ווי מעגלעך געלאסן (פאינע האָט דאָך געזאָגט: „לאָזט אויס צו אונדז דעם פארדראָס“, ס'הייסט, צו איר און צו דוינען):

— וואָס דארף איך דיר דערציילן?.. האָסט דאָך עס אליין געזען אפן עקראן.

— נו, דערצייל... כ'בעט דיך... נאָר איין רעגעלע...

וואָס דארף איך זיך שפארן מיטן קינד איבער איין רעגעלע?.. און ביפראט, אז ס'איז קראנק און איך ווארט סײַווי־סײַ אף א טעלעפאָן־קלונג. סע קאָן דאָך ניט זײַן, ער זאָל מיר אפילע ניט אָנקלינגען.

— פלאמינגאָ איז א פויגל... דאָס ווייסטו

דאָך. ער האָט לאַנגע־לאַנגע פיס, וואָס זײַנען דין, ווי שטעקעלעך, און שטײַף, ווי שטאָלצן, און א לאַנגן־לאַנגן האַלדז, פאַרמאָגט דער פלאַ־מינגאָ, אן אויסגעדרייטן, ווי א ריזיקער שלייף, און צווישן דעם שלייף און די שטאָלצן — א ווײַס־ראָזעווע קײַלעכדיק קערפּערל, א פּוכיקס, ווי א קישעלע. ער האָט א לאַנגן האָרבאַטן שנאָבל...

פון דער זײַט כאַפּ איך א קוק, **עפשער איז** דוינעלע שוין אנשלאָפן געוואָרן. ניין. צי איך די מײַסע ווײַטער:

— ווען סע קומט אָן די קעלט, פליט דער פלאַמינגאָ צום קאַספּישן יאַם, צו אן אײַנגוס, ווו ס'איז וואַרעם און זומערדיק. נאָר איינמאָל האָט געטראָפן, אז דאָרטן איז אויך געווען קאַלט. אז דאָס וואַסער איז פאַרפרוירן געוואָרן, און דער אָרעמער פויגל אף זײַנע פיס, **וואָס בייגן** זיך ניט, ווי די שטאָלצן, האָט ניט געקאָנט זיך רירן פון אָרט, און ווי נאָר ער האָט געפרוווט א שפּאַן טאָן איבערן אײַז, האָט ער זיך אויס־געגליטשט און אנידערגעפאַלן...

פאַיִנע דרייט זיך באַם בעטל. איך פיל, אז זי וויל מיר עפּעס זאָגן. נאָר סע פּאַסט ניט, פּאָרט באַרויגעז. פרעג איך זי אליין:

— ווילסט מיר עפּעס זאָגן?

ענטפערט זי מיר מיט א פראַגע, א ביסל נאָך באַרויגעזלעך, א ביסל שוין איבערגעבעטן, ווײַל איך האָב אָנגעהויבן ריידן, ניט זי.

— ווער דאַרף דיר אָנקלינגען?

— וואָס איז דען? קופּער.

— האָסט זיך מיט אים צונויפגערעדט?

ענטפער איך, פאַרהיקענדיק זיך:

— ניי־יין...

— איז פונוואַנען ווייסט ער, אז דו וואַרטסט אף א קלונג?

פאַרהיקע איך זיך נאָך מער:

— ער... ער... ער ווייסט טאַקע ניט...

— איז עפשער וואָלט געווען א סייכל, זאָלסט אים אליין אָנקלינגען?

א כאַכאָמע, כלעבן, פאַיִנע. עפשער איז זי טאַקע גערעכט?.. נאָר פון דער צווייטער זײַט... צוליב וואָס דאַרפסטו זי, די צווייטע זײַט, דו גרויסהאַלטער איינער!

דוינעס פײַכט געוואָרענע אייגעלעך בליש־טשען:

— **ער איז פאַרפרוירן געוואָרן?**

— ניין. מע האָט אים געראַטעוועט.

— ווער האָט אים געראַטעוועט?

— א שמייכלענדיקע פרוי... זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט פונעם ברעג און געלאָזט זיך גיין צו אים. דער פלאַמינגאָ האָט געקוקט אף דער פרוי מיט איבערגעשראָקענע אויגן. האָט זי צו אים ליבלעך א שמייכל געטאָן. האָט ער אופּ־געהערט פּאַטשן מיט די פליגל איבערן אײַז און זיך געלאָזט נעמען אף די הענט...

פּלוצעם צעהילכט זיך דער טעלעפאָן. ענד־לעך! ניט איך גיי, נאָר איך לויף צו אים. פאַיִנע קנייטשט מיט די פּלייצעס. איך טו א כאַפּ דאָס טרײַבל מיט א צוגעגרייטן ענטפער אף דער נאָך ניט אַרויסגעבראַכטער פראַגע: „האָסט זיך באַליידיקט?" „באַליידיקט? ניין. עט! ס'איז אזוי־נע קלייניקײַטן, אז ס'איז ניט קעדײַ צו ריידן..."

פונעם טרײַבל דערהערט זיך אָבער גאָר אן אַנדער פראַגע, א זאַכלעכע:

— פאַרוואָס איז אין די צעטלען אויסגע־מעקט עפשער א צענדליק פאַמיליעס?

איך ענטפער אנטוישט און צערייצט:

— ווײַל זיי זײַנען אוועק פון זאַוואָד.

— איז פאַרוואָס זײַנען זיי אוועק?

— כ'ווייס ניט. פרעגט זיי אליין.

פונדעסטוועגן גיב איך צו א ביסעלע שטי־לער:

— געפונען מיסטאָמע בעסערע אַרבעט.

קופּער איז אויסער־זיך. ער שרײַט אין טרײַבל:

— וואָס הייסט, איר ווייסט ניט? ווער דען דאַרף וויסן? יעדן איינעם האָט איר געדאַרפט צען מאָל אויספרעגן, אײַנריידן...

ער שיט מיט מוסער־ווערטער, און איך קלײַב זיך שוין, ווי מײַן טעווע איז, אוועקלייגן דערווײַל, ביז ער וועט זיך אויסריידן, דאָס טרײַבל, נאָר פּלוצעם דערהער איך עפּעס גאָר אן אַנדער שטים און גאָר אן אַנדער נוסעך, כאָטש דאָס, וואָס ער זאָגט, איז געזאָגט, ווי דערעכאַגעוו:

— ...כ'פיל... מיר דוכט, אז דו האָסט זיך באַליידיקט אף מיר... איאָ?.. מע דאַרף ניט, אַר־קאַדי... ס'איז אזעלכע קלייניקײַטן, וואָס ס'איז ניט קעדײַ צו ריידן...

וואָס זאָגט איר עפּעס אף אים?.. אונטערגע־הערט מײַנע ווערטער!

נאָר אפן האַרצן איז וואַרעם געוואָרן.

איך רוף אף א קאָל:

— פאַיִנע!

לויפט זי אַרײַן.

— וואָס איז געשען?

נעם איך זי פאַר דער האַנט.

— גאָרנישט איז ניט געשען. כ'האָב דיר נאָר געוואָלט זאָגן, אז איך האָב דיך ליב.

קוקט זי אף מיר דערשטוינט. פרעגט קלוי־מערשט באַרויגעזלעך:

— וואָס עפּעס אינמיצקעדערינען?

זי שמייכלט אָבער דערבײַ.

און דאָס איז טאַקע דער איקער: דער שמייכל.

ער מאַכט פון א מענטשן א מענטש.

אין די יובילײ־טעג פון „סאָוועטיש היימלאַנד“

(קאָלעקטיווער רעפּאָרטאַזש)

אונדזער יאָמטעוו

דער פּרעזידיום פונעם יובילײ־אָוונט אין צענטראַלן ליטעראַטן־הויז

אונדזער יאָמטעוו — די פײַערונג פונעם צוואַנציקיאָריקן יובילײ פון „סאָוועטיש היימלאַנד“ — האָט זיך פאַרצויגן אויף גאַנצע צוויי וואָכן, און ווער ווייסט, וויפל ער וואָלט נאָך געדויערט, ווען מיר לאָזן זיך נאָך אַוועק קיין אָדעס און קיין בירָאָבידזשאַן, ווי עס איז געווען פון אָנהייב פאַרטראַכט, אָבער צוליב מאַנגל אין צײַט האָבן מיר אָט די צוויי רײַזעס אָפּגעלייגט.

מע קאָן, אַזוי־אַרום, רעכענען, אַז אונדזער יאָמטעוו דויערט, ווײַל נאָך פיל הונדערטער לייענער וועלן אויף אונדז וואַרטן...

יאָ, מע וואַרט אויף אַ באַגעגעניש מיט דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור. אין דעם האָבן מיר זיך אָן איבעריק מאָל איבערצײַגט, ווען מיר האָבן דורכגעפירט אונדזערע אומפאַרגעסלעכן טורנע איבער פיר גרויסע שטעט — מאָסקווע, קיִעוו, טשערנאָוויץ, קעשענעוו, אַרײַנרעכענענדיק אויך פּערעיאַסלאַוו, די שטאָט פון שאָלעם־אַלייכעמס קינדהײַט און יוגנט.

ער האָט זיך אָנגעהויבן, אונדזער יאָמטעוו, דעם 16 אָקטיאַבער פונעם פאָריקן יאָר אין דער הויפּטשטאָט פונעם לאַנד, אין מאָסקווע. דער גרויסער זאַל פונעם צענטראַלן ליטעראַטן־הויז איז געווען איבערפולט. העכער טויזנט מענטשן — לייענער און שרײַבער. אין אַ געוויסן זין קאָן מען זאָגן, אַז מיר זײַנען געקומען צוגאַסט, אין צוזאַמענהאַנג מיטן יובילײ פון דעם שטאַרק פּאָפּולערן צווישן די ליטעראַרישע קרײַזן אין סאָוועטנפאַרבאַנד זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד“, צו דער וועלט־באַרימטער רוסישער ליטעראַטור, קעדיי ווידעראַמאָל אָפּגעבן אַ וויכטיקן עקזאַמען אויף רײַפקײַט, און די ייִדישע סאָוועטישע ליטעראַטור האָט אים אָפּגעגעבן אויפן בעסטן אופן.

מיט וואָס פאַראַ פרייד און פײַערלעכקײַט האָט דער אוילעם באַגריסט דעם יובילאַר! סאַראַ האַרציקע ווערטער האָבן אַרויסגעזאָגט אויפן אַדרעס פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור די צונויפגעזאַמלטע אין צענטראַלן לי־

טעראַטן־הויז שרײַבער פֿון רוסלאַנד, אוקראַיִנע, מאָלדאַוויע, טורקמעניע, די רעדאַקטאָרן פֿון אַ ריי גרעסטע סאָוועטישע צײַטשריפֿטן, די לייענער!..

ווי ווונדערלעך האָט געקלונגען אינעם גרויסן יאָמטעוודיקן זאַל די רוסישע און ייִדישע שפּראַך, די ייִדישע און רוסישע ליד!

דער דין־וועכעזשבן פֿונעם הויפּט־רעדאַקטאָר פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד“ אַרן ווערגעליס האָט אָפּגעקלונגען אײַנדרוקספֿול און שטאָלץ.

מיר זײַנען בעעמעס געקומען צום יובילייַ מיט גרויסע דערפֿאָלגן. אונדזער ליטעראַטור האָט פֿאַר די צוואַנציק יאָר געוווּנען נײַע הייכן, באַרײַכערט די פּראָזע און פּאָעזיע מיט ווערק, וועלכע זײַנען, אַדאַנק זייער פּראָפֿעסיִאָנעלן ניוואָ, אַרײַן מיט רעכט און מיט קאָוועד אין דער פֿילנאַציִאָנאַלער קולטור פֿון די סאָוועטישע פֿעלקער.

דער פֿײַערלעכער אָוונט איז געווען אַ גלענצנדע דעמאָנסטראַציע פֿון פֿעלקער־פֿרײַנטשאַפֿט. ער האָט זיך פֿאַרצויגן ביז שפּעט אין דער נאַכט און וואָלט זיך געוויס נאָך פֿאָרגעזעצט, נאָר אויף מאָרגן האָט שוין געוואַרט אויף אונדז אַ צווייטע מאַסן־באַגעגעניש — דעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד“ האָבן אײַנגעלאַדן צו זיך די לייענער און שעצער פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור אין דער עפֿנטלעכער מאָסקווער שטאָטישער ביבליאָטעק אויף נעקראַסאָווס נאָמען.

אין אַ פּאָר טעג אַרום זײַנען אַלע מיטגלידער פֿון דער רעדקאָלעגיע, אויסער נאָטע לוריען, וועלכער איז, צום גרויסן באַדויערן, קראַנק געוואָרן נאָך דעם מאָסקווער אָוונט, אַרויסגעפֿאָרן קיין קיִעוו, קעדיי פֿאָרזעצן דעם יאָמטעוו. די גאַסטפֿרײַנטלעכע און ברייטהאַרציקע דניעפּער־שטאָט האָט באַגעגנט די געסט מיט אַ זוניקן פֿרימאָרגן. די בולוואַרן און סעדער זײַנען געווען גרין. די גאַסן — רוישיק באַלעבט.

קיִעוו, די שטאָט פֿון גרויסע ליטעראַרישע טראַדיציעס... די ייִדישע דיכטונג האָט פֿיל מאָל באַזונגען דעם אוראַלטן דניעפּער, די בערג און טאָלן, די קרוינשטאָט פֿון דער סאָוועטישער אוקראַיִנע! באַנאַנד מיט דער אוקראַיִנישער ליטעראַטור איז דאָ אויסגעוואַקסן און האָט דעראָבערט פֿאַר זיך פֿליגלען די פּאָעזיע פֿון אָשער שוואַרצמאַנען און דאָוויד האָפֿשטיינען, פּערעץ מאַרקישן און איציק פֿעפֿערן, לייב קוויטקאָן און עזראָ פֿינינבערגן, מוישע כאַשטשעוואַצקין און שיקע דריזן, אַווראָם גאָנטאַרן און מאָטל טאַלאַליעווסקין. אין קיִעוו זײַנען געקומען צום וואָרט פֿיל באַדײַטנדיקע ייִדישע פּראָזע־שרײַבער, וועלכע האָבן דערהויבן אונדזער בעלעטריסטיק און זי אײַנגעפֿונדעוועט אין דעם גאָלדענעם פֿאָנד פֿון דער פֿילנאַציִאָנאַלער סאָוועטישער וואָרט־שאַפֿונג. די ווערק פֿון דאָוויד בערגעלסאָן און דער ניסטער, הערשל אָרלאַנד און דאַניִעל, נויעך לוריע און איציק קיפּניס, יעכיִעל פֿאַליקמאַן און נאַטאַן זאַבאַרע זײַנען איצט פּאָפּולער אין אוקראַיִנע באַגלײַך מיט די בעסטע ווערק פֿון דער אוקראַיִנישער פּראָזע.

איר גייט איבער די קיִעווער גאַסן און סעדער, איבער דעם פּרעכטיקן קרעשטשאַטיק, און אײַך דאַכט זיך, אַז איר הערט נאָך דעם אָטעם פֿון דעם גרויסן פֿאָלקס־שרײַבער שאָלעם־אַלייכעם. ס׳איז טאַקע קיין כידעש ניט, וואָס אונדזערע געסט, ווי נאָר זיי האָבן זיך אײַנגעאָרדנט, האָבן גלײַך זיך אוועקגעלאָזט צו די ערטער, וועלכע זײַנען פֿאַרבונדן מיטן נאָמען און מיט דער שאַפֿונג פֿונעם גאוניִאַלן הומאָריסט.

עמעצער זאָגט:

— אים האָט זיך בעעמעס ניט געכאָלעמט, אַז ס׳וועט קומען אַ צײַט, ווען ער וועט אין קיִעוו האָבן ניט בלויז „פּראַוואָזשיטעלסטוואָ“, נאָר אַן „אייגענעם“ פּראָספּעקט...

די דאָזיקע ווערטער קלינגען אָפּ בײַס מיר פֿאָרן אַריבער דעם מעטראָ־בריק, און דער אַספֿאַלטירטער שליאַך, אַ באַזוימטער מיט סאָסנעס און טאָפּאָלן, ברענגט אונדז צו אַ מאָדערנעם מיקראָראַיאָן. פֿאַר די אויגן וואַקסט אויס אַ ברייטער פּראָספּעקט. פֿון בײדע זײַטן — באַוווינטע נײַנשטאָקיקע מויערן, אַרום זיי — אָן אַ שירביימער, גרינס. דאָ און דאָרט — קלומבעס מיט פֿאַרשיידנאַרטיקע בלומען, אויף די מויערן — טאָוולען מיט אויפֿשריפֿטן: „פּראָספּעקט שאָלעם־אַלייכעמאַ“. די באַוועגונג איז דאָ אַ גרויסע, און פֿונעם אויטאָבוס, וועלכער שטעלט זיך אָפּ, דערטראָגט זיך אַ געמיטלעכע שטים, וואָס טיילט מיט די פּאַסאַזשירן: „אָסטאַנאָווקאַ פּראָספּעקט שאָלעם־אַלייכעמאַ“...

מיר שפּאַנען איבער דער ברייטער, געראַמער גאַס, לייענען מיט הנאָה אויף די טאָוולען דעם נאָמען פֿונעם ייִדישן קלאַסיקער און טראַכטן: ווען עס טרעפֿט אַ נעס און שאָלעם־אַלייכעם קומט אַהער און גייט זיך דורך איבער זײַן פּראָספּעקט! ווען ער זעט, סאַראַ ווונדערלעכע מענטשן — זײַנע טרײַע לייענער — וווינען דאָ! אָט שפּילן זיך אַרום די בייטן לעבנסלוסטיקע, טומלדיקע קינדער... ווי שטאַרק עס וואָלט זיך געפֿרייט זײַן האַרץ! מיר גייען צו נעענטער צו די פֿאַרשײַטע כעווראַלײַט און טוען זיי אַ פֿרעג, ווו זיי וווינען, ענטפֿערן זיי מיט שטאָלץ: — אויף שאָלעם־אַלייכעמס פּראָספּעקט. נו, און צי ווייסן זיי, ווער עס איז געווען שאָלעם־אַלייכעם? קוקן זיי אונדז אָן מיט פֿאַרוווּנדערונג. ווער ווייסט ניט, אַז דער זיידע שאָלעם־אַלייכעם איז געווען אַ באַרימטער שרײַבער, אַזאַ ווי שעווטשענקאָ, גאָגאָל, מאַרק טוועין. אין שול האָט דער לערער דערציילט...

אין אָט דעם טאָג האָט קיינער פֿון די געסט ניט געוואָלט רוען. שווער איז זײַן גלײַכגילטיק צו דער ווונדערלעכער אָנדערהאַלבנטויזנטיאָריק

קיעוו. די מיטגלידער פֿון רעדקאָלעגיע פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד" באַם דענקמאָל אין באַבי יאַר

קער שטאָט. יעדער שטיין, יעדע שטוב איז דאָ א שטיק געשיכטע.

מיר לאָזן זיך אַוועק צום סאַמע טראַגישסטן אָרט, וווּ די היטלערישע טאַליאָנים זײַנען באַגאַנגען איינעם פֿון זייערע שרעקלעכסטע פֿאַרברעכנס קעגן דער מענטשהײַט — צום באַבי יאַר...

פֿערציק יאָר איז שוין אַריבער, זינט עס האָט זיך דאָ אָפּגעשפּילט די שוידערלעכע קיִע־וער טראַגעדיע, ווען ס'זײַנען דערשאָסן געוואָרן העכער הונדערט צוואַנציק טויזנט אומשולדיקע פֿרויען, קינדער, זקנים — די ייִדן, וועלכע האָבן זיך ניט באַוויזן עוואַקויִרן פֿון דער שטאָט, און געפֿאַנגענע סאָוועטישע סאָלדאַטן, פּאַרטיזאַנער און אונטערערדלער. דאָס איז געווען אין יענעם ווײַטן סעפּטעמבער פֿונעם 1941 יאָר, אין בלוטיקן סעפּטעמבער, ווי מע רופֿט אים אָן...

איצט שטייט דאָ א הויכער דענקמאָל די דערמאָרדעטע. ער שטייט, דער בראָנזענער מאָנומענט, ווי א דערמאָנונג וועגן דעם אומגעהערטן פאַרברעכן פון די פאשיסטישע כייַעס און א דערמאָנונג, אז עס לעבן נאָך היטלערס יאָרשים, און זיי הייבן ווידער אויף דעם קאָפ, גרייטן א נייַע מילכאָמע, און די מענטשהייַט מוז זייַן אף דער וואך, אויב זי וויל ניט קיין נייַע באבי יארן, קיין נייַע אָשווענטשימס און טרעבלינקעס...

מיר האָבן אוועקגעלייגט בלומען־קרענץ בא דעם מאָנומענט, פארנייגט די אנטבלויזטע קעפ פאר די קדושים. דער דיכטער ארן ווערגעליס, אונטער דעם שטילן גערויש פון די ארומיקעביימער, לייענט זייַן בארימטע ליד „שטיינער פון טרעבלינקע". און דאָ קלינגט אָפ יעדעס וואָרט באזונדערס שטארק און פינקטלעך.

די צייַט גייט שנעל. עס פאלט צו דער פארנאכט. אין רעפובליקאנישן שרייַבער־הויז, אין א געמיטלעכן זאל, ווארט שוין אף אונדז א גרויסער אוילעם. ס'זייַנען געקומען פילצאָליקע לייענער, וועלכע האָבן לאנג געווארט אף דער באגעגעניש מיט די שעפער פון „סאָוועטיש היימלאנד". צוזאמען מיט די לייענער האָבן זיך פארזאמלט אוקראַיִנישע און רוסישע שרייַבער, אונדזערע אלטע גוטעפרייַנט, וועלכע האָבן איבערגעזעצט אין אוקראַיִניש און אין רוסיש א סאך ווערק פון דער ייִדישער ליטעראטור. מיר קומען הייַנט צוגאסט צו דער אוקראַיִנישער ליטעראטור, מיט וועלכער מיר זייַנען פון יאָרנלאנג פארבונדן און באפרייַנדעט.

דעם פייַערלעכן אָוונט האָט מיט הארציקע ווערטער לעקאָוועד דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראטור, געעפנט דער סעקרעטאר פונעם אוקראַיִנישן שרייַבער־פארבאנד אנאטאָלי מאָראָז.

עס ווערט מיט גרויס אופמערקזאמקייַט אויסגעהערט די באריכט־רעדע פון דער רעדקאָלעגיע פון „סאָוועטיש היימלאנד", און הייכיקע אפלאָדיסמענטן טרייסלען אויף דעם זאל, ווען אין באריכט ווערט מיטגעטיילט, אז פאר די צוואנציק יאָר זייַנען אין זשורנאל אָפגעדרוקט געוואָרן 55 ראָמאנען, הונדערטער דערציילונגען, טויזנטער לידער, פּאָעמעס, באלאדעס, אז „סאָוועטיש היימלאנד" לייענט מען אין 25 לענדער פון דער וועלט... און פריידיק איז אויך דאָס, וואָס פאר די יאָרן זייַנען דערשינען צענדליקער און צענדליקער ביכער פון ייִדישע סאָוועטישע שרייַבער אין ייִדיש און אין דער איבערזעצונג אף רוסיש, אוקראַיִניש, מאָלדאַוויש, ליטוויש, ווייַסרוסיש...

יאָ, א מערקווירדיקער סאכאקל. אין איבערפולטן זאל הערשט א פייַערלעכע שטימונג. איינער נאָכן אנדערן טרעטן ארויס מיט זייערע ווערק ייִדישע, אוקראַיִנישע, רוסישע דיכטער.

צום מיקראָפאָן גייט צו דער באוווסטער אוקראַיִנישער דיכטער דמיטראָ פּאַווליטשקאָ, וועלכער האָט פיל אופגעטאָן אף צו דערטראָגן די ייִדישע ליד צום אוקראַיִנישן לייענער. פּאַווליטשקאָ איז איינער פון די רעדאקטאָרן פון דער פירבענדיקער שאָלעם־אלייכעם אויסגאבע, וועלכע איז דערשינען אף אוקראַיִניש אין דעם גרעסטן פארלאג פון דער רעפובליק „דניפּראָ". זייַן פלאמעדיק וואָרט, פול מיט ליבע און אכטונג צו דער ייִדישער ליטעראטור, צו זייַנע שעפער, ווי אויך זייַנע איבערזעצונגען פון ייִדישער דיכטונג, איז אופגענומען געוואָרן מיט ענטוזיִאזם פונעם גאנצן זאל. נאָך דמיטראָ פּאַווליטשקאָן טרעטן ארויס כאַיִםביידער און באָריס מאָגילנער, דאָרע כייַקינע און די אוקראַיִנישע דיכטערן טאמארע קאָלאָמיִעץ, מישע מאָגילעוויטש און פּיניע קיריטשאנסקי, דער באוווסטער רוסישער דיכטער לעאָניד ווישעסלאווסקי און יוסעף בוכבינדער, דער אוקראַיִנישער דיכטער פּעטראָ אָסאדטשוק און בוזי מילער. מיט באגייַסטערונג הערט דער זאל אויס די ארויסטרעטונגען פון אונדזערע פּראָזע־מייַסטערס כאַיִם מעלאמוד, טעוויע גען, שמועל גאָרדאָן.

און דאָ דארף מען מיט א גוט וואָרט דערמאָנען דעם פארדינסטפולן ארטיסט פון דער אוקראַיִנישער רעפובליק ו. דוקליער, דעם קאָמפּאָזיטאָר נאטאן שולמאַן, די פּאָרלעזערן גאלינע יאוואָריווסקא, וועלכע האָבן מיט ליבע אויסגעפילט אפן אָוונט די ווערק פון ייִדישע שרייַבער אין ייִדיש און אין אוקראַיִניש.

אגעוו, א גאנצע ליטעראַרישע זייַט, געווידמעט דעם יובילֵיי פון „סאָוועטיש היימלאנד" האָט אָפּגעדרוקט ספּעציִעל צו דעם אָוונט די אוקראַיִנישע „ליטעראטורנא גאזעטא".

דאָס איז געווען א גרויסער, אייַנדרוקספולער אָוונט פון דער ייִדישער און אוקראַיִנישער קולטור.

דער גרויסער געשפּרעך וועגן דער ייִדישער ליטעראטור, וועגן דעם זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד" איז פּאָרגעזעצט געוואָרן און האָט זיך געצויגן ביז טיף אין דער נאכט אפן אופנאם, וועלכן ס'האָט פאר די געסט אייַנגעאָרדנט די פארוואלטונג פון דער אוקראַיִנישער שרייַבער־אָרגאניזאציע.

אין דער אלטער אוקראַיִנישער שטאָט פּערעיאסלאוו האָט זיך אָנגעהויבן שאָלעם־אלייכעמס וועג אין דער ליטעראטור, דאָ האָט ער געמאכט זייַנע ערשטע טריט, דאָ האָט זיך פאנאנדערגעבליט זייַן טאלאנט פון א געניִאלן הומאָריסט.

פּערעיאסלאוו איז בארימט ווי א שטאָט פון מוזייען: דאָס מעמאָריִאלע הויז פונעם גרויסן פילאָסאָף און פּאָעט גריגאָרי סקאָוואָראָדא, דער קאנטקענטעניש מוזיי, דער ארכעאָלאָגישער מוזיי, די פּאנאָראמע, געווידמעט דער שלאכט פארן דניעפּער בייס דער פּאָטערלענדישער מילכאָמע („בוקרינסקער פּלאצדארם").

און עטלעכע קילאָמעטער פון פערעיאַסלאַוו, אַפן שעווטשענקאָ־קורגאַן, האָט זיך פאַנאַנדערגעשפרייט דער מוזיי „אונטערן פרייַען הימל", אייגנטלעך — אַ מעמאָריאַלער קאָמפלעקס, געווידמעט דער אַלטער און נייַער געשיכטע פון אוקראַיִנע און פונעם קאַנט אַרום פערעיאַסלאַוו.

און אָט דאָ, אין אַ גערעמער „יידישער שטוב" געפינט זיך דער שאָלעם־אַליכעם מוזיי. וועגן דעם דערמאָנט די גרויסע בראָנזענע שילד, וואָס הענגט בײַ דעם אַרייַנגאַנג.

מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט דער מוזיי זיך געעפנט, און ער פאַרמאָגט שוין זייַן אייגענע געשיכטע. וועגן אַזאַ ליטעראַטור־היסטאָריש ווינקעלע האָט מען שוין פונלאַנג געטרוימט אַף דער אוקראַיִנע, נאָר שאָלעם־אַליכעמס וווינשטוב, ווי הונדערטער אַנדערע הייַזער אין פערעיאַסלאַוו, האָבן די פאַשיסטן פאַרניכטעט.

אין שטאָט, עמעס, זייַנען דורך אַ נעס, איבערגעבליבן אַ פאָר שטיבער, וואָס זייַנען ענלעך געווען אַף יענער, ווו עס האָט געלעבט שאָלעם־אַליכעם, זיי זייַנען אָבער געווען פאַרנומען פון שטאָטישע אַנשטאַלטן און עס איז באַשטימט געוואָרן, מע זאָל דעם מוזיי דערווייַל עפענען אין אַ נייַער געבייַדע.

פאַר דער זאַך האָט זיך גענומען דער פאַרדינסטפולער קולטור־טוער פון דער אוקראַיִנישער רעפובליק מיכאַיִל סיקאָרסקי.

קימאַט דרייַסיק יאָר, נאָכן ענדיקן דעם היסטאָרישן פאַקולטעט פונעם קיִעווער אוניווערסיטעט, לעבט און אַרבעט סיקאָרסקי אין פערעיאַסלאַוו, און דאָס גאַנצע לעבן זייַנס האָט ער געווידמעט דער שטאָט, די מוזייען. אַ גרויסער ליבהאָבער פון שאָלעם־אַליכעמס ווערק, איז ער געוואָרן דער שעפער פונעם מוזיי פון דעם יידישן קלאַסיקער. פאַר אַ קורצער צייַט האָט ער צונויפגעזאַמלט אַ רייַכן היסטאָרישן מאַטעריאַל.

עקספאָנאַטן זייַנען אָנגעקומען פון פאַרשיידענע עקן לאַנד, און עס קומען נאָך אַלץ אָן ביכער, פלאַקאַטן, בילדער, סקולפטורן. דער מוזיי פאַרברייטערט זיך און ווערט רייַכער מיט יעדן טאָג.

סיקאָרסקי האָט באַזוכט דאָס גרויסע הויז אין קיִעוו, אַף באַלשאַי וואַסילקאָווסקי, ווו עס האָט פאַר דער ערשטער וועלט־מילכאָמע געוווינט שאָלעם־אַליכעם מיט זייַן מישפאָכע, און דאָרט אויסגעזוכט דעם שרייַבערס אַרבעטס־טיש, דעם קאָמאָד, די בענקלעך, אַ שפיגל — מעבל־שטיק, וואָס זייַנען געשטאַנען אין דער דירע. ס'זייַנען אויך צוגעקומען קסאַוויאַדן, פאָטאָגראַפיעס, און אַזויאַרום איז אין מוזיי אויפגעשטעלט געוואָרן דעם שרייַבערס אַרבעט־קאַבינעט, די שטוביקע אויסשטאַטונג, און ווען איר קומט אַרייַן אַהין, דאַכט זיך, אַז אָט באַלד וועט צו אייַך צוגיין מיט זייַן האַרציק שמייכעלע אונדזער גרויסער שרייַבער און אָפגעבן אייַך אַ ברייטן שאָלעם־אַליכעם...

אין אַ זוניקן אינדערפרי איז די רעדקאָלעגיע פון „סאָוועטיש היימלאַנד" אַרויסגעפאָרן קיין פערעיאַסלאַוו. אַף אָט דעם אויסגעטראָטענעם, געדרייטן וועג, לענגויס אַ וואַלד, פלעגט שפאַנען אין דער יוגנט שאָלעם־אַליכעם צו זייַנע שילער, קעדיי געבן זיי „טשאַסטנע אוראָקן". דער וועג און דער וואַלד האָבן אים ניט איין מאָל אָנגערעגט אַף צו באַשרייַבן די שיינקייַט און רייַכקייַט פון דעם ליבן קאַנט. זעט אויס, אונטער די אַלטע דעמבעס, אונטער זייער שאָטן, פלעגט ער זיך אָוועקלייגן אָפרוען און פאַרצייכענען עפעס אין נאָטיקביכל...

כאָטש דער וועג איז ניט קיין לאַנגער — פון קיִעוו ביז פערעיאַסלאַוו איז קנאַפע הונדערט קילאָמעטער, — נאָר מיר האָבן באַשטימט פאַרקערעווען פונעם „טראַקט" און זיך פאַרקלייַבן אין איינעם פון „שאָלעם־אַליכעמס וועלדלעך".

עס רוישן איבערן קאָפ די אַלטע דעמבעס און יאַסענעס. זיי געדענקען געוויס שאָלעם־אַליכעמען, ניט איין מאָל האָבן זיי אים פאַרשטעלט פון רעגנס און ווינטן. דאָ פלעגט ער זיך געוויס צוהערן צו די יאַדערדיקע רייד פון באַלעגאָלעס, וועלכע האָבן געפירט זייערע פאַרשוינען פון וואָראָנקע קיין פערעיאַסלאַוו און צוריק...

נאָך אַ קורצן פריוואַל, בעשאַס וועלכן ס'איז פאַר די געסט אייַנגעאָרדנט געוואָרן אַ וואַלד־סודע, האָט דער היפשלעכער אויטאָ זיך אַוועקגעלאָזט ווייַטער, קיין פערעיאַסלאַוו.

אינגיכן זייַנען מיר אַרייַנגעפאָרן אין שטאָט, וועלכע ציט זיך אַף עטלעכע ווערסט. דאָס איז שוין ניט פערעיאַסלאַוו פון שאָלעם־אַליכעמס צייַטן. זעלטן וואַרפן זיך אין די אויגן אַלטע אויסגעקרימטע שטיבלעך. פערעיאַסלאַוו איז אַ הייַנטצייַטיקע שטאָט מיט פילשטאָקיקע הייַזער, אַ גלאַנצנדן קולטור־הויז, גרויסע קראָמען, אַ געראַמען שפיטאָל, מאָנומענטן אַף ברייטע פלעצער, אַ שטאָט פון מוזייען...

דער „מוזיי אונטערן פריַיען הימל" פאַרנעמט א שטעטל פון העכער צוויי הונדערט העקטאַר. אַלטע ווינטמילן האָט מען אַהער צונויפגעפירט פון אַרומיקע דערפער, עס זיַינען רעסטאַווירט פויערשע כאַטעס, קלוניעס, קלויסטערס. פאַר די אויגן וואַקסט אויס אין איר גאַנצער פּראַכט אַן עמעסע קרעטשמע, און אָט איז א סמאָליאַרניע, א כאַטע פון אַן אָרעמען פויער און א כאַטע, ווו עס האָט געוווינט א גאַלעך...

דאָס אַלץ איז צונויפגעפירט געוואָרן פון פאַרוואָרצלטע אוקראַיִנישע דערפלעך, און עס איז געוואָרן א מוזיי־זאַך.

אין אַנדערע פּאַוויליאָנען זעט איר שוין דאָס נייַע דאָרף און אַפילע א ווינקל פונעם קאָסמאָס — די קאָסמישע שיף, אַף וועלכער עס איז געפלויגן א באַרימטער זעמליאַק מיט זיַינע כאַווירים. דאָס האָבן זיי טאַקע וואָוקגעשענקט דעם פּערעיאַסלאַווער מוזיי אַן עמעסע קאָסמאָסשיף, און זי איז אַרויסגעשטעלט אין געראַמען פּאַוויליאָן און דערציילט וועגן דעם גרויסן טעכנישן פּראָגרעס פון אונדזער היימלאַנד.

באַם אַריַינגאַנג אין שאָלעם־אַלייכעם־מוזיי באַגעגנט אונדז מיט א גוטמוטיקן שמייכל א פאַרברוינטער ענערגישער מענטש — מיכאַיִל איוואַנאָוויטש סיקאָרסקי, דער דירעקטאָר. ער שטייט עטוואָס א פאַרלוירענער, א באַומרויִקטער. צום ערשטן מאָל באַגעגנט ער דאָ אַזא טאַלידע בריגאַדע שריַיבער, „שאָלעם־אַלייכעמס אייניקלעך", ווי ער אַליין דריקט זיך אויס.

סיקאָרסקי דערציילט אונדז, אַז עס איז שוין פאַראַן א באַשלוס פונעם שטאָטראַט וועגן אַריבערפירן דעם מוזיי אין צענטער פון דער שטאָט, נעענטער צו דער שאָלעם־אַלייכעם־גאַס אין פּערעיאַסלאַוו. עס באַפריַיט זיך דאָרט א שטוב, זייער אַן ענלעכע צו שאָלעם־אַלייכעמס, פונקט מיט אַזא אַרכיטעקטור. אין יענעם הויז וועט אויך אויסגעשטאַט ווערן אין פיר צימערן א ביבליאָטעק, ווו עס וועלן צונויפגעזאַמלט ווערן אַלע ווערק פונעם גרויסן קלאַסיקער, אין יידיש, ווי אויך אין דער איבערזעצונג אַף אַנדערע שפּראַכן. ס'וועט שוין געשאַפן און עס וועט פאַרן הויז פונעם נייַעם שאָלעם־אַלייכעם־מוזיי אויפגעשטעלט ווערן א מאָנומענט דעם שריַיבער, אַזא, ווי עס שטייט שוין אין פּערעיאַסלאַוו בא די מוזייען פון גריגאָרי סקאָוואָראָדאַ, טאַראַס שעווטשענקאָ.

מיט האַרץ־צאַפּל טרעטן מיר אַריבער די שוועל און קומען אַריַין אין דער שטוב. פון די ווענט קוקן אַף אונדז שאָלעם־אַלייכעמס פּאָרטרעטן, וועלכע עס האָבן געשאַפן די יידישע קינסטלער זינאָווי טאָלקאַטשאָוו, מייער אַקסעלראָד, מענדל גאָרשמאַן, הערש אינגער, זעלטענע אַפישן פון שאָלעם־אַלייכעמס פּיעסן, ביכער אַף פאַרשיידענע שפּראַכן, מעבל־מוסטערן, שטוב־כפייצים.

אין שאָלעם־אַלייכעמס קאַבינעט־צימער ליגן אַפן טיש ביכער, וועלכע ער האָט געלייענט, אַלטע בייגעלעך פּאַפּיר, זיַין טינטער מיט דער פען. און דאָ טאַקע — זיַין שטעקל, א שירעם... אין צימער, ווו די מישפּאָכע פלעגט זיך צונויפקומען טרינקען טיי, זעט מען דעם אַלטן סאַמאָוואַר, די שראַנקען, קאָמאָדן, בעטן...

אונטערן גלאָז — שאָלעם־אַלייכעמס קסאַוויאַדן, ביכער מיט אויטאָגראַפן, וואָס עס האָבן אַהער צוגעשיקט שריַיבער פון אַלע עקן לאַנד. עס ציט צו די אויפמערקזאַמקייַט א פּרעכטיקע וואַזע, וועלכע ס'האָבן ספּעציַעל אויסגעאַרבעט פאַרן מוזיי שאָלעם־אַלייכעמס טריַיע לייענער — די אַרבעטער פון דער פאַרצעלייַ־פאַבריק אין פּאָלאָנע, פּערעץ מאַרקישעס געבוירט־שטאָט. אין צענטער פון דער וואַזע — שאָלעם־אַלייכעמס פּאָרטרעט...

מיר קאָנען זיך לאַנג ניט צעשיידן מיטן שטילן ווינקעלע, דעם ערשטן און איינציקן אין דער וועלט שאָלעם־אַלייכעם־מוזיי.

פאַרנאַכט זיַינען מיר אָפּגעפאָרן צוריק קיין קיִעוו. עס איז אונדז נאָך פאַרגעשטאַנען א ריַיזע קיין טשערנאָוויץ און קעשענעוו, ווו עס האָבן געוואַרט אַף אונדז די דאָרטיקע לייענער פון „סאָוועטיש היימלאַנד".

הערש פּאָליאַנקער

צוויי פּולע וואָכן

1

מאָסקווע און קיִעוו, טשערנאָוויץ און קעשענעוו זײַנען געגאַנגען אַזוי ווי אין אַ געוועט — ווער פון זיי וועט בעסער, שענער, וואַרעמער דורכפירן די יוביליי־פײַערונגען פון „סאָוועטיש היימלאַנד“.

דערהויבן, יאָמטעוודיק איז געווען דער אָוונט, וועלכער איז דעם 16־טן אָקטיאַבער 1981 פאָרגעקומען אין גרויסן זאַל פון דעם מאָסקווער ליטעראַטן־הויז. נאָך מיט אַ שאָ פריִער פאַרן אָנהייב איז שוין געווען אַן אוילעם באַם אַרײַנגאַנג. באַצײַטנס זײַנען פאַרנומען די ערטער אין זאַל.

— סאָרע, לעבן דיר איז, דוכט זיך, פאַראַן אַ פרײַ אָרט, — דערפרייט זיך אַ פרוי, ווען זי דערזעט בישכיינעס מיט אירער אַ באַקאַנטער אַ ליידיקן שטול.

אָבער די באַקאַנטע שאָקלט מיטן קאָפּ אַף „ניין“:

— דאָ זיצט מײַן הערשל.

אַלטע און זייער אַלטע מענטשן זײַנען געקומען אַפן יובילײַ פונעם זשורנאַל. דער עלטסטער איז דאָ, מיסטאָמע, אַריע ראָטניצקי. ניט לאַנג צוריק איז ער קיין אײַנהאָרע, אַלט געוואָרן זעקס און נײַנציק יאָר. אָבער ניט נאָר גרויע קעפּ זעט מען אין זאַל. אַ סאַך זײַנען מיטליאָריקע, יונגע און אַפילע גאָר יונגע מענטשן. אַ באָכערל, אַזוי ווי אַ שילער פון ערשטן קלאַס, לייגט צונויף אָס צו אָס און לייענט די נעמען פון די ייִדישע ביכער, וועלכע זײַנען אויסגעשטעלט אַף די סטענדן אין פּאָיע.

אין צימער, הינטער די קוליסן, איז שוין אויך פול. דער סעקרעטאַר פונעם שרײַבער־פאַרבאַנד יורי ניקאָלײַעוויטש ווערטשענקאָ, וועמען מע האָט אָנפאַרטרויט פירן דעם אָוונט, באַקוקט זײַנע „כעווורע“ — די פּרעזידיום־מיטגלידער. ער האָט אַ גאַנץ פײַנע דרוזשינע! דער צוויי מאָל העלד פון סאָוועטנפאַרבאַנד גענעראַל־פּאָלקאָווניק דאָוויד דראַגונסקי, העלד פון סאָוועטנפאַרבאַנד, סעקרעטאַר פון שרײַבער־פאַרבאַנד פון פּססר וולאַדימיר קאַרפּאָוו, העלד פון סאָוועטנפאַרבאַנד, קאָסמאָנאַווט וויאַטשעסלאַוו זודאָוו, סעקרעטאַר פונעם שרײַבער־פאַרבאַנד פון דער רוסלענדישער פעדעראַציע וואַלערי פּאָוואָליאַיעוו, פאָרזיצער פונעם טורקמענישן שרײַבער־פאַרבאַנד טאַשלי קורבאַנאָוו, רעדאַקטאָר פון דער צײַטונג „ליטעראַטורנאַיאַ ראָסיִאַ“ יורי גריבאָוו, פאַרטרעטער פונעם הויפּט־רעדאַקטאָר פון דעם זשורנאַל „נאָווי מיר“ פּעאָדאָסי ווידראַשקאָ. אין פולן באַשטאַנד איז אין פּרעזידיום די רעדקאָלעגיע פון „סאָוועטיש היימלאַנד“ — בוזי מילער פון ביראָבידזשאַן, הערשל פּאָליאַנקער פון קיִעוו, נאָטע לוריע פון אָדעס, כאַיִם מעלאַמוד פון טשערנאָוויץ, יעכיִעל שרײַבמאַן פון קעשענעוו, כאַיִם ביידער, שמועל גאָרדאָן, טעוויע גען, באָריס מאָגילנער, יויסעף שוסטער פון מאָסקווע.

אַרן ווערגעליס פעסטיקט צו באַ יעדן אַפן לאַץ דעם צייכן „סאָוועטיש היימלאַנד. 1981“, וועלכער איז אַרויסגעלאָזט געוואָרן צום יובילײַ. אַף אַ גרויסן אָוונט זײַנען פאַראַן ניט ווייניק עמאָציִאָנעלע מאָמענטן. אַ רירנדיקע רעגע איז דאַן, ווען די פּרעזידיום־מיטגלידער הייבן אָן אַרויסגיין אַף דער העל־באַלויכטענער בינע. די צושויער שטייען אוף פון די ערטער און אַפּלאָדירן. צווישן דער בינע און דעם זאַל פילט זיך ניט קיין מעכיצע, מע ווערט איין גאַנצעס, איין גוטווינטשנדיקע, פרײַנטלעכע מישפּאָכע. די שרײַבער, וועלכע זיצן טאָג־אײַן־טאָג־אויס באַ די שרײַבטישן און זעען דעם לייענער נאָר אין געדאַנק, האָבן אים דערזען אין דער ליכט פון מעכטיקע פּראָזשעקטאָרס. אָט זיצט ער פאַר אונדז אַ טויזנטקעפּיקער, אַ באַקאַנטער און אומבאַקאַנטער, און יעדערער פונעם טויזנט — מיט זײַן אייגענעם אויסדרוק אַפן פּאָנעם, מיט זײַן אייגענעם אויפן פון הערן, וואָס מע רעדט.

ניט צו פאַרמאַטערן דעם אוילעם, זײַנען די רעדעס געווען קורצע. די לענגסטע רעדע האָט געהאַלטן דער הויפּט־רעדאַקטאָר, זי האָט געדויערט צוואַנציק מינוט. צוואַנציק יאָר „סאָוועטיש היימלאַנד“, צונויפגעפּרעסטע אין צוואַנציק מינוט, האָבן אַ פינקל געטאָן אין זייערע כאַראַקטעריסטישע און באַדײַטונגספולע שטריכן: די געבורט־ווייען פונעם זשורנאַל און גופע דער עצעם געבורט אין אָנהייב פון די זעכציקער יאָרן; אַ נײַער עטאַפּ אין דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור; אַף די זײַטן פונעם זשורנאַל האָט זיך אויסגעשאַרפט די פּען פון שרײַבער, וועלכע האָבן אָוועקגעשטעלט אַף דער ייִדישער ביכער־פּאָליצע באַדײַטנדיקע ווערק; די פּראָבלעמאַטיק פונעם זשורנאַל איז די פּראָבלעמאַטיק פון אונדזער לעבן, פון דעם לעבן פון די סאָוועטישע ייִדן — זייער אַרבעט, זייער בײַטראָג צו די מאַטעריעלע און גײַסטיקע אוצרעס פונעם לאַנד, זייער קאַמף, צוזאַמען מיט אַלע סאָוועטישע פעלקער, פאַר גערעכטיקײַט און שאָלעם אַף דער וועלט.

וולאַדימיר קאַרפּאָוו האָט אין זײַן אַרויסטרעטונג פאַרגליכן דעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד“ מיט אַ שיף, וואָס האָט אַ גוטן, אַרבעטזאַמען עקיפּאַזש — אַלעמענס קויכעס און באַמיִונגען זײַנען געווענדט צו פירן די שיף אין דער געוווּנטשענער ריכטונג.

וואַלערי פּאָוואָלײַעוו האָט צווישן אַנדערע פאַקטן, וואָס רעדן וועגן דער פאַרבינדונג פון די סאָוועטישע שרײַבער מיטן לעבן, דערציילט,

אַז דער ערשטער, וועלכער איז דורכגעגאַן איי־בער אַ נייַעם, אָקאָרשט אויסגעבויטן בריק אַף דער בייַקאַל־אַמורער מאַגיסטראַל, איז געווען אַ ביראָבידזשאַנער שרייַבער.

וויאַטשעסלאַוו זודאָוו האָט איבערגעגעבן די לייענער פונעם זשורנאַל אַ גרוס פון זוויאָזדנע און פּערזענלעך פון בערעגאָוואָיען, שאַטאַלאָוון, פּאָפּאָוויטשן, וועלכע האָבן שטאַרק זיך באַ־פרייַנדעט מיט „סאָוועטיש היימלאַנד“, געוואָרן זייַנע אַוטאָרן.

טאַשלי קורבאַנאָוו זאָגט אין זייַן רעדע, אַז אין אַשכאַבאַד אין די ביכער־מאַגאַזינען קאָן מען קויפן ייִדישע ביכער. ער רופט אָן די נע־מען פון ייִדישע שרייבער, וועמענס ווערק מע לייענט אין טורקמעניע.

כאַיִם ביידער און דער רוסישער דיכטער לעוו אָשאַנין האָבן געלייענט זייערע לידער.

דער פֿאָלקס־אַרטיסט פון מאָלדאַוויע באָריס ראַיִסאָוו און דער פּיאַניסט סערגאָ בענגעלס־דאָרף האָבן אויסגענומען מיט זייער געזאַנג, ליודמילע ריומינאַ האָט געזונגען רוסישע פֿאָלקס־לידער, די אַקטריסע פונעם מאָסקווער דראַמאַטישן אַנסאַמבל מאַניע קאָטליאַראָווע האָט מיט גרויס מייַסטערשאַפט געלייענט מוישע טייפס „קיכעלעך און זעמעלעך“, אַרן ווערגע־ליסעס און שיקע דריזס לירישע לידער. דער ייִדישער דראַמאַטישער אַנסאַמבל האָט באַוויזן פראַגמענטן פונעם ספּעקטאַקל „דער דאַמען־שנייַדער“, אויך פון דער נייַער פאָרשטעלונג, וועלכע ער גרייט איצט לויט שאָלעם־אַליכעמס ראָמאַן „בלאָנדזנדע שטערן“.

אַזוי איז דורכגעגאַנגען דער ערשטער אָוונט — אַ גוטער אָנהייב פון די יובּילײ־פייַע־רונגען.

2

אין צענטראַלן ליטעראַטן־הויז, ווו ס'זייַנען געווען אַ סאַך רעדנער, האָבן די פּראָזאַיִקער געהערט דאָס, וואָס אַנדערע ריידן. איבערלייע־נען אַ קאַפּיטל פון אַ ראָמאַן אָדער אַ דערציי־לונג פאַרנעמט צופיל צייַט. דערפאַר האָבן די פּראָזע־שרייַבער אָטכייַעט די נעשאָמע אַף מאָרגן, דעם 17־טן אָקטיאַבער, בייס דער באַ־געגעניש מיט די לייענער אין דער מאָסקווער שטאָטישער ביבליאָטעק אַף נעקראַסאָווס נאָ־מען... צווישן איין פאָרלעזונג און אַ צווייטער, צווישן איין רעדע און אַן אַנדערער, טרעטן דאָ אַרויס אַרטיסטן, זינגער און אָנטיילנעמער פון דער ייִדישער זעלבסטעטיקער קונסט.

מע זאָגט, אַז אַ מענטש, וועלכער טרעט אַרויס פאַר אַן אוילעם, דאַרף אין זאַל אויס־קלייַבן אַ סימפּאַטישן צוהערער, קוקן נאָר אַף אים, ריידן צו אים, ווי מע רעדט מיט אַן אַלטן גוטן באַקאַנטן. דאַן וועלן די ווערטער גיין גרינג פון דער צונג, און זיי וועלן זייַן פון האַרצן.

אין דער נעקראַסאָוו־ביבליאָטעק, אַזוי ווי אין צענטראַלן ליטעראַטן־הויז, איז ניט געווען קיין איין ניט־סימפּאַטיש פּנים. אַף קיין מינד־סטער רעגע האָבן ניט אופגעהערט צו שטראָ־מען די וואַרעמסטע געפילן פון די לייענער צו די שעפער פונעם ייִדישן קינסטלערישן וואָרט.

3

אַ יובּילײ אָן אַ באַנקעט, אָן אַ גלעזל מאַש־קע איז קיין יובּילײ ניט. דעם 19־אָקטיאַבער האָט מען זיך צוזאַמענגענומען אַף קיראָוו־גאַס, 17, אין די צימערן פון דער רעדאַקציע.

איידער וואָס־ווען, איידער מע לאַדט אייַן צום פייַן־געדעקטן טיש, פּאַטערט מען דערווייַל קיין צייַט ניט. דער רעדאַקטאָר רעדאַגירט, דער קאָרעקטאָר קאָרעגירט, די מאַשיניסטקעס קלאַפּן אַף די מאַשינקעס, די סטודענטן פון דער ייִדי־שער גרופּע אַף די העכסטע — ליטעראַרישע קורסן, וועלכע פּראַקטיקירן אין רעדאַקציע, פילן אויס פאַרגעבונגען — קנעלן ייִדישע גראַ־מאַטיק, זעצן איבער פון רוסיש אַף ייִדיש.

ענדלעך האָט זיך אָנגעהויבן דער מיטיק, אַף וועלכן מע האָט געוואַרט ניט גאָר קיין סאַך — סאַכאַקל צוואַנציק יאָר.

טאָסטן — קורצע און לענגערע, בליציקע עקספּראָמטן און געניטע וואָרט־עקסקורסן אין דער פאַרגאַנגענהייַט — ווערן מיט גרויס טעמ־פּעראַמענט אַרויסגעבראַכט איינער נאָכן אַנ־דערן.

באַם טיש, צוזאַמען מיט די מיטאַרבעטער פונעם זשורנאַל און פון דעם פאַרלאַג „סאָוועט־סקי פּיסאַטעל“, זיצט אַ שיין יונג מיידל, וואַ־ליע. אייניקע פון די בייַוועזנדע זעען זי צום ערשטן מאָל און זיי ווייסן ניט, אַז וואַליע האָט אַ גרויסן כיילעק אין דעם, וואָס אונדזער זשור־נאַל און אונדזערע ביכער דערשייַנען פאַרן לייע־נער אַזעלכע פייַן אָפּגעדרוקטע, אָן אַ פּגימע אינעם שריפט, אין דער אויספורעמונג. וואַליע איז טעכנאָלאָג אין דער דרוקערייַ „איסקראַ רעוואָליוציִי“ און זי האָט די האַשגאָכע איבער די קוואַדראַטע אויסיעס.

— איך בין זייער אַ שטרענגע, — האָט וואַ־ליע, אופהייבנדיק אַ קאָס, געגעבן צו וויסן מיט איר מילד קאָל. — ווען איך באַקום אין דער דרוקערייַ אַ מאַנוסקריפּט, וועלכער איז ניט אויסגעפורעמט לויט די פּאָליגראַפישע קלאָלים, שיק איך אים אָפּ צוריק אין רעדאַקציע. מע ברויגעזט זיך אַפילע אַמאָל אַף מיר, אָבער „איסקראַ רעוואָליוציִי“ און „סאָוועטיש היימ־לאַנד“ דאַרפן דאָך שטענדיק זייַן אַ מוסטער פון הויכער קוואַליטעט...

מע האָט צוגעווונטשן וואַליען, זי זאָל נאָך לאַנגע יאָרן זייַן אַזוי שיין און שטרענג ווי איצט און ווי ס'זייַנען שיין די ביכער און דער זשורנאַל, וואָס זייער פּראָדוצירונג איז אָנפאַר־טרויט איר און אירע כאַווערטעס.

באַם יאָמטעוודיקן טיש זייַנען איבערגעגעבן געוואָרן ערן־גראַמאָטעס דריי מיאַרבעטערנס פון דער רעדאַקציע — ראָזע קאַץ, דווירע גראָ־

זאָווסקע און סאָניע טשערניאַק. ס'איז באַזונ־דערס מערקווירדיק, וואָס באַלוינט האָט זיי דער מעלוכע־קאָמיטעט איבער פאַרלאַג־איניאָנים באַם מיניסטאָרן־ראַט פון פסםר.

4

דינסטיק, דעם 20־טן אָקטיאַבער, האָט זיך אָנגעהויבן די נעסיִע.

די ערשטע שטאָט, לויט דער פּראָגראַם, איז קיִעוו. מיר פאָרן אין א וואַגאָן, וואָס פאַרמאָגט פלעצער פאַר 36 פּאַסאַזשירן, אָבער ס'דוכט זיך, אַז ער איז פאַרפולט נאָר מיט מיטגלידער פון דער רעדקאָלעגיע פון „סאָוועטיש היימלאַנד“. ווו מע טוט זיך ניט א קער, וווהין מע טוט ניט א קוק — אַף אַן אונטערשטער פּאָלקע, אַף אַן אייבערשטער — באַקאַנטע פאַרשוינען, און ס'הערט זיך אונדזער מאַמע־לאָשן. די גלעזער טיי, וואָס די קאָנדוקטאָרשע דערלאַנגט, ווערן זיסער פון די לידער, וועלכע מע לייענט און פון די מייַסעס, וואָס מע דערציילט איינער דעם אַנדערן. אין דער לאַנגער טיף־האַרבסטיקער נאַכט באַוויַיזט מען נאָר כאַפּן אַף א פּאָר שאָ א דרעמל, און — פאַר די אויגן שפּרייט זיך שוין אינעם פרימאָרגנדיקן נעפּל דער אַלטער דניעפּער און דער פונקט אַזוי שוין ניט יונגער קיִעוו...

און דאָ שטעל איך א פּילפּונקט, וויַיל איך וויים ניט, וויאַזוי וויַיטער צו שריַיבן. די מיט־גלידער פון דער רעדקאָלעגיע האָבן זיך צו־נויפגערעדט, אַז אינעם קאָלעקטיוון רעפּאָרטאַזש וועט יעדערער האָבן „זיַין“ שטאָט. פּאָליאַנקער, וואָס לעבט אין קיִעוו, האָט גענומען קיִעוו, מע־לאַמוד — טשערנאָוויץ, שריַיבמאַן — קעשענעוו. איך וויל ניט פאַרכאַפּן „פרעמדע שטעט“, נאָר די פּאָרם, וועלכע איך האָב אויסגעקליבן פאַר מיַינע נאָטיצן, צווינגט מיך אַריַינדרינגען דאָ און דאָרטן. איך בעט מיַינע פריַינט, זיי זאָלן מיך אַנטשולדיקן און ניט האָבן אַף מיר קיין פאַריבל. אַלזאָ, כ'זעץ פאָר מיַין רעפּאָרטאַזש, בעסיידער און בעקיצער.

...צוויי מיקראָ־אויטאָבוסן פירן אָפּ די געסט אין האָטעל „מאָסקווא“ אַף קרעשטשאַטיק, און פון דאָרט, קוים אָפּגערוט זיך א ביסל פונעם וועג, פאָרט מען קיין באַבי־יאַר — פאַרנייגן די קעפּ באַם דענקמאָל די אומגעקומענע קדושים...

...אין קיִעוו איז פאַראַן א שאָלעם־אַלייכעם־גאַס, אין פּערעיאַסלאַוו — א שאָלעם־אַלייכעם־מוזיי מיט א גאַס אויך. דער עקסקורסיע־אָנפי־רער פונעם מוזיי, א יונגער אוקראַיִנישער באַ־כער, פירט אונדז פון איין צימער אין אַנדערן, פון וואַנט צו וואַנט, פון סטענד צו סטענד, באַ־האַנגענע און אַרומגעשטעלטע מיט עקספּאָנאַטן, און אַזוי ווי מיר וואָלטן נאָך גאָרניט געוווּסט וועגן שאָלעם־אַלייכעמען, דערציילט ער אונדז וועגן זיַין לעבנס־וועג, וועגן די ווערק זיַינע, וועגן דער פּאָפּולערקיַיט און פּאָלקס־ליבע צו אים. רירנדיק און איינדרוקספול זיַינען די דאָ־זיקע דערקלערונגען, וועלכע דער באָכער כאַ־זערט איבער טאָג נאָך טאָג פאַר אַלץ ניַיע און ניַיע באַזוכער פונעם מוזיי.

...דעם 24־טן אָקטיאַבער קומט פאָר א באַ־געגעניש מיט די לייענער אינעם הויז פון אוק־ראַיִנישן שריַיבער־פאַריין. באַם פרעזידיום־טיש, צוזאַמען מיט דער רעדקאָלעגיע פון „סאָוועטיש היימלאַנד“, זיצן אָנגעזעענע קיִעווער ליטעראַטן. דער באַוווּסטער אוקראַיִנישער דיכטער דמיטראָ פּאַווליטשקאָ האָט, צווישן אַנדערס, זיך גע־ווענדט צו די יִדישע שריַיבער מיט אַזעלכע ווערטער:

— מע טיַינעט אַמאָל, אַז איר זיַינט שיר ניט די לעצטע גענעראַציע, נאָר ווען איך קוק איצט אין זאַל אַפן אוילעם, צווישן וועלכן ס'זיַינען פאַראַן א סאַך יונגע מענטשן, גלייב איך, אַז ס'איז וויַיט־וויַיט ניט אַזוי...

פּאַווליטשקאָ האָט געלייענט לידער פון יִדי־שע דיכטער אין זיַין איבערזעצונג. כאַיִם ביי־דער האָט איבערגעלייענט אַף יִדיש פּאַווליטש־קאָס ליד „באַבי יאַר“.

רוסישע, אוקראַיִנישע, יִדישע לידער קלינ־גען אין זאַל נאָכאַנאַנד. ס'טרעטן אַרויס פּעטראָ אָסאַדטשוק, דאָרע כיַיקינע, אַנאַטאָלי מאָראָז, באָריס מאָגילנער, טאַמאַרע קאָלאָמיִעץ, יאָסל בוכבינדער, אַבראַם קאַצנעלסאָן, לעאָניד ווי־שעסלאַווסקי, פּיניע קיריטשאַנסקי, מישע מאָ־גילעוויטש.

די פּראָזאַיִקער זיַינען דאָ ווידער א ביסל „ניט באַם וואָרט“ (אויסער בוזי מילערן און

אַפן יובליי־אָוונט אין צענטראַלן ליטעראַטן־הויז. עס טרעטן אַרויס (פון לינקס אַף רעכטס): יורי וואָר־טשענקאָ, קאָסמאָנאַוט וויאַטשעסלאַוו זודאָוו, וואָלאָדימיר קאַרפּאָוו

הערשל פּאָליאנקערן, וואָס האָלטן פּײַערדיקע רעדעס), דערפאַר אָבער קלײַבן זיך אַלע איבעריקע „נעמען רעוואַנש“ אין טשערנאָוויץ.

5

אין טשערנאָוויץ האָט דער ערשטער וויזיט געזאָלט זײַן צו מוישע אַלטמאַנען. אָבער מוישע אַלטמאַן איז שוין ניטאָ. דער טויט האָט אים אַוועקגענומען מיט צוויי מעסלעס פריִער, אייידער מיר האָבן באַוויזן קומען. זײַן שרײַבטיש אָטעמט נאָך מיט לעבן. ס'ליגט א צעעפנטער בלאָקנאָט מיט אָנגעהויבענע שורעס, וועלכע וועלן שוין קיינמאָל ניט ווערן פאַרענדיקט...

די באַגעגעניש מיט די לייענער קומט פאָר אין פּרעכטיקן קאָנצערט־זאַל פון דער שטערנאָוויצער פילהאַרמאָניע. דאָ האָבן זיך שוין צוגעכאַפּט צום „אָמעד“ אויך די פּראָזע־שרײַבער.

ס'איז ניט איבערצוגעבן דעם געפיל, וואָס מע האָט, ווען מע לייענט פּראָזע פאַר א גרויסן עולם און ס'איז אויסערגעוויינלעך שטיל, מע הערט מיט א פאַרטײַעטן אָטעם. ס'דוכט זיך דאָך, אַז יעדעס וואָרט דײַנס פאַרשטייען ניט נאָר די, וואָס ווייסן די שפּראַך, נאָר אויך די, וועלכע ווייסן זי ניט. ס'פאַרשטייט זי די שטאַרק פּאָפּולערע אין שטאָט פּאַרטיי־טוערן, די אוקראַיִנערן וואַלענטינא פּראָקאָפּאָוונא קאָסאַטשענקאָ, וועלכע האָט האַרציק אײַנגעשטימט עפענען דעם אָוונט און האָט אין נאָמען פונעם טשערנאָוויצער שטאָטישן פּאַרטיי־קאָמיטעט באַגריסט די געסט און די לייענער מיטן יובילײ פון „סאָוועטיש היימלאַנד“; ס'פאַרשטייט זי, דער אָנפירער פון דער בוקאָווינער שרײַבער־אָרגאַניזאַציע וואַסילי איוואַנאָוויטש פּאָלוואַראַטשני, וועלכער האָט דערנאָך איבערגענומען די פליכטן פון פאָרזיצער פונעם אָוונט; ס'פאַרשטייט זי די גאַנצע גרופּע אוקראַיִנישע און רוסישע שרײַבער און דיכטער, וועלכע וווינען אין טשערנאָוויץ, און יענע צושויער אין זאַל, וואָס באַהערשן ניט די ייִדישע שפּראַך, אַלע אָן אויסנאַם פאַרשטייען דיך.

סידי טאַל האָט געזונגען לידער פון סאָוועטישע ייִדישע דיכטער און פאָלקס־לידער. מע האָט זי באַלוינט מיט א סאַך בלומען. דער סעקרעטאַר פונעם שטאָטישן פּאַרטיי־קאָמיטעט וואַלענטינא פּראָקאָפּאָוונא קאָסאַטשענקאָ האָט דעם בוקעט אַסטרעס, וואָס די ייִדישע לייענער האָבן איר אונטערגעטראָגן, איבערגעגעבן סידי טאַל. ביידע פרויען האָבן זיך געקושט, ווי צוויי טרײַע שוועסטער.

ס'האָט זייער אויסגענומען באַם עולם דער יונגער זינגער סטעפּאַנאָווסקי. די אַרטיסטן ראַיִסאָוו און בענגעלסדאָרף האָבן שוין באַוויזן, נאָך דעם, ווי זיי זײַנען אַרויסגעטראָטן אין מאָסקווע, אומקערן זיך קיין קעשענעוו, ווו זיי האָבן געדאַרפט דרינגענדיק זײַן, און איצט אַראָפּכאַפּן זיך קיין טשערנאָוויץ, קעדיי אַרויסטרעטן דאָ אפן אָוונט. אָקאָרשט פון וועג, נאָך נײַן שאָ פאָרן אין אויטאָבוס, זײַנען זיי געוויס געווען פאַרמאַטערט. דערצו, גלײַך נאָך דער אַרויסטרעטונג האָט ראַיִסאָוו געמוזט אַוועקפאָרן צוריק קיין קעשענעוו, ווײַל מאָרגן אינדערפרי האָט ער דאָרט אינעם אָפּערע־טעאַטער, א רעפּעטיציע. אָבער אָט די זײַטיקע אומשטענדן האָבן אָף די לידער, וועלכע ס'האָט אויסגעפילט ראַיִסאָוו אין דער באַגלייטונג פונעם פּיאַניסט בענגעלסדאָרף, זיך ניט אָפּגעשפּיגלט. ווען דער עולם זאָל וויסן וועגן די דאָזיקע הין־און־צוריק נעסיִעס, וואָלט ער אַוואַדע נאָך הייסער געפּלעסקעט, אויב ס'איז ביכלאַל מעגלעך אויפצונעמען אַרטיסטן נאָך בעסער.

6

וואָס ווײַטער אָף דאָרעם, אַלץ וואַרעמער אינדרויסן. אין קעשענעוו שײַנט די זון, גרין זײַנען די יאַוואָרן, דופּטיק־פריש די רויזן אין די אַלייעס פונעם פּאַרק, הינטער וועלכן עס שטייט דער האָטעל „קאָדרו“, ווו מיר שטייען אײַן.

אין פּרעזידיום פונעם אָוונט, וועלכער קומט פאָר אין הויז פון דעם מאָלדאַווישן שרײַבער־פאַריין, זיצן צוזאַמען מיט די געסט אַנדריי לופּאַן, ליוויו דאַמיאַן, אַנדערע שרײַבער און דיכטער. דער ליטעראַרישער טייל האָט געדויערט צוויי מיט א האַלבער שאָ, און דער פולער זאַל זאָל כאָטשבי אַרויסווײַזן דעם קלענסטן סימען, אַז ער וויל אָן איבערײַס. מיט אָן אַלציי־

וואַלערי פּאָוואָליאַעוו, כאַים ביידער, טאַשלי קורבאַנאָוו

נער אופמערקזאַמקייט הערט מען די קורצע ליד און די לענגערע דערציילונג. אַ סך גוטע ווערטער ווערן געזאָגט וועגן „סאָוועטיש היימלאַנד“, וועגן דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור. די מאָלדאַווישע דוינע און דאָס ייִדישע פריילעכס וועבן זיך באַנאַנד צונויף... אַרן ווערגעליס האָט געענטפערט אויף די צעטעלעך פון זאַל. די מערהייט צעטעלעך, — האָט ער געזאָגט, — זײַנען אָפּטימיסטישע, פאַראַן אויך פּעסימיסטישע, למשל אַזאַ: „די ייִדישע שרייַבער זײַנען מערסטנס באַיאָרטע לײַט, וואָס זשע וועט זײַן ווײַטער, צי קאָן מען נאָך אויף עפּעס האָפן?..“ אָבער די זעלבע פראַגע האָט מען נאָך אַמאָל געפרעגט אויף אָן אָוונט בײַ שאָלעם־אַליכעמען, און ער האָט געענטפערט: קומט אין פופציק יאָר אַרום, דערנאָך מיט נאָך אַזויפיל יאָרן שפּעטער, — דאַן וועלן מיר מיט אײַך זען...

דער קאָנצערט איז מאַמעש געווען אַ פײַערדיקער, מיט ייִדישן און מאָלדאַווישן טעמפּעראַמענט. צווישן אַנדערן איז אַרויסגעטראָטן אַ קעשענעווער ייִדישער מוזיקאַלער אַנסאַמבל, וועלכער האָט זיך געגעבן אַ פריילעכן און מונטערן נאָמען „לעכאַיִם“. ער האָט אַזוי געשפּילט אויף זײַנע הילכנדיקע, קלאַפּנדיקע, רוישנדיקע אינסטרומענטן, אַז ס׳האָט געדוכט, — ס׳וועלן אײַנפאַלן די ווענט... די ניגונים זײַנען אַרײַנגעדרונגען אין האַרצן. באַזונדערס האָט אויסגענומען די סאָליסטקע פונעם אַנסאַמבל אַנאַ גינזבורג.

— ס׳וואָלט געווען נאָך בעסער, אָבער אין זאַל פונעם שרײַבער־הויז טרעטן מיר אַרויס צום ערשטן מאָל און ווייסן נאָך ניט גוט די אַקוסטיק, — האָט זיך פאַרענטפערט דער אָנפירער פון אַנסאַמבל מיכאל שאָר.

— לעבט ניט איבער, ס׳איז געווען אויסגעצייכנט, — האָט מען אים באַרויִקט, — מע האָט דאָך אײַך פאַרוואָרפן מיט בלומען.

7

אין טשערנאָוויץ, אויף מאָרגן נאָכן אָוונט בין איך אינדערפרי אַרויס דורכשפּאַצירן זיך איבער דער שטאָט. דער טאָג איז געווען אַ וואָלקנדיקער. אַ קאַלט ווינטל האָט אָנגעזאָגט, אַז ס׳איז ניט לאַנג צו וואַרטן אויף אַ טיף־האַרבסטיק רעגנדל.

איך גיי איבער דער קאָבילאַנסקי־גאַס און קום אַרײַן אין אַ ביכער־קראָם. אַ מענטש אין מײַן וווּקס, נאָר אין אַ צוויי מיט אַ האַלבן מאָל ייִנגער, גייט צו מיר צו.

— איר זײַט טעוויע, — זאָגט ער, — און איך בין אויך טעוויע. טעוויע שקלאָווער. ביכלאַל רופט מען מיך טימור. — אַ ברייטער שמייכל ליגט אויפן יונגן טונקעלן פּנים. — ס׳איז אַ נאָמען נאָך מײַן עלטערבאָבען. מע האָט זי גערופן טויבע.

— מײַן עלטערבאָבען האָט מען אויך גערופן טויבע, — גיב איך אים צו וויסן. ער האַלט אין האַנט מײַן בוך „אַ וועג אין דער ווײַט“, וואָס ער האָט נאָרוואָס געקויפט דאָ אין מאַגאַזין. ניט אָפּצושטיין פון מײַן לייענער, קויף איך אויך דעם בוך, קעדיי עמעצן אים שענקען.

— איך וויל אײַך אײַנלאַדן צו זיך אין שטוב, — זאָגט טעוויע שקלאָווער — האַלב צוויי אַזייגער דאַרף איך גיין אויף דער אַרבעט, איצט איז עלף, ס׳איז נאָך דאָ אַ סך צײַט...

וויבאַלד ביידע הייסן מיר נאָך אונדזערע עלטערבאָבעס, איז ניט שײַך צו זאָגן „ניין“. מיר פאַרקערעווען פון קאָבילאַנסקע־גאַס אין אַ שטיל געסל, גייען דורך נאָך אַזאַ שטיל געסל מיט אַלטע מויערן און זייער שמאָלע טראָטואַרן. אונטערוועגנס דערציילט מיר מײַן נײַער באַקאַנטער, אַז ער שטאַמט פונעם שטעטל מאַלין, אַלט איז ער 26 יאָר. ער האָט פאַרענדיקט דעם לענינגראַדער מעדיציניש אינסטיטוט און אַרבעט אַלס דאָקטער אין פּראָפּילאַקטאָרי פון דעם טשערנאָוויצער אוניווערסיטעט. „סאָוועטיש היימלאַנד“ האָט ער גענומען לייענען, ווען ער האָט נאָך געלערנט אין דער מאַלינער שול, אַדאַנק דעם זשורנאַל אויסגעלערנט זיך לייענען און שרײַבן אויף ייִדיש. זײַן טאַטע — אַ לערער פון פיזיק, איז אויך אַ לייענער פונעם זשורנאַל.

מיר קומען אַרײַן אין אַ גרויסן, באַשיידן אויסמעבלירטן צימער. איך באַקאָן זיך מיט טימורס מאַמע, זי הייסט בראָניע. דער זון איז שטאַרק ענלעך אויף איר.

אין די יובילייטעג פונעם זשורנאַל האָבן, דוכט זיך, ניט נאָר די שרײַבער זיך פאַרמאָסטן, ווער עס וועט אַרויסטרעטן מיט אַ שענערער דערציילונג, מיט אַ פײַנערער ליד, האַלטן אַ קליגערע רעדע, ס׳האָבן זיך אויך פאַרמאָסטן די פרויען פון די אָרטיקע, אין יעדער שטאָט, שרײַבער. אין וועלכער שטוב די געסט זײַנען ניט אַרײַנגעקומען, איז געווען געדעקט אַ טיש מיט קאָלטווו. עטל פּאָליאַנקער אין קיִעוו, ריווע מעלאַמוד אין טשערנאָוויץ, מאַרינע שרײַבמאַן אין קעשענעוו, אַנדערע פרויען, אין וועמענס שטיבער ס׳זײַנען געקומען די יובילייאַרן, האָבן אַזוי ווי אָנטיילגענומען אין אַ ניט־גרינגן קאָנקורס, בײַ וועמען פון זיי וועלן זײַן געשמאַקערע מײַכאָלים. בראָניע שקלאָווער האָט זיך ניט געריכט אויף אַ גאַסט, נאָר אירע הענט האָבן גלײַך געגנומען עפּעס טאָן, גרייטן, און קאָלזמאַן טעוויע־טימור האָט געשפּילט אויפן פידל (ער שפּילט ניט שלעכט), איז געוואָרן פײַן געדעקט דער טיש. און ס׳איז אַזוי גוט געווען צו זיצן דאָ צוזאַמען מיט די נײַע פרײַנט, וועלכע כ׳האָב אָקאָרשט דערוואָרבן!

8

31־טער אָקטיאַבער, צוג נומער 48 — קעשענעוו־מאָסקווע.

די נעסיִע ענדיקט זיך, דער יאָמטעוו איז שוין אַדורך. איך ליג אין שלאָף־וואַגאָן אויפן

ווייכן דיוואַן און טראַכט וועגן דער נייַער זאַך, וועלכע כ'האָב אָנגעהויבן שרייַבן מיט א כוידעש צוריק, און מע דאַרף זי איצט פאָרזעצן. עס שטעלט זיך אַרייַן א הויכער און זייער א דאַרער פּאַסאַזשיר און מיט א בעטנדיק קאָל דערציילט ער מיר, אַז ער פאָרט צוזאַמען מיט זייַן פרוי, נאָר בילעטן האָבן זיי אין פאַרשיידענע קופּעען. צי וועל איך ניט זייַן אַזוי גוט בייַטן זיך מיט די ערטער, קעדיי מאַן און ווייַב זאָלן ניט זייַן צעשיידט אַף א גאַנצן מעסלעס? בא מיר איז גראָד פאַראַן א ליידיק אָרט, ס'איז דאָס, וואָס מע דאַרף.

— ביטע, מיטן גרעסטן פאַרגעניגן, — בין איך מאַסקים.

— אָבער דער פּאַסאַזשיר, מיט וועלכן איר וועט זייַן צוזאַמען, — רעדט ווייַטער דער אַרייַנגעקומענער, — זיצט און אַרבעט, ער שרייַבט. ער האָט געזאָגט, אַז ער וועט אַרבעטן א גאַנצע נאַכט.

— וויבאַלד אַזוי... — הייב איך זיך שוין אָן צו קווענקלען. — איך וועל יענעם שטערן, יענער וועט מיר שטערן... עפשער וועט איר אויסזוכן נאָך אַן אָרט?

— איך האָב שוין געזוכט און ניט געפונען, נאָר בא אייַך, — און דער פאַרשוין קוקט אַף מיר מיט אַזעלכע בעטנדיקע אויגן, אַז א שטיין קאָן פּלאַצן פון ראַכמאָנעס.

— מיילע... — בין איך מאַסקים.

דער בייַט קומט פאָר זייער גיך. איך טראָג איבער מייַן טשעמאָדאַן, דאָס פאָרפאָלק מיט זייערע פּעקלעך פאַרנעמען מייַן אָרט.

איך קוק זיך צו צום פּאַסאַזשיר, מיט וועמען כ'פאָר איצט צוזאַמען. די באָרד, די געדיכטלעכע באַקנבאַרדן, די קנייטשעלעך, וועלכע רונצלען דעם שטערן בייס דאָס הענטל־פען הערט אויף צו לויפן איבערן בייגעלע פּאַפּיר און ער פאַרטראַכט זיך, קאָנען פונדעסטוועגן ניט אויסבאַהאַלטן, אַז ער איז נאָך ווייַטלעך פון די מיטעלע יאָרן, רוקט זיך עפשער קוים צו דרייַסיק. אַפן טישל זייַנען פאַנאַנדערגעלייגט פּאַפּירן — פאַרשריבענע און ריינע, און דער באָכער שרייַבט, הערט ניט אויף צו שרייַבן. זייַטל נאָך זייַטל ווערט באַדעקט מיט גלייַכע, פעט־געשריבענע שורעס, אָפטמאָל ווערט אַרופגעטראָגן א סכעמע, א צייכענונג, און ער זאָל כאָטשבי איין מאָל כאַפּן א בליק אַפן שאָכן, וועלכער זיצט לעבן אים. עפשער דאַרף דער שאָכן אויך א שטיקל טישל?

— איר זייַט נאָך ניט פאַרמאַטערט? — פרעג איך אים.

— איך האָב גענומען, — ענטפערט ער, — ספּעציעל א בילעט אין שלאָף־וואַגאָן, כ'זאָל קאָנען זיצן און אַרבעטן. אַנטשולדיקט מיר, וואָס דאָס טישל וועט די גאַנצע צייַט זייַן פאַרנומען און ס'וועט מוזן ברענען דער לאָמפּ. אויב איר ווילט אָפּרוען, לייגט זיך מיטן קאָפּ צו דער טיר, וועט די שייַן אייַך ניט אַזוי שנייַדן אין די אויגן...

אַרום צוועלף באַנאַכט האָט ער באַשלאָסן מאַכן א קורצן איבעררייַס. איך האָב אויסגענוצט די געלעגנהייַט צו פאַרבינדן א געשפּרעך. ער איז אַן אַספּיראַנט אין איינעם אַן אוויִאַציע־אינסטיטוט, און מאָרגן דאַרף ער צושטעלן אַף דער קאַטעדרע א באַריכט.

איך האָב אים דערציילט, אַז אין וואַגאָן פאָרן ייִדישע שרייַבער, מיר זייַנען אַרויסגעטראָטן אין פאַרשיידענע שטעט אַף אָוונטן.

— איך בין א האַלבער ייִד, — האָט ער געזאָגט, — דער טאַטע — א ווייַסרוס, די מאַמע — א ייִדישקע. דעם זיידן פונעם טאַטנס צאַד האָט מען גערופן יאַנקאָ, דעם זיידן פון דער מאַמעס צאַד — יאַנקעוו, האָט מען מיר א נאָמען געגעבן יאַן. קיין קעשענעוו בין איך געפאָרן צו דער מוטערס ערשטן יאָרצייַט. איר פאָרטרעט הענגט איצט אינעם קאַבינעט פון דער קליניק, ווו זי האָט א סאַך יאָרן געאַרבעט.

וואָס מער מיר ריידן זיך דורך, אַלץ מער געפעלט ער מיר, מייַן שאָכן, און איך אַליין פרעג זיך שוין נאָך בא אים, צי איך שטער אים ניט, צי כ'רייַס אים ניט אָפּ פון זייַן דרינגענדיקער אַרבעט.

— ניין, — זאָגט ער, — איך וועל דערציילן מייַנע כאַווירים, אַז איך בין געפאָרן צוזאַמען מיט שרייַבער. ס'וועט פאַר זיי זייַן זייער אינטערעסאַנט.

צום סאָף פון דער נעסיִע זייַנען מיר שוין אַזוי באַפרייַנדעט, אַז איך בין זיך מישטאַדל פאַרן הויפּט־רעדאַקטאָר, מע זאָל מייַן אַספּיראַנט באַלוינען מיטן יובילײ־צייכן „סאָוועטיש היימלאַנד 1961“. א מינוט פאַרן אַרויסגיין פון וואַגאָן אין מאָסקווע, ווערט דער צייכן צוגעשפּיליעט צו יאַנס רעקל.

...באַגעגענישן — לאַנג־דערוואַרטע, „פאַרפּלאַנירטע“ און אומגעריכטע.

צוויי פּולע וואָכן אין א וועלט פון פרייַנטשאַפט.

טעוויע גען

אינעם שאָלעם־אַלייכעם־מוזיי (פּערעיאַס־לאַוו)

בא עליעזער שטיינבארגס קייווער

אין דער טשערנאָוויצער פילהאַרמאָניע

דער שרײַבער און זײַנע לייענער

ניט צום ערשטן מאָל נעם איך אָנטייל אין ליטערארישע אָוונטן, אין באגעגענישן מיט לייענער. אויב זיך ארײַנלאָזן אין דערינערונגען, וואָלט איך געקאָנט אָנרופן א היפש ביסל שטעט, ווו ענלעכע ליטערארישע אָוונטן, אין וועלכע כ׳האָב איצט אָנטיילגענומען צוזאמען מיט מײַנע פען־קאָלעגן, זײַנען פאָרגעקומען אין מער גרעסערע זאלן און פאר א גרעסערן אוילעם. דאָך האָט קיין איינע פון יענע פילצאָליקע באגעגענישן ניט איבערגעלאָזט נאָך זיך בא אירע אָנטיילנעמער — ניט בא די שרײַבער און ניט בא די לייענער — אזא טיפן שפור, ווי אונדזערע איצטיקע ארויסטרעטונגען אין מאָסקווע, קיִעוו, טשערנאָוויץ, קעשענעוו אין צוזאמענהאנג מיטן צוואנציקיאָריקן יובילײ פון „סאָוועטיש היימלאנד“.

מיר זײַנען גענוג באשיידן ניט צו דערקלערן עס בלויז דערמיט, וואָס צווישן די מיטגלידער פון דער רעדקאָלעגיע, וועלכע האָבן געהאט די זכיִע דורכמאכן די דאָזיקע בעקאָוועדיקע רײַזע, זײַנען פארטראָטן אָנגעזעענע וואָרט־מײַסטערס. אין באשטאנד פון די שרײַבער־בריגאדעס אין די פריִערדיקע יאָרן האָבן, ווי באוווסט, אויך ניט אויסגעפעלט קיין באדײַטנדיקע שעפערישע קויכעס — דיכטער און פראָזאִיקער, וועמען מע האָט נאָך באם לעבן געקרוינט אלס קלאסיקער.

דאָס צוציִענדיקסטע פארן אוילעם אין יענע ליטערארישע אָוונטן איז אין א גרויסער מאָס געווען דער נײַגער זען און הערן א לעבעדיקן שרײַבער, צו וועמען דאָס פאָלק האָט פון קאדמוינים אָן זיך באצויגן מיט א באזונדער כשיוועס, אופגעכאפט זײַן איטלעך וואָרט, ניט נאָר דאָס געשריבענע, נאָר אויך דאָס ארויסגערעדטע.

פארן שרײַבער איז דאָס וויכטיקסטע געווען — מערן מיט זײַן אָנטיילנעמען אין די ליטערארישע באגעגענישן די פארערער פון זײַן שאפונג.

געדענקענדיק דאָס אלץ פון פריִער, האָב איך קיין רעגע ניט געסאָפעקט, אז אונדזערע באגעגענישן וועלן אויך איצט, אין אזויפיל יאָרן ארום, פאָרקומען בא פולגעפאקטע זאלן, און אז דער אוילעם וועט באגײַסטערט אופנעמען אונדזערע ארויסטרעטונגען. מיר האָבן אָבער דערבײַ ניט געקאָנט זיך ניט פארטראכטן, וואָס פאר אן אוילעם מיר וועלן זען פאר זיך — מיינסטנטייל אזא, וואָס איז פאָשעט געקומען זען און הערן לעבעדיקע שרײַבער, צי אזעלכע, וועמען עס זײַנען באקאנט אי אונדזערע נעמען, אי אונדזערע ווערק? די זעלבע פראגע איז ניט זעלטן אויך אופגעקומען פאר די אָנטיילנעמער פון די דעמלטיקע אָפטע ליטערארישע אָוונטן אין די צענדליקער שטעט, שטעטלעך און דערפער, אָבער, זעלבסטפארשטענדלעך, ניט אין אזא פארנעם און ניט אזוי שארף ווי אצינדער פאר אונדז.

יעדער שרײַבער האָט זײַן באשטענדיק פארינטערעסירטן לייענער, זײַנע, אזוי צו זאָגן, כסידים. דער לייענער, וועלכער פאָלגט נאָך מײַן שאפונג, נייטיקט זיך ניט, איך זאָל אים דארפן דערציילן אין וויפל שטעט, שטעטלעך און דערפער איך בין פאר די לעצטע צוויי צענדליק יאָר אויסגעווען אין שליכעס פון אונדזער יובילאר.

ארומרײַזנדיק איבער פארשיידענע נאָענטע און ווײַטע קאנטן און געגנטן, האָב איך אינערגעץ ניט פארפעלט, מעג איך זאָגן, די דאָרטיקע ביבליאָטעקן. כ׳האָב דערבײַ ניט דורכגעלאָזט אין די אָפטיילן „ליטעראטור פון די ברידערלעכע פעלקער“, קיין איין ביכל אף די סטעלאזשן, וועלכע זײַנען אויסגעטיילט פאר דער יידישער ליטעראטור, אז איך זאָל ניט ארײַנקוקן אין דעם צוגעקלעפטן צו דער אינווייניקסטער זײַט פונעם טאָוול פאָרמוליאר־בלעטל, ווו עס ווערן פארשריבן די נומערן פון די אבאָנענטן, וואָס האָבן געלייענט דאָס ביכל. קיין גענויע רעשימע, אין וויפל הענט עס איז איבערגעווען דער אָדער יענער בוך, קאָנען אזעלכע פאָרמולירן ניט געבן, ווײַל ווי נאָר דאָס בלעטל ווערט פארפולט, פארבײַט מען עס מיט א ריינס. און אויסער דעם, קאָן קיין איין פאָרמוליאר ניט אונטערזאָגן, וויִאזוי די אבאָנענטן האָבן אופגענומען דאָס ווערק. בא א גרויסן ווילן איז מעגלעך, פארשטייט זיך, לויט די נומערן פון די אבאָנענטן זיך דערוויסן אין די ביבליאָטעקן זייערע היימישע אדרעסן און דורכפירן מיט יעדן איינעם פון זיי, הייסט עס, א מין לייענער־קאָנפערענץ. ס׳איז אָבער ווײַט ניט אזוי פאָשעט, ווײַל אויסער אלעם גייט ניט אין אויסקלאָרן, וויִאזוי עס זײַנען אופגענומען געוואָרן ספעציִעל מײַנע ווערק, נאָר די ווערק פון אלע יידישע שרײַבער, וועמענס ביכער עס געפינען זיך אין די ביבליאָטעקן, ד. ה. עס גייט אין טאָך א רייד וועגן באגעגענישן פון דער גאנצער יידישער ליטעראטור מיטן לעבעדיקן לייענער.

און די דאָזיקע באגעגענישן, אף וועלכע מיר האָבן ארויסגעקוקט און וואָס האָבן געדארפט אונדז ענטפערן אף פיל פראגן, זײַנען פאָרגעקומען בייס אונדזער איצטיקער רײַזע.

דער אוילעם, וואָס האָט פארפולט די זאלן אין די פינף פײַערלעכע אָוונטן, איז ניט בלויז געקומען זען און הערן די לעבעדיקע שרײַבער, נאָר דעריקער ארויסזאָגן זײַן וואָרט, אף וועלכן מיר האָבן געווארט. דער לייענער האָט עס אונדז ארויסגעזאָגט מיט דער פרייד, מיט וועלכער ער האָט אונדז אומעטום באגעגנט, מיט דער באזונדערער שטילקײַט, וואָס האָט גע־

הערשט בײַס אונדזערע פֿאָרלעזונגען, װעלכע האָבן זיך טײלמאָל פֿאַרצױגן ביז שפּעט אין דער נאַכט, מיט דער יאָמטעװודיקער דערהױבנקײט, װאָס האָט געשטראַלט פֿון די צושױער־זאַלן צו אונדז אױף דער בינע, מיטן אַרומרינגלען אונדז נאָך יעדן אָװנט און לעבהאַפֿטיק באַהאַנדלען די װערק, װאָס זײַנען געװען פֿאַרעפֿנטלעכט אין זשורנאַל און דערנאָך זײַנען זײ דערשינען אין ביכער. װײַל „סאָװעטיש היימלאַנד“ איז ניט נאָר א זשורנאַל. „סאָװעטיש היימלאַנד“ באַטײַט אײנציײַטיק אױך ייִדישע סאָװעטישע ליטעראַטור אין ברײטן און פֿולן זין פֿון װאָרט.

צי קען נאָך זײַן א גרעסער גליק פֿאַר א הײַנטצײַטיקן ייִדישן שרײַבער, װען ער דערפֿילט מיט אַלע זײַנע כושים, אַז ער האָט פֿאַר װעמען צו שרײַבן, װער עס זאָל אים לײענען!

דער לענגסטער ייִדישער יאָמטעװ, װי באַװוּסט, דױערט אַכט טעג. דער יאָמטעװ פֿון „סאָװעטיש היימלאַנד“ האָט געדױערט קימאַט פֿולע צװײ װאָכן. און איצט, װען ס'איז שױן „נאָך יאָמטעװ“ און איך זיץ װידער באַם שרײַבטיש און בין פֿאַרנומען מיט מײַנע געשטאַלטן, מיט זײערע געפֿילן און געדאַנקען, װאָס צוזאַמען באַטײַט עס „די אינערלעכע װעלט פֿונעם מענטשן“, דערזע איך זיך פֿון מאָל צו מאָל אױף אײנעם פֿון די דורכגעגאַנגענע און דורכגעלעבטע ליטעראַרישע אָװנטן. צוזאַמען מיט די ייִדישע שרײַבער־זיצן באַם טיש אונדזערע גרױסע האַכנאָסעס־אָרכים, װעלכע האָבן אונדז פֿאַרבעטן צו זיך צוגאַסט — די רוסישע, אוקראַיִנישע און מאָלדאַװישע שריפֿטשטעלער, קעדײ צוזאַמען פֿײַערן אונדזער יאָמטעװ. איך האָב אױף יעדן פֿון די אָװנטן נאָכגעפֿאָלגט נאָך זײ, בײַס עס זײַנען אַרױסגעטראָטן די ייִדישע שרײַבער און פֿאָרגעלײענט אױף ייִדיש זײערע װערק. צוקוקנדיק זיך, מיט װאָס פֿאַר א אױפֿמערקזאַמקײט זײ האָבן זיך צוגעהערט צו אונדזערע אַרױסטרעטונגען, איז בא מיר געװען דער פֿולער אײַנדרוק, אַז זײ פֿאַרשטײען, װאָס מיר לײענען פֿאָר. צוליב דעם, זעט אױס, איז ניט שטענדיק נײטיק בלױז קענען די שפּראַך. מע דאַרף צוליב דעם האָבן א פֿילבאַר האַרץ פֿון א נאָענטן פֿרײַנט, פֿון א ברודער. און די דאָזיקע פֿרײַנטשאַפֿט, די דאָזיקע ברידערלעכקײט פֿון די רוסישע, אוקראַיִנישע, מאָלדאַװישע שרײַבער צו אונדז האָבן מיר געפֿילט פֿון דער ערשטער ביז דער לעצטער שאָ פֿון אונדזער גרױסן יאָמטעװ — צװאַנציק יאָר „סאָװעטיש היימלאַנד“.

שמועל גאָרדאָן

אין גרױסן זאַל פֿונעם צענטראַלן ליטעראַטן־הױז



יעווגעניא מאלאכאווסקאיא

איבערן אַטלאַנטישן אָקעאַן

1

ווען דעם פלוג וויסן בלויז געציילטע מענטשן, נאָר מאָרגן, ווען די עראָפּלאַנען וועלן זיך געבן א הייב אויף פונעם אעראָדראָם קעבלאוויק אין איסלאַנד, — וועט וועגן אים וויסן די גאַנצע וועלט.

אונדזער עראָפּאָרט האָט מען פארמאכט אכצן נאָל נאָל, די עראָפּלאַנען, וואָס האָבן באַדארפט אָנקומען, האָט מען פארהאלטן אין וועג. דעם סטארט האָט מען איבערגעטראָגן אף דרײַסיק מינוט שפּעטער. די דאָזיקע צײַט איז אָפּגעגעבן געוואָרן אין רעשוס פון דער ספּעציעלער גרופּע, וואָס פליט אָפּ קיין פּערו.

ס'איז שטיל. אזוי אויסערגעוויינלעך שטיל, אז עס גלייבט זיך מאמעש ניט אין דער וואָרהאפטיקײַט פון אזא שטילקײַט — אין דער רעאלקײַט פון די לײַנערס, וואָס דרעמלען דערווײַל אף זייערע ערטער, פון די פּאסאזשירן, וואָס זײַנען פארכידעשטע געבליבן שטיין אף די באַלקאָנען פונעם עראָוואָקזאל.

עס לאָזט זיך ניט הערן קיין איינציקער קלאנג. ס'הודעט ניט, ס'רוישט ניט, ס'ברומט ניט.

דערשראָקן פון דער דאָזיקער שטילקײַט, איז פונעם ניט הויכן, פײַכטן, נאָך ניט פארסאַרפעטן פון דער זון, העל־גרינעם גראָז הענדעם־פּענדעם ארויסגעלאָפן אפן בעטאָנירטן פלאַץ א גרוי מײַזל, דערשטוינט אופגעהויבן דאָס פּיסקל און זיך צוגעהערט: א מין שטילקײַט! ס'איז

עק וועלט צי וואָס? און פאָלגנדיק דעם נאַטירלעכן אינסטינקט פון זעלבשוץ, א וואָרף געטאָן זיך אין א זײַט.

די שטילקייט האָט צערודערט אויך די פייגל. זיי האָבן גענומען פליִען נידעריק און אָנגעשטרענגט, אָבער ווען זיי האָבן זיך איבערצײַגט, אז ארום און ארום הערשט בלויז בלויע ראַכוועס, און זיי, די פייגל, געוועלטיקן אינעם אומענדלעכן רוים, האָבן זיי מיט א פרייִלעכער צוויטשעריַי געפײַערט דעם ניצחון איבערן מעטאַלענעם קעגנער.

די זון, א געלע, ווי מעש, האָט, אראָפּקוקנדיק פון איבער דעם האָריזאָנט, נאָכגעשפּירט נאָך דער אײַליקער צוגרייטונג צום פלוג פון דער גרופּע לופט־לײַנערס. זי האָט געשײַנט ווייך, מילד געוואָרעמט די ערד און געפאַרבט די פליגל פון די אעראָפּלאַנען אין פלאַמיק־געלע אופּרודערנדיקע קאָלירן.

מעכטיקע לאַסטמאַשינעס האָבן געבראַכט צו פירן צום טראַפּ קעסטלעך פון פאַרשיידענער גרייס, פלינק אויסגעלאָדן די מאַסע און מיט א געברום זיך אָפּגעטראָגן אין א זײַט, באַפרײַענדיק דאָס אָרט פאַר אן אנדער טראַנספּאָרט, און אליין, ווי א בונטע קייט, זיך געשלענגלט אין א לאַנגער קאַלאָנע.

— זאַרעצקי!

דאָס האָט זשעוואַגין, דער פאַרטרעטער פונעם קאָמאַנדיר פון טייל, זאַרעצקיס פאָכלערער, אומגעריכט זיך דאָ באַוויזן. אין א ווײַס העמדל, א פײַערלעך־פאַרפּוצטער ארויס פון הינטערן פּיוזעליאַזש, א באַשעפטיקטער, א פאַרזאָרגטער.

— איך פלי מיט דיר, — האָט ער געזאָגט זאַרעצקין טויב, מיט א קאָל פון א מידן מענטשן.

— גוט. און ווען מען לאָזן אָף דער ערד?

— טו א טראַכט אליין.

בא זאַרעצקין איז א דאַר, בלייך פּאָנעם, די אויגן גרויסע, ווי צעשוווּמענע.

די לײַכטנדיקע טאַבלאָ פונעם אעראָפּאָרט־זייגער באַווײַזט, אז ביזן ארויספליִען איז געבליבן צען מינוט. באַלד דאַרף קומען צו פאָרן דער קאָמאַנדיר פון טייל יורי פּאַוולאָוויטש סיניצאַ. ער באַווײַזט זיך אָף זײַן „וואָלגע”. זײַן געהילף, אָדער ווי מע רופט אים נאָך, — דער צווייטער פּילאָט ראַפּאָרטירט וועגן דער פולשטענדיקער גרייטקייט צום פלוג.

סיניצאַ גייט ארויס פון דער מאַשין, טוט אויס זײַן לעדערן רעקל, גיט עס איבער דעם שאָפער, נעמט פון זײַנע הענט א בלוי רעקל און טוט עס אָן ניט געײַלט. אפן אָנגעטאָנענעם בעגעד שײַנען דער גאָלדענער שטערן פון א העלד פון ראַטנפאַרבאַנד, דער צייכן „פאַרדינסט־פולער פליִער פון פּסםר” און עטלעכע רייען פילפאַרביקע אָרדען־סטענגעס.

אָן א קאָמאַנדע שטעלן די קאָמאַנדירן פון די לײַנערס זיך אויס אפן בעטאָנירטן וועג מיטן פּאָנעם צו סיניצען און וואַרטן געדולדיק, ביז עס וועט זיך ענדיקן דער ריטואַל פון איבערקלײַדן זיך. באַלד וועט דאָס בלויערל (סיניצאַ) פאַרוואַנדלט ווערן אין א פאַלק (סאָקאָל). די שטענדיקע כאָכמע גייט הײַנט קיינעם ניט אָן, און ביכלאָך וויצלט מען זיך הײַנט וויניק.

סיניצאַ באַפעלט ניט דעם עקיפּאַזש זיך אויסשטעלן, נאָר ווי א דערפאַרענער שלאַכט־פליִער, האָט דער קאָמאַנדיר פונעם טראַנספּאָרט־פּאָלק ליב א שטרענגע אָרדענונג און ער באַוויליקט שווײַגנדיק די דאַזיקע איניציאַטיוו פון די פּילאָטן.

ניט געײַלט און שטײַף שפּאַנט סיניצאַ, א הויכער, א פעסטער, לענגויס דער מענטשן־ריי.

סיניצאַ איז אן אויטאָריטעט. מע קאָן אים אָף אַלע אעראָדראָמען פונעם לאַנד. נאָך דעם, ווי ער האָט באַטראַכט די שערענגע, שטעלט ער זיך אָפּ אינדערמיט און קוקט לאַנג און אופמערקזאַם ארײַן אין פּאָנעם פון די קאָמאַנדירן. וואָס זוכט ער אין זייערע אויגן, ווייסט קיינער ניט. דאָס טוט ער געוויינלעך ערעוו באַזונדערס שווערע מאַרשרוטן.

— אין א גוטער שאָ, כאַווערים, — זאָגט סיניצאַ שטיל. — עס נייטיקט זיך זייער אין אונדזער הילף דאָס פיל־לײַדנדיקע לאַנד. מיר דאַרפן זײַן שטאָלץ, וואָס מיר וועלן פאַרשטעלן פון יענער זײַט אָקעאַן אונדזער היימלאַנד.

2

די טראַגעדיע האָט זיך אָנגעהויבן אינדערפרי. די זון, וואָס האָט נאָרוואָס זיך באַוויזן פון הינטערן האָריזאָנט, איז פּלוצעם פאַרשוווּנדן געוואָרן. זיך צעשאָטן, א טונק געטאָן זיך אין אָקעאַן, און אַלץ איז פאַרזונקען געוואָרן אין דורכויסיקן כווישעך. טייקעף האָט דער הימל זיך אויסגעשטערנט, באַלויכטן געוואָרן מיט א ווייכן פּיאָלעט־פלאַם און זיך פאַרוואַנדלט אין א טונקעלן הינטערגרונט פאַר די פילצאָליקע גאַלאַקטיקעס.

יע. מאַלאַכאָווסקאַיאַ

פֿאַרשלונגען די זון, איז דער אָקעאַן ארויס פֿון די ברעגן, ער האָט שטורעמדיק א וויג געטאָן די כוואַליעס, און זיי, ווערנדיק אַלץ גרעסער, העכער, שווערער, און בײַקומענדיק מיט א וויכערדיקער קראַפֿט גוואַלדיק גרויסע שטרעקעס, האָבן זיך א וואָרף געטאָן אויפֿן ברעג, אויף די רויִק דרעמלענדיקע שטעט, מיט ווילדער רעציכע פֿאַרניכטנדיק אויפֿן וועג אַלץ, וואָס דער מענטש האָט באַשאַפֿן.

דער אָקעאַן האָט געבושעוועט, געקרעכצט, געאָטעמט מיט זײַנע גיגאַנטישע כוואַליעס, וועלכע האָבן, אָראָפּקײַקלענדיק זיך צוריק צום צעבראָכענעם אָקעאַן־איבערפֿלאַך, גרינג, ווי פֿעדערלעך, אוועקגעטראָגן מיט זיך גרויסע הויכע מויערן, זאַוואָדישע קאָרפּוסן, קלויסטער־געבײַדעס.

אומבאַגרײַפֿלעך־ווילדע קויכעס האָבן געדרויבלט בערג, געוואָרפֿן זיי אין אָפּגרונט, אויפֿגעהויבן הויך אין הימל גראַניט־פֿעלדזן, געוואָרפֿן אין טיף פֿון דער פּלאַנעט שטעט, טײַכן, געשאַפֿן נײַע גרויזאַמע ערד־אײַנוואַלגערונגען, ווי קונצנמאַכער, צעשפּריצט דאָס וואַסער פֿון יאַמען און אָזערעס.

אונדזער פּלאַנעט, אין אַרומגערינגלטע מיט מיליאַרדן אומזיכטבאַרע קאַנאַלן פֿון ראַדיאָ־פֿאַרבינדונג, האָט אין מעשׂעך פֿון איין רעגע פֿאַרלאָרן א גאַנצע מדינה פֿון קימאַט אַנדערהאַלבן מיליאָן קוואַדראַטע קילאָמעטער, א טעריטאָריע די גרייס פֿון איטאַליע, שפּאַניע און פֿראַנקרײַך צוזאַמען גענומען.

די וועלט אָבער האָט ניט געוווּסט וועגן דער שרעקלעכער טראַגעדיע. הויך, איבער דער מײַרעוודיקער טייל פֿון דאָרעם־אַמעריקע איז געהאָנגען געבליבן א גרוי־רויטער וואָלקן שטויב, וועלכער האָט פֿאַרשטעלט מיט זיך דאָס שרעקלעכע בילד פֿון דעם אומגעהויערן קורבן.

„דאָס איז שוידערלעך! מיר קומען אום... אויף אונדז פֿאַלן בערג... אומעטום שטויב... מענטשן ווערן דערשטיקט...“ די דאָזיקע ווערטער, וועלכע האָבן אומגעריכט זיך דורכגעריסן אין עטער, האָבן ארויסגערופֿן א בעהאָלע אויף דער פּלאַנעט. און טייקעף האָבן הונדערטער ראַדיאָ־סטאַנציעס פֿון דער וועלט איבערגעריסן די טראַנסלירונגען און אָנגעהויבן אויפֿכאַפּן דעם טראַגישן רוף פֿון די מענטשן, וועלכע האָבן זיך געפֿונען אינעם עפּיצענטער פֿון דער סאַמע שרעקלעכסטער ערדציטערניש, וועלכע איז ווען־ניט־איז געווען.

אין יענעם אינדערפֿרי האָבן מענטשן, אויפֿכאַפּנדיק זיך פֿון שלאָף, קיין אָנונג ניט געהאַט, אַז אונדזער פּלאַנעט האָט שוין פֿאַרלאָרן צוויי הונדערט פֿופֿציק שטעט און דערפֿער.

עקסטרע־אויסגאַבעס פֿון די צײַטונגען האָבן דערשיטערט די לייענער מיט דער צאָל פֿון די קאָרבאַנעס.

„אין ערעך א האַלבער מיליאָן איז פֿאַרוווּנדעט, אַכט הונדערט טויזנט זײַנען געבליבן אָן א דאַך איבערן קאָפּ. עס זײַנען צעשעדיקט הונדערטער קילאָמעטער וועגן. הונדערטער שולן, צענדליקער שפּיטאָלן. אינעם ראַיאָן פֿון דעם אומגליק זײַנען פֿאַרניכטעט אַלע האַנדלס־אונטערנעמונגען. א גרויסער שאָדן איז פֿאַרשאַפֿט געוואָרן די פּראָדוציר־צענטערען און פּלאַנטאַציעס.

„די פֿאַרלוסטן, וועלכע פּערו האָט געליטן בײַס דער ערדציטערניש, באַטרעפֿן קימאַט 10 מיליאַרד סאָל (230 מיליאָן דאָלער) — האָבן מיטגעטיילט די פּראָגרעסיווע צײַטונגען, — מעסירעסנעפּעשנדיק טראָגן איבער די פּערואַנער זייער אומגליק, פֿול מיט אַנטשלאָסנקייט צו פֿאַרהיטן די דעראַבערונגען פֿון זייער רעוואָלוציע.

אַעראָפּלאַנען און העליקאָפּטערס וואַרפֿן אַראָפּ אין די ראַיאָנען פֿון דער קאַטאַסטראָפֿע שפּײַז און מעדיקאַמענטן. ס'איז אָנגענומען געוואָרן א דעקרעט, וועלכער פֿאַרווערט העכערן די פּרײַזן אויף שפּײַז־פּראָדוקטן, רעפֿועס, קליידער, לערנביכער, בוי־מאַטעריאַלן“.

פּראָאַמעריקאַנישע צײַטונגען האָבן געוואָרנט:

„די נאַכט אויפֿן 31 מײַ 1970 וועט פֿאַרבלײַבן אין דער געשיכטע פֿון פּערו, ווי א בלוטיקע נאַכט. גאָרניט קאָן בעסער ראַטעווען דאָס פּערואַנער פֿאָלק פֿון פֿולשטענדיקן אומקום, אויסער דער דרינגענדיקער און רײַכער הילף פֿון צאָפֿנדיקן שכן — פּשא“.

דעם 1 יוני איז אינעם סאָוועטישן שלום־קאָמיטעט פֿאָרגעקומען א פּרעסע־קאָנפֿערענץ. באַפֿרידיקנדיק דעם שטענדיקן זשורנאַליסטישן דאָרשט נאָך אינפֿאָרמאַציע, האָט דער פֿאָרשטייער פֿונעם קאָמיטעט געמאָלדן:

„...זייענדיק טריי די פּרינציפּן פון הומאניזם און אינטערנאַציאָנאַלער סאָלידאַריטעט, די געפילן פון פריינטשאַפט צום פּערואַנער פאָלק, האָבן די סאָוועטישע געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס צוזאַמען מיט די מעלוכישע אַנשטאַלטן אָנגענומען א באַשלוס געבן דעם געליטענעם לאַנד אומזיסטע הילף. אין א קורצער צייט אַרום וועלן אַהין אָפּגעשיקט ווערן הונדערט סטאַנדאַרטע הייזער, מאַשינען אף בויען וועגן, אַנדערע נייטיקע מאַטעריאַלן. ס'איז קאָמפּלעקטירט א פעלד־שפּיטאָל אף צוויי הונדערט בעטלעך, וועלכער וועט האָבן העליקאָפּטערס און מעדיצינישן פּערסאָנאַל, וואָס וועט קאָנען ברענגען הילף אין די ווייטע ראַיאָנען.

אין באַשטאַנד פונעם פריוויליקן מעדיצינישן יוגנט־אָטריאַד, וואָס איז גרייט אָפּצופאָרן קיין פּערו, געפינען זיך כירורגן, טראַוומאַטאָלאָגן, עפּידעמיאָלאָגן, פּעדיאַטערס, טעראַפּעווטן, פעלדשערס און מעדיצינישע אינסטרוקטאָרן. דער אָטריאַד וועט זיין באַוואָרנט מיט דער נייטיקער מעדיצינישער אויסשטאַטונג, ער וועט אָנטיילנעמען אין דעם קאַמף קעגן די עפּידעמיעס, געבן ערשטע הילף די קאָרבאָנעס פון דער ערדציטערניש און פירן א פּראָפילאַקטישע אַרבעט צווישן דער באַפעלקערונג.

אַלס א געשאַנק ווערט קיין פּערו געשיקט די פולע אויסשטאַטונג פאַר דריי קינדערגערטנער".

„פּערו", „די געשעענישן אין פּערו", „דער סאָף פון פּערו", „פּערו איז פאַרוויסטעט" — אַזעלכע קעפּלעך האָבן געשווינדלט אף די צייטונג־שפּאַלטן. קיין פּערו, אין ווייטן און הייסן לאַנד, וואָס איז פאַרוואָלגערט מיט גרויע און רויטע שטיינער פון צעדרויבלטע בערג, פאַרהילט אין דורכויסיקע וואָלקנס שטויב, אין אויסגעמאַטערטן, מידן, אומגליקלעכן לאַנד האָבן זיך א לאָז געטאָן זשורנאַליסטן, רעפּאָרטיאָרן, קינאָ־אָפּעראַטאָרס.

אַלע מינוט קומען פאָר אפן ערדקייַלעך ערדציטערנישן, אָבער מייסטנס ניט אין קיין באַפעלקערטע ראַיאָנען. דער סטיכיישער אומגליק, וועלכער איז געשען אין פּערו, — איז געווען איינער פון די סאַמע רויִנירנדיקע צווישן די, וועלכע זיינען פאָרגעקומען פאַר דער לעצטער צייט אף דער פּלאַנעט.

דאָס איז געווען אַן אויסערגעוויינלעכע לויט איר קראַפט ערדציטערניש. זי האָט פאַרכאַפּט פיל באַפעלקערטע באַרג־ראַיאָנען פונעם לאַנד, זיי שטאַרק כאָרעוו געמאַכט און אומגעבראַכט פיל לעבנס. לויט די לעצטע אָנגאַבן זיינען בייס דער קאַטאַסטראָפע אומגעקומען הונדערטער טויזנטער מענטשן. די רעגירונג פון פּערו האָט געמאָלדן אַן אַכט־טאָגיקן טרויער אין לאַנד.

פון די העליקאָפּטערס, וועלכע זיינען געפלויגן איבער די ערטער פון דער קאַטאַסטראָפע, האָט מען ניט באַמערקט קיין סימאָנים פון לעבן אין יונגיי און אין די שכייניסדיקע שטעט. אין צוזאַמענהאַנג דערמיט האָט די רעגירונג געמאָלדן:

„די געשיכטע פון לאַטיין־אַמעריקע ווייסט ניט ווייניק סטיכיישע אומגליקן, וועלכע האָבן געבראַכט גרויסעליידן אירע פעלקער. נאָר אַפילע אינעם היפּשן צעטל פון ערדציטערנישן, וואַסער־פאַרפלייצונגען, ערד־טריקענישן און סרייפעס איז ניט צו געפינען עפּעס שרעקלעכערס, ווי דאָס, וואָס ס'האָט געטראָפן אין פּערו דעם 31 מיי האָיאָר.

די מעכטיקע סייסמישע שטויסן, וואָס האָבן געדויערט ביז פערציק סעקונדעס, האָבן אין יענעם טאָג געבראַכט אין באַוועגונג 83 טויזנט קוואַדראַטע קילאָמעטער ערד. די ערדציטערניש און די מעכטיקע וואַסער־ און בלאָטע־שטראָמען האָבן כאָרעוו געמאַכט העכער הונדערט טויזנט הייזער."

נאָך ניקאָליי טיכאָנאָווס דערקלערונג האָבן די זשורנאַליסטן אים פאַרגעבן פראַגעס, אַלץ האָט זיי אינטערעסירט.

פ ר א ג ע. צי וועט די עקאָנאָמישע הילף זיין פאַרבונדן מיט וועלכע־ס'ניט־איז פּאָליטישע אַספּעקטן?

ע נ ט פ ע ר. דאָס פאָלק פונעם געליטענעם לאַנד נייטיקט זיך פריִער פון אַלץ אין שפּייז, קליידונג, וווינונגען. דער ראַטנפאַרבאַנד גיט דאָס אַלץ אומזיסט. די פראַגע, וועלכע עס האָט געשטעלט דער הער סמיט, זאָגט איידעס וועגן דעם, אַז ער איז ניט באַקאַנט מיט די יעסוידעס פון אונדזער אויסערן־פּאָליטיק, ווי אויך וועגן זיין אומפריינטלעכקייט צו די פּערואַנער.

פ ר א ג ע. ביז די נאָענטסטע אַעראָדראָמען פון פּערו איז קימאַט צען טויזנט מייל. צי שטעלן זיך די סאָוועטישע לאַנצמאַנען גוט פאָר די שוועריקייטן, וועלכע דערוואַרטן זיי אף דעם דאָזיקן וועג?

ע נ ט פ ע ר. יאָ, גוט. מיר וועלן אויסנוצן אַלע טראַנספּאָרט־מיטלען.

פ ר א ג ע. אויך אַוויִאַציע?

ע נ ט פ ע ר. אויך אוויִאַציע. די ערשטע טראַנספּאָרט־אעראָפּלאַנען וועלן זיך אופהייבן אינדערלופטן אין עטלעכע שאָ ארום.

דער ארבעט־קאַבינעט פונעם פרעזידענט פון אַן אויסלענדישער מעלוכע. דער באַלעבאָס פונעם קאַבינעט, ניט קיין יונגער, רעספּעקטאַבעלער מאַנצבל, א הויכער, א ספּאָרטיוו־שלאַנקער, שטייט לעבן א בילד, וואָס ס'האָט אים געשענקט א באַוווּסטער מאָלער.

— ווי געפעלט אײַך ראָבערט בריינס נײַע ארבעט? ווי האַלט איר, זי האָט די ווערט צו באַפּוצן מײַן קאַבינעט?

— אין אַן אַנדער קאַבינעט וואָלט זי זיך אַזוי ניט אָנגעזען, הער פּרעזידענט.

— א דאַנק, ביגלס. איר האָט א גוטן געשמאַק. א געהילף מוז זײַן באַזונדערס פּילבאַר.

— יאָ, הער פּרעזידענט. די סאָוועטישע רעגירונג האָט געמאָלדן וועגן איר הילף דעם געליטענעם לאַנד, הילף, וועלכע די געליטענע וועלן ניט דאַרפן אומקערן.

— אויסגעצייכנט. די רוסן דאַרף מען אָפּגעבן דאָס געהערט, זיי זײַנען הויכמוטיק. טוט זיי א לויב אין דער פּרעסע.

אַקשאָנעסדיק, עטוואָס, עמעס, נערווירנדיק זיך, פאַרפינקטלעכט ביגלס זײַנע פּאָזיציעס:

— מיר זײַנען, אייגנטלעך, דאָס אייינציקע לאַנד, וואָס האָט ניט ארויסגעוויזן קיין הילף... די ערע פון א גרויסער נאַציע...

דער פּרעזידענט דריקט אויס נאָבעלן צאָרן. ער פאַרגלאָצט די אויגן, פאַלט צו אָנמעכטיק צום ווענטל פון פּאָטעל. אין א רעגע ארום, אָנעמענדיק א טעאַטראַלע פּאָזע, וועלכע איז באַרופן שאַפן אַן אײַנדרוק פון אופריכטיקײַט, רופט ער אויס:

— מיר קאָנען ניט זײַן זאָרגלאָז און פאַרשווענדעריש, ביגלס. פרעמדע אומגליקן דאַרפן אונדז ברענגען פאַרדינסטן, ניט קיין פאַרלוסטן...

— אָבער...

— קיין שום אָבער, ביגלס. דאָס פּאָלק האָט אונדז געשטעלט בעראָש פון דער נאַציע ניט צוליב דעם, קעדיי...

— איר זײַט פּולקאָם גערעכט, הער פּרעזידענט. כ'בין געווען באַווירקט פון פאַרעלטערטע פּרינציפּן.

— מיר קאָנען ניט געבן, ווען מע בעט אונדז ניט. דאַן איז עס ניט קיין וווילטאַט, נאָר א פאַרלעצונג פון די סוווערען־רעכט פון אַן אומאָפּהענגיקער מעלוכע. — דער פּרעזידענט גייט צו צו זײַן געהילף. — ביגלס, איר האָט זיך באַליידיקט? פונוואַנען האָט זיך גענומען צו אײַך אַזויפיל גוטהאַרציקײַט? ס'איז נייטיק שטערן די רוסן, פאַרציִען ווי ווײַט מעגלעך זייער הילף. וווילשטאַנד און זעט זײַנען די גרעסטע שטערונגען פון פּראָגרעס.

דער פּערואַנער רעגירונג איז אָפיציִעל מיטגעטיילט געוואָרן, אַז אין פּסקר האָבן די געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס אָנגעהויבן זאַמלען מיטלען אַף צו העלפן דעם געליטענעם פּאָלק. אַלס צוגאָב צו דעם, וועגן וואָס עס איז שוין געמאָלדן געוואָרן, וועט דער ראַטנפאַרבאַנד שיקן אויך בולדאָזערס, אויטאָגריידערס, אויטאָמאָבילן, וואַרשטאַטן אַף צו רעמאָנטירן אויטאָמאַשינעס, באַוועגלעכע קיכן, שפּײַז־פּראָדוקטן. געדענקענדיק וועגן דער שווערער לאַגע פונעם פּאָלק, פאַרפליכטעט זיך די סאָוועטן־רעגירונג דרינגענדיק צושטעלן די אויבנדערמאָנטע זאַכן פון ערשטער הילף אין דער הויפּטשטאָט פון פּערו — לימע.

3

ווי נאָר די גיגאַנטישע לופט־שיף האָט, שווער הודענדיק מיט די פיר מאָטאָרן, זיך אופגעהויבן אין דער הימל־הייך און פאַרנומען איר אָרט אין דער ריי פון די אעראָפּלאַנען, האָט וולאַדימיר זאַרעצקי, באַקוועם אָנשפּאַרנדיק זיך אַפן ווענטל פונעם פּילאָטן־פּאָטעל, א קוק געטאָן אַף די מאַכשירים. אַלץ איז אין אָרדענונג. און ער האָט מיט נאָך א גרעסערער האַנאָע א דריק געטאָן אַף די הערנער פונעם שטורוואַל.

ער פליט אין דער ריכטונג פון זײַן אַלטן טרוים. ער וועט מיט די אייגענע אויגן זען דאָס, וועגן וואָס ער האָט געלייענט, און וואָס ער האָט ניט אופגעהערט צו גלייבן אַלע יאָרן. ער האָט קעסיידער געהאָפט, אַז ווען־עס־איז וועט ער דאָרט זײַן, נאָך מער, ער האָט געגלייבט, אַז ער וועט אומבאַדינגט קומען קיין פּערו, און אַלע פאַנטאַסטישע היפּאָטעזעס, וועלכע האָבן אים ניט געלאָזט רוען, וועט ער א טאַפּ טאָן, ווי מע זאָגט, מיט די אייגענע הענט.

זארעצקי געדענקט נאָך אדהײַעם, מיט אזויפיל יאָרן שפּעטער, דאָס קורצע אַרטיקל, וואָס ער האָט געפונען אין א פּאַק אַלטע צײַטונגען און זשורנאַלן:

„...ווען דו פליסט איבערן פּלאַכלאַנד נאַסקאַ איז אַפילע פון זייער א גרויסער הייך... (אָפּגעריסן.) זעסט גלײַכע פּילקילאָמעטערדיקע פּאַ... (אָפּגעריסן). ציִען זיך פּאַראַלעל איינס צום אַנדערן, אייניקע קרייצן זיך (די ווערטער זײַנען צעשוואומען, דאָס פּאַפּיר — פאַרגעלט... בילדן טראַפּעציִעידאַלע פיגורן מיט אינערלעכע פלעצער ביז 800 מעטער די לענג.

ווער זשע האָט געצייכנט די דאָזיקע פיגורן און פאַרוואָס איז זייער שטעך אַזאַ קאָלאָסאַלער? — האָט געפרעגט דער אומבאַוווּסטער אווטאָר און דאָ באַלד געענטפערט: — בלויז דער, וואָס קוקט אַף די דאָזיקע ליניעס פון א גרויסער הייך, זעט פולשטענדיק די קאָנטורן פון די באַלעכײַיִם און געאָמעטרישע פיגורן... (דער ראַנד פון דער נאָטיץ איז צעטריפט, די ווײַטערדיקע ווערטער קאָן מען ניט איבערלייענען).

דעם פענאָמען פונעם פּלאַכלאַנד נאַסקאַ האָבן נאָך דערווײַל די געלערנטע ווייניק אויסגעפאָרשט. צוערשט האָט מען געמיינט, אַז די גראָדע ליניעס זײַנען רעשטן פון די אַמאָליקע וועגן פון די אינקן אָדער פון זייערע באַוואַסערונג־קאַנאַלן. (צוויי ווײַטערדיקע שורעס האָבן זיך צובויפגעקלעפּט און איינע די אַנדערע פאַרניכטעט)... עס ווידערשפּרעכט דעם סייכל־האַיאָשער: פאַרוואָס הייבן זיך אָן די אַזויגערופענע וועגן אינמיטן מידבער און רײַסן זיך איבער אַזוי אומ־

געריכט? פֿאַרוואָס זײַנען זיי... (אײן וואָרט קאָן מען ניט איבערלייענען) און אַנטשפּרעכן דער ריכטונג פֿון די פֿיר זײַטן וועלט... (דאָס פּאַפּיר איז צעריסן).

דאָס גאַנצע פֿלאַכלאַנד רופֿט אַרויס אַסאָציִאַציעס מיט אַ גוואַלדיק גרויסן אַעראָדראָם אָדער קאָסמאָדראָם".

די פֿאַנטאַסטישע היפּאָטעזע האָט געלעבט אין אים פֿיל יאָרן, געבוירן פֿאַרשיידענע האַשאָרעס, אײַנפֿאַלן און געפֿונען באַשטעטיקונגען.

זאַרעצקי האָט צונויפֿגעזאַמלט אַ היפּש פּעקל מאַטעריאַלן, ווו עס זײַנען פֿיל מאָל דערמאָנט געוואָרן די ווערטער „קאָסמאָס", „פּערו", „נאַסקאַ".

אײנעם אַכטן קלאַס האָט וואָלאָדיע זאַרעצקין אָנגעהויבן פּײַניקן אַ שווערע ניט געלייזטע פּראָבלעם: וואָס פֿאַר אַ וועג אין לעבן אויסקלײַבן פֿאַר זיך? זײַנע פֿרײַנט האָבן שוין באַשטימט זייער ווײַטערדיקן לעבנסוועג, אויסגעקליבן זיך פּראָפֿעסיעס, צונויפֿגעשטעלט פּלענער אויף אַ צוואַנציק-דרײַסיק יאָר פֿאָרויס, און ער האָט נאָך אַלץ ניט געוווּסט, וואָס וועט ער טאָן אין לעבן. עס האָט אים גלײַכצײַטיק געצויגן צו פֿיל זאַכן, אָבער צו עפּעס איינס האָט ער ניט שטאַרק געשטרעבט.

געלעבט האָט ער דאָן, קאָן מען זאָגן, איינער אַליין. די עלטערן זײַנען אַוועקגעפֿאָרן אויף אַרבעט אין איינעם פֿון די אַפֿריקאַנער לענדער, און אים איבערגעלאָזט אין אַ קליינעם ראַיאָן־ישעוו בײַ אַ באָבען.

דעם טאָג, ווען וואָלאָדימיר האָט אָנגעטראָפֿן אויפֿן אַרטיקל וועגן פּערו, האָט זײַן לעבן ווי אַ קער געטאָן זיך. ער האָט גענומען זוכן אין אַלץ, וואָס איז אים געקומען צו די הענט — ענציקלאָפּעדיעס, האַנטביכער, געאָגראַפֿישע מאַפּעס, עפּעס נאָך וועגן פּערו, אָבער אין זיי האָט געפֿעלט דאָס וויכטיקסטע, וואָס אים האָט אינטערעסירט, ס'איז מיט קיין וואָרט ניט דערמאָנט געוואָרן דער קאָסמאָדראָם נאַסקאַ, און דאָס איז טאַקע געווען אַ קאָסמאָדראָם, האָט ער צום סאָף טאָג שוין ניט געצווייפֿלט.

גראָד דער מאַנגל אין מאַטעריאַלן וועגן טוישווים פֿון אַנדערע פּלאַנעטן, האָט פֿאַרשטאַרקט דעם אינטערעס, פֿאַרשאַרפֿט די פֿאָרשערישע לוסט, געוועקט די פֿאַנטאַזיע.

אַזייגער צען אין אָוונט, אַ מידער, אַ הונגעריקער, איז ער געזעסן אויפֿן דיל, צווישן די אַלע מאַטעריאַלן, וואָס ער האָט אַרויסבאַקומען און מיט פֿיבערדיק־ברענענדיקע אויגן געקוקט אויף די ביכער־פּאָליצעס, אויפֿן אַלטן קליידער־שראַנק, אויף די וואַזאָנעס מיט קוויטן, און אַליין שוין געווען ניט הי, נאָר ערגעץ אינעם ווײַטן גאַלאַקטישן רוים, אינעם געל־פֿיִאָלעטן געשטערן פֿון די געיעג־הינט. דער קאָפּ האָט זיך אים געדרייט.

ער האָט געהאַט אַ שרעקלעכע נאַכט, פֿול מיט מעשונעדיקע כאַלוימעס, מיט צעשוווּמענע זעונגען פֿון אויסערערדישע ציוויליזאַציעס, אַ לאַנגע נאַכט, ווי אויפֿן מאַרס. וואָלאָדימיר איז שוין לאַנג געווען זיכער, אַז אַלע וויכטיקסטע געשעענישן אויף דער וועלט קומען פֿאָר בלויז באַנאַכט. ער האָט אײַזנפֿעסט געגלייבט אין מיסטישן קויעך פֿון דער נאַכט, געגלייבט אין אַן אויסטערלישער וועלט, וועלכע עקזיסטירט בלויז אין די פֿינצטערע שאָען פֿונעם מעסלעס.

אין יענער אומרויִקער פֿײַנפֿולער נאַכט האָט עפּעס אַן אומפֿאַרשטענדלעך־ווײַטע שטים אונטערגעזאָגט ווערן אַ פֿליִער. וואָלאָדימיר האָט געגלייבט דער דאָזיקער שטים, די פּראָפֿעסיע פֿון אַ פֿליִער וועט דערמעגלעכן ווען־ניט־איז זײַן אין פּערו, שפּאַנען איבערן פֿלאַכלאַנד נאַסקאַ.

אינדערפֿרי, כאָטש דער קאָפּ האָט גוואַלדיק ווי געטאָן, מאַמעש צעשפּאָלטן געוואָרן נאָך דער שלאָפֿלאָזער נאַכט, האָט שוין וואָלאָדיע געוווּסט, וואָס ער האָט צו טאָן, געהאַט אַ בוילעט אָנגעצייכנטן פּלאַן אויף ווײַטער: ער וועט זיך לערנען, און גוט לערנען.

די אָוונטן, וועלכע פֿלעגן פֿריִער זײַן פֿאַרנומען מיט פֿאַרווײַלונגען, מיט גלאַט אַזוי שפּאַצירן איבער די גאַסן, האָט ער פֿון איצט אָן פֿאַרביטן אויף שאָענלאַנגען זיצן אין ביבליִאָטעק, אויף אײַנגעשפּאַרטן שטודירן.

דאָס לאַנד פּערו האָט לאַנגזאַם און ניט גערן אַנטפּלעקט פֿאַר אים זײַנע סודעס. פֿון זשורנאַלן און ביכער, וועלכע ער האָט מיט גרויס מי געפֿונען, האָט זאַרעצקי זיך דערוווּסט די געשיכטע פֿון דער אוראַלטער אינקן־מעלוכע. געשאַפֿן אין מיטלאַלטער, האָט זי זייער גיך און דערפֿאָלגרײַך זיך אַנטוויקלט. שוין דעמלט, אין יענע אַלטע צײַטן האָבן די אינקן פֿאַרמאָגט זייער מאָס־סיסטעם. זייער קאַלענדאַר, דורכגעפֿירט קאָמפּליצירטע כירורגישע אָפּעראַציעס. פֿיל פֿון זייערע אַרכיטעקטור־געבײַען באַצויבערן ביז הײַנט יעדן, וואָס זעט זיי. זאַרעצקי האָט געלייענט אײַנגעשפּאַרט, סיסטעמאַטיש, טאָגטעגלעך, אָוונט נאָך אָוונט. אָפֿט פֿלעגט ער, איבערבלעטערנדיק אַ זשורנאַל־בלעטל, זיך פֿאַרטיפֿן אין זײַנע אייגענע געדאַנקען און אין די טרוימען זיך איבערטראָגן צו די ווענט פֿונעם אוניקאַלן טעמפּל פֿונעם „וואַסער־גאָט", צו די שטיי-

נערנע רויִנען פֿונעם קינסטלעכן וואַסערפֿאַל, וועלכער באַוואַשט די שטרענגע סטאַטועס, וואָס ס'האָבן געשאַפֿן די אוראַלטע מײַסטערס.

און אַנדערש מאָל האָט ער אין דימיען זיך גאָר געלאָזט זוכן די פֿאַרפֿאַלענע סטאַטוע פֿונעם גאָט פֿון גלײַכהײַט. ניט גאָר בוילעט פֿאַרשטעלנדיק זיך, ווי זי זעט אויס, יענע סטאַטוע, האָט ער געוואָלט דערגיין מיט זײַן סייכל, וויאַזוי מענטשן, וועלכע האָבן געלעבט צוריק מיט טויזנט יאָר, האָבן פֿאַרקערפּערט פֿרײַהײַט און גלײַכהײַט.

דאָס אַלץ האָט ער געוואָלט זען, ער האָט געוואָלט זיך דורכגיין איבערן שטיינערנעם וועג, וועלכן עס האָט באַטראַכטן דער סוידעספּולער אינקאַ־שייוועט, א קוק טאָן אַף דעם, וואָס איז נאָך ביז איצט א רעטעניש פֿאַר דער וויסנשאַפֿט. ער האָט שוין א סאַך געוווּסט וועגן פּערו, געוויס פֿיל מער פֿון זײַנע כאַווײרים, און ניט קעדײַ צו פֿאַרכישעדן זיי צי אויספּײַנען זיך, נאָר צוליב טיילן זיך מיט די געפֿילן, וועלכע האָבן אים פֿאַרפֿלייצט, האָט ער באַשטימט דערציילן די מיטגלידער פֿונעם געאָגראַפֿישן קרײַזל וועגן דעם, וואָס ער האָט לעצטנס זיך דערוווּסט. וולאַדימיר האָט אָנגעהויבן גרייטן א רעפֿעראַט. דעם העפֿט האָבן פֿאַרפֿולט יעדיִעס וועגן פּערו, וועגן דער הויכער ציוויליזאַציע פֿון די שוואַטים, וועלכע האָבן געלעבט מיט העכער טויזנט יאָר צוריק, וועגן דעם „אינקן־קאָמאַנדאָר“, וועלכער האָט אויסבאַהאַלטן פֿון די פֿאַרכאַפּער די נאַציאָנאַלע ווערטן פֿון דער מעלוכע, וועגן די גיגאַנטישע פֿיגורן, וואָס זײַנען אָנגעמאָלט אַף דער פּלאַטאָ נאַסקאַ.

גרייטנדיק דעם רעפֿעראַט, האָט וואָלאָדיע גלײַכצײַטיק רעסטאַווירט אַן אַלטע געאָגראַפֿישע מאַפּע: צעריסענע יאַמען, צעפֿליקטע בערג, נעלעם־געוואָרענע מעדינעס. די מאַפּע האָט זיך גענייטיקט אין א קאַפּיטאַלן רעמאָנט. ווען וואָלאָדיע האָט אויסגעגלײַכט די פֿאַרוויקלטע שטיקלעך פּאַפּיר, האָט ער זיך געפֿלײַסט איבערלייענען די נעמען פֿון די טײַכן, פּלאַכקײַטן, טאָלן פֿון דאָרעם־אַמעריקע, און זײַן פֿאַנטאַזיע האָט בייסמײַסע געמאָלט און געמאָלט בילדער. ער האָט געזען פּרעריעס, וועלכע האָבן זיך געצויגן צום האָריזאָנט, רײַטער אין ברייטע סאָמברעראָ מיט לאַנגע לאַסאָ באַם זאָטל. מעשוגענערווײַז דרייסט זײַנען זיי, די קאָוובויען.

וואָלאָדיע האָט אין זײַנע מאַכשאָוועס זיך געטראָגן פֿון איין קאָנטינענט אַפֿן אַנדערן. געווען א געלערנטער, אַן עלטסטער פֿון א שטאַם, איז געשטאַנען אין שפּיץ פֿון א מעלוכע. דורכגעפֿלויגן די גאַנצע וועלט, האָט ער זיך אומגעקערט צוריק אַף דער נאָך ניט אויסגעפֿאָרשטער פּלאַטאָ נאַסקאַ. דערנאָך ווידער זיך גענומען צורעכט מאַכן די צעפֿליקטע מאַפּע. ער האָט פֿאַרקאָכט פּאַפּ און אָנגעהויבן לייגן א לאַטע אַף א לאַטע. געקלעפּט שטיקלעך מאַפּע אַף מאַרליע.

צו האַלבער נאַכט האָט ער פֿאַרענדיקט די אַרבעט. ער איז אויפֿגעשטאַנען, אויסגעגלײַכט די פּלייצע, קריטיש באַטראַכט די מאַפּע, געבליבן צופֿרידן און זאָרגזאַם זי צונויפֿגעוויקלט.

אינדערפֿרי האָט ער זיך דערמאָנט, אַז ער האָט ניט באַוויזן מאַכן די לימודים. ס'האָט אים געקימערט, נאָר ער האָט זיך גיך באַרויִקט, א טראַכט געגעבן, ווי דאַנקבאַר מע וועט אים זײַן פֿאַר דער אָפּגעטאָנענער אַרבעט. די יִנגלעך וועלן אים מעקאַנע זײַן, די מיידלעך וועלן וואַרפֿן אַף אים באַגײַסטערטע בליקן.

אין שול איז ער געקומען פֿרי, אַרופֿגעלאָפֿן אַפֿן צווייטן שטאָק, אָפּגערוקט די שאַפֿע אין קלאַס און אַוועקגעשטעלט הינטער איר די מאַפּע. אינגיכן האָבן אָנגעהויבן קומען די כעוורע. וועגן דער מאַפּע האָט קיינער ניט געפֿרעגט, ווי זי וואָלט גאָר אַף דער וועלט ניט געווען. ווער פֿון די כעוורע ס'האָט זיך געטיילט מיט די אײַנדרוקן פֿון אַן ערשט דערשינענעם בוך, ווער ס'האָט אַרײַנגעקוקט אין א העפֿט, אין א לערנבוך, אייניקע האָבן פֿאַרפֿינקטלעכט איינס מיטן אַנדערן די ענטפֿערס צו די הײַנטיקע לימודים. האַקלאַל, מע האָט גערעדט וועגן אַלץ אויסער דער מאַפּע, איבער וועלכער ער האָט אָפּגעהאָרעוועט ביז האַלבער נאַכט.

עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז דער טאָג ציט זיך גוואַלדיק לאַנג, די לימודים זײַנען עפּעס ניט קיין אינטערעסאַנטע, נאָר ער האָט זיך אָנגענומען מיט געדולד.

דער געאָגראַפֿישער אָוונט האָט זיך אָנגעהויבן פֿון א קורץ אַרײַנפֿיר־וואָרט, מיט וועלכן עס איז אַרויסגעטראָטן די לערערן פֿון געאָגראַפֿיע. זי איז אַרוף אַף דער קאַטעדרע און, האַלטנדיק די הענט אַפֿן פּאַסיקל פֿון איר קלייד, גענומען ריידן וועגן די גוטע מידעס, וואָס איר ליִמעד אַנטוויקלט בײַ די שילער.

דערנאָך האָט זי געגעבן דאָס וואָרט וואָלאָדיען. ער איז צוגעגאַנגען צום טאָוול, סאָליד א הוסט געטאָן, גענומען אין האַנט, ווי א לערער, דאָס ווײַז־שטעקעלע, א קער געטאָן זיך אַף לינקס, דערנאָך אַף רעכטס און געבליבן שטיין מיטן פּאָנעם צו די כעוורע, ווי מע האָט אים געלערנט פֿונעם ערשטן קלאַס אָן. ער איז געווען אין א ווײַס העמדל, זײַנע שוואַרצע האָר, פֿאַרקעמטע אַף א שרונט, האָבן ניט פֿאַרשטעלט זײַן הויכן שטערן. די ברוינע אויגן האָבן מיט פֿאַרצווייפֿלטער אַנטשלאָסנקײַט געקוקט אַף זײַנע כאַווײרים פֿונעם געאָגראַפֿישן קרײַזל.

— ביטע, — האָט געזאָגט פּאָלינע וואַסיליעוונע.

זאַרעצקי האָט ווידער אַ הוסט געטאָן. הוסטן האָט זיך אים ניט געוואָלט. ער האָט פּשוט געמיינט, אַז אַזוי דאַרף מען, קעדיי צוציִען די אויפמערקזאַמקייט. ער האָט דערציילט וועגן פּערו, וועגן דעם פּלאַכלאַנד נאַסקאַ און וועגן דעם, אַז עס איז ניט אויסגעשלאָסן, צו אונדז זאָלן קומען טוישווים פון אַנדערע וועלטן.

די כעוורע, דערשטוינטע פון דער דאָזיקער נײַעס, האָבן אָנגעשטעלט מויל און אויערן.

— איך באַהויפּט, — האָט ער געזאָגט, — אַז ניט בלויז אין אַנדערע גאַלאַקטיקעס, נאָר אַפילע אין אונדזער גאַלאַקטיק זײַנען דאָ אַנטוויקלטע ציוויליזאַציעס.

איצט איז אין קלאַס געוואָרן אַף אַן עמעס טויט־שטיל. פּאָלינע וואַסיליעוונע האָט אַן אויקע געטאָן, דאָס פּאַסיקל איז ארויסגעפאלן פון אירע הענט און זי האָט אָנגעשטרענגט־אויפמערקזאם א קוק געגעבן אַף זאַרעצקין. „גאָט מײַנער, — האָבן גערעדט אירע אויגן, פאַרלאָפענע מיט טרערן, — וואָס נאָך וועט ער עפּעס אזוינס צוטראַכטן?" דערשראָקן האָבן געקוקט אַף אים די מיידעלעך. סקעפּטישן אומגלויבן האָבן אויסגעדריקט די ייִנגלשע פּענעמער.

פּאָלינע וואַסיליעוונע האָט מוירע געהאַט, אַז ער קאָן באַלד ווידער זאָגן עפּעס ביז גאָר אומדערוואַרטס. זי האָט געקוקט אַף אים, ווי וועלנדיק אים אָפּשטעלן מיט איר בליק, און טאָליע גאַלובקאָוו, מיט די שטענדיק צעפּאַטלטע האָר, האָט פון דער לעצטער פּאַרטע באַגײַסטערט א הילך געטאָן:

— אָט א מאַזיק!

די שטילקייט אָבער האָט דער אויסגעשריי ניט צערודערט. די כעוורע זײַנען, ווי פריער, געזעסן געפּלעפטע. זיי האָבן געוואָלט הערן וואָלאָדיעס קאָל, און מוירע האָבנדיק אים איבערשלאָגן דעם געדאַנק, אָנגעשטרענגט געשוויגן.

— מײַנע אויספירן מאַך איך אין גרונט פון די אויספאָרשונגען, וועלכע ס'האָבן דורכגעפירט א סאך געלערנטע, דערונטער אויך קאָנסטאַנטין עדוואַרדאָוויטש ציִאָלקאָווסקי. איך ווייסט מיסטאָמע וועגן זײַן בריוו צום טאָמסקער סטודענט יודינען. אינעם בריוו האָט ציִאָלקאָווסקי קלאָר אָנגעוויזן, אַז ער גלייבט אין דער באַגעגעניש מיט פאַרנונפטיקע באַשעפענישן פון אַנדערע וועלטן. דערלויבט מיר ברענגען א שטעל פון דעם בריוו:

„פּרוון פון העכערע באַשעפענישן אונדז צו העלפן זײַנען מעגלעך, ווײַל דאָס קומט פאָר אויך איצט. דאָס דענקען וועגן אַלוועלט האָט אויך געקאָנט דינען אַלס יעסאָד פאַר דעם גלויבן אין העכערע באַשעפענישן. אָבער ווייניק ווער עס ווייסט סײַ דאָס סײַ יענץ. פאַר אַלעמען איז עס ניט אָנשווילעך־קלאָר. מיר, מענטשן, באַמיִען זיך ניט איבערצײַגן די כײַעס, אַז זיי לעבן אָן פאַרשטאַנד, ווײַל דאָס איז אומעגלעך — אַזוי גרויס איז דער מעהאַלעך צווישן מענטשן און כײַע. די דיסטאַנץ צווישן זיי און פּאָלקומע באַשעפענישן איז געוויס ניט קלענער, אויב נעמען אין אַכט אַ דורכשניטלעכן מענטשן.

פון דער אַנדערער זײַט, האָבן די אויסטראַליִער און אַמעריקאַנער טויזנטער יאָרן דערוואַרט די אייראָפּייער און פאָרט זיך דערוואַרט. מיר וועלן זיך אויך דערוואַרטן".

וואָלאָדימיר האָט אָוועקגעלייגט דעם בריוו אַף דער ערשטער פּאַרטע, ווי ער וואָלט באַשטעטיקט זײַן עכטקײַט, געבנדיק אַ מעגלעכקײַט יעדן איינעם אַליין איבערלייענען אים. נאָר דאָס האָט מען שוין געמעגט ניט טאָן. די כעוורע האָבן געגלייבט וואָלאָדיען.

זאַרעצקין איז געוואָרן גרינג אַפן האַרצן, די אָנשטרענגונג איז פאַרשוווּנדן. ער האָט דערפילט, אַז זײַן אַרויסטרעטונג באַדאַרף מען, און איז צוגעטראָטן צו דער הויפּט־טעמע פון זײַן מיטטיילונג.

— די געלערנטע איז גוט באַוווּסט... — ער האָט אַזוי טאַקע געזאָגט „געלערנטע". עס האָט ניט אַרויסגערופן בא די כעוורע קיין פּראָטעסט, קיין כויזעק־שמייכל; וואָלאָדיע זאַרעצקי איז אַ געלערנטער. ער ווייסט אַ סאַך. ס'איז אומבאַשטרײַטבאַר, ס'איז אַ פאַקט, ער ווייסט מער פון זיי. — גוט באַוווּסט די עטאַפּן פון באַהערשן דעם קאָסמאָס, וועלכע עס האָט פאָרגעלייגט קאָנסטאַנטין עדוואַרדאָוויטש. „מענטשן וועלן זיך אויסלערנען רעגולירן דעם קלימאַט, — האָט ער געשריבן אין 1903 יאָר, — זיי וועלן באַלעבאַטעווען אין די גרענעצן פון דער זון־סיסטעם, ווי אַף דער אייגענער ערד. זוכנדיק שײַן און רוים, וועלן זיי זיך לאָזן אויסער די גרענעצן פון אונדזער זון־סיסטעם, דערגרייכן אַנדערע זונען און זיך באַנוצן מיט זייער פרישער ענערגיע אָנשטאָט דעם אייגענעם זיך לעשנדיקן זונען־קוואַל. די מענטשן וועלן זיך אויך באַנוצן מיט די מאַטעריאַלן פון די פּלאַנעטן און אַסטעראָידן, קעדיי בויען דאָרטן זייערע אויסערערדישע געבײַען. און אויב עס וועט טרעפן, די ערד וועט אָפּגעקילט ווערן, וועלן די מענטשן פון דער צוקונפט, ראַטעווענדיק די וויג זייערע, אַריבערפירן אונדזער פּלאַנעט אַף אַן אַנדער אָרביטע —

נעענטער צו דער זון, אָדער מיט דער קראפט פון רעאַקטיווע מאָטאָרן אריבערפירן זי אין אן אנדער גאַלאַקטיק...״

די צוהערער האָבן אָנגעהויבן אפּלאָדירן.

איצט, ווען מע האָט אים שוין געגלייבט, האָט ער געקאָנט אריבערגיין צו דער באַליבטער טעמע — צו די ניט אנטפּלעקטע סודים פון נאַסקאַ. די מיטיילונג האָט אופגערודערט די כעוורע. זיי זײַנען געזעסן, ווי פארקישעפטע, און געשלונגען יעדער וואָרט פון דער אויסטערלישער נײַעס. זײַענדיק גרייט שאָענלאַנג הערן — נאָכגיביקע דעם באַגער פונעם פּאָרטרעגער.

און איצט וויל איך זיך ווידער אומקערן צו די היפּאָטעזעס וועגן די פעלדזן־געבײַען, — האָט געזאָגט זארעצקי און א קוק געטאָן אף דער וואַנט, ווו עס האָט געדאַרפט הענגען די מאַפּע, ריכטיקער געזאָגט, ווו ער האָט געוואָלט זי זאָל זײַן. די כעוורע האָבן, ווי אופגעכאַפּט זיך פון שלאָף, אָנגעהויבן זיך באַוועגן, אופגעשפּרונגען פון די ערטער, געוואָלט העלפן, פארלויפן וולאַדימירן דעם וועג, נאָר ניט געוווּסט, וואָס טאָן. — אויב איר האָט ניט קעגן, וועל איך באַווײַזן אף דער מאַפּע... — און ער האָט א שפּאַן געטאָן צו דער שאַפע.

צוימענדיק די אופגערודערטקײַט, וועלכע האָט אים באַהערשט, האָט ער דערלאַנגט פון הינטער דער שאַפע די מאַפּע, ארויף אף א שטול און זיך גענומען זי אופהענגען, לאַנגזאַם פון אויבן אראָפּ פאַנאַנדערוויקלען. אַלײן האָט ער ניט גאָר גוט געזען די מאַפּע, ווײַל זײַן אופמערקזאַמקײַט איז געווען קאָנצענטרירט אפן קלאַס. ער האָט געוואַרט אף אַנציקטע אויסגעשרייען, אף א פריידיקן גערודער, נאָר אָנשטאָט דעם האָט ער דערהערט א געלעכטער. ס׳האָט געלאַכט ליאָשקע קראַווטשוק: „האָ־האָ־האָ!״ דערנאָך, ווער פריִער, ווער שפּעטער, האָבן גענומען לאַכן אויך אַנדערע קינדער — ייִנגלעך און מיידלעך, און אין א רעגע ארום האָבן שוין אַלע געקײַכט פון געלעכטער.

זארעצקי האָט זיך אויסגעקערעוועט צום קלאַס: די קינדער האָבן געלאַכט נאָך שטאַרקער, ווי פריִער, מאַמעש זיך געוויגט אף די פּאַרטעס, ווי אומרועןן פון א זייגער. די מיידלעך האָבן געווישט די טרערן, בלויז פאָלינע וואַסיליעוונע האָט שווײַגנדיק און פארלוירן געקוקט אף דער מאַפּע, ניט פארשטייענדיק, וואָס קומט דאָ פאָר, האָט וואָלאָדיע א קוק געטאָן אף דער מאַפּע און שיר ניט געפאַלן כאַלאַשעס: די פּאַפּירענע לאַטעס, וועלכע ער האָט נעכטן אזוי שיין באַפארבט און אקוראַט צוגעקלעפּט זײַנען ווי פארשיידנקאָלירקע שמאַטקעס אראָפּגעהאַנגען, גרייט יעדער רעגע אראָפּגליטשן זיך אפן דיל. די מאַפּע איז געוואָרן פיל ערגער, ווי זי איז געווען, זי האָט אָנגעוואָרן די קאָנטורן פון די בערג, די נעמען פון די אָקעאַנען און קאָנטינענטן. איצט איז שוין ביכלאַל אומעגלעך געווען זי רעסטאַווּרירן.

די קינדער האָבן ניט אופגעהערט צו לאַכן, און זארעצקי, וועלכער האָט נאָך אַלץ ניט געקאָנט קומען צו זיך, איז אפילע ניט אימשטאַנד געווען זיך רירן פון אָרט און ארויסלויפן פון קלאַס. און מיטאַמאָל האָט אינעם הויכן, פריילעכן געלעכטער זיך ארײַנגעריסן, ווי א טויבער שאָס, א קנאַק פון א ווירע איבערן טיש. אין קלאַס איז געוואָרן שטיל.

— כעוורע, — האָט געזאָגט פאָלינע וואַסיליעוונע, — קיין קליי איז אונטער דער האַנט ניט געווען, האָב איך געמאַכט פאַפּ. כ׳האָב גאָר פארגעסן, אז מע דאַרף אים קאָכן עטלעכע מינוט. פארמישט דעם קראָכמאַל אף קאַלטער וואַסער און געגעבן וואָלאָדיען... — פאָלינע וואַסיליעוונע האָט געהאַלטן אין די הענט א שטיק דאָרעם־אפריקע, — אָבער וואָלאָדיע איז א מאָלאָדיעץ, ער האָט זייער א סאַך געאַרבעט, און איך פאָדער פון אײַך, איר זאָלט שעצן די מי פון אײַער כאַווער און זיך באַציִען מיט אכטונג צו איר.

נאָר וואָס פאַר א ווערט האָט געהאַט די דאָזיקע הילף — א שטרויעלע אין ווירבלדיקן טהאָם? ס׳איז געווען א דורכפאַל, אַן אומגעריכטער און טרויעריקער סאָף.

וואָלאָדיע, אף וועלכן קיינער האָט מער קיין אכט ניט געלייגט, איז אראָפּ פון דער קאַטעדרע, מיט א ציטערנדיקער האַנט צוגעטוליעט צו דער וואַנט דאָס ווײַז־שטעקעלע, געשטאַנען א ווײַלע א צעשטרייטער און זיך געלאָזט גיין צו דער טיר.

— וואָלאָדיע, ווּהין? — האָט זיך דערהערט ווערע שמאַגינעס קאַפּריז קעלכל. — האָסט דאָך אונדז צוגעזאָגט א סענסאַציע.

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, א קוק געטאָן אף דער שיינינקער שמאַגינא און אנטוישט א טראַכט געטאָן, אז ס׳לוינט זיך ניט באַליידיקן אף איר: ס׳איז טאַקע קיין סענסאַציע ניט געווען. ער האָט געוואָלט גיין. ער האָט געמאַכט עטלעכע שווערע טריט, נאָר איבערגעטראַכט, זיך אויסגעקערעוועט און צוגעגאַנגען צו ווערען:

— סענסאַציעס זײַנען פאַראַן, נאָר כ׳האָב וועגן זיי ניט באַוויזן דערציילן, — האָט ער פאַרשטעמט געזאָגט.

— אָבער פאַר מיר וועסטו געפינען צײַט? — האָט פעסטענדיק זיך, צעצויגן די ווערטער שמאַגינא. — ס'איז געווען אַזוי אינטערעסאַנט. ביז פרײַטאָג וואָלט איך געקאָנט הערן.

„סע גייט דען אין צײַט?" — האָט א טראַכט געטאָן זאַרעצקי. אָבער אַף איר פראַגע האָט ער ניט געענטפערט, א קוק געבנדיק אַף די כּוורע, וועלכע האָבן זיך געלאָזט גיין צו אים מיט לעצאַנישע האָוויַעס און שטיק. שמאַגינא האָט מיט אירע גרויסע גרויע אויגאַנעס געקוקט אַפן מעוווילוועלן זאַרעצקין, גערודולדיק געוואַרט אַף זײַן ענטפער, אַף אַן עמעס וועלנדיק, ער זאָל אויספּילן איר ביטע. מער האָט קיינער אים ניט געבעטן וועגן דעם.

— איך קאָן אַוודע געפינען צײַט, ווערע, — האָט ער געזאָגט און ווידער א קוק געטאָן אין אירע טיפע אויגן, שיינע און בייזע, — נאָר ניט הײַנט, אַן אַנדער טאָג.

אַזא טאָג איז טאַקע געקומען, נאָר אין פיל יאָרן אַרום.

4

די קאַבינע איז געווען פול מיט מענטשן, דער עקיפּאַזש האָט זיך פאַרנומען מיט זײַן אַר־בעט. די מאַכשירים, אַגרעגאַטן, בלאָקן האָבן אַמאָל טומלדיק, אַמאָל הודזשענדיק, אַמאָל צוויינ־קענדיק מיט די פײַערלעך, דערמאַנט וועגן זיך. ס'איז געשטאַנען דער שטענדיקער גערויש פון טעכניק.

זשעוואַגין האָט זיך א דריי געטאָן אינעם פּילאָטן־פאָטעל, זיך אָפּגעטאָן פון זײַנע געדאַנ־קען, זאָכלעך באַטראַכט די אַפּאַראַטור, און שטראַלעכלעך־קנייטשן בא די אויגן האָבן איידעס געזאָגט, אַז ער איז צופרידן דערמיט, וואָס די מאַכשירים באַווײַזן.

פון דער קאַבינע האָט זיך געלאָזט זען די אומגעגנט ביזן האָריזאָנט. דער אַעראָפּלאַן איז געפלויגן איבער דער יאַבאַשע, אַנוויקלענדיק אַף זײַנע פּראָפּעלערס פּאַראַלעלן און מערידיאַ־נען. אין דער ווײַטער הייך האָט געשײַנט די זון, און עס האָט זיך געקאָנט דאַכטן, אַז די פּלי־מאַשין אײַלט איר אַנטקעגן, אין איר גאָלדענעם קיניגרייך.

— איצט וועסטו זען דעם קאָסמאָדראָם פון דײַנע פּרעמדפּלאַנעטישע טוישווים, — זאָגט זשעוואַגין זאַרעצקין, — עס קאָן הייסן, אַז דו פּליסט צו דײַן טרוים.

זשעוואַגין — ס'איז סײַ זײַן פאַמיליע, סײַ זײַן נאָמען. „זשעוואַגין" זאָגט ער געווײנלעך, ווען ער באַקענט זיך מיט עמעצן. זײַן נאָמען ווייסט קימאַט קיינער ניט. בייסן פּליִען ווערט זײַן נאָמען פאַרביטן מיט רוף־סיגנאַלן, אַף דער ערד — מיט דער זאַכלעכער און אָפיציעלער ווענדונג: זשעוואַגין.

אַריבערשפּאַנענדיק די הויכע שוועל, איז זאַרעצקי אַרײַן אינעם גרויסן און ליכטיקן סאַ־לאָן, ווו די פּאַסאַזשירן, מייניסטנס דאָקטוירים, אין וועלכע עס נייטיקט זיך איצט אַזוי דאָס לאַנד, וווהין זיי פּליִען, זײַנען געווען פאַרנומען מיט זייערע איניאַנים: ווער ס'האָט געקוקט אינעם אילוּמינאַטאָר — אַף דער אָנבערעגיקער ווײַט פונעם אַלוועלט, ווער עס האָט זיך געגרייט צו אַ מאָלצײַט — אָפּריכטן דעם אָבליגאַטאָרישן ריטואַל אין וועג, ווער עס האָט געדרעמלט, זאַמ־לענדיק קויכעס.

— גוט־העלף, האָט זיך געווענדט דער פּליִער צו די פּאַסאַזשירן. — זאַרעצקי, קאָמאַנדיר פון דער שיף... — אָן איבעריקן כּיישעק רײַסן די פּאַסאַזשירן אָפּ די אויגן פון די אילוּמינאַ־טאָרס.

— זאָגט אונדז, ביטע, הויכגעשעצטער, — פרעגט זאַרעצקין א פּליכעוואַטער מאַנספּאַר־שוין, — צי וועלן מיר דורכפּליִען איבער דעם בערמודער דרײַעק?

וואָלאַדימיר האָט א שמייכל געטאָן. דער באַרימטער „בערמודער דרײַעק" האָט מאָמענטאַל פאַרינטערעסירט אַלעמען. ער, וואָלאַדימיר זאַרעצקי, וועלכער איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן גורל פונעם אַעראָפּלאַן און פון די פּאַסאַזשירן איז איצט אין צענטער פון דער אויפמערקזאַמקײַט.

— מיר ווייסן, ליבער מענטש, — ווענדט זיך צו זאַרעצקין א מאַנצבל אין גרויסע ברילן, — אַז דאָס אָרט, איבער וועלכן מיר וועלן דורכפּליִען, רופט מען „זאַנע פון געהעכערטער געפאַר". דאָס אַנטשפּרעכט דער ווירקלעכקײַט? און אַז ס'איז א „דרײַעק פון טויט?" איז אויך עמעס?

— זאָגט, ביטע, כּוועטער פּליִער, — מישט זיך אַרײַן אין געשפּרעך א בערדיקער מאַנצבל אין א שוואַרץ לעדערן רעקל, — די „פּראַוודאַ" האָט געשריבן, אַז ניט לאַנג צוריק זײַנען געפונען געוואָרן צוויי פאַרלאָזטע יאַכטעס מיט א פולן רעזערוו שפּײַז און וואַסער, ווי דאַרף מען עס פאַרשטיין? מיר, מאַרקסיסטן, קאָנען דאָך ניט גלייבן אין אַזעלכע וווּנדער־ר־ר־ר... — דאָס

„לעדערנע רעקל" האָט ניט געהויזט מיטן „רייש", ארויסגעבראכט אים צוגעטעמפּט, ארומגע־יאָגט דעם דאָזיקן קלאַנג אין ווײַסצייניקן מויל זייער קונציק, נאָכמאכנדיק אפּאָנעם עפּעס א גרויסן אויטאָריטעט.

— יאָ, מיר וועלן דורכפּליִען איבער די בערמודן, — האָט פּעסט געזאָגט זאַרעצקי, ענט־פערנדיק אַף די פראַגעס. — דער סאַרגאַסאָ־יאַם וועט זײַן אונטער אונדז אין דרײַ שאָ ארום, דער פלוג אונדזערער וועט דויערן בא דרײַסיק שאָ. ס'איז דאָך ניט קיין קלײנער וועג — פופצן טויזנט קילאָמעטער.

— און אײַך, אנטשולדיקט, באַומרויִקט דאָס ניט? — ציט זיך אויס דאָס פּאָנעם באַם בער־דיקן פּאַסאַזשיר.

— ניין, עס באַומרויִקט ניט, — ענטפערט זאָרגלאָז דער פליִער.

די פּאַסאַזשירן לייגן אַפּ אין א זײַט זייערע טועכצן און הערן זיך צו אָנגעשטרענגט צום געשפּרעך.

— ווי קאָן עס אײַך ניט באַומרויִקן? — ערגערט זיך דער בערדיקער. — עס איז אײַך באַ־וווּסט צי ניט, אז פאַר פינף און צוואַנציק יאָר זײַנען אינעם סאַרגאַסאָ־יאַם, אינעם פאַרשאָלטע־נעם בערמודער דרײַעק, אין אָט דער שווארצער לאָך פון אונדזער פּלאַנעט שפּורלאָז פאַרשוווּנדן געוואָרן הונדערט שיפן און אעראָפּלאַנען...

— איר לייגט פאַר אַן אנדער מאַרשרוט? — האָט זאַרעצקי מיט א שמייכל געפרעגט.

— זײַט געגריסט, וואָלאָדימיר.

— זײַט געגריסט, — זאַרעצקי האָט אין פאַרלעגנהײַט א קוק געטאָן אפן מאַנצבל, וואָס איז צוגעגאַנגען צו אים, — אנטשולדיקט, מיר זײַנען דען באַקאַנט?

— ניין, ניין, — לייקנט דער מאַנצבל. זײַנע גרויע באַקנבאַרדן קרויזלען זיך, די האָר ווי אויסגעגאָסענע, זײַנען פאַרקעמט אפן מאַניר פון א פאַריק אין יעקאַטערינעס צײַטן, די נאָז איז גרויס, די ברעמען — ברייט־צעוואַקסענע, ווי אָפּדעכלעך, פאַרשטעלן עטוואָס די גרינע אויגן, — שמאַגין, — דערלויבט זיך פאָרשטעלן, קאָנסטאַנטין דמיטריִעוויטש, אײַער פרויס פּעטער.

— קאָנסטאַנטין דמיטריִעוויטש?

— איך האָב, ווי זאָגט מען עס, גלײַך פון וועג זיך געלאָזט מיטן שטעג. כ'האָב מוירע גע־האַט, אז מע וועט מיר ניט דערלויבן פליִען... נאָר אָט זעט איר...

— און עפּשער האָט מען, קאָנסטאַנטין דמיטריִעוויטש, ניט באַדאַרפט. דער וועג איז א ווייטער... די באַדינגונגען... — האָט געשטאַמלט וואָלאָדימיר...

— כ'מוז פליִען. ס'איז מײַן כוויוו. כ'בין א דאָקטער. אין אונדז נייטיקט מען זיך דאָרטן אצינד...

— זאָל זײַן אזוי, — האָט צוגעשטימט זאַרעצקי און דערנאָך פאַרטרויִלעך־שטיל צוגעגעבן: זאָגט מיר צו, אז אַף צוריקוועגס וועט איר זײַן בא אונדז צוגאַסט.

— אומבאַדינגט. אוודאי. א דאַנק.

5

אומגעקערט זיך צוריק אין קאַבינע, האָט וואָלאָדימיר ניט געקאָנט וויסן וועלכע שווערע אויספרווון עס שטייען פאַר דעם עקיפּאַזש אין עטלעכע מינוט ארום.

זשעוואַגין האָט אופגעהויבן דעם קאָפּ און דורכדרינגלעך, מיט עפּעס אַן אינערלעכער פאַר־זאָרגטקײַט, פּינטלענדיק מיט די שיינע אויגן, א קוק געטאָן אפן קאָמאַנדיר פונעם לײַנער. א ניט קלאָרער געפיל פון אומרו האָט זיך פאַרגאַנוועט אין זאַרעצקיס האַרץ. ער האָט זיך אויסגעקערעוועט מיטן פּאָנעם צום ראַדיסט, ווי ער וואָלט זיכער געוווען, אז יענער וועט אים באַלד אונטערטראָגן עפּעס גאָר ניט קיין אָנגענעמען סיורפּריז. דער ראַדיסט האָט אין זײַן העפט פאַרנאָטירט די יעדיִעס פונעם אָרדנטלעכן ראַדיאָ־סעאַנס, אָבער ער האָט באַלד דערפּילט אַף זיך דעם קאָמאַנדירס אָנגעשטרענגטן בליק.

— כ'האָב אופגעכאַפּט א סיגנאַל „סאָס"[1], — האָט עפּעס ווי פאַרשעמט פון דער אומגעריכ־טער יעדיִע, ראַפּאָרטירט דער ראַדיסט. — לינקס פונעם קורס, אין קוואַדראַט 14—26 גייט אונ־טער א שיף.

[1] SOS (סאָס) (ענגליש) — אַן אומגליק־סיגנאַל, וועלכן עס גיבן איבער דורך ראַדיאָ שיפן און אעראָ־פּלאַן, וואָס ס'דראָעט זיי א טויט־געפאַר.

זאַרעצקי האָט איבערגעפֿירט זײַן בליק אַף זשעוואַגינען, אָנגענומען אַפֿן ווונק זײַן אײַנלאַדונג זיך זעצן אין פֿאָטעל, אָנגעטאָן אַף די אויערן דעם הער־אַפּאַראַט און זיך אײַנגעהערט אינעם רוישיקן פֿילשטימיקן עטער. וואָס מער ער האָט באַנומען דעם זין פֿונעם געשעענעם, די ריזיקע, וועלכע ס'שטייט פֿאַר דעם עקיפּאַזש בײַסן קומען צו הילף די געליטענע, און דעם גרויסן אומגליק פֿון די געטראָפֿענע, אויב די הילף וועט פֿאַרשפּעטיקן, אַלץ רײַפֿער איז געוואָרן זײַן באַשלוס, וועלכן ער האָט אין דעם מאָמענט געהאַלטן פֿאַר דעם איינציק ריכטיקן.

— ראַדיסט, גיט איבער דעם ערשטן וועגן דעם איבערגעכאַפּטן „סאָס“.

זאַרעצקי האָט אַ קוק געטאָן אַף זשעוואַגינען, אַף זײַן הויכן שטערן. וועלכע געדאַנקען קומען דאָרטן איצטער אויף? ס'איז טאַקע געשען אַן אומגליק צי ס'איז אַ קאָנטראָל פֿון דער גרייטקייט פֿונעם עקיפּאַזש? צי עפּשער איז עס גאָר אַ פּאָשעטער שפּאַס? לויט זשעוואַגינס פּאָנעם איז עס אוממעגלעך פֿעסטשטעלן. ער איז אומגעוואַקלט רויִק. זשעוואַגין האָט אין זײַן לעבן פֿיל געזען און איבערגעלעבט, ער זאָל זיך איצט ערגערן איבער דעם, וואָס אַ שיף איז אין סאַקאָנע. ער האָט אַזוינס ניט געזען צי וואָס?

— כאַווער קאָמאַנדיר, די אינטענסיווקייט פֿון די „סאָס“־סיגנאַלן פֿאַרגרעסערט זיך, — טיילט מיט דער ראַדיסט. — דער ערשטער האָט באַפֿוילן גיין אין ראַיאָן, וווּ ס'איז געשען דער אומגליק, מיט דער העכסטער שנעלקייט. באַשלאָסן אָנעמען לויט די אומשטענדן.

— פֿאַרשטאַנען. אַ דאַנק. שטורמאַן, קורס! — האָט באַפֿוילן זאַרעצקי.

ער האָט זיך שוין אָנגעשטויסן, וואָס עס קומט איצט פֿאָר. אויפֿגענומען דעם „סאָס“־סיגנאַל, האָט דער ערשטער — דער קאָמאַנדיר פֿון דער גרופּע דערלויבט דעם בעסטן פֿליִער קומען צו הילף די געליטענע. זאָל זײַן אַזוי. זאַרעצקי לייגט אַוועק די הענט אַפֿן שטורוואַל און קוקט פֿאָרויס. דאָרטן, אונטער די געדיכטע כמאַרעס, אין די אָנבערעגיקע וואַסערן פֿונעם אָקעאַן וועט זײַן גאָר ניט לײַכט צו געפֿינען די שיף, אַפֿילע ווען זי איז זייער אַ גרויסע, אַ סופּערלײַנער.

דער עראָפּלאַן האָט זיך געגעבן אַ וואַקל. ער האָט דורכגעלייגט אַ וועג אינעם געדיכטן אָנוואַלגער פֿון פֿאַרשיידנפֿאַרביקע וואָלקנס. אַ ווונדערלעכע אייגנשאַפֿט בײַ זיי — אָפּשפּיגלען אַלץ.

דער פּילאָט האָט סיגנאַליזירט מיט די באָרט־פֿײַערן „אַכטונג“, אַרויסגעפֿירט דעם עראָפּלאַן פֿון דער אַלגעמיינער ריי, און די מאַשין האָט אײַליק געניִדערט, אַראָפּקײַקלענדיק זיך, ווי פֿון אַ באַרג, צום אויסגעבויגענעם ראַנד פֿון די גרויע כמאַרעס.

ווען דער עראָפּלאַן האָט דורכגעלעכערט די כמאַרעס, זײַנען אונטער זײַנע פֿליגל געווען בלויז די אומענדלעכע וואַסערן פֿון דער אַטלאַנטיק. דער אָקעאַן האָט געווילדעוועט, ראָצכיש געברומט, געהויבן צום הימל גרינלעך־בלײַענע כוואַליעס, ווי ער וואָלט זיי וועלן פֿאַרוואַרפֿן ערגעץ זייער הייך, צו די שטערן, אין אַנדערע וועלטן. אַ נעפּל, יאָמישער וואַסער־שטויב, וועלכן ס'האָט געיאָגט אַ צעהוליעטער ווינט, כוואַליעס, הויכע, ווי בערג, האָבן ניט געלאָזט באַטראַכטן דעם אַרום.

אין אַזאַ ווינט־און כוואַליעס־געדריי איז אוממעגלעך עמעצן געפֿינען, וועמער שמועסט פֿון קומען אים צו הילף. אײַנהאַלטנדיק דעם שטורוואַל, פֿילט זאַרעצקי די שטאַרקע קלעפּ, וועלכע פֿאַלן אַפֿן עראָפּלאַן־גוף, ער קוקט זיך אײַן אינעם שטורעמדיקן אָקעאַן, און כאָטש דער צעבושעוועטער סטיכיי זעט ער גאָרניט. עס כאַפּט אים אַרום אַ געפֿיל פֿון טיפֿן מיטלײַד, עס טוט אים וויי פֿאַר יענע מענטשן, מיט וועלכע עס האָט פּאַסירט דער אומגליק אין די אומבעראַכמאָנעסדיקע און קאַלטע וואַסערן.

— ראַדיסט, — באַפֿוילט זאַרעצקי, — פֿאַרפֿינקטלעכט די קאָאָרדינאַטן, פֿאַרפֿעלענגירט דעם סיגנאַל.

דער קאָמאַנדיר פֿון דעם לײַנער עפֿנט אַ זײַטיקע פֿאָרטקע, און עס רײַסט זיך אַרײַן אין דער קאַבינע קאַלטע לופֿט.

דער אָקעאַן איז דאָ אומעטום. די פֿליִער דערפֿילן זײַן געזאַלצענע פֿײַכטקייט, וועלכע האָט אָנגעפֿילט די קאַבינע, און הערן דעם גרויזאַמען אָטעם פֿון דער ווילדער, מיט קיין שום קויעך ניט געצוימטער אומגעהויערער בריִע...

— כאַווער קאָמאַנדיר, — מעלדעט דער ראַדיסט לויט דער אינערלעכער טעלעפֿאָן־אײַנריכטונג, — די שיף שיקט מער ניט קיין „סאָס“־סיגנאַלן... ווײַזט אויס, זיי זעען אונדז...

— אַ דאַנק פֿאַר דער אינפֿאָרמאַציע, — שלאָגט אים זאַרעצקי איבער די רייד, — מיר וועלן זוכן...

— כאַווער קאָמאַנדיר, — רײַסט זיך ווידער אַרײַן אין די אויערן דעם ראַדיסטס האַרבע שטים, — אין אָט די קוואַדראַטן זײַנען קיין סאָוועטישע שיפֿן ניטאָ... בלויז מיר קאָנען זיי העלפֿן...

„א ווילער באָכער‟, — טוט א טראכט וועגן אים זארעצקי, — ער האָט באנומען די פאראנטוואָרטלעכקייַט...‟

זארעצקי שווייַגט. אָבער דאָס לאנגע שטילשווייַגן מאטערט אים. עס הייבט אים אָן שווינדלען אין די אויגן, א ווייטעק פארקלעמט דאָס הארץ, עס פּייַניקט אים דאָס אומופהערלעכע קרעכצן פונעם אָקעאַן.

— ראדיסט, — באפוילט זארעצקי, — ראפּאָרטירט דעם לידער. מיר האָבן געפונען די שיף, די מענטשן אינעם אָקעאַן נייטיקן זיך אין הילף. מיר בעטן א דערלויבעניש זיך פארהאלטן דאָ, אראָפּוואַרפן שווים־מיטלען.

— כ׳פיל אויס דעם באפעל, — ענטפערט א צופרידענער דער ראדיסט, קלאַפנדיק מיטן טעלעגראף־שליסל.

— ראדיסט, — בעט זשעוואגין, — גיט איבער דעם הויפט־פּאָסטן פון אינפאָרמאציע באַם מיניסטעריִום פון יאם־פלאָט פון פססר די קאָאָרדינאטן פון דער זינקענדיקער שיף.

— כ׳פיל אויס דעם באפעל, — ענטפערט אין אייך אָטעם דער ראדיסט.

זשעוואגין האָט ניט אומזיסט זיך אריַינגעמישט. זארעצקי האָט מיט דאנקבארקייַט א קוק געטאָן אף אים. זשעוואגין איז רעכטצייַטיק אים געקומען צו הילף. מאסשטאבן... ברייטקייַט... בייס א צאָרע לאָזט זיך עס אנטפּלעקן.

אף א הייך פון הונדערט מעטער איז דער עראָפּלאַן דורכגעגאנגען איבערן אָרט פון דער קאטאסטראָפע. זארעצקי איז צוגעפאלן צום פענצטערל, וועלנדיק דערזען די שיף, איבערלייענען איר נאָמען, באנעמען, וואָס ס׳קומט פאָר. דעם עראָפּלאַן האָט געשלייַדערט אין אלע זייַטן. דער אָקעאַן האָט געווילדעוועט, געוואָרפן מעכטיקע שוימיקע כוואליעס אפן באָרט פון דער האלב־דערטרונקענער שיף. מענטשן האָבן אף שיפלעך זיך געוואָרפן אין וואסער, אנדערע זייַנען ארומגעלאָפן איבער דער אייַנגעבויגענער שיף־דעק, געהויבן די הענט צום עראָפּלאַן, געקוקט אינדערהייך מיט געבעט און האָפענונג — געוואַרט אף הילף.

די לאגע פון דער שיף איז געווען בעעמעס א קריטישע, אָן אויסערסט געפערלעכע, יעדער מינוט האָט זי געקאָנט פארזונקען ווערן אין די וואסערן פון דער אטלאנטיק.

די מענטשן האָבן זיך גענייטיקט אין באלדיקער הילף.

אומגעריכט איז זשעוואגין געוואָרן אקטיוו, א וואָרף געטאָן די הענט אף די שטורוואלערנער און מיט דער אייַנגעשפארטקייַט פון אן אסטראָנאָם זיך אָנגעהויבן אייַנקוקן אין דעם, וואָס עס קומט פאָר אונטן.

— כ׳וועל אריַינגיין אין סאלאָן, — האָט ער א זאָג געטאָן צו זארעצקין, — דו בלייַבסט אליין.

זשעוואגין האָט געהאט רעכט ארויסצוגיין אין סאלאָן, אויסגלייַכן די ביינער, בארויִקן די פּאסאזשירן, וועלכע ערגערן זיך איצט געוויס אָדער האָבן אפילע שטארק זיך איבערגעשראָקן. אָבער דאָך איז דאָס ארויסגיין איצט אין דעם דאָזיקן אָנגעשטרענגטן און אומרויִקן מאָמענט געווען, אין בעסטן פאל, גאנץ מאָדנע. פארהאלטן זיך אף א רעגע צווישן די פאָטעלן, האָט זשעוואגין גוטווילניק, פרייַנטלעך א קוק געטאָן אפן קאָמאנדיר פונעם לייַנער.

מע דארף אזוי... דאכט זיך, אז אָט דער געדאנק האָט זיך געלויכטן אין זייַנע ברייטצעעפנטע אויגן. נו, אויב מע דארף — דארף מען.

זשעוואגין האָט א שפאן געטאָן איבער דעם זיך ווינגדיקן דיל, און זארעצקין האָט זיך אויסגעדוכט, אז יענער איז מיטאמאָל עפּעס ווי געוואָרן געפאלן בא זיך, זיך אייַנגעבראָכן אין דער פּלייצע. זארעצקי האָט געזען זשעוואגינען אייך אויגנבליק, עפשער א הונדערטכיילעק פון א רעגע, עפשער בלויז באמערקט זייַן אָפּשפּיגלונג אינעם גלאָז פון די מאכשירים, נאָר ער האָט זיך אָנגעשטויסן, דערפילט יענעמס צושטאנד.

ער, זארעצקי, וואָלט אין אזא סיטואציע ניט פארלאָזט דאָס אָרט פון פּילאָט, אָבער אף טראכטן איז איצט קיין צייַט ניטאָ.

אן אייַנגעהילטער אין געדיכטן נעפּל, קרעכצט דער אָקעאַן. א קלעפּיקע פייַכטקייַט, הויכע וואָלקנס פארשטעלן ווידער דאָס אָרט פון דער קאטאסטראָפע.

דער עראָפּלאַן האָט אָנגעהויבן ווּיברירן. די מאָטאָרן זייַנען אומגעריכט אריבער אף א הויכן ריטם, געגומען צעצויגן און הויך הודען, ווי באפרייַט זיך פון א שווערער מאסע. די ווייַזערס פון די מאגניט־אפּאראטן האָבן אָנגעוואָרן זייער שטענדיקע פּינקטלעכקייַט, זיך געוואקלט אין אלע זייַטן.

זארעצקי האָט א שלעפּ געטאָן דעם שטורוואל אף זיך, דעם לינקן פּעדאל א רוק געטאָן פאָרויס, און אוועקגעלייגט דעם עראָפּלאַן אין א לינקן וויראזש. מיט זייַנע שטארקע און פּילבארע הענט האָט ער קוים אייַנגעהאלטן די לופט־שיף, וועלכע האָט אים איצט שלעכט געפאָלגט.

דער אעראָפּלאַן האָט אַראָפּגענידערט ביז דער מעגלעך־קלענסטער הייך און זיך געלאָזט צו דער שיף, קעדיי אַראָפּצוואַרפן די נייטיקע הילף־מיטלען. עס פליִען אָף דער שיפּדעק זשי־לעטן פון קאָרעק, רעטונגס־רעדלעך, גומי־שיפלעך. זשוואַגין איז אַפן אָרט: אין דעם פּראַכט־סאַלאָן נייטיקט מען זיך איצט אין אים.

— גיט איבער דעם לידער, — באַפוילט זאַרעצקי דעם ראַדיסט, — אַז מיר דאַרפן נאָך רעטונגס־מיטלען. גיט איבער אונדזער פּעלענג און די קאָאָרדינאַטן. כאַזערט איבער דעם „סאָס"־סיגנאַל.

דער אעראָפּלאַן איז אַרויס אָף דער לינקער טראַווערזע פון דער שיף, און דאָ האָט זאַרעצקי דערזען אין אָקעאַן עפּעס אַ מעכטיקן העל־זילבערנעם פלעק. ער איז געווען זייער גרויס, דריי אָדער פיר הונדערט מעטער די לענג, זיך געדרייט און ווי אונטערגעשפּאַרט דעם דנאָ פון דער שיף. און ווירקלעך, די שיף, אַן אײַנגעזונקענע אין וואַסער, איז געשטאַנען אומבאַוועגלעך.

וואָס קאָן עס אַזוינס זײַן? אַפּטישע פענאָמענען, אָדער ווי עס האָט זיי גערופן דער אַקאַ־דעמיקער קרילאָוו „אָקעאַן־געשפּענסטער"? זאַרעצקי האָט קיינמאָל אַפילו עפּעס ענלעכס אָף דעם ניט געזען און ניט געוווּסט, צי האָט אָט די פאַנטאַסטישע זעונג אַ שײַכעס צו דער רעאַ־לער שווערקײַט פונעם פלוג.

מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט דער עקיפּאַזש פון דער סאָוועטישער שיף „וולאַדימיר וואָ־ראָביאָוו", שווימענדיק אינעם אַראַבישן יאַם, לאַנג געזען אַ בלענדיק־ווײַסן פלעק. ער האָט זיך געלויכטן, זיך געדרייט און מע האָט אים געזען פון יעדן שיף־ווינקל. ס'איז געווען אַן אומפּאַר־שטענדלעכע דערשײַנונג. אָפּטישע פענאָמענען, וועלכע טרעפן זיך גאָר ניט זעלטן אין יאַם, באַאָבאַכט מען געוויינלעך אין אַ באַשטימטן ראַדיוס, כוץ דעם פאַרשווינדן זיי גיך — באַווײַזן זיך און ווערן אַנטרונען. אָבער דער ווײַסער, קײַלעכדיקער רונד אונטער דעם דאַמפער „וולאַדימיר וואָראָביאָוו" האָט עקזיסטירט רעאַל, ווי דער הימל, ווי דער יאַם. דער עכאָלאָט האָט דאָ באַוויזן די טיף 170 מעטער, נאָר די לויכטנדיקע מאַסע איז לויט ווי ס'האָט געוויזן דער זעלבער עכאָלאָט, געווען אָף דער טיף פון 20 מעטער, ניט מער.

דעמלט, איז אָף דער שיף, ווייסט זאַרעצקי, קאַליע געוואָרן דער גענעראַטאָר.

אין עטלעכע טעג אַרום האָבן אַן ענלעכע אומפּאַרשטענדלעכע דערשײַנונג באַאָבאַכטעט די וואַכטע־מאַטראָסן פון דער שיף „אַנטאָן מאַקאַרענקאָ". דאָס מאָל איז די דאָזיקע פּילפאַרביקע זעונג אַנטשטאַנען ביינהאַשמאָשעס. ווידער האָט דער סוידעספּולער רונד זיך געדרייט, צוואָרפן ברייטע ליכט־פּאַסן אין אַלע ריכטונגען, פאַרבייגנדיק די ראַנדן אינווייניק און פאַרקלענערנדיק זיך דערבײַ אין דיאַמעטער, ער האָט פונקציאָנירט רעגלמעסיק, ווי עמעץ וואָלט אָנגעפירט מיט אים.

ענלעכע דערשײַנונגען, אַזויגערופענע שײַן־פעיעריעס, האָבן אויך געזען מאַנשאַפטן פון אויסלענדישע שיפן.

זאַרעצקי האָט זײַנער צײַט זיך פאַרינטערעסירט מיט דער דאָזיקער דערשײַנונג, און גריב־לענדיק זיך אין ביכער און זשורנאַלן, געזוכט אַן ענטפער אָף דער דאָזיקער רעטעניש. אויס־לענדישע געלערנטע האָבן געהאַלטן, אַז דער דאָזיקער נאַטור־פענאָמען ווערט דערקלערט מיט דער טעטיקײַט פון אַן אונטערוואַסער־ציוויליזאַציע. זאַרעצקי האָט געוווּסט פעסט, אַז קיין שום אונטערוואַסער־ציוויליזאַציע עקזיסטירט ניט אין אונדזערע יאַמען און אָקעאַנען. אָבער אַז די דאָזיקע סוידעספּולע דערשײַנונג האָט געקאָנט אָף עפּעס אַן אופן זײַן פאַרבונדן מיט טוישווים פון אַנדערע פּלאַנעטן, איז ער געווען זיכער.

די היפּאָטעזע וועגן טוישווים פון אַנדערע פּלאַנעטן האָט אים שוין לאַנג ניט געלאָזט צורו, אָבער נישט געבליבן ניט געענדערט, ווי פיל אַנדערע היפּאָטעזעס. זאַרעצקיס אָנשווינגען האָבן אונטער דער ווירקונג פון נײַע אַנטדעקונגען און באַווײַזן זיך געביטן. זײַנע וויסנשאַפטלעכע קאָנצעפּציעס, ווי אַלע טעאָריעס וועגן דער אַנטשטייונג פון אַלוועלט, וועגן געבורט און אומקום פון דער גאַלאַקטיק, האָבן זיך געוואַקלט. דאָס האָט אים ניט באַאומרויִקט, ניט פאַרמינערט אים אין די אייגענע אויגן. ער האָט געוווּסט, אַז אינעם לאַגישן צווישנבונד „זוכונג — אַנטדעקונג" — פאַרנעמט דאָס ערשטע אָרט דער געדאַנק, די פאַנטאַזיע, די היפּאָטעזע, און וואָס מער זיי וועלן זײַן, אַפילו אַזעלכע, וואָס דערווײַזן זיי איז דערוויַיל אומעגלעך, אַלץ גיכער וועט דערגרייכט ווערן דער געגאַרטער ציל. ווען ער וועט, אָנשפּאַרנדיק זיך אָף אַ געוויסן סכום וויסנשאַפטלעכע אַרויסזאָגונגען, קאָנען אויסבויען אַ לאָגישע מאָדעל פון דער אַנטדעקונג, וועט ער פאַקטן און באַווײַזן צוקלײַבן.

און אָט איצט, געפינענדיק זיך אין אַ שווערער לאַגע, צוקוקנדיק די ניט סטאַבילע ציפערן, וועלכע ס'באַווײַזן די מאַכשירים, האָט ער קיין אַגמעסנעפעש דערפון ניט געהאַט, פאַרקערט,

עס האָט אים אומטערגעציגן, צוגעגעבן ענערגיע, ווי דאָס טרעפט פאַרן פינאַל פון אַ לאַנג דערוואַרטן וועג.

די באַגעגעניש מיט דער סוידעספּולער דערשיינונג, ריכטיקער, דערוויל ניט דערקלערטער דערשיינונג, דאָ, אין אָקעאַן, ניט ווייט פון פּערו, האָט ווידער אין זיין געדאַנק זיך אַסאָצייִרט מיטן פּלאַכלאַנד נאַסקאַ און מיט טוישוואָנס פון אַנדערע פּלאַנעטן.

זאַרעצקי האָט אַ קערעווע געטאָן דעם אַעראָפּלאַן אונטער די סאַמע וואָלקנס, מיטן רעכטן פליגל אַ טאַראַניר געטאָן דעם וואָלקן־באַרג און זיך דורכגעטראָגן איבער דער שיף, באַאַבאַכטנדיק צום לעצטן מאָל דעם לייכטנדיקן רונד, וועלכער האָט ווי געוואָלט אַרופשווימען, נאָר עס האָט אים פאַרשטעלט דעם וועג אָט דער אומגליקלעכער דאַמפּער.

— ראַדיסט, — האָט געזאָגט זאַרעצקי, — טיילט מיט דעם לידער: די אַרבעט איז פאַרענדיקט, מיר קערן זיך אום אין אונדזער קאַלאָנע.

ער האָט פאַרגרעסערט די שנעלקייט, אַ צי געטאָן דעם שטורוואַל אַף זיך, און די פלימאַשין, אונטערטעניק דעם ווילן פונעם פּליער, איז אַריין אין דעם געדיכטן הויפן וואָלקנס.

6

מע האָט אומגעדולדיק געוואַרט אַף זיי. די ראַדיאָ האָט געמאָלדן, אַז די אַעראָפּלאַנען וועלן לאַנדן אַפן אַעראָדראָם אין לימע, אַז יעדער בירגער פון פּערו קאָן באַגריסן די פאַרשטייער פונעם פריינטלעכן ראַטנפאַרבאַנד. די מיליטערישע רעוואָלוציאָנערע רעגירונג האָלט, אַז דאָס איז אַ פּאַטריאָטישער כּיוו.

ווי נאָר ס'איז אָפּגעגאַנגען די זון, האָבן די איינוווינער פון דער הויפּטשטאָט, אויוועריינענדיק אַף די רעליגיעזע טרויער־מינהאָגים, זיך אַ לאָז געטאָן צום אַעראָדראָם. ס'איז עפּעס ווי לינדער געוואָרן דער ווייטעק. די טרויער־קליידער האָט מען פאַרביטן אַף געקוויילטע מאַלבושים, די מענטשן האָבן ווידער, ווי פריער, געיילט, געלאָפן, געפירט מיט זיך די קינדער, הויך אַף אַ קאָל געטיילט זיך מיט נייס, געפּרוווט אַרופצוען זיך אַף פאַרבייפאָרנדיקע מאַשינעס, אָפּגעשטעלט פורגאָנען. מע האָט געלעבט אין דערוואַרטונג פון עפּעס אויסערגעוויינלעכס.

אַ פּערואַנער האָט שטיל אַ פיר געטאָן מיט די פינגער איבער די סטרונעס, אַרויסבאַקומען אַן אומעטיקע מעלאָדיע. וויפל צייט האָט ער שוין ניט געשפּילט, זיך עפּעס אַזויוי אָפּגעוווינט. אין די אויערן האָבן געקלונגען בלויז טפילעס און זיפצן. נאָר אַ לעבעדיקער מענטש טראַכט וועגן לעבעדיקן. לעבעדיקע זיינען מעכוייעוו לעבן, קעדיי פאַרהיטן דעם אָנדענק פון די אומגעקומענע.

גיכער, פלינקער לויפן שוין די פינגער איבער די סטרונעס, די קלאַנגען קייטלען זיך איינער אינעם אַנדערן, סילען זיך, ווי טייערע קאַרעלן אַף אַ שנור, און עס צעטראָגט זיך אין דער ווייט אַ ניגן. אָט אַזוי. גוט. פריילעך. די פיס הייבן אָן אין טאַקט קלאַפּן איבער די שטיינער פונעם ברוק, פלייצעס גליטשן זיך אויס, אַ שמייכל האָט באַלויכטן עמעצנס פּאָנעם, אַ שיינהייט האָט פאַרשאַרט די האַר פונעם שטערן, אַ בליק געטאָן מיט אירע איילבירט־אויגן, ווי אויפגעוואַכט.

און דער ניגן גייט איבער אין אַ ליד, ער כאַפּט אונטער ווערטער, וואָס קומען ווי פון אַ ברונעם־טיף. די ליד ווערט מיט יעדער רעגע הילכיקער און שטייפער.

געלע פּאַליציישע דזשיפּן, שטרענגע קאַראַבינערן מיט ווייסע פּאַטראָנטאַשן, פריווויליקע, — יונגע הייסבלוטיקע ענטוזיאַסטן — פּרוּוון איינהאַלטן דעם מענטשן־שטראָם, וועלכער רייסט זיך אַפן פלי־פעלד. נאָר ס'איז אומעגלעך אים אָפּשטעלן. אַלע ווילן זען די סאָוועטישע פּליער, אַלע ווילן זיי באַגעגענען, וועןן ס'האָט זיך געדאַכט, אַז עס איז ניט צו צוימען דעם מענטשן־דראַנג, זיינען אומגעריכט אַלע, ווי פאַרקישעפטע, געבליבן שטיין, אויפגעהויבן די קעפּ, קוקנדיק אין הימל: עס האָבן זיך דערנענטערט צום אַעראָדראָם, ריטמיש הודענדיק מיט די אַנגעהאַרעוועטע מאָטאָרן, די סאָוועטישע טראַנספּאָרט־אַעראָפּלאַנען. געפלויגן זיינען זיי נידעריק, און אַלע האָבן געזען די רויטע פינפעקיקע שטערן אַף זייערע פליגלען.

אהער, קיין פּערו, זיינען אין גיגאַנטישע מאַשינען געקומען צו פליען סוידעספּולע פאַר דעם דאָזיקן לאַנד מענטשן. זיי האָבן געבראַכט אַף די זילבערנע פליגל פון זייערע אַעראָפּלאַנען סאָוועטישע דערקען־צייכנס, אַפן הויכן סטאַביליזאַטאָר — אַ פּורפּור־רויטע פלאַטערנדיקע פאָן.

די מענטשן האָבן זיך פון אָרט ניט גערירט, ניט געדריקט אַף דער וואַך, זיך ניט געשטופּט, ניט געאַמפּערט זיך — געוואַרט. געוועןן איז אין דעם — דיסציפּלין, אַן אייגנשאַפט וואָס איז די

דאָזיקע מענטשן ניט זעלטן פרעמד. איצט האָבן זיי אָן דערווידערונגען זיך אונטערגעוואָרפן דער אָרדענונג, באַצויבערטע געקוקט אַף דער פלי־מאַשין, וועלכע האָט די ערשטע זייער שנעל שוין געגליטשט זיך אַפן ברייטן בעטאָנירטן פלי־פּלאַץ. גלײַך נאָך דער ערשטער לופט־שיף האָט, א באַשײַנטער מיט העלע זון־שטראַלן, זיך דערנעענטערט אַהער צום פלי־האַפן, א צווייטער אַעראָפּלאַן, נאָך אים, ווערנדיק יעדער ווײַלע גרעסער, ווי אויסוואַקסנדיק פון א קליין גרוי פינטעלע אין דער הימל־הייך, האָט געלאַנדעט א דריטער.

אַף דעם וועג, וואָס האָט געפירט צום בעטאָנירטן לאַנדונגס־פּלאַץ, איז אַרויסגעשפּרונגען א גרויסער שוואַרצער לימוזין, עקסקאָרטירט פון פיר דזשיפּן, אין וועלכע עס זײַנען געזעסן צו זעקס קאַראַבינערן. די סירענע פון לימוזין האָט זיך הויך צעשאַלט, און איבערלאָזנדיק די מיליטערישע באַגלייטונג פונהינטן, האָט די מאַשין זיך א לאָז געטאָן פאָרויס, צום ערשטן אַעראָפּלאַן.

דער לופט־ליינער איז סנײַפּעריש געבליבן שטיין באַם פיניש־צייכן.

אַף דער פינקלענדיקער מעטאַלענער זײַט פונעם אַעראָפּלאַן האָט זיך געשאַפן א טונקעלער קוואַדראַטער אויסהויל — א דורכגאַנג, — און אין אים האָט זיך באַוויזן יורי פּאַוולאָוויטש סיניצאַ. אין א נײַעם אָנצוג, א פײַערלעך־באַשעפּטיקטער, מיט א הויך־אויפגעהויבענעם קאָפּ.

ער האָט פלינק זיך אַראָפּגעלאָזט פונעם טראַפּ, לײַכט און זיכער אַרופגעטראָטן אַפן טונקלרויטן טעפּיך, וועלכן מע שפּרייט אויס פאַר אויסערסט כאָשעווע געסט, און, דורכגעמאַכט צען שפּאַן, צוגעקומען צו דער אימפּראָוויזירטער טריבונע, ווו עס האָבן געוואַרט די פאָרשטייער פונעם לאַנד, וועלכע זײַנען געקומען אינעם שוואַרצן לימוזין.

דאָרט, אַפן צווייטן עק פונעם אַעראָדראָם, האָבן געהודעט אַעראָפּלאַנען, וועלכע האָבן געבראַכט קיין פּערו זייער נייטיקע זאַכן, און דאָ, פאַר דעם פילטויזנטיקן האַמוין, וואָס האָט נאָכגעשפּירט נאָך יעדער באַוועגונג זײַנער, האָט סיניצאַ פאַרענדיקט זײַן וועג פונעם אַעראָפּלאַן צו דער טריבונע. אין דעם זעלבן מאָמענט, ווען ער האָט אַוועקגעשטעלט דעם פוס אַפן ערשטן פון די פינף טרעפּלעך, האָט אויסגעבראָכן א שקוואַל אַפּלאָדיסמענטן, וואָס האָט פאַרטויבט דעם אַעראָפּלאַנען־רויש. די פּערואַנער זײַנען ווידער געקומען אין באַוועגונג. זיי האָבן סקאַנדירט: „וויוואַ ראָסיאַ“, אויסגעשרִיען באַגריסונגען, און דורכרײַסנדיק די פאַרצוימונג־רייען א פלייץ געטאָן צו דער טריבונע.

דער פּערואַנער גענעראַל האָט אויסגעהערט דעם ראַפּאָרט פונעם סאָוועטישן פליִער, אים פעסט געדריקט די האַנט און אין נאָמען פון זײַן פאָלק הייס באַגריסט די סאָוועטישע מענטשן.

דער גענעראַל האָט מיט טיפן וויטעק גערעדט וועגן דעם גרויסן אומגליק, וואָס האָט געטראָפן זײַן פאָלק, דערציילט וועגן דעם, ווי דאַנקבאַר די פּערואַנער זײַנען דעם ראַטנפאַרבאַנד פאַר דער פרײַנטלעכער הילף.

— דורך טויזנטער מײַלן, — האָט געזאָגט דער גענעראַל, — שטרעקן מיר אויס דער גרויסער סאָוועטישער נאַציע אונדזערע הענט. וויוואַ!

און דער טויזנטקעפּיקער אוילעם האָט, ווי איין מענטש, אונטערגעכאַפּט: וויוואַ!

— אין נאָמען פון אונדזער שטאָלצן פאָלק, וועלכן דער אומגליק האָט ניט אײַנגעבראָכן, זאָגן מיר אין דער אָנוועזנהײַט פון אונדזערע געסט: איגואַלדאַד (גלײַכהײַט), ליבערטאַד (פרײַהײַט), פראַטערפידאַד (ברודערשאַפט).

און די מענטשן אַפן פּלאַץ, צונויפגיסנדיק די שטימען אין איין מעכטיקן רוף, האָבן געענטפערט: איגואַלדאַד! ליבערטאַד! פראַטערפידאַד!

— מיר ווילן, אַז אונדזער קאָל זאָל דערהערן דאָס לאַנד פונעם גענִיאַלן לענין, וועלכן מיר זאָגן הײַנט: גלאָריִאַ! (רום!).

דער גענעראַל האָט אויפגעהויבן די האַנט, און דער פילטויזנטיקער מענטשן־יאַם האָט איינשטימיק ווידערהאָלט:

— גלאָריִאַ!

יורי פּאַוולאָוויטשן זײַנען געווען באַקאַנט די דאָזיקע שפּאַנישע ווערטער, און ער האָט מיטן טעמפּעראַמענט פון א מענטשן, וואָס שטאַמט פון די דאָרעם־קאַנטן, סקאַנדירט צוזאַמען מיט אַלעמען: וויוואַ! פראַטערפידאַד! גלאָריִאַ!

ווען מע האָט אים אין עטלעכע מינוט אַרום געגעבן א וואָרט, האָט ער זיך שוין געפילט היימיש צווישן די מענטשן, וועלכע האָבן אַזוי פאַרטרוילעך געקוקט אַף אים.

— טײַערע פרײַנט, — האָט ער געזאָגט, — דאָס סאָוועטנלאַנד דריקט אויס זײַן טיפן טרויער אין צוזאַמענהאַנג מיט דער שווערער טראַגעדיע, וואָס האָט געטראָפן אײַער לאַנד. איר זײַט ניט געבליבן איינזאַם און עלנט אין אײַער אומגליק. אונדז איז פאַרטרויט געוואָרן דורכלייגן א מאַרשרוט אַף א לופט־טראַסע, וועלכער איז ביז אַהער קיין איין פליִער אין דער וועלט

ניט באַוווּסט געווען, שאַפֿן אַ לופֿט־בריק און ברענגען אײַער מוטיק פֿאָלק אַלדאָס נייטיקע. דאָס איז אַ מאַטאָנע פֿון אונדזער סאָוועטיש פֿאָלק.

קיינער האָט ניט אַפּלאָדירט. די מענטשן זײַנען אומבאַוועגלעך געשטאַנען, האַרט צוגעטוליעט איינער צום אַנדערן, און דאַרשטיק אײַנגעזאַפּט אין זיך די קלאַנגען פֿון אַן אומבאַקאַנטער שפּראַך. אײַנקוקנדיק זיך אין די מידע טונקל־ברוינע פּנימער פֿון די פּערוואַנער, האָט סיניצאַ דערזען בא פֿיל פֿון זיי טרערן אין די אויגן. עס האָבן געווײנט פֿרויען — זיי וויסן דעם פּרײַז פֿון לײַדן. מאַנצבלען האָבן פֿאַרשעמט אַראָפּגעלאָזט די אויגן. מענערשע הערצער האָבן ניט קיין רעכט צו זײַן שוואַך.

דער פֿלִיִער האָט אַ קוק געטאָן אויף דער טריבונע, און עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז זײַן בליק האָט געבראַכט אין פֿאַרלעגנהײַט דעם גענעראַל. אָבער אין אַ ווײַלע אַרום האָט דער גענעראַל זיך באַהערשט און אַ שמייכל געטאָן, פֿאַרגעסנדיק צו באַהאַלטן אונטער די וויִעס זײַנע פֿאַרטרערטע אויגן.

— עס איז שוין געשאַפֿן געוואָרן די לעגנדעטע לופֿט־בריק אין דער וועלט, — האָט געזאָגט סיניצאַ, נאָך דעם, ווי עס זײַנען איבערגעזעצט געוואָרן זײַנע ערשטע פֿראַזעס. — דער שטראָם פֿון לופֿט־לײַנערס, וועלכע עס פּילאָטירן די בעסטע פֿלִיִער פֿון אונדזער לאַנד, טראָגט מיט זיך מעדיקאַמענטן, שפּײַז, אויטאָמאָבילן...

ס'איז געווען האַלבער טאָג, און די זון האָט אומראַכמאָנעסדיק־הייס זיך צעגליט. סיניצאַ האָט זיך געפֿונען צוועלף גראַד דאַרעמדיקער פֿונעם עקוואַטאָר און ער האָט מיט אַלע כושים געפֿילט די אומדערטרעגלעכע היץ פֿון דאַרעם־אַמעריקע.

— ניט לײַכט איז דער וועג צו אײַך. נאָר אונדז שטעלט ניט אָפּ דער מעהאַלעך; אונדז שטעלן ניט אָפּ די שטורעם־ווינטן און מאַגניט־וויכערס. אונדזערע פֿעלקער זײַנען אייניק אין דעם הייליקן קאַמף פֿאַר אַ בעסערן לעבן, פֿאַר גליק און פֿרײַהײַט...

די פּערוואַנער האָבן ניט געהערט דעם איבערזעצער, זיי האָבן ניט געוואַרט ביז ער וועט איבערדערציילן אָט די הייסע רייד. זיי האָבן אַליין אַלץ פֿאַרשטאַנען. דאָס מאָל האָבן זיי אַפּלאָדירט, דערנאָך זיך אָנגענומען פֿאַר די הענט און אָנגעהויבן שטיל און פֿאַרטרויִלעך איבערכאַזערן: אַמיסטאַד (פֿרײַהײַט), בעהאַדראָגעדיק, ווי אין עסטאַפֿעט, איז דאָס וואָרט איבערגעגעבן געוואָרן פֿון מענטש צו מענטש, ביז אַלע צוזאַמען האָבן אַלץ העכער און העכער גענומען סקאַנדירן: אַמיסטאַד!

אויפֿן אַנדערן טאָג האָבן די פּערואַנער צײַטונגען געשריבן:

„סאָוועטן־רוסלאַנד ווײַזט אַרויס גרויסע הילף אונדזער פֿיל־לײַדנדיקן פֿאָלק. נעכטן האָבן פֿאַרשטייער פֿונעם רעגירונגס־אַפּאַראַט באַגעגנט אויפֿן הויפּטשטאָטישן אַעראָדראָם די סאָוועטישע פֿרײַנט, וועלכע האָבן אונדז געבראַכט פֿון יענער זײַט אָקעאַן פֿיל זאַכן פֿון ערשטער נויטווענדיקייט. לויט דעם אויפֿטראָג פֿונעם פּרעזידענט פֿון לאַנד האָט דער גענעראַל כאַרכע סיסנעראָס באַגריסט די געסט. אין ענטפֿער־רעדע האָט געהאַלטן דער לידער פֿון דער סאָוועטישער גרופּע סעניאָר זשאַרזש סיניצאַ. ווי אונדז האָט זיך אײַנגעגעבן פֿעסטשטעלן, איז ער אַ העלד פֿון זײַן לאַנד, האָט אָנטיילגענומען אין דער מילכאָמע און פֿאַר זײַנע העלדנטאַטן באַקומען דעם טיטל פֿון אַ גענעראַל. אינעם פּילאָטן־שטול זײַנען דורך דרײַסיק יאָר פֿון זײַן לעבן. אויף זײַן ברוסט טראָגט ער דעם צייכן פֿון אַ מיליאָנער. די דאָזיקע אייגנשאַפֿט פֿון דער גרויסער נאַציע — דעמאָנסטרירן רײַכקייט, האָט ניט פֿאַרטונקלט דעם צויבער, מיט וועלכן עס איז אַזוי גליקלעך באַשאָנקען דער לידער. דער סעניאָר סיניצאַ איז ברייט באַוווּסט בא זיך אין לאַנד. זשורנאַליסטן רופֿן אים „אויסגעצייכנטער אַס".

„אונדזער מוטיקער פּרעזידענט, — האָט געשריבן אַן אַרמייִשע צײַטונג, וואָס אָריענטירט זיך אויף יונגע אָפֿיצערן, — האָט אין זײַן רעזידענץ אויפֿגענומען דעם כאַשעוון גאַסט פֿון מאָסקווע, דער סעניאָר סיניצאַ, וועלכער האָט געבראַכט פֿון אייראָפּע אַ גרופּע טראַנספּאָרט־אַעראָפּלאַנען, איז דערצויגן אין די בעסטע טראַדיציעס פֿון וועלט־עטיקעט. בײַס דער באַגעגעניש מיט דעם פּרעזידענט האָט ער געזאָגט:

— הער פּרעזידענט, דאָס סאָוועטישע פֿאָלק און זײַן רעגירונג זײַנען ביז גאָר באַאומרויִקט פֿון די גוואַלדיקע כורבנות, וועלכע ס'האָט געבראַכט מיט זיך די סטיכיישע קאַטאַסטראָפֿע, וואָס האָט אַזוי אַכזאָריעסדיק זיך אַרופֿגעוואַלגערט אויף אײַער לאַנד. טרײַ זײַנע הומאַניסטישע פּרינציפּן, וועט פּסס ברענגען הילף אײַער פֿאָלק, נעמענדיק די הוצאָעס אויף זיך.

פֿיל סאָוועטישע טראַנספּאָרט־אַעראָפּלאַנען האָבן זיך שוין אָנגעהויבן אינדערלופֿטן, נעמענדיק דעם קורס אויף פּערו, וועלכן עס האָט דורכגעלייגט מײַן עקיפּאַזש. אין דער זעלבער צײַט, ווען איך אינפֿאָרמיר אײַך וועגן די מאַסמיטלען פֿון דער סאָוועטישער מעלוכע, פֿאַרענדיקט אַ גרופּע אַעראָפּלאַנען די לאַנדונג אויפֿן הויפּטשטאָטישן אַעראָדראָם פֿון לימע, אַנדערע

גרופּעס דערנעענטערן זיך צו איסלאַנד, קובע, קאָלומביע. די לופֿט־בריק מאָסקווע — לימע פֿונקציאָנירט. איר הערט איצט דעם רויש פֿון שוועראַנגלאָדענע אעראָפּלאַנען, וועלכע האָבן דורכגעמאַכט אַ וועג פֿון טויזנטער קילאָמעטער און האָבן געלאַנדעט אויף דער ערד פֿון אייער מעלוכע.

די פּאָליטישע אָנגעלאָדנקייט פֿון דער רעדע באַשטעטיקט אָן איבעריק מאָל, אַז דער רוסישער שאָליעך געהער צו די העכסטע פּאָליטישע און מעלוכישע קרייזן פֿון רוסלאַנד".

דער פּרעזידענט וועלאַסקאָ עלווראַדאָ האָט איינגעאָרדנט אַ מיטיק לעקאָוועד דעם אָנפֿירער פֿון די סאָוועטישע אוויאַטאָרס. דעם זעלבן טאָג האָט יורי פּאַוולאָוויטש סיניצאַ, אַן אַרומגערינגלטער פֿון אַלע זייטן מיט פֿיל זשורנאַליסטן, געענטפֿערט אינעם זאַל פֿונעם האָטעל „נאַציאָנאַל" אויף פֿראַגן:

— ווי גרויס וועט זיין רוסלאַנדס הילף?

סיניצאַ. אויף אַזויפֿיל גרויס, אַז אין די קאַרעוו־געוואָרענע ראַיאָנען זאָל ניט זיין קיין מאַנגל אין שפּייַז, עס זאָלן ניט אַנטשטיין קיין עפּידעמיעס.

— צי קאָן מען עס אויסדריקן אין אַ געלט־סומע?

סיניצאַ. מענטשלעכע געפֿילן פֿאַרמאָגן ניט קיין געלט־עקוויוואַלענט.

— וואָס וועט פֿאַר איר הילף פֿאָדערן פֿון פּערו רוסלאַנד?

סיניצאַ. אונדזער הילף וועט ניט באַצאָלט ווערן. אונדזערע מעדיקאַמענטן, מאַשינעס, העליקאָפּטערן זיינען אַ מאַטאָנע פֿונעם סאָוועטישן פֿאָלק.

— אייניקע צייטונגען האָבן געשריבן, אַז איר זייט אַן אוויאַציע־גענעראַל. אויב ס'איז אַזוי — פֿאַרוואָס טראָגט איר ניט די מיליטערישע אוניפֿאָרם?

סיניצאַ. איך בין ווירקלעך אַן אוויאַטאָר, אַ מאַיאָר אין דעמיסיע. פֿאַרוואָס אייערע צייטונגען האָבן מיך אָנגענומען פֿאַר אַ גענעראַל, ווייס איך ניט. מיין אָנטייל אין דער מילכאָמע קעגן פֿאַשיסטישן דייטשלאַנד, מיינע פּערזענלעכע שלאַכט־פֿאַרדינסטן זיינען זייער באַשיידענע.

— וויפֿל מענטשן נעמען אָנטייל אין דער הילף־אַקציע?

סיניצאַ. אַלע סאָוועטישע מענטשן. איך דערמאָן די צאָל: 225 מיליאָן. מיר זיינען אינטערנאַציאָנאַליסטן. דער אומגליק, וואָס האָט געטראָפֿן פּראָסטע מענטשן פֿון אונדזער פּלאַנעט, רופֿט/אַרויס בא אונדז מיטלייד און פֿאַרלאַנג צו העלפֿן. דערפֿאַר זיינען מיר דאָ.

— זאָגט, צי איז שווער דורמאַכן אַ וועג פֿון 15 טויזנט קילאָמעטער?

סיניצאַ. יאָ, ער איז לאַנג און שווער. נאָר מיר האָבן קיין מידקייט ניט געפֿילט. מיר האָבן געוווסט, אַז אונדז איז פֿאַרטרויט געוואָרן זייער אַ וויכטיקער און פֿאַראַנטוואָרטלעכער איניען און געשטרעבט וואָס גיכער קומען אַהער, קיין פּערו, צו די אומגליקלעכע, היימלאָזגעוואָרענע פּראָסטע מענטשן. שווער איז געווען דער וועג פֿון האַליפֿאַקס ביז האַוואַנע, מיר זיינען געפֿלויגן איבערן אָקעאַן, וועלכער האָט געבושעוועט אויף דער דאָזיקער גאַנצער שטרעקע, דורך אַ ראַיאָן פֿון ציקלאָנען און ווירבערס.

די אַמעריקאַנער מעטעאָראָלאָגישע דינסט האָט אונדז פֿאַרגעלייגט זיך אָפּנייגן אין אַ זייט פֿונעם קורס, אַהין, ווו דער וועטער איז אַ בעסערער, נאָר מיר האָבן זיך אָפּגעזאָגט. יעדער שאָ, וואָס מיר האָבן אַזויאַרום איינגעהיט, פֿאַרשפּאָרט, דאָס איז אוודע צענדליקער, הונדערטער געראַטעוועטע לעבנס.

7

זאַרעצקי האָט געלאַנדעט דער לעצטער. דער לאַנדונגס־פּאַס איז געווען פֿריי. די ברייטע גרויע בעטאָנקע, פֿול מיט שפּורן פֿון טאָרמאַזירן די מאַשינעס, האָט אופֿגענומען דעם לעצטן פֿראַכט־גיגאַנט. פֿון דער אינפֿאָרמאַציע, וועלכע עס האָבן איבערגעגעבן די דיספּעטשער־פּונקטן און די פּערואַנער ראַדיאָ, האָט וואָלאָדימיר זיך דערוווסט, אַז די עקיפּאַזשן פֿון אונדזערע אעראָפּלאַנען האָט מען דאָ פֿייערלעך באַגעגנט. אויף די גאַסן זיינען אַרויס די איינוווינער פֿון לימע, עס האָט אויך באַגעגנט די געסט דעם פּרעזידענטס אַ פּערזענלעכער פֿאָרשטייער. אָפּן מיטינג איז אַרויסגעטראָטן יורי פּאַוולאָוויטש סיניצאַ.

די לעצטע פֿלי־מאַשין האָט קיינער ניט באַגעגנט, אַלע זיינען געווען פֿאַרנומען. זאַרעצקי האָט אָפּגעזוכט אַ פֿרייאָרט פֿאַר דער מאַשין, און מע האָט אונטער די שטראָלן פֿון דער עקוואַטאָריעלער זון באַלד אָנגעהויבן אויסלאָדן די מאַטאָנעס.

די דאָקטוירים, ווי זיי וואָלטן געגאַנגען אַף שטאָלצן, האָבן קוים געשפּאַנט אַף די פּאַר־שלאָפן געוואָרענע פיס. זיי זיינען מיט מאַטערניש אַראָפּ אַף דער ערד, מיטנעמענדיק מיט זיך די סאַקוואַיאַזשן. זיי האָבן צערודערטע זיך אײַנגעקוקט אין דעם אַלעמען, וואָס האָט, זיי אַרומ־גערינגלט, — אַ נײַע ניט געזעענע וועלט, אַ פרעמד לאַנד.

שלעפּנדיק נאָך זיך אַ גדיכטן שטויב־שלייער איז אַ גרויסער שנעלקײַט צוגעפאָרן אַן אווטאָבוס. אַן אָפיצער אין דער באַגלייטונג פון צוויי קאַראַבינערן, איז צוגעגאַנגען צום אַעראָ־פּלאַן.

— די רעגירונג פון דער רעוואָליוציאָנערער רעפּובליק פּערו באַגריסט האַרציק די סאָוועט־טיקאַ קאָמפּאַניערא, — האָט דער אָפיצער ראַפּאָרטירט אַף שפּאַניש, ווענדנדיק זיך צום באָרט־טעכניקער.

— מערסי, קאַמאַראַדאַ, — דער באָרט־טעכניקער האָט באַוויזן מיט די אויגן אַף זאַרעצקין.

דער אָפיצער האָט העפלעך זיך אַנטשולדיקט און זיך געלאָזט גיין צום קאָמאַנדיר. ס׳קליִנגען ווידער די זעלבע שפּאַנישע באַגריסונג־ווערטער. ס׳איז נאָר צוגעקומען די אַנטשולדיקונג, וואָס עס איז ניטאָ קיין איבערזעצער. דער פּליִער האָט אים באַרויִקט: מיר וועלן ריידן שפּאַניש.

דער אָפיצער לאַדט אײַן אַף מיטיק. מיטיק עסן דאָס איז גוט, נאָר פריִער מוז מען אויס־לאָדן דעם אַעראָפּלאַן. מעגלעך, אַז מע וועט אינגיכן דאַרפן אַרויספליִען.

דער אָפיצער באַשטייט אַף זײַנעם. די אײַנלאַדונג אַף מיטיק איז ניט קיין פּראָטאָקאָל־אַקט, נאָר אַן אַקט פון פרײַנטשאַפט.

זאַרעצקי האָט ניט קיין רעפערענט, באַשלוסן נעמט ער אָן זעלבשטענדיק, אָפן סמאַך פון דער אייגענער דערפאַרונג. די געזעצן פון גאַסטפרײַנטלעכקײַט נעמען אָפּ אין אַ געוויסער מאָס באַם גאַסט זײַן אומאָפּהענגיקײַט און פאָדערן זיך אונטערוואַרפן די מינהאָגים פון די באַ־לעבאַטים.

דער עקיפּאַזש און די דאָקטוירים זיינען אַרײַן אין אווטאָבוס. וולאַדימיר האָט זיך צוגעזעצט לעבן שמאַגינען. דער דאָקטער איז געווען בלאַס, ער האָט שווער געאָטעמט, אַף זײַנע בלאָווע ציטערנדיקע הענט זיינען אַרויסגעטראָטן רויטע פלעקן.

— ווי פילט איר זיך, קאָנסטאַנטין דמיטריִעוויטש?

שמאַגין האָט ניט באַלד געענטפערט.

— וואָס זאָל איך אײַך זאָגן? עס האָט מיך איבעראַשט די אויסערגעוויינלעכקײַט פון דעם, וואָס איך האָב הײַנט געזען. פריִער האָב איך אַזוינס קיינמאָל ניט באַגעגנט. ווי ווייניק מיר ווייסן נאָך. איר זעט אַ גליקלעכער מענטש. איר קאָנט זיך נאָך טאָקע באַגעגענען מיט טוישווים פון אַנדערע פּלאַנעטן.

— קאָנסטאַנטין דמיטריִעוויטש, עפּשער זאָלט איר זיך ניט לאָזן אין די פּאַרוואָרפענע פּראָ־ווינצן פון פּערו, עפּשער איז בעסער בלײַבן אין לימע... אַף יעדן פאַל...

— איך קאָן ניט אײַנגיין אַף דעם. איך בין אַ דאָקטער, מענטשן דאַרפן מיך האָבן, און איך וועל זײַן דאָרטן, ווו מענטשן איז שלעכט, ווו זיי ליידן. איר מיינט אוואדע, אַז מיר איז גרינג אָנגעקומען די דערלויבעניש פליִען אַהער? אַהאָ... נאָר איך האָב זיך מײַנס דערשלאָגן. איך גרויס זיך דערמיט, וואָס איך בין אַ סאָוועטישער דאָקטער. מיר ברענגען אַף די פליגל פרייד, רעטונג, לינדערן ווייטאָק...

צום אַעראָפּלאַן האָט זיך דערנעענטערט אַ גרופּע מענטשן. דער אָפיצער איז אַרויס פונעם אווטאָבוס, אין אַ מינוט אַרום זיך אומגעקערט און געבעטן זאַרעצקין אַרויסגיין, ניט דערקלערנ־דיק צוליב וואָס. ווי נאָר זאַרעצקי איז אַרויס, איז אים צוגעגאַנגען אַ הויכער מאַנצבל אין אַ בערעט און אין אַ ברייט רעקל, ווי עס טראָגן יאַם־לײַט.

— זײַט געגריסט, הער קאָמאַנדיר, — האָט ער פײַערלעך אָנגעהויבן אַף רוסיש, אַרויס־ברענגענדיק שווער, אָבער ריכטיק די ווערטער. — דערלויבט אײַך פאָרשטעלן מײַנע קאָלעגן פונעם יאַם־האַפן און אײַנלאַדן אײַך אַף מיטיק, — דער מענטש איז געווען גליקלעך דערפון, וואָס די שווערע רעדע איז שוין פאַרענדיקט, און די רוסישע האָבן, דאַכט זיך, פאַרשטאַנען וואָס ער האָט געזאָגט. ער האָט אַרומגענומען דעם פליִער.

— דער עקיפּאַזש, — האָט זאַרעצקי געענטפערט, — בעט איבערגעבן אַלע אײַערע כאַווי־רים אַ גרוס און אַ דאַנק פאַר דער אײַנלאַדונג. אין אַ מינוט פופציק אַרום וועלן מיר געוויס אָפּפליִען פונדאַנען...

יאַם־לײַט ווייסן גוט, וואָס אַזוינס הייסט דיסציפּלין. העפלעך שמייכלענדיק, האָבן זיי אונ־טערגעטראָגן דעם עקיפּאַזש אַ שאַכטל מיט מאַטאָנעס, זיך הייס געזעגנט און אוועק...

און ווידער איז צום אַעראָפּלאַן צוגעפאָרן אַ מאַשין. אין קאַבינע איז באַנאַנד מיטן שאָפער געזעסן סיניצאַ.

וולאדימיר איז טייקעף ארויס פונעם אווטאָבוס און קורץ ראַפּאָרטירט דעם קאָמאנדיר, אז די אופגאבע איז אויסגעפילט.

אינגיכן איז דער אווטאָבוס דאָך אָפּגעפאָרן. אויסגעמיטן די טויערן פון אעראָדראָם, האָט זיך ארויסגעריסן אף א ברייטער מאגיסטראל און נאָך עטלעכע מינוט האסטיק יאָגן זיך אָפּגעשטעלט לעבן א מאָדערנעם צווייִשטאָקיקן מויער.

דער טיש איז געווען געגרייט פאר אלע סאָוועטישע געסט. אין זאל האָבן זיך געפונען פאָרשטייער פון דער סאָוועטישער געזאנדשאפט, סאָוועטישע יאם־לייַט, וועלכע האָבן געוואָרפן דעם אנקער אין די היגע וואסערן און מע האָט זיי איצט דאָ פארהאלטן, קעדיי באהילפיק זייַן די פליִער, געווען אויך היגע אינזשעניערן, פּילאָטן, אָנפירער פון דער אדמיניסטראציע, מיליטערלייַט, פאָרשטייער פון דער פּאָליציי, גווארדייער פון דער פּרעזידענטן־וואך.

יאָמטעוודיקע מיטיקן, ווי ביכלאל אָפיציִעלע מאָלצייַטן, קאָנען פארפאָלגן פארשיידענע צילן — פּאָליטישע, דיפּלאָמאטישע, מיליטערישע, — אויסער דעם ציל פון אָנזעטיקן זיך. עס זייַנען געווען גענוג טאָסטן, צוזאָגן, דערקלערונגען, אפּלאָדיסמענטן. אפן עסן האָט שוין קיין צייַט ניט געקלעקט.

אפן אעראָדראָם האָבן די אעראָפּלאנען מיד זיך צוגעטוליעט צו די לאנדונגס־פּלעצער און געווארט, ביז מע וועט ענדיקן אויסלאָדן דעם פראכט, וועלכן זיי האָבן אַזוי שווער און לאנג געפירט. דער קאָמאנדיר פון דער גרופּע האָט געגעבן א פאראָרדענונג לאָזן צו צווי מיטגלידער פון דער מאנשאפט אף יעדן אעראָפּלאן, און די איבעריקע באפוילן ארויספאָרן אין די ראיאָנען, וועלכע האָבן אמערסטן געליטן פון די ערדציטערנישן. ניט געקוקט אף דעם, וואָס די וועגן אין די אנדן זייַנען כאָרעוו געוואָרן, האָט די רעגירונג־קאָמיסיע, וואָס האָט זיך פארנומען מיט ליקווידירן די פאָלגן פון דער קאטאסטראָפע, פאָרגעשלאָגן זארעצקין ארויספאָרן אין דעם ראיאָן פונעם בארג אוואסקאראן.

דער וועג האָט געפירט אף צאָפן צו די שטעט יונגייַ און ראַבראַיקא. דער אָפיציִעלער פאָרשטייער פון דער רעגירונג האָט דערציילט, אז דער בארג־שפּיץ אוואסקאראן איז דער העכסטער אין פּערו (6700 מעטער), אָנגערופן איז ער אפן נאָמען פון איינעם פון די פירער פון די אינקן. דער פּערואנער האָט עטלעכע מאָל איבערגעכאזערט דאָס וואָרט אוואסקאראן. מעגלעך, אז דער דאָזיקער נאָמען איז פאר אים געוואָרן דער סינאָנים פון גוואלדיקן כורבן און אָנצאָליקע קאָרבאָנעס. דער פּערואנער האָט טראָץ דער פארשפּרייטער פאָרשטעלונג וועגן דעם טעמפּעראמענט פון זייַן פאָלק זיך באוועגט לאנגזאם, גערעדט שטיל, דער בליק פון זייַנע קליינע ברוינע אויגן איז געווען פארטונקלט. פון יענער זייַט פענצטער זייַנען געשוווּמען קארקאסן פון געבייַען, אומגעוואלגערטע און צעשמעטערטע אף שפּענער הייַזער, ארויסגעשליידערטע אפן ברעג שיפן און שיפלעך, יאם־געוויקסן, פיש און מעשונע־מאָדנע אָקעאן־באשעפענישן. כוועס און אש — ווי אף א מילכאָמע. און איבער דעם אלעמען, ווי נאָך א סרייפע, האָט זיך געהויבן אין דער הייך א שטיקנדיקער איבלדיקער רויך.

מענטשן האָבן אין די רויִנען געזוכט, געניששטערט — עפּשער איז עמעץ לעבן געבליבן און ליגט פארוואלגערט מיט ברוכשטיקער. עס האָבן זיך געוואָרפן אין די אויגן שטוביקע זאכן, קיך־געשיר, נאָר דאָס אלץ האָט אין די איצטיקע באדינגונגען קיין שום ווערט ניט געהאט. קיינער האָט עס ניט גענומען, ניט באהאלטן אף שפּעטער.

אויסלענדישע טוריסטן, יאָמטעוודיק און בונט אָנגעטאָנענע, זייַנען גלייַכגילטיק דורכגעגאנגען פארבייַ מייסים, פארבייַ פארווונדעטע, וועלכע האָבן געקרעכצט פון ווייטעק און דאָרשט.

אלץ האָט זיך אויסגעמישט, דעוואלווירט געוואָרן, אָנגעווווירן די מאָראלישע און מאטעריעלע ווערט.

אנטקעגן דעם אווטאָבוס האָבן געיאָגט פּרעכטיקע קאדילאקן און ביויִקן מיט זאָרגלאָזע און פריילעכע פּאסאזשירן, איבערלאָזנדיק נאָך זיך אינדערלופטן לוסטיקע מוזיק.

דער אווטאָבוס האָט זיך אָפּגעשטעלט. עס זייַנען אָנגעפאָרן אהער פיל מאשינען מיט שפּייַז, מיט בייַדלעך, מיט קאָלדרעס, מיט מאטראצן, זיי האָבן פארפראָפּט דעם שמאָלן שאָסיי.

עס קומען אָן אנטקעגן מענטשן, ארומגעבונדענע מיט מארליע. פרייַ מאכנדיק דעם וועג, קאָמאנדעוועט ענערגיש א פּאָליציימאן. ער שיקט אָפּ אייניקע מאשינען אף א זייַטיקן פּלאַץ, דראָעט עמעצן. ענדלעך איז דער וועג פרייַ, אָבער דעם אווטאָבוס לאָזט מען ניט דורך. עס קומען אונטער בולדאָזערן, א בראָנירטע קאָלאָנע אומעטום־גייער. די דאָזיקע מאשינעריע האָט אופגעהויבן א געדיכטן שטויב, די רעדער און רויפן האָבן אזוי געהאמערט דעם שאָסיי, אז דער טומל האָט פארטויבט די שטימען פון מענטשן.

ווען די קאָלאָנע גייט דורך, באַוויַזט זיך פאַר די אויגן אַף אַ נאָענטן שיפּוי אונטער צע־צווייַגטע טייטלביימער אַ פעלד־שפּיטאָל. דאָקטוירים, מעדיציניש שוועסטער האַוועז, לויפן פון איין בייַדל אינעם אַנדערן.

— לאָמיר זיך אָפּשטעלן און זיי העלפן, — לייגט פאָר זאַרעצקי.

אינעם שפּיטאָל איז פאַראַן איבערן קאָפּ אַרבעט. מע דאַרף דרינגענדיק אַוועקשטעלן די ביַידלעך, איַינאָרדענען די קיך, פאַרגלעזן דעם כירורגישן קאַבינעט...

אין עטלעכע שאָ אַרום, מידע, אויסגעשעפּטע, האָבן די פליִער זיך אומגעקערט אינעם פלי־האַפן.

צולעצט, פאַרן אַרויספליִען צוריק אַהיים, זאָגט אָן סיניצאַ זאַרעצקין און זייַן מאַנשאַפט:

— שפּאָרט ווי וויַיט מעגלעך דעם הייצשטאָף. געדענקט: בלויז צוויי מאָל וועט איר לאַנדן אין וועג. אין זעקס שאָ אַרום וועל איך קלינגען אין קעבלאַוויק...

8

דורכלויפנדיק אַן ערעך אַ קילאָמעטער איבער דעם סטאַרט־ און לאַנדונג־פּאַס פונעם צענטראַלן אַעראָדראָם אין לימע, האָט דער גיגאַנטישער לופט־לייַנער שווער, ווי שטייַגנדיק אַף היכע טרעפּ, זיך אופגעהויבן אין הימל. אונטער זייַנע פליגל האָט אַ שווים געטאָן די ערד, ערטערווייַז לייכטנדיק זיך מיט אַזיסן פון עלעקטרישע לעמפּלעך. אין בלויליכן בייַנהאַשמאַשעס טויכן זיך הייַזער, גאַסן, יישובים, שטעט. צווישן די אַנצאָליקע שטערן אַפן הימל האָבן זיך פאַרלוירן די בלאַסע פייַערלעך פון דער פלי־מאַשין.

אין אַ שאָ אַרום האָט דער האַריזאָנט זיך צעהעלט מיט אַ דין פּאַסיקל שייַן. דאָס האָט דער שטילער אָקעאַן באַלויכטן דעם לופט־קאָרידאָר, וועלכן עס האָבן דורכגעלייגט די סאָוועטישע שטורמאַנען און ווו עס איז איצט געפלויגן דער אַעראָפּלאַן.

דער ראַדיסט האָט זיך איַינגעהערט אינעם עטער, סטאַרענדיק זיך אופכאַפּן דורך דעם דונערדיקן געהילך די נייטיקע אינפאָרמאַציע.

אין קאַריבער יאַם האָט דער ראַדיסט דערהערט אַ „סאָס"־סיגנאַל, דער שטורמאַן האָט אָנגעוויזן די ריכט־ליניע, און דער אַעראָפּלאַן האָט געביטן דעם קורס.

אין עטלעכע מינוט אַרום האָבן זיך באַוויזן וואַלקנס, און אינגיכן האָבן שווערע שטיקער כמאַרע געפּייַקלט איבער דער מאַשין.

זאַרעצקי האָט ניט געצווייפלט, אַז פאַר דער צייַט, זינט ס'איז געשיקט געוואָרן דער ערשטער „סאָס"־סיגנאַל, האָבן אים געהערט פיל שיפן, און דער געליטענער מאַנשאַפט האָט מען שוין געהאָלפן, אָבער ער האָט ניט געקאָנט בלייַבן גלייַכגילטיק צום אומגליק, וועלכער האָט פּאַסירט. מענטשן נייטיקן זיך אין הילף, און ער האָט זיך דערשלאָגן אַ דערלויבעניש פליִען אַהין, ווו די קאַטאַסטראָפע איז געשען.

דער שטורמאַן ווייַזט אָן, אַז מע דאַרף זיך אַראָפּלאָזן נידעריקער.

זאַרעצקי האָט לאַנגזאַם אַ פיר געטאָן דעם שטורוואַל. די לופט־שיף האָט אָנגעהויבן ווי־ברירן.

די מאַנשאַפט האָט זיך געפונען אין פולשטענדיקער גרייטקייַט, יעדערער אַף זייַן אָרט.

— סיניצאַ איז גערעכט, — זאָגט זשעוואַגין, — דער אָקעאַן קוליגאַנעוועט.

— ער בושוועט, דער אַלטער, טרייַבט די כוואַליעס איבער די מערידיאַנען.

— ביסט ניט מיד, כאַוועך קאָמאַנדיר? — פרעגט זשעוואַגין.

— ניין!

זאַרעצקי קוקט פאָרויס אינעם געדיכטן, דורכויסיקן וואָלקן־אַנוואַלגער. עס האָבן זיך באַוויזן פייַערן, אַ סאַך פילפאַרביקע רונדן, וועלכע האָבן אָנגעהויבן זיך ברעקלען, דרויבלען, מערן, צעוואַקסנדיק זיך אין פאַרשיידנקאָליריקע פּאַקלען.

דעם אַעראָפּלאַן האָט ווידער געגעבן אַ שטאַרקן שטויס. ניט אונטערגעבנדיק זיך דעם רודער, האָט ער אָנגעהויבן פאַלן אַף אַ זייַט.

עפּעס אַ ווילדע קראַפט האָט געוואָלט אַרויסשמיצן דעם קאָמאַנדיר פון דער לופט־שיף פון זייַן פליִער־שטול, אָפּשטויסן אים פון דער אַפּאַראַטור, און ער האָט מיט אַלע קויכעס זיך קעגנ־

5*



געשטעלט דעם וויסטן קויעך, זיך אָנגעכאַפּט פאַר די שטורוואַל־הערנער, די פיס שטאַרק צו־געדריקט צו די פּעדאַלן, ניט אונטערגעגעבן זיך...

מיטאַמאָל האָבן די אופגעקומענע פייַערן זיך אָנגעהויבן דערנעענטערן. גוואַלדיק צעוואַקסנדיק זיך אין דער גרייס און אין דער צאָל, — רויטע, גרינע, פּיאָלעטע.

— וווּהין פליסטו?

זאַרעצקי האָט זיך אומגעקוקט. ווער האָט עס געקאָנט זאָגן? א באַקאַנטע שטים. עמעס, די ראַדיאָ ענדערט דאָס קאָל.

— זאַר, אַאיטקאָן איז דאָרעמדיקער.

— אַאיטקאָן? וואָס איז דאָס? — האָט געפרעגט זאַרעצקי, ניט האָבנדיק קיין אַנונג, ווער רעדט עס צו אים און פאַרוואָס רופט אים יענער זאַר.

— אַנטשולדיק, אַאיטקאָן דאָס איז אַף אונדזער שפּראַך. אַף דער ערדישער שפּראַך איז עס נאַסקאַ.

— וואָס? — האָט זיך פאַרוווּנדערט זאַרעצקי. — איר ווייסט וועגן דער עקזיסטענץ פון נאַסקאַ?

— וואָס פאַר א מאָדנער מענטש דו ביסט! — די שטים האָט זיך געהערט ערגעץ פון רעכטס. א פעסטע מענערישע שטים, קלינגט אָנגענעם און גוטווילִיק. — מיר האָבן שוין פון לאַנג גע־שאַפן אָט דעם לאַנדונגס־פּלאַץ. מייַן זיידע האָט נאָך געלאַנדעט דאָרט.

— הייסט עס, אַז דאָס איז א קאָסמאָדראָם? עס קומען אַהין טוישוווּים פון אַנדערע פּלאַ־נעטן?

— פאַרשטייט זיך... און פאַרוואָס האָט עס דיך פאַרכידעשט?

— פאַרוואָס? פיל מענטשן ווילן מיר ניט גלייבן, אַז אַף אונדזער ערד זייַנען געווען טויש־ווּים פון אַנדערע פּלאַנעטן. מע לאַכט. מע זאָגט: מיסטיק.

— האָב אַף זיי ניט קיין פאַריבל. מע דאַרף מוחל זייַן די מענטשן, ווען זיי באַגייען א פעלער. בא אייַך אַף דער ערד איז נאָך א סאַך ניט אַזוי, ווי אַף אַנדערע שטערן.

— איר זייַט געווען אַף אַנדערע שטערן? ווער זייַט איר? איך קען אייַך ניט.

— איך בין קאַפּיטאַן דאַל.

— וואָס? איר זייַט א לעבעדיקער מענטש, און ניט קיין העלד פון א פאַנטאַסטישן ראָמאַן?

— אָט ווי דו זעסט, זאַר, א לעבעדיקער מענטש. אָט א וועלכע איר זייַט, ערד־מענטשן. נאָר איך בין דיר מוחל דעם דאָזיקן אויסגעשריי.

— אַנטשולדיקט מיר, קאַפּיטאַן דאַל, ווייַזט אויס, אַז איך בין צופיל ערדיש און אייַך וועט עס זייַן שווער פאַרשטיין מיטאַמאָל. הייסט עס, אַז עס זייַנען ווירקלעך פאַראַן טוישוווּים אַף אַנדערע פּלאַנעטן?

— אַוודע, פאַראַן.

— ווו?

— אַף דער ערד.

— אַף דער ערד? איר זייַט א וויצלינג, קאַפּיטאַן דאַל. וואָס פאַר א טוישוווּים פון אַנדערע פּלאַנעטן זייַט איר? מיר זייַנען די איינציקע ציוויליזאַציע אין אונדזער גאַלאַקטיק, און עפּשער אַפילע אין דער גאָרער אַלוועלט.

— מיר האָבן שוין פיל מאָל געפּרוווּט קומען אין באַריר מיט די ערד־אייַנוווינער, נאָר עס איז אונדז ניט געלונגען. אַנטוישטע, האָבן מיר אופגעהערט אַליין פליִען און אָנגעהויבן שיקן צו אייַך אונדזערע ראָבאָטן־אווטאָמאַטן. אַף דער ערד האָט מען זיי אָנגערופן „פליִענדיקע טעלער“.

— וואָס? די „פליִענדיקע טעלער“ זייַנען אייַערע שליכים? שליכים פון אַנדערע ציוויליזאַ־ציעס, פון אַנדערע פּלאַנעטן? הייסט עס, אַז זיי עקזיסטירן?

— אַוודע עקזיסטירן זיי. זיי זייַנען פּונקט אַזוי רעאַל, ווי דער געשטערן „טיקאַן“ אָדער „צעפּיי“.

— הערט, זשעוואַגין, וואָס פאַר א וווּנדער!.. א פאַנטאַסטישע מייַסע. מע וועט אונדז ניט וועלן גלייבן אַף דער ערד.

— זאַר, איך ענטפער אַף דייַן פראַגע: צוליב וואָס בין איך דאָ? מיר האָבן אופגענומען א ראַדיאָ־אימפּולס און זייַנען טייקעף אַרויסגעפּלויגן צו אייַך. מיר האָבן געמיינט, אַז די ערד־אייַנוווינער דראָען א געפאַר, און מיר זייַנען געקומען צו פליִען, קעדיי העלפן אייַך.

— א ראַדיאָ־אימפּולס? — האָט זיך פאַרכידעשט זאַרעצקי, — דאָס איז, קאַפּיטאַן, א סיגנאַל פון אונדזער ציוויליזאַציע. דאָס איז ניט קיין רוף צו הילף, נאָר צו באַגעגענען זיך מיט טויש־ווּים פון אַנדערע פּלאַנעטן.

— מיר גיבן איבער א ראַדיאָ־אימפּולס בלויז דאַן, ווען מיר ווילן וואָרענען וועגן אַן אופּ־רײַס פון דער גאַלאַקטיק. אין צענטער פון דער גאַלאַקטיק האָבן מיר געשאַפן א קינסטלעכע פּלאַנעט און זי גיט איבער אף א ווײַט פון מיליאָנען ליכט־יאָרן אַן אומגליק־סיגנאַל. מיר האָבן געוואָרנט די מענטשן, אַז עס רוקט זיך אף זיי אָן א געפאַר — אָט די, וועלכע איז ערשט ניט לאַנג געשען, געוואָרנט זיי זאָלן אויסמײַדן אָט דעם געשטערן.

— פון אײַערע רייד קאָן איך, הייסט עס, מאַכן אַן אויספיר, אַז די שוואַרצע לעכער, די קוואַזאַרן, פּולסאַרן זײַנען ניט קיין קאַטאַקליזמען, ניט קיין רעטעניש פון דער אַלוועלט, — ס'איז א באַוווּסטזיניקער אופטו פון מענטשן.

קאַפּיטאַן דאַל, אַנטשולדיקט, עפּשער איז עס טאַוטאָלאָגיע, נאָר איך וויל אײַך ווידער פרעגן וועגן דער ראַדיאָ־פּלאַנעט. שטאַרקע ראַדיאָ־סיגנאַלן נעמט מען אוף אף דער ערד פון אַנדערע גאַלאַקטיקעס. הייסט עס, אַז דאָרטן פאַרניכטן אויך די טוישוווים זייער היים?

— מעגלעך, זאַר, ניט אַלץ ווייס איך. איך בין אויך ניט אומעטום געווען. נאָר די געזעצן פון דער אַלוועלט זײַנען אומעטום איינע און די זעלבע.

— צוליב וואָס זשע דאַרף מען צעדרויבלען געשטערנס, פאַרוואַנדלענדיק זיי אין שטויב? דאָס איז אכזאָריעסדיק. אף דער פּלאַנעט בלײַבן דאָך לעבעדיקע באַשעפענישן: כײַעס, פייגל, פיש, אינזעקטן. זיי קאָן מען ניט אריבערפירן אף אַן אַנדער פּלאַנעט.

— אוואַדע, זאַר, מיר טוען עס ניט. מענטשלעכקײַט האָט אויך א גרענעץ. דעם מענטשן האָט באַשאַפן די אַלוועלט, ס'איז דער העכסטער פּונקט פון פאַרנונפט, און אַלץ, וואָס איז פון אים באַשאַפן, געהער צו אים. איר רעדט וועגן ראַכמאָנעס אף די באַלעכײַים, און אַליין האַרגעט איר מענטשן פאַר מעטערס און קילאָמעטערס ערד. צוליב וואָס? נעמט פינף פאַרסעקן און לעבט אײַך. די אַלוועלט איז אומענדלעך, פאַר אייך לעבן קאָן מען באַוויײַזן זײַן בלויז אין פינף־זעקס געשטערנס. דער רוים איז אומענדלעך.

— קאַפּיטאַן דאַל, דערלויבט באַקענען אײַך מיט מײַן פאַכלערער.

— ביטע.

— זשעוואַגין — איינער פון די סאַמע ערודירטע פּילאָטן בא אונדז. זשעוואַגין, — האָט זאַרעצקי א רוף געטאָן, — און זיך אומגעקוקט אין דער זײַט, ווו יענער איז געזעסן, נאָר אף דעם אָרט, ווו עס זיצט געוויינלעך דער צווייטער פּילאָט, האָט ער קיינעם ניט דערזען. זאַרעצקי האָט פאַרמאַכט די אויגן און א טראַכט געטאָן וועגן דער גוואַלדיקער מידקײַט, וועלכע האָט זיך אַרופּגעוואַלגערט אף אים בייס דעם דאָזיקן פלוג, עס האָט זיך אים פאַרוואָלט אויסגלײַכן דעם קערפּער, ער האָט זיך באַלד געכאַפּט, אַז ער טאָר עס ניט טאָן און זיך א צי געגעבן צום שטורוואַל. דער שטורוואַל איז אָבער אף זײַן אָרט ניט געווען. ניט פאַרטרויענדיק די אייגענע הענט, האָט ער געפּרוּווט מיט די אויגן א זוך טאָן דעם שטורוואַל, אָבער ניט געקאָנט עס טאָן. זאַרעצקי האָט מיט אומגעהייערער שרעק א טראַכט געטאָן וועגן דעם גרויסן אומגליק, וואָס קאָן באַלד געשען...

אין א רעגע אַרום זײַנען שוין קיין שום געדאַנקען ניט געווען. ס'איז געוואָרן לײַכט, פרײַ און פריידיק...

דער קאָמאַנדיר פון דער גרופּע סאָוועטישע טראַנספּאָרט־עראָפּלאַנען האָט געשיקט א טעלעגראַם אפן צענטראַלן דיספּעטשער־פּונקט פונעם יאַם־מיניסטעריום פון פּססר:
„ס'איז איבערגעריסן געוואָרן די פאַרבינדונג מיטן עראָפּלאַן, וועלכער האָט געבראַכט אינעם ראַיאָן פון די ערדציטערנישן דאָקטוירים און אויסשטאַטונג פאַר א פעלד־שפּיטאָל. איך בעט אײַך שיקן שיפן אינעם ראַיאָן פון די קוואַדראַטן...“

די דאָזיקע טעלעגראַם האָט נאָך ניט געגעבן צו וויסן וועגן א טראַגעדיע. דערווײַל איז דאָס געווען א רוף צו הילף.

אין דער אַטלאַנטיק שטייט די גאַנצע צײַט א געדיכטער נעפּל. א קלעפּיקע, קאַלטע פײַכטקײַט הילט אײַן די אָנבדעגיקע ראַכוועסן פונעם שטורעמדיקן אָקעאַן. באַקומען געהעריקע פאַראָרדענונג, האָבן סאָוועטישע שיפן זיך געלאָזט אינעם געפערלעכן וועג. א האָגלדיקער ווינט און אַן אײַז־קאַלטער שלאַקסרעגן שמײַסן אומבאַראַכמאָנעסדיק די שרעקלאָזע יאַם־לײַט, וועלכע קוקן זיך אָנגעשטרענגט אײַן אין די הויכע וועלן פונעם אָקעאַן...

אין עטלעכע שאָ אַרום נאָך אומזיסטע זוכענישן, איז דער עטער אָנגעפילט געוואָרן מיט אומרויִקע מיטיילונגען — דער סאָוועטישער דיקטאָר האָט געגעבן צו וויסן: „ס'איז איבערגעריסן געוואָרן די פאַרבינדונג מיט א סאָוועטישן עראָפּלאַן, וועלכער איז געפלויגן פון פּערו...“

פון יענער מינוט אָן איז די אופמערקזאַמקײַט פון פיל מענטשן אף דער וועלט געווען צוגעשמידט צום פאַרשווּנדענעם עראָפּלאַן. וואָס האָט פּאַסירט מיט אים? צי איז ער געצווונגען

געוועזן לאַנדן? די ראַדיאָ איז קאַליע געוואָרן? עפּשער האָט ער פאַרבלאָנדזשעט און פליט ערגעץ אױף אומבאַקאַנטע ברייטן? וואָס איז געשען? וואָס?

דעם 24 יולי האָבן די סאָוועטישע צײַטונגען געשריבן:

„ווי עס איז שוין מיטגעטיילט געוואָרן, איז דעם 18 יולי אינעם ראַיאָן פון דער צאָפנדיקער אַטלאַנטיק איבערגעריסן געוואָרן די פאַרבינדונג מיט א סאָוועטישן עראָפּלאַן...“

קעדיי אָפּצוזוכן דעם עראָפּלאַן איז אַרויסגעפלויגן א ספּעציעל־אויסגעטיילטע צוליב דעם צוועק גרופּע סאָוועטישע עראָפּלאַנען, וואָס פאָרשט איצט גרויסע ראַיאָנען, ווו דער אומגליק האָט געקאָנט געשען. אין דעם ראַיאָן פונעם דאָרעם־ראַנד פון גרענלאַנד, זײַנען געשיקט געוואָרן שיפן פונעם סאָוועטישן פישפאַנג־פלאָט, וואָס האָבן זיך געפונען אינדערנאָענט, זיי באַטייליקן זיך אויך אינעם זוכן דעם עראָפּלאַן.

אַלס ענטפער אױף דער ווענדונג פון דער סאָוועטישער רעגירונג צו די רעגירונגען פון אַלע לענדער האָבן אין דער רעטונג־אָפּעראַציע זיך אײַנגעשלאָסן קאַנאַדער, אַמעריקאַנער, דענעמאַרקער און נאָרוועגישע שיפן און אַוויאַציע“.

ענדערנדיק זייער קורס, האָבן סאָוועטישע שיפן געײַלט אינעם ראַיאָן, ווו ס'איז געשען, ווי מע האָט גערעכנט, דער אומגליק. עראָפּלאַנען זײַנען געפלויגן נידעריק, קעדיי באַקוקן די שווימענדיקע אָביעקטן, שיפן האָבן פאַרלאַנגזאַמט דעם גאַנג, קעדיי ניט דורכלאָזן אינעם אָקעאַן קיין זאַך, וואָס קאָן אײדעס זאָגן וועגן דער קאַטאַסטראָפע.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט טאַסס מיטגעטיילט:

„די זוך־אָפּעראַציע ווערט געפירט אין א ראַיאָן פון אויסערסט־שלעכטע מעטעאָראָלאָגישע באַדינגונגען.

ביז איצט האָט זיך אײַנגעגעבן געפינען בלויז אייניקע געגנשטאַנדן, וועלכע האָבן געהערט דעם פאַרפאַלענעם עראָפּלאַן. מע זעצט פאָר זוכן די מענטשן און דעם עראָפּלאַן“.

דעם פאַרפאַלענעם עראָפּלאַן האָבן אײַנגעשפּאַרט געזוכט יאַם־לײַט און פליִער. ראַדיאָ־ליבהאָבער און פּראָפעסיאָנעלע ראַדיסטן האָבן טאָג און נאַכט זיך אײַנגעהערט אינעם עטער. די אַנטענעס פון פעלענגיר־ און ראַדיאָ־סטאַנציעס זײַנען געווען געריכטעט אין דער זײַט פונעם אַטלאַנטישן אָקעאַן.

איינער פון די אָנפירער פון דער אָפּעראַטיווער גרופּע אױף אָפּזוכן דעם עראָפּלאַן AH-22 האָט מיטגעטיילט דעם קאָרעספּאָנדענט פון טאַסס, אַז צוויי סאָוועטישע טראַולערס און דער רעפריזשעראַטאָר „דעמיאַן קאָראָטשענקאָ“ זײַנען די ערשטע געקומען אינעם ראַיאָן, ווו ס'האָט, מעגלעך, פּאַסירט דער אומגליק, און האָבן אָנגעהויבן די זוכונגס־אַרבעט. אינגיכן האָבן צו זיי זיך פאַראייניקט אַנדערע שיפן. אין דער זעלבער צײַט האָבן דעם דאָזיקן ראַיאָן געפאָרשט סאָוועטישע עראָפּלאַנען. די פליִער האָבן אינפאָרמירט די יאַם־לײַט וועגן די ערשטע רעזולטאַטן. דער גראַפיק איז צונויפגעשטעלט געוואָרן אַזוי, אַז איבערן ראַיאָן זאָלן זיך שטענדיק געפינען ניט ווייניקער ווי צוויי עראָפּלאַנען.

סאָף יולי האָט דער ראַדיסט פונעם טראַולער „קאָנאָנאָוו“ אויפגעכאַפּט א „סאָס“־סיגנאַל. עמעץ האָט אײַנגעשפּאַרט, אָבער אַלץ שטילער און שטילער, געבעטן הילף.

פאַרפעלענגירט דאָס אָרט, האָבן די ראַדיסטן פעסטגעשטעלט, אַז דער רוף איז געשיקט געוואָרן פון א ראַיאָן, וואָס געפינט זיך לעבן דעם דאָרעם־ראַנד פון גרענלאַנד. לויט דער קאָמאַנדע פונעם צענטראַלן אינפאָרמיר־פּאָסטן זײַנען א ריי סאָוועטישע שיפן אָפּגעשווומען אין יענעם ראַיאָן. בײַקומענדיק א שטאַרקן קעגן־ווינט, אויסמײַדנדיק גיגאַנטישע אײַזבערג־פעלדזן, איז צום דאָרעם־ראַנד פון גרענלאַנד געגאַנגען די שיף „פּערסיי־3“.

אין וואַכטע־זשורנאַל פון דער שיף איז גענוי פאַרשריבן געוואָרן אַלץ, וואָס האָט געקאָנט האָבן כאָטש א מינדסטע שײַכעס צום פאַרפאַלענעם עראָפּלאַן.

די יאַם־לײַט פון „פּערסיי־3“ האָבן באַמערקט שווימען א שוואַרץ שיפל און עס אויפגעהויבן אױף דער דעק. דאָס שיפל איז געווען פּוסט, קיין שום סימאָנים, אַז ס'האָבן זיך דאָרט געפונען מענטשן, זײַנען ניט געווען.

די האָפענונג צו געפינען דעם עראָפּלאַן אָדער עמעצן פון דער מאַנשאַפט איז אַלץ קלענער געוואָרן...

און קיין לימע זײַנען דערווײַל איינער נאָכן אַנדערן געקומען צו פליִען סאָוועטישע טראַנספּאָרט־עראָפּלאַנען מיט מעדיקאַמענטן, אויטאָמאָבילן, בײַדלעך.

די ידיעס וועגן דער הילף, וואָס דער ראַטנפאַרבאַנד גיט פּערו, פאַרנעמען דאָס צענטראַלע אָרט אין דער וועלט־פּרעסע.

„די הויפּט־מיסיע פון די סאָוועטישע העליקאָפּטערס איז — ברענגען גרופּעס פונעם יוגנטלעכן מעדיצינישן אָטריאַד אין די באַפעלקערטע פּונקטן, וווהין ס'איז שווער זיך דערקלײַבן מיט אַנדערע טראַנספּאָרט־מיטלען, און עוואַקויִרן פון דאָרטן אין סאָוועטישן שפּיטאָל די שווער־פאַרוווּנדעטע און קראַנקע. ניט זעלטן טרעפט, אַז עס ווענדן זיך נאָך הילף צו די סאָוועטישע פאַרשטייער דירעקט די אָרטיקע פּערואַנער מאַכט־אָרגאַנען". אַזוי האָט געשריבן איינע פון די לימער צײַטונגען.

אין אַ שמועס מיט אַ קאָרעספּאָנדענט האָט דער אויסערן־מיניסטער פון פּערו עדגאַראָ מערקאַדאָ האַריך, געזאָגט:

— די לופט־בריק צווישן מאָסקווע און לימע און די הילף, וואָס קומט אָן פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד, האָט אַ גרויסע באַדײַטונג. ס'איז אַן אויסדרוק פון עכטער סאָלידאַריטעט. ס'איז אויך ניט איבערצושאַצן דאָס, וואָס דער גרויסער שפּיטאָל, וועלכער וועט לויטן באַשלוס פון דער סאָוועטישער רעגירונג בלײַבן בײַ אונדז, וועט אַרויסווײַזן הילף אינעם אָרגאַניזירן די געזונט־אָפּהיטונג אין אַ גרויסן ראַיאָן, ווו די ערדציטערניש האָט כאָרעוו געמאַכט אַלע הייל־אַנשטאַלטן. די סאָוועטישע סטאַנדאַרטע הײַזער זײַנען ביז גאָר אַ וויכטיקער בײַטראָג אינעם אופשטעלן דעם ווינונגס־פאָנד אין דער געליטענער זאָנע.

די פּערואַנער געזעלשאַפטלעכע מיינונג, — האָט אָפּגעמערקט ווײַטער דער מיניסטער, — רופט זיך אָפּ מיט גרויס דאַנקבאַרקײַט אַף דער סאָוועטישער הילף, וואָס ווערט געגעבן אונדזער לאַנד אין אַזעלכע קאָלאָסאַלע מאַסשטאַבן. די הילף ווערט הויך אָפּגעשאַצט סײַ מיצאַד דער רעגירונג, סײַ פון די ברייטע פאָלקס־מאַסן. מיר נעמען אויף די סאָוועטישע הילף ווי אַן אויסדרוק פון הומאַניזשקײַט, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר דער רעגירונג פונעם ראַטנפאַרבאַנד.

„אַ גרויסן דאַנק דעם ברידערלעכן סאָוועטישן פאָלק" — אונטער אַזאַ קעפּל האָט די קאָמוניסטישע צײַטונג „אונידאַד" פאַרעפנטלעכט אַ דערקלערונג פון דער פּאָליטישער קאָמיסיע פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון פּערו.

דעם 13 אויגוסט האָט די „פּראַוודאַ" מיטגעטיילט:

„אין מעשעך פון אויגוסט האָבן די סאָוועטישע פליִער און יאַם־לײַט, פּאַרזעצנדיק זוכן דעם אַעראָפּלאַן AH-22 אויסגעפאָרשט נײַע ראַיאָנען פון דער אַטלאַנטיק דאָרעם־מײַרעווּדיקער פון דעם אָרט, ווו ס'האָט זיך איבערגעריסן די פאַרבינדונג מיטן אַעראָפּלאַן. עס איז אויסגעפאָרשט געוואָרן אַ היפּשע אַקוואַטאָריע אין דער צאָפן־אַטלאַנטיק אַף אַ שעטעך פון העכער 65 טויזנט קוואַדראַטע מײַל.

ווי עס איז שוין מיטגעטיילט געוואָרן, האָט מען פאַר דער צײַט, וואָס עס ווערן געפירט די זוכונגס־אַרבעטן, געפונען אַ ריי אָביעקטן, וועלכע האָבן געהערט דעם אַעראָפּלאַן. קיין צווייפל אין דעם איז ניט פאַראַן. מאַנשאַפטן פון סאָוועטישע פישפאַנג־שיפן האָבן געפונען אייניקע מאַרקירטע דעטאַלן, וועלכע, ווי די עקספּערטן האָבן פעסטגעשטעלט, זײַנען געווען אַף דעם פאַרשוווּנדענעם אַעראָפּלאַן.

סאָף יול איז אין אָקעאַן געפונען געוואָרן אַ ליידיקער צעריסענער קאָנטיינער, אין וועלכן עס האָט זיך געפונען אַן אַוויִאַטאָרישער רעטונגס־פּליט. ס'איז געפונען געוואָרן אויך אַליין דער פּליט. ער איז פון אָראַנזש־קאָליר, די הערמעטיזאַציע איז געווען צעשעדיקט. עטוואָס שפּעטער זײַנען דאָרעם־מײַרעווּדיקער פונעם אָרט, ווו דער אומגליק איז געשען, אויפגעהויבן געוואָרן אַפן שיף־באָרט אַ צענליטערדיקע קאַניסטרע פון פּאָליעטילען, שטיקער פענאָפּלאַסט און צעבראָכענע קעסטלעך. געפינען מענטשן האָט זיך ניט אײַנגעגעבן.

די סאָוועטישע פליִער און יאַם־לײַט זעצן פאָר די זוכונגס־אַרבעטן. די זוכונגען אָבער ווערן אַלץ ווייניקער עפעקטיוו. פאַר די לעצטע טעג האָט זיך ניט אײַנגעגעבן צו געפינען קיין זאַכן, וועלכע זאָלן האָבן אַ שײַכעס צו דער טראַגישער פּאַסירונג.

אַלע געפונענע זאַכן זײַנען מיט אַ ספּעציעלן אַעראָפּלאַן געבראַכט געוואָרן קיין מאָסקווע".

דעם 21 אויגוסט 1970 האָבן די צײַטונגען פונעם ראַטנפאַרבאַנד פאַרעפנטלעכט פאָלגנדיקע דערקלערונג: „ווי עס איז מיטגעטיילט געוואָרן אין דער פּרעסע, איז דעם 18 יול ה. י. אַרום 14,45 לויט גרינוויטש אינעם ראַיאָן פון דער צאָפן־אַטלאַנטיק איבערגעריסן געוואָרן די פאַרבינדונג מיט אַ סאָוועטישן אַעראָפּלאַן, וועלכער איז אַרויסגעפלויגן אַפן אַעראָדראָם קעבלאַוויק (איסלאַנד) פון פּערו. אַף קיין איין אַעראָדראָם פון דער טראַסע איז דער אַעראָפּלאַן ניט געקומען.

אין רעזולטאַט פון די זוכונגס־אַרבעטן, וועלכע עס האָבן דורכגעפירט סאָוועטישע אַעראָפּלאַנען און שיפן, ווי אויך פון אויספאָרשן די געפונענע געגנשטאַנדן און דעטאַלן, איז פעסט־

געשטעלט געוואָרן, אַז דער עראָפּלאַן AH-22 האָט געליטן אַ קאַטאַסטראָפֿע. די מיטגלידער פֿונעם עקיפּאַזש זײַנען אומגעקומען. די אומשטענדן און סיבעס פֿון דער קאַטאַסטראָפֿע קלאָרט אויס אַ ספּעציעל־געשאַפֿענע קאָמיסיע.

די סאָוועטישע רעגירונג דריקט אויס טיפֿן מיטלייד די מישפּאָכע־מיטגלידער, קרוֹווים און נאָענטע פֿון די אומגעקומענע.

די רעגירונג פֿונעם ראַטנפֿאַרבאַנד איז דאַנקבאַר די רעגירונגען פֿון פּשאַ, קאַנאַדע, איס־לאַנד, דענעמאַרק און נאָרוועגיע פֿאַרן אָנטייל אין די זוכונגס־אַרבעטן פֿון דעם עראָפּלאַן AH-22».

דער פּרעזידענט פֿון פּערו כואַן וועלאַסקאָ אַלוואַראַדאָ האָט אין צוזאַמענהאַנג מיטן טראַ־גישן טויט פֿון דער מאַנשאַפֿט פֿון דעם עראָפּלאַן AH-22 „אַנטיי“ געמאָלדן אין לאַנד אַ דרײַטאָגיקן טרויער.

אין דער ווענדונג צום פֿאָלק האָט ער געשריבן:

„די ברידערלעכע הילף פֿונעם ראַטנפֿאַרבאַנד האָט ניט געגעבן קיין מעגלעכקייט די אימ־פּעריאַליסטן אויסצונוצן אונדזערע שוועריקייטן, קעדיי צו פֿאַרניכטן די דערגרייכונגען פֿון דער רעוואָלוציע. אונדזער ציל איז — שאַפֿן אין פּערו אַ נײַע געזעלשאַפֿט, אין וועלכער דער מענטש זאָל זיך פֿילן פֿרײַ. מיר מאָדערניזירן ניט פּאַשעט די אַלטע סטרוקטור, נאָר מיר שאַפֿן אַ נײַע געזעלשאַפֿט, וואָס שיידט זיך אין טאָך אונטער פֿון דער אַלטער.

דאָס נײַע ווערט געבוירן אין קאַמף. דאָס נײַע קאָן פֿאָדערן קאָרבאָנעס.

די סאָוועטישע מענטשן זײַנען אונדז געקומען צו הילף, זיי האָבן געליטן קאָרבאָנעס. ס'איז אומגעקומען די מאַנשאַפֿט פֿון דעם עראָפּלאַן AH-22 עס זײַנען אומגעקומען אונדזערע פֿרײַנט.

יאָ, מיר — פּערו און דער ראַטנפֿאַרבאַנד — זײַנען פֿרײַנט!“.

* * *

אין אָקעאַן שטעלט מען ניט קיין דענקמעלער. דענקמעלער שטעלט מען אויף דער ערד. די וואַסערן פֿונעם אָקעאַן, ווי דער ווינט, צעוויִען דאָס געביין פֿון די אומגעקומענע און היטן שטום דעם טראַגישן סאָד.

אַ דענקמאָל די אומגעקומענע אויף דער פֿלי־מאַשין „אַנטיי“ האָט מען געשטעלט אויפֿן נאָוואָ־דעוויטשער בעסוילעם אין מאָסקווע, לעבן דער הויכער רויטער וואַנט פֿונעם קאָלומבאַרי. גרוי־ער גראַניט מיט אַסימעטרישע סימבאָלן: רעכטס — ליידן און פּײַן, אומענדלעכער ווי פֿון אַ מוטער, אַ פֿרוי, אַ פֿרײַנט. און לינקס — אַן אָפּגעהאַקטער פֿליגל, אַן אָנגעבראָכענער שפּור פֿון דער קאַטאַסטראָפֿע. אין צענטער פֿון דער גלאַט־פּאָלירטער סטעליע — די נעמען פֿון דער מאַנשאַפֿט.

לעבן דעם דענקמאָל וויגט דער ווינט צונטער־רויטע בלומען.

קרוֹווים, פֿרײַנט, נאָענטע, באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע קומען צום דענקמאָל, זיי ברענ־גען פֿרישע קוויטן און שטייען טרויעריקע און שווײַגנדיקע, שטייען לאַנג. דער אומגליק האָט זיי פֿאַראייניקט און די ליבע צו די אומגעקומענע — באַפֿרײַנדעט.

פֿון רוסיש — דאָרע כײַקינע



טשאַרנע יאַראָשעוויטש *

עטלעכע ווערטער וועגן דעם אוטאָר

טשאַרנע יאַראָשעוויטש איז געבוירן גע־וואָרן אין 1917, פאַרענדיקט אַ ייִדישע שול, דערנאָך די ייִדישע אָפּטיילונג פונעם אָדעסער פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט. אין די דרײַסיקער יאָרן האָט זי געדרוקט לידער אין די צײַטונגען „אָדעסער אַרבעטער", „זײַ גרייט", „יונגע גוואַרדיע". אין דער סטודיע פאַר אָנפאַנגער באַם אָדעסער שרײַבער־הויז האָט מען אויף אָט דער באַגאַבטער יונגער דיכטערן געלייגט גרוי־סע האָפענונגען. ס'האָט אָבער אַזוי געטראָפן, אַז זי איז דערנאָך אויף לאַנג פאַרשוויגן געוואָרן. עמעס, אַרבעטנדיק אַלס לערערן פון רוסישער שפּראַך און ליטעראַטור אין יאַלטע, האָט זי אָפּגעדרוקט ניט ווייניק לידער אין די דאָרטי־קע צײַטונגען. מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט טשאַרנע יאַראָשעוויטש זיך ווידער אומגעקערט צו איר מוטער־שפּראַך, און „סאָוועטיש היימ־לאַנד" האָט פאַרעפנטלעכט דעם טעקסט פון אירער אַ זינגליד, צו וועלכער ס'האָט אָנגעשריבן מוזיק מ. גאָלדינע, אַ קאָמפּאָזיטאָר פון יאַלטע.

די פּאָעמע „זיקאָרן", וועלכע מיר דרוקן איצט, האָט די דיכטערן געשריבן אין משך פון אַ סך יאָרן. און כאָטש עס פילט זיך דאָ די ווירקונג פון מ. לער־מאַנטאָווס „מצירי" (לויט דער אויסערלעכער ריטמיק און קאָנסטרוקציע), איז טשאַרנע יאַראָשעוויטשס ווערק, זײַענדיק אַן אויטאָביִאָגראַפיש, אַן אָריגינעלס, און מיר מיינען, אַז דער לייענער וועט ווי געהעריק אָפּשאַצן די קינסטלערישע מײַלעס פון דער דאָזיקער פּאָעמע.

זיקאָרן

איך ווייס ניט, גוט עס איז צי שלעכט,
נאָר פאַר אַן איידעס כ'נעם מײַן ווײ —
אַזויפיל טעג, אַזויפיל נעכט,
ווי צו דײַן אָנדענק כ'גיי און גיי...
אַוועק שוין גאַנצע פערציק יאָר,
ווי כ'האָב געזעגנט זיך מיט דיר, —
נאָר יענער שרעקלעכער קאָשמאַר
נאָך שטייט מיט שוידער בײַ מײַן טיר.

* * *

קיין אויג איך האָב ניט צוגעמאַכט:
וווּ ביסטו איצט? אין וועג? אין שלאַכט?
כאָלילע, ס'האָט — אָ, שווײַג, מײַן מויל! —
געטראָפן דיך אַ בייזע קויל
און ליגסט אין פעלד — איך הער דײַן קאָל —
און רופסט, אַז העלפן דיר איך זאָל?
אוי ווײ, אוי ווײ, אוי ווײ צו מיר —
דערגרייכן קאָן איך ניט צו דיר...
ווי ווײַט עס איז ניט, נאָך דײַן קאָל
געלאָפן כ'וואָלט דורך באַרג און טאָל,
ווען ניט געלעגן וואָלט אַצינד
אויף מײַנע הענט דאָס פּיצל קינד,
וואָס צוגעזאָגט — געדענקסט? — איך האָב
דאָס היטן, ווי דאָס אויג אין קאָפּ.

* * *

מיט פײַער־פלאַם אויף אונדזער ערד,
דורך האַס געיאָגט, אין שטאָל פאַרשמידט,
דער טויט געגאַן איז מיט זײַן שווערד,
נאָך אונדז געלויערט טריט נאָך טריט.

די וועלט ארויסשטעלן צו שפּאָט
ער האָט געטרוימט, און בראנד געזייט,
און אָפּנעמען געוואָלט ער האָט
בא אונדז דאָס גליק, די רו, די פרייד.
נאָר ס'האָט געשטעלט זיך האנט בא האנט
דאָס גאנצע פאָלק פון ראנד ביז ראנד,
און דאכט זיך, ס'האָט אליין די וועלט
פאר אונדזער קינד זיך אײַנגעשטעלט.

* * *

דו הערסט מיך, טײַערער, דו הערסט?
געהאט איך האָב א יאָר א שווערס,
געוואָגלט שווער מיט אונדזער קינד,
אין וועג פארזוכט פון ווײ און ווינד,
פון פּײַן, פון הונגער און פון קעלט,
קיין אייגן ניט געהאט געצעלט,
קיין שטיקל דאך איבער דעם קאָפּ, —
נאָר אויסגעהאלטן אלץ איך האָב,
ווײַל בלויז איין טרוים האָט מיך געטרייסט:
אבי דו לעבסט, אבי דו ווייסט,
אז כ'בין מיט דיר, און נאָר מיט דיר —
אז איינמאָל עפענען די טיר
דו וועסט — און ווידער וועט צוריק
זיך אומקערן צו אונדז דאָס גליק...

* * *

מיט אָט דעם גלויבן כ'האָב געלעבט.
געגאנגען כ'בין דורך ווינט און שניי,
דורך זאמדן פון דעם סאלסקער סטעפּ,
דורך וויסטע וועגן קאָלערליי,
און אלע מאָל איך האָב געקלערט:
ווײַזט אויס, אזוי איז שוין באשערט,
ס'איז אָט דער וועג — מײַן לעצטער וועג,
און מײלע — נעמען זאָל אן עק!..
נאָר ווידער כ'האָב דײַן קאָל דערהערט:
„איך ווייס — ס'איז דיר מעסוקן שלעכט,
נאָר אונדזער קינד... דו דארפסט, דו מוזסט —
פארגעס פון ווײ, פארפּרעס די ציין,
און וואָס דו טראכטסט, און וואָס דו טוסט,
געדענק, אז דו ביסט ניט אליין —
דרײַ לעבנס היטסטו אָפּ אצינד:
סײַ דײַנס, סײַ מײַנס, סײַ אונדזער קינדס"...

* * *

אזוי געזאָגט צו מיר דו האָסט.
און ווידער זיך אין וועג געלאָזט
איך האָב. און עס האָט מיך געפירט
פונקט ווי א לײַכט־טורעם דײַן ליכט,
און ווו נאָר דעמלט כ'בין געווען,
די אויגן דײַנע כ'האָב געזען,
דורך פלאם און פײַער, אש און רויך —
געגעבן האָבן זיי מיר קויך,
און כ'האָב געגלייבט: כ'בין ניט אליין,
איך וועל דערגיין! איך מוז דערגיין!

* * *

כ'בין לאנג געגאן — און אומגעריכט
דערזען איך האָב אזא מין בילד:
די זון צעגאָסן האָט איר ליכט
אָף בארג און טאָל. פארשײַט און ווילד
א טײַך האָט פון דער הייך געשוימט,
מיט פעלדזן שטיינערנע באזוימט.
פאריסן אין דער הויך דעם קאָפּ,
א סטאדע שאָף געזען איך האָב,
זי האָט געבלאָנקעט צווישן בערג,
און ס'האָט געדוכט — זײַן מײַסטער־ווערק
א קינסטלער האָט אהער געבראכט.
דאָס ערשטע מאָל אזא מין פּראכט
פאר מיר צעעפנט האָט זיך ברייט.
איך בין דערגאן! איך בין דערגאן!
דאָס האָט זײַן טעפּיך־בילד צעשפּרייט
דער וווּנדערלעכער דאגעסטאן.

* * *

אין אָט דעם בליִענדיקן קאנט
איז אלץ געווען מיר אומבאקאנט:
די שפּראך, די זיטן... נאָר פאר מיר
צעעפנט האָט מען ברייט די טיר,
געזאָגט: „דו רו זיך אָפּ פון וועג,
אָט האָסטו כאלפּאמא, טשורעק,
און פערדן־פלייש, וואָס שמעקט מיט שווייס —
א מײַכל זעלטענער! און ווייס,
אז אונדזער הויז איז איצט דײַן הויז,
און אונדזער זאלץ, און אונדזער ווײַן,
און ווי עס איז דײַן ווייטעק גרויס,
אינײנעם וועט דיר לײַכטער זײַן!"

* * *

אָ, שיינער קאנט, אָ, גוטער קאנט!
צוזאמען מיטן גאנצן לאנד
געפּילט האָט דעמלט דאגעסטאן,
ווי אלעמען עס איז איצט שווער,
דער אָטעם פון מילכאָמע־פלאם
דערטראָגן האָט זיך אויך אהער.
געגאן פונדאנען אָפן פראָנט
איז אלץ, וואָס שיקן מ'האָט געקאָנט.
און כאָטש אליין אין גרויסער נויט,
מיט לעצטן שטיקל פלייש און ברויט
די זין און טעכטער פון דעם קאנט
געטיילט זיך האָבן מיטן לאנד.

* * *

און איך בין אויך געווען מיט זיי,
פארגעסן כ'האָב פון רו, פון ווײ.
א לערערן געווען אין שול —

און ס'איז מײַן טאָג געװאָרן פֿול
מיט דײַגעס, אָנגעשטרענגטער מי.
געגאַנגען אַלע אינדערפֿרי
כ'בין צו דער אַרבעט און פֿאַרבראַכט
מיט מײַנע שילער — ביז צו נאַכט.
אַזוי געקומען אומבאַמערקט
עס איז דער אָסיען. ס'זײַנען בערג
געװען אין נעפּל אײַנגעהילט,
און רעגנס האָבן זיך צעשפּילט,
געפּויקט אָן אופֿהער. דורך די נעכט
כ'האָב אינעם רויש זיך אײַנגעהערט,
און יעדער קלאַנג — אין האַרץ אַ ריס...
װי שװידערלעך געװען מיר איז!

* * *

אָ, װי איך האָב אין יעדער נאַכט
מיט אומגעדולד אױף דיר געװאַרט!
געהאָפֿט: אָט קלאַפּסטו אָן אין טיר —
און װידער זײַנען מיר מיט דיר,
און ס'קערט זיך אום צו אונדז דאָס גליק.
נאָר בלויז דער װינט, אַ בייזער װינט
געװאָיעט האָט, און ס'האָט דאָס קינד
מיט היץ געװאָרפֿן זיך אין װיג...

* * *

אַ שװערן װינטער כ'האָב געהאַט,
שוין ניט געטראַכט צו עסן זאַט —
אַבי אַ שטיקל ברויט אַצינד
כ'זאָל קריגן פֿאַרן קראַנקן קינד,
אַ שײַטל האָלץ, עס זאָל די קעלט
ניט בושעװען אינעם געצעלט.
נאָר ניט געפֿאַלן איז מײַן מוט,
איך האָב געװוּסט: עס גיסט זיך בלוט,
און אױף די שלאַכטפֿעלדער נאָך מער,
װי אונדז אין הינטערלאַנד, איז שװער,
מעסוקן שװער, און בלויז אַ זיג
קאָן אומקערן די רו צוריק.

* * *

און אָט דער װינטער איז אַװעק.
עס האָט אױף יעדן װעג און שטעג
געפֿילט זיך, אַז דער פֿרילינג גייט,
און ברענגען דאַרף ער װידער פֿרייד.
די זון דערװאַרעמט האָט די ערד,
און פֿון די בערג האָט זיך דערהערט
דער רויש פֿון טײַכן, װעלכע װילד
און ברויזיק האָבן זיך צעשפּילט.
און יעדעס גרעזל, יעדער בוים
װערט אײַנגעהילט אין גרינעם שוים,
און װידער בלאָנקען אָן אַ סאָף
אױף בערג, אין טאָלן סטאַדעס שאָף.

* * *

געװען איז יענער אינדערפֿרי
אין בונטן פֿרילינגדיקן בלי.
און ס'האָט געדוכט מיר, װי איך װאָלט
אַזוינס געזען צום ערשטן מאָל.
און פּלוצעם איז די גאַנצע ערד
פֿון גרין געװאָרן פֿײַנלעך־שװאַרץ:
געבראַכט מע האָט מיר אַ קאָנװערט,
און ס'האָט פֿאַרצאַפּלט זיך מײַן האַרץ...
אָ, בעסער װאָלטן מײַנע הענט
אים אופֿעפֿענען ניט געקענט,
און מײַנע אױגן זאָלן דאַן
אױף אײביק בעסער זײַן פֿאַרמאַכט:
„מיר טײלן מיט, אַז אײַער מאַן...
געפֿאַלן, װי אַ העלד, אין שלאַכט...“
אַזױפֿיל טעג האָב איך געװאַרט,
געהאָפֿט איך האָב אַזױפֿיל טעג!
װער האָט געמײנט, װער האָט געטראַכט,
אַז אָפּהאַקן זיך װעט דײַן װעג?..

* * *

געדענקסט, מײַן פֿרײַנט, אָדעסער פּאַרק?
מיר גייען ביידע האַנט אין האַנט,
און האַרץ צו האַרץ, און אונדז איז קאַרג
די קורצע נאַכט... אָט זינקט דער ראַנד
פֿון האָריזאָנט אין בלוי אַרײַן
און װערט מיט דורכזיכטיקער שײַן
פֿון זוניקן קאַיאָר באַזוימט...
אָ, װיפֿל האָבן מיר געטרוימט
אין יענער צײַט! די גאַנצע װעלט
פֿאַר ביידן איז געװען באַהעלט
מיט האָפֿענונג. דערנאָך אין שול,
װוּהין געקומען זײַנען מיר,
כאָטש אױך מיט דײַגעס אָן אַ שיר —
לימודים, העפֿטן... װיפֿל גליק
געלייענט האָב איך אין דײַן בליק,
װען נעמען פֿלעגסטו אױף די הענט
די טאָכטער אונדזערע! געקענט
מיט איר שפּאַצירן שאָ'ענלאַנג
און זי פֿאַרװיגן מיט געזאַנג...

* * *

װער האָט געװוּסט, װער האָט געװאַרט,
אַז פּלוצעם װעט אַ שװאַרצע נאַכט
אױף אונדז אַראָפּפֿאַלן איר שװערד?
קיין איין מינוט האָסט ניט געקלערט —
אַװעק ביסט אין װאָיענקאָמאַט
און פֿעסט געזאָגט: „װי אַלע זיך,
װען אין געפֿאַר דאָס לאַנד איז, כ'בין
באַגלײַך מיט יעדן אַ סאָלדאַט...
...ניט װיין, מײַן טײַערע, ניט װיין!
מיר דאַרפֿן מוטיק זײַן און פֿעסט,
דאָס לאַנד מיר דאַרפֿן מאַכן ריין

פון היטלערישער ברוינער פעסט.
און ביז זיי טאַפּטשען אונדזער ערד,
איז רויִק זײַן פאַר אונדז פאַרווערט!

* * *

איך האָב געוווּסט, אַז אויך אין שלאַכט
האָסט וועגן אונדז געוויס געטראַכט,
דיר האָט געוואַרעמט דער געדאַנק,
אַז דויערן עס וועט ניט לאַנג
דער שווערער וועג — און וועסט צוריק
זיך אומקערן פון הייסן קריג.
נאָר אָט — דער שרעקלעכער קאַנווערט
האָט אַלץ פאַרווישט, האָט אַלץ צעשטערט...

* * *

קיין טרייסט פון קיינעם כ'האָב געוואַרט.
נאָך פריִער מ'האָט צו מיר געבראַכט
די בסורע, אַז מײַן שטוב איז אויך
אַוועק אינגאַנצן מיטן רויך,
די מאַמע — טויט, דער טאַטע — אויך,
די יונגע שוועסטער מײַנע — אויך.
אַרויסגעשלעפּט מ'האָט זיי פון שטוב,
צעשאָסן ליגן זיי אין גרוב.
פאַר וועמען אויסריידן דאָס האַרץ?
ווער לינדערן עס וועט מײַן שמאַרץ,
מײַן פּלאָג, מײַן ווייטעק? גיי, מײַן וויי,
אַהין, אַף שלאַכטפעלדער, איצט גיי,
און זאָל פון יעדער מײַנער טרער
זיך אויסשמידן אַ שאַרף געווער.
פאַר אונדזער בלוט, פאַר אונדזער וויי
אין שלאַכט, אין שלאַכט, מײַן סינע, גיי!

* * *

גענומען כ'וואָלט דעם אויטאָמאַט
און אויך געוואָרן אַ סאָלדאַט —
איך וואָלט קיין רגע ניט געטראַכט...
נאָר ס'האָט די שול אַף מיר געוואַרט,
און אונדזער טאַכטערקע אין וויג —
דאָס איינציקע אין לעבן גליק,
וואָס דיך מיט מיר פאַרבונדן האָט.
און ס'איז געווען ווי דײַן געבאָט,
וואָס האָסט פאַר מיר אַצינד געשטעלט:
דײַן העמשעך ציִען אַף דער וועלט.

* * *

צו וואָס זיך נעמען איצט איך זאָל,
איך דאַרף זיך מיִען אויך פאַר דיר,
עס זאָל דערמאָנען אַלע מאָל,
אַז שטענדיק ביסטו לעבן מיר,
אין מײַן נעשאָמע קוקסט אַרײַן,
ווי וואָלסט באַנאַנד דאָ נאָענט זײַן,
און אַלץ, וואָס ס'טוען מײַנע הענט,
און וואָס איך טראַכט, און וואָס איך קלער,
דו זעסט עס אַלץ, ווי וואָלסט געקענט
דאָס אָפּשאַצן, ווי ביז אַהער.

* * *

דער בייזער פײַנט האָט מיט זײַן בלוט
באַצאָלט פאַר דיר, פאַר מיר, געיאָגט
מע האָט אים. און קיין איין מינוט
געלאָזט צורו. און כאָטש געגאָגט
עס האָט מײַן ווײַ, ס'האָט איין געדאַנק
געטרייסט מיך: וואַרטן איז ניט לאַנג —
דער טאָג פון זיג, דער טאָג פון פרייד
שוין אַף דער שוועל פון היימלאַנד שטייט.
איך דאַרף, זאָלסט וויסן: אויך מײַן גאָב
אין זיג פון לאַנד געבראַכט איך האָב...

* * *

ניין, ס'האָט מײַן וויי זיך ניט געשטילט —
איך האָב אים יאָרנלאַנג געפילט,
עס ליגט נאָך אַפן האַרץ דער שטיין,
כ'האָב אַלע טרערן אויסגעוויינט,
די פּלאָגן אַלע דורכגעלעבט,
די טרוימען נאָך ניט אויסגעוועפּט,
און פײַן געוווּסט כ'האָב אָן אַ שיר,
און ס'האָט ניט איין מאָל באַ מײַן טיר
דער טויט געלויערט, — נאָר דו זעסט,
דאָס האַרץ פון גאָרנישט ניט פאַרגעסט.
די ליבע אונדזערע, מײַן פרײַנט,
נאָך צאַפּלט זיך אין מיר ביז הײַנט,
זי וואַרעמט מיך אין טויבע נעכט,
זי קומט צו גיין, ווען מיר איז שלעכט,
זי שטייט צוקאָפּנס באַ מײַן בעט
און פון דער ווײַט צו מיר זי רעדט,
זי רופט, זי ברענגט מיך אַלץ צוריק
צו אונדזער בייז־פאַרשטערטן גליק,
און דער זיקאָרן מאָנט און מאָנט...
אָ, ווען איך וואָלט אַצינד געקאָנט
כאָטש איין מינוט, אַ רגע בלויז
אַ טוליע טאָן זיך צו דײַן שויס —
און שוין... ווי זײַן ס'זאָל מיר ניט שווער —
איך דאַרף פון לעבן שוין ניט מער!..

* * *

אַ לאַנגער וועג, אַ שווערער וועג,
און אין דער מיט פון אים איך שטיי:
אַזויפיל נעכט, אַזויפיל טעג,
ווי צו דײַן אָנדענק כ'גיי און גיי...
אַוועק שוין גאַנצע פערציק יאָר,
ווי כ'האָב געזעגנט זיך מיט דיר —
נאָר יענער שרעקלעכער קאַיאָר
נאָך שטייט מיט שוידער באַ מײַן טיר...

כאַלימבעק־אאול — יאַלטע

יעכיעל פאליקמאן

אין אָנהייב פרילינג 1942 האָב איך אָפּגעגעבן אין מאָסקווער „עמעס"־פארלאג מײַן ביכל אָנגעשריבענע אפן דאָרעם־פראָנט מילכאָמע־דערציילונגען „ליבע אין פײַער". אין א יאָר אַנדערהאַלבן ארום, ווען כ'האָב אָנטיילגענומען אין די שלאכטן בא קורסק, האָב איך באַקומען אָט דאָס ביכל אָן אָפּגעדרוקטס. איצט, נאָכן פארענדיקן די ארבעט איבער מײַן מילכאָמע־טרילאָגיע („די פארוורטיילטע ‎נעמען געווער", „דער שווארצער ווינט", „פײַער און אש"), האָב איך ווידער אָנגעשריבן דערציילונגען, וואָס עס פארייניקט זיי דער זעלבער נאָמען — ליבע אין פײַער. ס'איז דער שלאכט־וועג, וועלכער מאָלט זיך מיר ווי א בארג־ארוף פון סטאלינגראד ביז בערלין, און מײַן מילכאָמעדיקער ייזקער אף אָט דעם וועג — געזעענס, וואָס טאָר ניט פארגעסן ווערן, און ס'איז אויך דאָס, וואָס עס האָט געבענטשט אונדזער גאנג — ליבע צום לעבן, צו מענטשן.

(דער אווטאָר)

ניטאָ און דאָ

עמעצער האָט אָנגערופן א פאמיליע ערליך, און מיר האָט זיך דערמאָנט...

מיר האָבן דעמלט איבערגעלעבט די פרייד, וואָס קומט מיט ביטערער סאָלדאטישער האָרעוואניע — באפרײַט א שטעטל נאָך א שטעטל, א דאָרף נאָך א דאָרף אין פרילינגדיק פארבלאָטיקטן וואָלין, א צעווייקטן פון א ביסל פארשפּעטיקטע אָדליגעס, אומדערוואַרטע און ניט קיין באַצײַטיקע רעגנס, ווען געמישטע מיט שניי, און ווען אזעלכע וואַרעמע, ווי אין מײַ, נאָר סײַ דאָס, סײַ יענץ איז פאר אונדז געווען, ווי בײַטשן, וואָס אי זיי יאָגן אונטער די אזוי אויך מידע גופים, די שווער־באשטיוולטע פיס, ניט קיין אויסגעשלאָפענע קעפּ, אי זיי פּענטען, זיי נייגן צו דער ערד. מיר האָבן דעמלט איבערגעלעבט די גרויסע פרייד פון באפרײַען די לעצטע קילאָמעטערס פאר דער אזויגערופענער אַלטער, ביזמילכאָמעדיקער גרענעץ, אָבער געפילט אויך די נאָך ווײַט ניט געשטילטע ביטערקײַט: מיר זײַנען געהאט פונדאנען אוועק אין שווערער פּײַן, און גיין דארף מען נאָך א סאַך, און ווער ווייסט, צי דער ווײ וועט אמאָל, יעדנפאלס אין אונדזערע הערצער, אפאנעמעסן געשטילט ווערן?..

נאָר פרייד איז פאָרט פון אויבן: מיר האָבן שוין געזען די וועלדלעך, די שטעטלעך, די דערפער און די פאָלווארקן אף יענער זײַט, וואָס איז, אייגנטלעך, קיין „יענע זײַט" ניט געווען, — איין ערד, אָן אָפּגעטיילטע, ווו מיט א געוויינלעכן יאר, בא וועלכן עס זײַנען פריש צעשווענקט די ליימיקע ראנדן, ווו מיט א מוטנע־צעגאָסענעם געשלענגלטן טײַכל, אין וועלכן עס טוקן זיך אַלטע איוועס, עס בייגן זיך פון ווינט יונגע לאָזעס צי קופּקעלעך פאראיאָריקער טשערעט. ער האָט אָן אונדז געגרינט, אָט דער טשערעט, עס האָבן אָן אונדז געשעפּטשעט מיט די בלעטער און דינע צווײַגן אָט די איוועס און לאָזעס, אָן אונדז געוועלקט, און אָט איצט ווערט מען שוין דערוועקט צום לעבן, צום צעגרינען זיך פון די וואַרעמע לופט־שטראָמען, מע צעעפנט די זילבערדיקע סאַמעט־קנאָספּעלעך אף די צווײַגלעך, עס טרייסלען אָפּ פון זיך שווארצע פליטערלעך־זוימען די ערטערווײַז נאָך פולע און לאַנגע טשערעט־בערשטעלעך.

יאָ, און די מאשינעס, וואָס שלעפּן די הארמאטן אונדזערע, איז שווער, די מאָטאָרן פארכלינען זיך אזש, די טיאגאטשן, די טראקטאָרס, וואָס שלעפּן נאָך שווערערע הארמאטן, אקערן די שווארצע קלעפּיקע ערד מיט די שטאָלענע רויפּעס סטאם אזוי און רירן זיך צומאָל ניט פון אָרט, און די טאנקען רײַסן זיך ווען ארויס ווײַט פאר דער פּעכאָטע, אויב עס טרעפט זיך

זיי אַ נישקאָשעדיק שליאַכל, ניט גאָר קיין צעקוואַציעטער פֿעלד־וועג, צי אַ זאַמדיקער קריאַזש צווישן וועלדלעך, אָדער זיי שטייען אָפּ, די טאַנקען, פֿון דער פּעכאָטע, פֿאַרוקן זיך ערגעץ אין אַ זײַט, קעדיי אויסמײַדן אַ זומפּ, אַ טײַכל, וואָס די פּעכאָטינער, אָט די מילכאָמע־מורעשקעס האָבן שוין געמיטן...

פֿרייד געמישט מיט ביטערן. עס איז אָפֿילע ניט דאָס אַלץ, וועגן וואָס כ'האָב ערשט־אָ געזאָגט. ס'איז די פֿרייד פֿון קומען אַלס באַפֿרײַער אַף נײַע און נײַע שטיקער ערד, ווו מע האָט אַף דיר, די מערהײַט, געוויינלעך, געוואָרט, געוואָרט לאַנג און צומאָל שטאַרק פֿאַרצווייפֿלטע געוואָרט. מע וואַרפֿט זיך דיר אַפֿן האַלדז, מע טראָגט דיר אַרויס דאָס לעצטע אַף אונטערצוקרעפֿטיקן זיך אין וועג, און קאָנסטו בלײַבן אָפּרוען — איז נאַ דיר די איבערבעט און די קאָלדרע, וואָס זײַנען נאָך וואַרעם פֿונעם אייגענעם לײַב, נאַ דיר שטרוי, אויסגעשפּרייטע אַפֿן ליימענעם דיל פֿון דער פּולער האַנט, עס זאָל ניט קוועטשן ווו אַ האָרביקל, ווו אַן אויסגעטראָטן גריבל. און די ביטערקײַט איז, אָ, די ביטערקײַט, צו זען די הוילקײַט, וואָס הערשט דאָ אומעטום, די פֿאַראָרעמטקײַט, אָפּגעלאָזנקײַט, זען די כורוועס, וואָס מע קען אָפֿילע רעכט ניט וויסן — זיי זײַנען גאָר אַלטע, נאָך פֿון דעמלט, ווען מיר זײַנען אַוועק פֿונדאַנען, צי זיי זײַנען נײַע, ערשט אויפֿגעקומענע. די ביטערקײַט איז, די איקערדיקע ביטערקײַט, צו וויסן, אַז פֿאַר אַ סאַך, אַ סאַך האָבן מיר פֿאַרשפּעטיקט מיטן קומען, שטאַרק פֿאַרשפּעטיקט, אַף שטענדיק, זיי ליגן אין די יאַרן, אין די שטומע גריבער, און וויסן אויך, אַז אייניקע אונדזערע — ווו צוויי־דרײַ, און ווו — עטלעכע צענדליק, זײַנען אַהער ניט געקומען סאַכאַקל פֿון פֿעלד, דער לאָנקע פֿאַרן שכיינעסדיקן יישעוו, וועלכן מיר האָבן ערשט אײַנדערפֿרי, מיט עטלעכע שאָ צוריק פֿאַרלאָזט. מע פֿירט זיי די דאָזיקע אַף וועגענער, אַף לאַסטמאַשינעס, אַף די לאַפֿעטן פֿון האַרמאַטן, און באַלד, באַ אַ פֿרישער גרוב, וואָס הוילט שוין אין מיטן שטעטל, וועט אָפּהילכן אַ שיטערער ביקסן־סאַליוט — דער לעצטער „שלאָפֿט רויִק" אונדזערער, פֿון די, וואָס גייען ווײַטער.

מיר זײַנען אַרײַנגעטראָטן אין פּאָדוואָלאָטשיסק — שוין „יענע זײַט", אַריבער די אַלטע גרענעץ, אָפֿילע ניט גאָר אַרומגעקוקט זיך, ווי דאָס האָט פּאַסירט, אונטער קאַנאָנען־ צי מינען־פֿײַער, געוויינלעך, און דאָ האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מײַן טייל בלײַבט אַף אַ פּאָר טעג אין רעזערוו — מע וועט זיך, ווי מע זאָגט עס, ברענגען אין אָרדענונג אין שטעטל, אין די דערבײַיִקע דערפֿער, ביז אַנדערע זעצן פֿאָר דעם מאַרש אַף סקאַלאַ, אַף טערנאָפּאָל, דערנאָך וועלן מיר זיי מיט פֿרישע קויכעס אָניאָגן. מיר זײַנען געבליבן דאָ, אינעם קימאַט פּוסטן פּאָדוואָלאָטשיסק, וואָס האָט מיט עפּעס־וואָס זיך דאָך אונטערשיידט פֿונעם שכיינעסדיקן, דעם אַף מיזרעך פֿאַרבליבענעם וואָלאָטשיסק, כאָטשבי מיט דעם, וואָס דאָ האָט מען דעם גרויען מויער אין מיטן שטעטל, וואָס איז, אַגעוו, פֿאַרבליבן לאַכלוטן גאַנץ, גערופֿן אַפֿן אַלטן שטייגער ראַטושע, און אין וואָלאָטשיסק האָט דאָס באַטײַט שטאָטראַט. עפּעס האָט נאָך אַזוינס דאָ פֿאַרהיט זיך — די קעפּקעס זײַנען באַ אייניקע ציווילע געוועזן פֿון ספּאָרטיוון שניט, די קורצע פּידזשאַקעס — מיט קינסטלעך ברייטע אַקסל. נאָר ביכלאַל זײַנען מיר דאָ געווען אין דער היים, אין דער עמעסער היים, צווישן מענטשן, וואָס האָבן געוואָרט אַף אונדז — ווי זאָל איך עס בעסער זאָגן — לענגער יעדנפֿאַלס, ווי יענע, וואָס אַף מיזרעך, אַ סאַך לענגער.

איך האָב זיך אָפּגעשטעלט וווינען, אַזוי האָט זיך באַקומען, אין אַ פּויערשער כאַטע, אַף אַ ראַנד־גאַס, וואָס איז נעענטער געווען צו עפּעס אַ פּאָלוואַרק, איידער צום עצעם שטעטל. עס האָט זיך גוט צעשײַנט די זון, אַ דאַמף האָט זיך געהויבן פֿון דער ערד, וואָס האָט אַרום און אַרום אויפֿגעלעבט, געאָטעמט.

מיסטאַמע איז עס געווען נאָך דעם, ווי איך האָב זיך אַרומגעראַזירט, — די ערשטע זאָרג, אַ מיליטערמאַנס, ווען ער קען, ער האָט רעכט אַ קלער טאָן וועגן קומען צו־זיך, איז אַראָפּכאַפּן די שטעכיקע באַרשט פֿונעם פּאָנעם, אַרומוואַשן זיך. איך בין געזעסן באַם פֿענצטער און געמאַכט מיר מײַנע נאָטירונגען, — איך געדענק ניט פֿעסט — אַן אָפֿענעם פֿענצטער, צי פּראָסט מיט אויסגעזעצטע שויבן, ס'דאָך פֿרילינג, עס מאַכט ניט אויס, נאָר איינס געדענק איך גוט, אַז דאָס, וואָס כ'האָב דערזען, ווען כ'האָב אָפּגעריסן די אויגן פֿון פּאַפּיר, האָב איך דערזען ניט דורך גלאָז — גלײַך פֿאַר זיך, פֿון גאָרנישט ניט כאָטש אַ ביסעלע פֿאַרטושירט. אָבער געווען איז עס, ווי אַ כאָלעם, ווי אַ זעונג, וואָס בלויז הימל, און זון, און פֿרילינגדיק־צעפּאַרעטע ערד קאָן אַראָפּברענגען: אַ וווּנדערלעך שיינע און זייער יונגע פֿרוי האָט געקוקט אַף מיר.

פֿאַרוואָס זאָג איך — אַ פֿרוי, ניט קיין מיידל? ניט ווײַל איך ווייס שוין דאָס, וואָס כ'האָב זיך עטוואָס שפּעטער דערוווּסט; יונג — בעפֿיירעש, עפּשער אַכצן און סאַמע דאָס גרעסטע צוואַנציק יאָר, צאַרט — בעפֿיירעש, טמימעסדיק־צאַרט, נאָר עפּעס מיט אַ זאָרג, מיט אַ מין אויסדרוק פֿון יאָך אַפֿן פּאָנעם, אין די אויגן, אַן אַל, וואָס שפּירן קאָן מען אים בלויז באַ אַ פֿרוי, ווען זי שטעלט זיך אײַן פֿאַר עמעצן, זאָרגט וועגן עמעצן, און דאָס איז מער, ווי אַ קאָרעוו, אָפֿילע גאָר אַ נאָענטער, — יענער

איז — זי, און זי איז — יענער, ווײַל אײנס אָן דעם אנדערן איז מען גאָרניט... נאָר דערווײַל האָבן אף מיר געקוקט מיט געבעט, מיט שרעק, מיט ציטעריקער האָפענונג און מיט א מין שטאָלץ, דעראָבערטער צי טיף פארבאָרגענער, שטאָלץ פון אזא, וואָס ווײסט: מע זעט, זי איז שײן, זי איז א מאַלקע, — עס האָבן אף מיר געקוקט אויגן מיט ארוף־פארבויגענע, לאַנגע טונקעלע וויִעס. דאָס פּאָנעם איז געווען בלאַס, לענגעכיק, נאָר פארמאָגט האָט עס אין זיך יענע דיגע רונדקײַט, וואָס בלויז די האַנט פון אן אײדלסטן קינסטלער קאָן איבערגעבן, מאָלנדיק א פרוי. די האָר האָט צוגעדעקט א שאַלעכל, אָן אָלט אויסגעריבן שאַלעכל, נאָר וואָס פאר א האָר זײַנען דאָס געווען — גאָלדיק־רויטלעכע, פּוכיקע, זיי האָבן מיט קרײַזלעך זיך אראָפּגעלאָזט אפן שטערן, אף די באַקן, דאָרט, וווּהין דאָס טיכל האָט ניט דערלאַנגט, אגעוו, א פארך בונדנס בלויז מיט די לאַנגע געפּרענדזלטע עקן אף דער ברוסט. און דער שטעל, דער דאָזיקער, די לײַכטקײַט און בײַגעוודיקײַט פון איר גוף... ווען די סיקסטינער מאַדאָנע זאָל קאָנען אראָפּגײן פונעם לײַוונט, דעם בילד, וואָס איז שוין ערטערווײַז צעטראַסקעט, ווען עס זאָל געשען אזא וווּנדער, און אראָפּ זאָל זי אין לעבן ניט מיט קײן קינד אף די הענט, נאָר אזא, וואָס וועט נאָך אמאָל דארפן געבוירן דאָס געטלעכע קינד, ווען דאָס זאָל געשען, וואָלט פאר מיר געשטאַנען אָט יענע אומשטערבלעכע שײנהײַט... נאָר עפשער איז אפילע די דאָזיקע, די לעבעדיקע, אין א צעריסענעם שוואַרצן פּידזשאַקל, מיט א ביסל פארקאַטשעטע אַרבל, אין גרויסע פארבלאָטיקטע שיך, ארומגעבונדענע מיט קלאָטשע־בענדלעך געווען נאָך שענער, ווײַל ווען מע נעמט עס צו, דאָס אַלץ, ווען מע פארבײַט עס מיט א געווײנלעכער אָנשטענדיקער קלײדונג?..

וואָס האָט נאָך אויסגעדריקט דער יונגער פרויס פּאָנעם, ווען כ'האָב א קוק געטאָן אף איר און בין געבליבן זיצן א פארגאַפטער: פרײד, נאָך ניט גאָר קײן זיכערע, אָבער פרײד צו קאָנען שטײן אזוי בא א פענצטער און וויסן — מע וועט ניט דורכטרײַבן, פרײד פון קוקן א מענטשן אין פּאָנעם און וויסן — ער וועט פרײַנטלעך א שמײכל טאָן, אויב וועסט אַלײן אויך צו אים שמײכלען, פרײד צו האָבן רעכט אָט אזא, אין א פארלעגנהײַט, מענטשלעך־פראָסט צעעפענען די ליפּן אף עפעס פרעגן, זאָגן, בעטן...

זי האָט געפרעגט אף אוקראַיִניש, נאָר מיט א פּוילישן אַקצענט:

— עפשער קאָן דער כאַוער אָפּיצער, — זי האָט געזאָגט „כאַווער", איך געדענק דאָס, ווי איצט, — עפשער קאָן ער אויסהערן א ביטע?

— קומט ארײַן, — האָב איך געזאָגט, נאָר באַלד פארשטאַנען, אז ס'איז עפשער ניט גאָר טאַקטיש, דערזען עס לויט א לײַכט־פארבאָרגענעם אויסדרוק אף איר פּאָנעם, און צוגעגעבן, — אָדער איך וועל צו אײַך ארויסגײן אין א מינוט ארום.

— אזוי איז גלײַכער, — האָט זי געענטפערט מיט א שמײכל, און דער שמײכל האָט באַטײַט אי פּרוויִשע אָנשטענדיקײַט, אי עפּעס מער א זיכערע האָפענונג.

אין דרויסן, ווען כ'האָב זי דערזען פון דער נאָענט, איז מײַן געפיל פון שטוינונג, איבעראַשונג און טיפער צערודערונג, מיטלײַד — דעריקערשט צערודערונג און מיטלײַד — געווען ניט איבערצוגעבן. זי האָט א סאַך געליטן, ס'איז שרעקלעך געווען א טראַכט טאָן, וואָס זי האָט געקענט איבערלעבן — איך האָב דאָס געזען, זי האָט שוין געמעגט אפילע גאָרנישט ניט זאָגן. אָבער זי האָט געזאָגט, און געווען איז עס אן איבעראַשונג פאר איר אַלײן:

— איר זענט... אָ, מיר זײַנען דאָך מיט אײַך פון אײן שטאַם! יִדן!

ווײַטער, אַלץ, וואָס זי האָט דערצײלט, האָט זי דערצײלט אײַלנדיק, ניט זאָרגנדיק, אז עס זאָל זיך באַקומען לויט א סײדער, ריכטיקער, ניט קאָנענדיק טראַכטן, א פארכאַפּטע פון געפילן, און מאַכמעס דעם, וואָס עפּעס האָט זי אונטערגעיאָגט, אז א סײדער זאָל אָפּגעהיט ווערן:

— א זאָלאָטשעווער בין איך. זאָלאָטשעוו איז אי נאָך ווײַט, אי ניט גאָר ווײַט. איר גײט דאָך שוין אף זאָלאָטשעוו אויך און ווײַטער... אז מע האָט אונדז אַלעמען, די, וואָס זײַנען נאָך געבליבן לעבעדיקע אין זאָלאָטשעווער געטאָ, — לעבן! וואָס הײסט — לעבן? די נעשאָמע האָט זיך אײַנגעקלאַמערט אין גוף, וואָס איז שוין אַלײן א שאָטן! — אז מע האָט אונדז אַלעמען ארויסגעטריבן אין היגן מאַרק, דעם גרעסטן, זאָלאָטשעוו האָט פארמאָגט א מאַרק און מערקלעך, אז מע האָט אונדז דאָרט געהײסן, שערענגע נאָך שערענגע, שטעלן זיך אף די קני און די קעפּ אראָפּלאָזן ביז דער ערד, אף די צונויפגעלײגטע הענט, מע זאָל גאָרנישט ניט זען, ניט זען, וואָס עס טוט זיך, און בלויז ווארטן, און שווערע אווטאָמאַשינעס, פּולע, דאַכט זיך, נאָר מיט מענטשלעכע פארצווייפלטע געשרײען, האָבן געהאַלטן אין אײן אָפּפאָרן און אומגעקערט זיך שטומע, ס'הײסט, ווי געווײנלעך זשומענדיקע, — אָט זײַנען זײ אָפּגעפאָרן, און אָט געקומען צוריק, — ס'איז א רעגע, אויב לאָזן, מע זאָל דערגײן בא זיך אַלײן, אין קאָפּ, אין האַרץ, צו מעשוגאַס, צו א מין טויט־העפקער, און ס'איז אן אײביקײַט, אויב טראַכטן, אף וואָס מע וואַרט, ווען אָט דאָס אַלץ האָט

גענומען פאַרקומען א שאָ, א צווייטע און א דריטע, די זון ברענט, און דו קאָנסט אף איר ניט קיין קוק טאָן, פילסט נאָר איר בריִען אין פלייצע, אין די הענט, די דאָרשטיקע מלאָסטעניש אין מויל, וואָס די היץ רופט ארויס, הערסט קעסיידער דאָס קרעכצן פון מענטשן באנאנד — ווער עס וויינט, ווער עס דאוונט, ווער עס שילט שטיל אפילע ניט די פאשיסטן, גאָר עמעצן אַן אייגענעם, איבער וועמען ער איז ניט אוועק, ניט געפרוווט אוועק באצײַטנס ערגעץ אהין, אהער, אין וואלד, צו א נאָענטן אָדער צו א ווײַטן באקאנטן, וואָס וואָלט אים עפשער געראטעוועט, פארוקט אין א סכראָן, ווען דאָס אלץ איז אזוי־אָ געוועזן, און מיר האָבן ניט וואָס געזען, כאָטש געכאפט א קוק האָט מען אויך, ניט נאָר געזען, נאָר שוין פעסט געוווסט, אז די קומענדיקע יאזדע פון די מאשינעס וועט זײַן נאָך מיר, נאָך דער מאמען, און נאָך דעם קלענערן שוועסטערל בראָכעלע, אָבער מיר האָבן גראָד געשוויגן אלע דרײַ, מיר האָבן איינס אפן צווייטן קיין פאריבל, ווי עס מאכט זיך, ניט געהאט, און אָנזאָגן איינס דעם אנדערן אויך אזוי ווי ניט געהאט וואָס, און דעם שווערן, דעם ביטערסטן געזעגענונגס־געוויין האָבן מיר געהיט פאר יענער, דער לעצטער מינוט דאָ צי דאָרט, וווהין מע פירט, אָט דעמלט האָט די מאמע מיטאמאָל זיך צוגערוקט צו מיר און געזאָגט דאָס, וועגן וואָס ס'איז שוין א סאך מאָל גערעדט געוואָרן, און איך האָב וועגן דעם הערן ניט געוואָלט אי סטאם, עס איז מיר ניט געווען צום הארצן אין אזא צײַט, עפעס א מין טאכלעס בייסן בייזווונדער, א טאכלעס נאָר פאר זיך אליין, אי טאקע ווײַל נאָר פאר זיך אליין, — הערט, וואָס זי האָט מיר א שעפטשע געטאָן, און ניט גלאט א שעפטשע געטאָן — באפוילן, ווי מע קאָן באפוילן נאָר פארן טויט: „שטיי אוף, גוטעלע, מע רופט מיך גוטע, שטיי אוף, ווי גאָרניט, ווי סטאם אזוי, און לאָז זיך גיין — ביסט ניט ענלעך, ניט גאָר ענלעך — לאָז זיך גיין צו סטאסן, אָן־אָ שטייט ער אנטקעגן, סטאס וועט דיך דורכלאָזן, ער וועט ניט קאָנען ניט דורכלאָזן דיך." אזוי האָט זי געזאָגט, די מאמע, און ווארט. איך שטיי ניט אוף, גיט זי צו: „בראָכעלע וועט אויך אזוי טאָן — נאָך דיר, און איך, איך וועל שוין אי דאָ, אי דאָרטן בעטן פאר אײַך..." איך גיי ניט, איך קלער: „די, וואָס מיט די הינט, דאָס זײַנען דורכויס דײַטשן, שטייען הינטן, לענגויס דער לעצטער שערענגע. בא די ווינקלען פון מארק, ער איז א גרויסער, איך האָב שוין געזאָגט, שטייען אויך יענע, מיט די וועלף־הינט. און דעם צווישן און דעם מיטן פאר אונדז שאפן פאליצײַען. סטאס איז אונדזער שאָכנס א זון, א געוועזענעם שאָכנס זון, ביז דער געטאָ. מיר האָבן מיט אים געשפילט צוזאמען, איך און ער און נאָך קינדער אין באהעלטעניש. דערנאָך, איך ווייס דאָך, בין איך אים געפעלן געווען, נאָר ווו, ער האָט אפילע מוירע געהאט קוקן אף מיר, קוים געטראָגן פונווײַטנס דעם „יאק סי מאיעש, גוטקא?". דאָ, אין געטאָ, האָט ער מיך איינמאָל געזוכט, דאָרט, ווו מיר האָבן געוווינט, ווער ווייסט, צוליב וואָס, ער האָט ניט געזאָגט, געקומען נאָך מיט איינעם, א לאנגן, און די מאמע און בראָכעלע האָבן אפילע פארזיכערט, אז ס'איז דער, וואָס איז איצט געשטאנען מיט סטאסן באנאנד, זאָל איך נעמען און גיין גלײַך אף זיי... ס'איז דאָ אזא רעגע, ווען א מענטש באקומט אזוי ווי פליגל, די פיס, דער קאָפ, ווייסן ניט, וואָס ער טוט, און סטאס, וואָס איז געשטאנען מיט דער ביקס, וועלכע ער האָט געהאלטן קווער דעם גוף, ווי א שלאגבאום, און דער צווייטער, דער לאנגער, ער האָט אויך געהאלטן אזוי די ביקס, האָבן מיך דורכגעלאָזט.

זיי האָבן א קאפעלע פאנאנדערגערוקט די ביקסן, געמאכט ווי א קליין טויערל פאר מיר. סטאס האָט בלויז נאָכגעשריגן מיר ניט הויך: „צו מיילעכן גיי, צום שנײַדער אין שטוב, איך וועל קומען!" און איך האָב געוווסט אַן אנדער אָרט, וווהין איך דארף גיין, גיין דורך די אײַמעדיק־פוסטע, פארטײַעטע גאסן — צום ראנד שטאָט, צו איינעם א וולאדיסלאוו דזוואָנארעק, אויסבאהאלטן זיך ערגעץ ניט ווײַט צווישן קוסטעס, צווישן ווילדגראָז, און ארײַנקומען אין הויף, ווען די נאכט וועט צופאלן. בא דזוואָנארעקן, הינטער א סטאָס האָלץ, אין שטאל, האָט אף מיר געווארט... איך וועל אים באלד אויך צורופן — מײַן מאן".

זי האָט איבערגעכאפט דעם אָטעם, נאָך אָט דעם אלעמען, וואָס דערציילט האָט זי עס אין איין גאָס, ארויסגעהויכט פון זיך, ווי איין שווערן, לאנגן קרעכץ, א ווייטעקדיק־שטילן און דערפאר נאָך מער א שרעקלעכן. זי האָט זיך א ביסעלע צערויטלט פאר טיפער ערגערניש און געזאָגט:

— איך קאָן, כאָוער אָפיצער, צוראמען בא אײַך אין צימער, אויב איר דארפט, פארשטאָפן עפעס — ביטע, א נאָדל־פאָדעם האָב איך, און אויב ניט — איז וואָס נאָך? עפעס צום עסן וואָלט איך מוזן קריגן, שוין דעם דריטן מעסלעס געהאט אין מויל בלויז שניי, וואָס איז ניט צעגאנגען אין א ווינקל פון גרוב...

איך האָב געוואָלט אוועק אין כאטע, ארויסטראָגן איר עפעס פון שפײַז—קאָנסערוון, יעדנפאלס, האָב איך אין רוקזאק געהאט ברויט — עס וועט זיך אויך אָפזוכן, צי איך וועל לעסברײַרע אוועק צו א באקאנטן אָפיצער, דאָ נאָענט, און קריגן א פערטל צי א האלב לעבל. און דאָך האָב איך געוואָלט אוועק אויך צוליב עפעס אנ־

דערש — קומען צו־זיך פון אַלץ, וואָס כ'האָב אָקאָרשט געהערט, וואָס האָט זיך אָנגעוואַלגערט אַף מיר, ווי אַ שטיין, געמאַכט מיך פאַר אַ מין באַלכויוו. צו אַלץ, וואָס איך האָב ביז דעם געהערט און געזען, איז צוגעקומען עפשער דאָס סאַמע שווערע, ווייַל ס'איז געווען — דאָס פּרישסטע, דאָס אָקאָרשט געהערטע, און פון ווע־מען — פון אַזאַ, וואָס די וועלט איז אומגעהייער שיין, אויב אַזאַ־אָ טרעט אַף איר... זי האָט מיך אָבער פאַרהאַלטן מיט אַ לייַכטער באַוועגונג פון דער האַנט, איך ווייס אַליין ניט פאַרוואָס, פאַרהאַלטן און געזאָגט:

— די גרוב איז אין יענעם גאָרטן. איך וויל, ביז איר קומט, צורופן מייַן מאַן, ער וואַרט. איז ווען איר וועט אַרויס צוריק און ניט טרעפן מיך דאָ — ווייסט, באַלד קומען מיר אינצווייען. דאַן, אויב איר וועט דערלויבן, וועלן מיר אַרייַנגיין צו אייַך.

— און ווי קומט איר אַזש אַהער, קיין פּאָדוואָלאָטשיסק? — האָב איך געפרעגט. איצט האָב איך שוין ניט געקאָנט אַוועקגיין, ניט וויסנדיק עפּעס מער, ווייַל טאָמער פאַרליר איך זי, טאָמער קומט זי ניט צוריק — עפשער האָט אַף עמעצן אַנדערש, וואָס וועט אַרויסהעלפן אין אַ נויט, אָנגעטראָפן דאָרט, ניט ווייַט פון דער גרוב, איר מאַן?

און ווידער האָט זי געענטפערט ניט דירעקט אַף מייַן פראַגע, פאָלגנדיק איר אייגענעם געדאַנקענגאַנג, געענטפערט אַפילע אַזוי ווי מיט דאַנקבאַרקייַט דערפאַר, וואָס כ'האָב געפרעגט—שפּעטער וועט זי דאָס ניט קאָנען זאָגן:

— דער מאַן... ער איז אַ זעלטענער, אַן אויסערגעוויינלעכער, איר וועט שוין זען. נאָר איך האָב אים ניט געוואָלט פון אָנהייב, ניט געוואָלט, ווייַל כ'האָב נאָך ביכלאַל קיינעם ניט געוואָלט — וויפל בין איך דען אַלט געווען, אַז די פאַשיסטן האָבן זיך אַרייַנגעריסן?.. און ער, אַ געקומענער פון וואַרשעווער אוניווערסיטעט, אַן אַנטלאָפענער אַהער, צו די סאָוועטן, אַ היסטאָריקער, אַ לערער אין שול, אין וועלכער איך האָב שוין געגרייט זיך צו די מאַטורעס, ער, עלטער פון מיר אַף אַ יאָר צען, פלעגט די אויגן ניט אַראָפּנעמען פון מיר בייס אַ לימעד, און ביכלאַל, וואָס ער האָט מיר געזאָגט... דזוואָנאַרעק איז געווען דער פאָטער פון זייַן וואַרשעווער כאַווער, וואָס איז ערגעץ אומגעקומען בייס דער פּלייטע אַף מיזרעך, וולאַדיסלאַוו דזוואָנאַרעק האָט אונדז געהאַלטן בא זיך — ער האָט געוווּסט, אַז דער סכראָן, די באַהעלטעניש, וועט זייַן פאַר צווייען — געהאַלטן, ביז ס'איז קיין כשאַד ניט געפאַלן אַף זייַן שטוב. ער האָט אונדז קוים באַוויזן אַריבערפירן צו אַנדערע. דער צווייטער סכראָן איז געווען ניט אַף לאַנג און אויך ניט קיין זיכערער, און איר, די סאָוועטן, גייט פון מיזרעך, אַלץ נעענטער, זייַנען מיר מיט אַ כוידעש צוריק, אין די סאַמע פרעסט, אייַך אַוועק אַנטקעגן, ווידער צו די דזוואָנאַרעקס באַקאַנטע אַ באַקאַנטן דאָ, אין פּאָדוואָלאָטשיסק. ווען די קאַנאָנען האָבן פונדאַנען געשאָסן, פריִער די דייַטשישע, זייַנען די באַלעבאַטים אַוועק פון דער היים, מע האָט זיי אַרויסגעטריבן, און מיר — ווי קאָנען מיר זיך באַווייַזן? — מיר זייַנען געבליבן אין אַ גרוב אונטערן שטאַלמיסט. הייַנט, אַ גרויען קאַיאָר, האָבן פון גאָרטן, און אַפילע לעבן שטאַלמיסט גענומען שיסן אַנדערע קאַנאָנען, נאָר מיר האָבן זיך ניט גלייַך געכאַפּט, אַז דאָס זייַנען שוין אונדזערע, אַז מע שיסט אַף מייַרעוו, און ערשטאָ זייַנען מיר אַרויס... איך בין אַוועק אין איין זייַט, און ער — אין אַ צווייטער זייַט, ער קוקט אַרויס אַף מיר.

איך האָב געמוזט זען איר מאַן, דעם, וואָס איז זי ווערט. איך בין אַוועק מיט איר אים אַ זוך טאָן, אַרייַנרופן צו זיך, און דאָס איז געווען דאָס צווייטע אויסטערלישע, וואָס כ'האָב יענעם טאָג געזען און פאַרגעדענקט אַף שטענדיק.

— ערליך, — אַזוי האָט ער זיך פאָרגעשטעלט, ווען מיר האָבן אים געטראָפן ניט ווייַט פון דער קופּע שטאַלמיסט, מיט צוויי פאַרטריקנטע פּשעניטשקעס אין האַנט — פּויערים לאָזן געוויינלעך דעם גאַנצן ווינטער הענגען אַזעלכע אונטער דער סטריכע צי ערגעץ אין פירהויז — אַף זריִע; ער האָט זיי דערטאַפּט, די פּשעניטשקעס — דאָס ערשטע ביסל דעראָבערטע שפּייַז. — ערליך, — האָט ער געזאָגט, און בא מיר האָט בליציק און אַזוי איבעראַשנדיק זיך אַסאָצייִרט: „גוטעלע" און „ערליך", אַז איך האָב גאָר זייַן נאָמען ניט פאַרגעדענקט, ניט פיקסירט אין זיקאָרן. עס האָט זיך גאָר אַ טראַכט געטאָן: „זע, ווי עס פּאַסט — גוטס און ערליכעס, ווי עס זאָל טאַקע זייַן אַ וווּנק, אַז עכטס גייט צו עכטן". יאָ, און ער אַליין, דער מאַן: אַזוי זיך, ניט גאָר קיין שטאַלטנער, ניט קיין הויכער, עטוואָס בלויז העכער פון גוטעלען, נאָר געבויט דין און מיט אַ פייַנער פּראָפּאָרץ; אַ שוואַרצלעכער, אַפילע אינגאַנצן אַ שוואַרצער, סייַ די לייַכט־געכוואַליעטע האָר אַפן קאָפּ, גלאַנציקע, מיט אַ שוואַכן אָנדייַט, ערגעץ העכער פונעם דימיען, אַז אַ ליסינע וועט זיך אַמאָל דאָרט טאַקע דורכשנייַדן, מיט אַן אַרומגעכאַפּט שמאָל, שוואַרץ בערדל — אויב קיין שפּיגל איז ניט געווען, האָט דאָס גוטעלע אַליין געקאָנט טאָן, ווייַל אַ נאָדל־פּאָדעם איז דאָ, קער שוין זייַן אויך אַ שערל. אַזעלכע, אַפילע שוואַרצע, שפּיציק־אַרומגעכאַפּטע בערדלעך, מיט לייַכט־אָנגעמערקטע באַקנבאַרדן, טרעפן זיך אויך בא פּאָליאַקן פון אינטעליגענטיש־שליאַכטישן גראַד. און די שטריכן פון פּאָנעם זייַנען געווען פּאָשעט שיינע, ריכטיקע,

אײדעלע. וואָס זשע יאָ — א ביסל די טונקלקײַט פון דער הויט אפן פּאָנעם און אף די הענט, א טונקלקײַט, וואָס איז געקומען ניט פון שמוץ, נאָר פון א דוירעס־ווײַטער מיזרעך־זון, און די שווארצע אויגן — גרויסע, לענגעכיקע אײלבירט־אויגן...

מיר זײַנען אוועק צו מיר אין כאטע, וווּהין די באַלעבאטים, געדענק איך, האָבן זיך נאָך ניט אומגעקערט, און דאָ האָט זיך פאר מיר אנטפּלעקט דאָס, צוליב וואָס איך דערצײל עפּשער די דאָזיקע גאנצע געשיכטע. ער האָט געהאלטן א ליידיק זעקל, אריבערגעוואָרפן איבערן אקסל, אין יענעם זעקל זײַנען שוין געלעגן די צוויי דעראָבערטע פּשעניטשקעס, נאָר עפּעס האָט זיך דאָרט נאָך געבאָמבלט אין א צווייטן עק. ווען ער האָט גענומען באהאלטן אין זעקל אויך דאָס ביסל שפּײַז, וואָס איך האָב פארוויקלט אין א פּאפּיר, — מע האָט שוין איבערגעכאפּט פּונדערלײַכט, ווי לאנג אויסגעהונגערטע טוען, — אויסגעטרונקען צו קווערטלעך אָקרעפּ, וואָס מיר האָבן דאָ טאקע, שמועסנדיק, דערוואַרעמט אין א טשוהונענעם טעפּעלע אף דער טרעניזשקע, און פארביסן מיט א פּאָר גאלעטן, — נאָך דעם, מע האָט זיך שוין געהאלטן בא געזעגענען, ער האָט, הייסט עס, נאָר געדארפט ארויסנעמען די האנט פון זאק און אויסשטרעקן זי מיר, האָט ער מיטאמאָל א זוך געטאָן טאקע מיט יענער האנט דאָס, וואָס האָט געבאָמבלט זיך אין צווייטן ווינקל, ניט דאָרט, ווו די פּשעניטשקעס, און אף וועלכן עס האָט זיך אָנגעוואלגערט מײַן פּעקל, ארויסגעשלעפּט עס, יענץ, און כ'האָב דערזען: אוואדע הונדערט פּאָטאָגראפיעס, ניט ווייניקער, א ביסל קלענער פון געווײנלעכע פּאָטשט־קארטלען, פלײַסיק איבערגעבונדענע מיט א שטריקל.

— אָט, — האָט ער געזאָגט, אוועקגעלייגט דאָס פּעקל אפן טיש און גענומען עס פאנאנדערבינדן, — איר פארשטייט דאָך, אז ווען איך בין אוועק אין סכראָן און געטרוימט, געהאָפט, אז גוטעלע וועט אויך אהין קומען, האָב איך עפּעס־וואָס פארכאפּט, און פרײַנט האָבן מיר מיטגעגעבן אזוינס, וואָס זאָל בייס א נויט קאָנען אויסגעביטן ווערן אף שפּײַז, ווײַל אלײן די ערשטע רעטער אונדזערע, די דזוואָנארעקס, זײַנען לאכלוטן קיין פארמעגלעכע מענטשן ניט געווען, ס'וואָלט פאר זיי געווען צו א גרויסע לאסט, נאָך אין אזא ביטערער צײַט, האָבן מיטעסערס. האָבן זיי צו ביסלעך, זייער בעצימצן, אויסגעביטן דאָס, וואָס איך האָב פארמאָגט אין זאק, — דערנאָך — די אנדערע רעטער אונדזערע — דאָס זעלבע, און געבליבן זײַנען מיר מיט אָט דעם איינעם, וואָס אלײן פאר דעם, וואָס מיר האָבן דאָס, וואָלטן אונדז די פאשיסטן געהאנגען, נאָר מיר האָבן באשלאָסן ביידע, איך און זי: אויב ניט הענגען, וועט מען דאָך אלצײַנס שיסן, איז קעדײַ פארהיטן דאָס, קאָן מען אײַנגיין אויך אף א שווערערן טויט...

זײַנע הענט האָבן א ביסעלע געציטערט, ווען ער האָט פאנאנדערגעבונדן דאָס פּעקל, און באמערקט האָט ער דערבײַ — א קוק געטאָן אף גוטעלען, וואָס האָט געביסן די ליפּן: — פאנאנדערגעבונדן האָבן מיר עס קיין איין מאָל ניט בייס אונדזער וואָגלען, מיר האָבן געדענקט, וואָס דאָ געפינט זיך, אלץ געזען מיט די אייגענע אויגן און ניט אופגעהערט עס צו זען. אָפּגערעדט איז בא אונדז געווען, זאָל זײַן — א יידער — פארהיטן עס פאר דער וועלט. איך האָב אמאָל, צווישן אנדערן, ליב געהאט פּאָטאָגראפירן, — דער פּאָטאָפּאראט איז אויך אוועק אין בײַט, — ליב געהאט פּאָטאָגראפירן בילדלעך פון לעבן, אזוינס, וואָס איז אי סטאם וואָכעדיק, אי טשיקאווע, אלײן דאָס צאפּלענדיקע לעבן. א היסטאָריקער דארף אזוינס. אין פּינקעסן פלעגט מען בלויז פארשרײַבן פאקטן, פּאַסירונגען — מאָלן האָט מען ניט געטאָרט, כוץ אָרנאמענטן און באלעכאיִם, און ווו זײַנען זיי, די פּינקעסן? און דאָס איז מײַן פּינקעס זעט...

ער האָט באוויזן די ערשטע פּאָטאָגראפיע, וואָס האָט זיך אים געטראָפן פון אויבן: א מענטש, גאנץ א קרעפּטיקער, א יונגער, פלאנצט א ביימל לעבן טויער פון א שטוב, וואָס זעט זיך ווײַטער; א ייִנגעלע פּרוּווט העלפן, ער טאָפּטשעט צו אין גריבל די פרישע הרודקעס ערד.

— שלוימע זאליאזניק, — האָט ערליך געזאָגט, — אזוי האָט ער געהייסן — זאליאזניק, און געווען איז ער גאָר לויטן פאך א שמיד. ניטאָ... און דאָס ייִנגעלע האָט מען גערופן?..

— איך מיין, ס'איז פּײַוועקע. אויב דער קלענסטער, איז עס פּײַוועקע. ער האָט זיי, שלוימע, געהאט דרײַען, — האָט גוטע דערקלערט, און שטיל צוגעגעבן: — ניטאָ...

נאָך א פּאָטאָגראפיע: א בלעכער זיצט רײַטנדיק אפן פרונטיקן פּידאשעק פון א פײַן פאלעצל.

— בערל דער בלעכער. ניטאָ.

א ייִדענע אײַלט מיט דרײַ געבונדענע הינער אין האנט, זי איז פײַערלעך פארזאָרגט:

— העניע זבארזשער. זי יאָגט צום שויכעט מיט די קאפּאָרעס — פאר זיך און פאר די צוויי טעכטער. ניטאָ, קיינער ניטאָ, — האָט גוטע שטיל דערקלערט, — זיי זײַנען דאָרט געווען מיט מיר, אפן מארק־פּלאץ.

ווידער אופגעמישט א פּאָטאָגראפיע. א קרו־

מער אַף א מיליצע שטייט בא זײַן קלייטל און גענעצט — עס קומען ניט קיין קוינים.

— מוישע האָכבערג, — האָט ערליך געזאָגט, — ניטאָ.

שטאַרק א באַיאָרטער, א געהויקערטער מענטש מיט א פעקל ביכער אונטערן אָרעם.

— דער ביבליִאָטעקער שײַע שײַן. ניטאָ.

אָן אײַנבינדער, אויך א באַיאָרטער מענטש, באַם פּרעס.

— יאָנטל ציגאַנאָווסקי. ניטאָ.

ווײַטער זײַנען אוועק עטלעכע פאָטאָגראַפיעס, וואָס גוטעלע און איר מאַן האָבן אַף זיי געקוקט שווײַגנדיק, און שווײַגנדיק באַגלייט מיט די אויגן די האַנט, וואָס האָט זיי אָפּגעלייגט אין א זײַט: א פרוי אין די יאָרן, מיט גוטע, גרויע אויגן — גוטעלעס אָנבליק, די מאַמע; א מיידעלע מיט טונקעלע אויגן, נאָר פּונקט אַזאַ צאַרט, לענגעכיק־רונד פּאָנעם, ווי בא גוטען, און די האָר — ליכטיקע, — דאָס שוועסטערל, ביט אנדערש; א פּוילישער סאָלדאַט, א בלאָס, זייער א באַקיינט פּאָנעם, און די קאָנפעדעראַטקע זיצט אַף אים בראַוו. דאָ האָט גוטעלע, קוים צו דערהערן, אַרויסגעהויכט:

— אַוראָמקע מײַנער... אַוועק קעגן דײַטש הינטער פּאָזנאַן — דאָס לעצטע בריוול איז אָנגעקומען פון דאָרט.

נאָך א פאָטאָגראַפיע איז אופגעדעקט: דער דאָקטער ווײַנבוים, א פּולער, ווי א רעפּועבלעזל, מיט זײַן שטענדיקן ברייטן וואַליזקעלע אין האַנט, און א יִינגעלע שטייט קעגן אים — מייערקע ברײַנעס, ער האָט מייערקען געראַטעוועט פון דיפטעריט. ניטאָ. ביידע ניטאָ.

נאָך, נאָך און נאָך פאָטאָגראַפיעס האָבן זיך געלייגט אַפן טיש, אין א זײַט, עס איז געזאָגט געוואָרן, ווער דאָס איז, צי אָן ערעך ווער דאָס איז, און דאָס איינציקע יִזקער־וואָרט: ניטאָ דער שטעטלדיקער ראָוו, א גרײַזער, א ווײַסברעמיקער, און דער צווייטער ראָוו, א יונגער, ווי מע האָט אים גערופן — דאָס רעוול; א וואַסערפירער פון יענע גאַסן, ווו מע האָט נאָך קיין קאָלאָנקע ניט געשטעלט; א שוסטער טראָגט אָפּ פאַר די אויערן א פּאָר נײַע שטיוול דעם באַשטעלער; דאָס געבורטהויז — א מישפּאָכע באַגעגנט די געווינערן מיטן קינד אין די ווינדעלעך; נאָך א מישפּאָכע — מע באַגלייט עמעצן באַם וואָקזאַל; א מעשוגענער — דער שטעטלדיקער מעשוגענער, און נאָך א כאָסער־דייע — איינער: מוישעלע מיט די פערדעלעך, דער צווייטער: כאַיִמקע ציאַציע — ניטאָ. דער זייגערמאַכער פײַנהערץ, וואָס מע פלעגט אים ברענגען צו פאַריכטן זייגערס אַזש פון לוואָוו — ניטאָ. קינדער שפּילן בייס א האָפּסאָקע אין הויף פון דער שול — ניטאָ, ניטאָ, ניטאָ...

— איר גייט אַהין, — האָט קוים, האַמעווענדיק א ציטער אין קאָל, געזאָגט ערליך, — איז ווייסט, ווער עס ליגט אין דער ערד, ווער ס'איז ניטאָ!

זיי זײַנען אוועקגעגאַנגען, גוטעלע און איר מאַן, ווען מיר האָבן באַקוקט די לעצטע פאָטאָגראַפיע, ווען דאָס פעקל איז ווידער פאַרבונדן געוואָרן און פאַרשוווּנדן אין זאַק. זיי זײַנען אוועק איבער דעם בלאָטיקן וועג, א באַשײַנטן מיט דער פריליִנגדיקער זון, ווו יעדע קאַליוזשע האָט געבלישטשעט, ווי א נײַער פענצטער. איך געדענק ניט, וווּהין האָט געפירט יענער וועג: אַף צאָפן צי אַף דאָרעם, אַף מיזרעך צי אַף מײַרעוו. דאָס זעקל איז אַריבערגעוואָרפן געווען איבער זײַן אַקסל, אַף די פּלייצעס. מע האָט זיך געהאַלטן פאַר די הענט, ער און זי, ווי אָדאָם און כאַווע. עפּעס האָב איך פון קינדווײַז אָן פאַרגעדענקט אַזאַ בילד — אָדאָם און כאַווע גייען, האַלטנדיק זיך פאַר די הענט. און נאָך האָב איך פאַרגעדענקט פון לעבן: עס גייט א מענטש אין ווײַט און טראָגט א ליידיק זעקל, אַריבערגעוואָרפן איבערן אַקסל. לעבן אים גייט זײַן פּאָר. וווּהין? אין דער וועלט אַרײַן. און אין האַרצן שלאָגן מיר פון דעמלט אָן די ווערטער: ניטאָ און דאָ, עס וועט זײַן...

אין אייביקן וואַלד

באַם פענצטער

כ'האָב א כסימע פון בליץ
און פון דונער א קאַרטל,
אַז לאַנג אַף מייַן זומער
וועל איך ניט וואַרטן.

א וויג כ'זיץ און שניץ,
מייַן מעלאָכע — די שענסטע,
און גוט איז מיר איצט
באַם אָפענעם פענצטער.

שטעקט אַרייַן די לעוואָנע
איר פילאָסאָפישן קאָפּ,
דעם לאָמפּ פון מייַנע דייַגעס
דריי איך שטיל אַראָפּ.

זאָג מיר, הימלשע טאָכטער,
זעסט אַלץ דאָך מיסטאָם?
וואָס מאַכט די יאַבאָשע
און דער נאַסער יאַם?

מע זאָגט, אַז די פיש
זאָגן אַרויס זיך קעגן
די פייַער־סנאַריאַדן
דעם אַטאָם־רעגן...

און אַף דער יאַבאָשע
דער מאַלכאַמאָוועס וואָס טוט,
צי וואַשט ער נאָך אַלץ זיך
די אויגן מיט בלוט?

שווייַגט די לעוואָנע
און קושט מיך אין מויל,
באַם שניצן די וויג,
מייַן מעלאָכע — די שענסטע,
און איבער מייַן לייַב
גייט דורך א גרויל —
די הימלשע טאָכטער
פּרירט באַ מייַן פענצטער.

באַנאַכט אין קאַפע

טאָמער פאַלט אַראָפּ די וועלט פון דאַך
און ווערט צעבראָכן, ווי א פלאַש,
וועלן די שטיקער גלאָז
ליגן ווי שטערן אין אַש...
און איך וועל זיך פּלאָנטערן
איבער דער שטאָט באַנאַכט,
קיין שטיין אַף אוועקלייגן מייַן קאָפּ
אין ערגעץ ניט געפינען.

סע גייט ניט שלעכט די צייַט,
דער דזשאַז די גאַס פאַרשרייַט;
א באָכערל באַ פּויק און טאַצן
די אויגן קלוימערשט פאַרמאַכט,
ווי א זאַק אַף א וואָגן זיך וויגט —
„אייַך געפעלט, מיר געפעלט
אָט די קישעפדיקע מאָסקווער נאַכט!"
זאָל נאָר, ווי א פלאַש, די וועלט
ניט אַראָפּפאַלן פונעם דאַך.

דערמאָנט זיך מייַן יוגנט,
וואָס, מיר האָט זיך געדאַכט,
ביז איצט נאָך ליגט
אין האַרבן געפרוירענעם פעלד
באַ דער מאַמע־וואָלגע
אין די הויכע הורבעס שנייען.

א סאָלדאַט כ'בין. און איך רוק
אין די אָפּשלאַגן פון די אַרבל
שטיקער הימל;
ער שטאַרבט מיט הייסן אָטעם
פון פליִענדיקע פייַער־רעלסן,
קערט די אויגן אָפּ
פון דעם פּאָרהאַנג „קאַטיושע־ליכט".
(שטאַרבן, אין מיטן הימל שטאַרבן!)
ווידער פינצטער. סאָף וועלט.
צו די דייַטשישע אָקאָפּעס
נאָך א „צונג" איך קריך.
די הויט אָפּגעבריט פון קעלט,
איך האָב דעמלט ליב געהאַט
— „צונג"
ניט קיין געבראָטענע הינער.
גוט, וואָס די זומער־נאַכט

איז איצט אזוי מיידלש־יונג,
זי האָט מיר מײַן לעבן צ'ריקגעקערט,
געשענקט. ניט ווי זילבער־געלט
מע שענקט באַם ברעג טיש
נאָך דער וועטשערע דעם קאפּע־באַדינער.

כ'בין פול מיט געזאַנג,
מיט ווײַן און מיט אויגן
פון א פרוי קעגניבער מײַן טיש.
זי האָט א צווייטן, ניט מיך אויסגעשטעלט,
אים טויט און בלייך אזש געמאַכט.
נאָר ניט וועגן אים איצט געטראַכט,
געהאַט צאַר פון אונדזער וועלט,
זי זאָל קאַטש, ווי א פלאַש,
ניט אראָפּפאַלן פון דאַך.

צו דיר

דארפסט צעלייגן אין וואלד א שײַטער,
נעם דאָס פײַער פון מײַן בליק.
ווילסט אנטלויפן צו דײַן יוגנט,
איך וועל זײַן די בריק.
ווילסט צום שטערן יענעם ווײַטן,
פלי איך מיט דיר אָפּ!
זוכסט אן עמער טיף אין ברונעם,
לאָז איך זיך אראָפּ.
ווילסט, פון אומקום רעטן זאָל איך,
די גרויסע זון אין אָוונט־פלאַם,
צוליב דיר, מײַן ווײַב, מײַן מאלעך,
שווימט מײַן קאָפּ אין יאם.

א טראָפּן רעגן

א דאנק דיר, הימל,
פאר מײַן ערדישן גאניידן,
פון אים א גליקלעכער
מע קאָן אין גענעם גיין,
און נאָכדעם מעגן
אלע סאָנים מיך באריידן,
אז באַם לעבן
געווען כ'בין ניט מער,
ווי א טראָפּן רעגן
אין אייביקן וואלד
פון מענטשלעכע ליידן.

א טראָפּן רעגן
אָן א לעווײַע פארשווינדט,
און ניט פון עלנטקײַט
און ניט פון יענע וועגן,
ווו א גאנץ לעבן
מ'איז איינזאם און נאווענאד.

פון יענע וועגן,
ווו פון אָקאָפּ דעם קאָפּ
רוקט ארויס אונדזער טרוים,
צעברעך ניט, ווינט,
די צווײַגן און דעם בוים —

כ'בין געזעסן
און געלויכטן אף זײַן בלאַט!
א דאנק דיר, הימל,
פאר אָט דעם ערדישן גאניידן,
פון אים א גליקלעכער
מע קאָן אין גענעם גיין.

די קאסירשע

לויפט דאָס הארץ נאָך האָנאָראר,
און די קאסירשע איז אין באנק,
איך שטיי ביז זון־פארגאנג און ווארט,
ווי א ליכט דערבײַ איך צאנק.
און פּלוצעם ניכטער איך ווער,
דען געלט די וועלט איז בלויז אף דר'ערד? —
ס'לויפט מיך דורך אזא געדאנק...
א ווארט א מיידלס היילט דאָס הארץ,
די קוויט — זי בליט אין שפּעטן הארבסט,
א מענטשן מאכט דאָס געלט ניט קראנק, —
די קאסירשע איז אין באנק.
וואָלט זי געבראכט אין איר פּאָרטפעל
א שטיקל גרין באוואקסן פעלד,
א צווײַג, וואָס ציטערט זוניק־העל —
איך וואָלט איר מוחל זײַן מײַן געלט,
ווײַל אָן דעם פרײַען פעלד כ'בין קראנק,
ווי א ליכט דערבײַ איך צאנק —
די קאסירשע איז אין באנק.

וואָס טראַכט מען דאָרט אויבן?

פון איין זײַט אַלע ווייטעקן
פון א גאַנץ לעבן,
פון דער צווייטער זײַט —
דו אַף דער וואָג.
כ'קען דען צוויי לעבנס
דעם הימל געבן,
אז בלויז איין לעבן
איין מאָל אין לעבן כ'פאַרמאָג.
וואָס טראַכט מען דאָרט אויבן,
עמעץ האָט דאָרט א קאָפּ?
מײַן טרײַהײַט, מײַן גלויבן,
מע רויבט בא מיר אָפּ;
פון גאַנצפרי
ביז באַנאַכט — דײַן לעווײַע! —
און טויבן
פליִען איבערן קאָפּ,
צינדט אָן פײַער
אין אַלע שויבן,
לאָזט ניט מײַן כאַווער
אין גרוב אראָפּ.
און אויב יאָ? —
שטעלט מיך אוועק דאָ
פאַר אַן „אַגראַדע".
בא זײַן פרישן קייווער
מיט זשאַווער
זיך באַדעקן איך וועל
פון הארבסט
און פון רעגן,
פון ביטערע שנייען,
וואָס מאַכן דאָס לעבן
טיל־טעל.

מײַן איך

מײַן הויכגעשעצטער, טײַערער איך —
וויפל מאָל האָב איך דיך
צו דער וואַנט געשטעלט,
פאַר איבערקערן מיטן קאָפּ אראָפּ
די וועלט,
פון אָפּגרונט פינצטערן צו ליכט
געצויגן,
דו זאָלסט אַף דער ערד
ניט ארומגיין מיט א וואָלקן
אַף די אויגן!
מײַן הויכגעשעצטער, טײַערער איך,
איצט בעט איך דיך,
איך קען דיך און דו קענסט מיך,
זײַ מײַן קיניג —
איך דײַן קנעכט,
נאָר צינד מיך אונטער מיט פרילינג,
פאַר אַלע מײַנע פינצטערע נעכט!

היימישע מײַסעלעך

מיר האָבן אונטערן בערגל
באַם טײַכל געלעבט,
האָט מײַן כאַווער זיך איינמאָל
א באָרד צוגעקלעפּט.
א מעסער אַף דער קיך גענומען
און צו מיר, ווי א גאַזלען געקומען.
— וואָס ווילסטו, רויבער?
מײַן מאַמעס א זילבערנעם לײַכטער?
זאָג גלײַך מיר:
מײַן ברודערס סאָלדאַטסקע שטיוואַלעס?
מײַן טאַטנס
א טאָרע פון טאַלעס?
מײַן שוועסטערס כאַסענע־טיכל?
„קוילען דיך — איכל! —
געזאָגט האָט די באָרד. —
שטיי און ניט ריר זיך
איצט פונעם אָרט!
איך דאַרף ניט דײַן טאַטנס
א טאָרע פון טאַלעס,
דײַן ברודערס סאָלדאַטסקע שטיוואַלעס,
דײַן שוועסטערס א טיכל,
דעם זילבערנעם לײַכטער
דײַן מאַמעס,
קוילען דיך איכל,
אויב ניט געבן דו וועסט מיר
אַלע דײַנע גראַמען"...
בלייך געוועזן בין איך
אַזויווי די וואַנט,

און ער איז געשטאַנען
מיט א מעסער אין האַנט.
א רועך זאָל אַרײַן
אין זײַן מאַמען,
איך וועל אים געבן
א טאַרבעלע גראַמען...

צום ברעג

דער נעפּל
פאַרהענגט, פאַרהוילט
מײַן מאָרגן
אַזוי געדיכט,
אַז כ'הייב אָן
זיך א ביסעלע שרעקן —
איך בין ניט
געוווינט לעבן אָן ליכט,
טאַפּן
דעם וועג
מיט א שטעקן.
זעץ איך זיך אָן
אַף מײַנע לידער:
זײַט איר
מײַן פּראָזשעקטאָר,
ווען מײַן לעבן
אינמיטן יאַם
איז מיט וואָלקנס
באַדעקט.
דערזע איך: דער יאַם
זײַן אויסזען
בײַט.
און א זילבערן
שיפל
די כוואַליעס
צעשנײַדט,
מאַכט פרײַ זיך דעם וועג,
דורך שטורעם
צעקראַכטן,
און דאָס זילבערן שיפל,
קומט אָן צום ברעג —
די לעצטע
כוואַליעס
צעבראָכן!

אין דער בירעדלעכער פעלקער־מישפּאָכע

ס'איז אָנגענומען געוואָרן דער פּראָיעקט פונעם געזעץ וועגן דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט

אין העסקעם מיטן קאַפּיטל 2, אַרטיקל 86 פון דער קאָנסטיטוציע פון פּססר איז אין בירעבידזשאַן אויסגעאַרבעט געוואָרן אַ פּראָיעקט פונעם געזעץ וועגן דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט. דער פּראָיעקט איז באַהאַנדלט געוואָרן אויף אַ ספּעציעלער סעסיע פונעם געגנטלעכן סאָוועט פון פאָלקס־דעפּוטאַטן. מיט אַ פאָרטראָג איז ארויסגעטראָטן דער פאָרזיצער פונעם געגנטויספּירקאָם ס. מ. דוואַקין. אין דער באַהאַנדלונג פונעם פאָרטראָג האָבן אָנטיילגענומען די דעפּוטאַטן אי. ב. שאַפּיראָ — עלעקטראָמאָנטאַזשלער פונעם זאַוואָד פון קראַפט־טראַנספּאָרמאַטאָרס, וו. א. ליסענקאָ — פאָרזיצער פון דעם לענינסקער ראַיויספּירקאָם, מ. ד. סאָקאָלאָווסקי — שעף פון דער קולטור־פאַרוואַלטונג פון געגנטויספּירקאָם, פּ. ס. גליקשטיין — פאָרזיצער פונעם וואַלדהיימער קאָלווירט „איליטשס געבאָטן", נ. ג. ביקאָוו — פאָרזיצער פון דעם סמידאָוויטשער ראַיויספּירקאָם און אַנד.

— דער פּראָיעקט, וועלכער איז צוגעשטעלט געוואָרן צו דער באַהאַנדלונג, — האָט געזאָגט ס. ט. דוואַקין, — איז אַ וויכטיקער דאָקומענט. ער איז אַ וועזנטלעכער באַשטאַנדטייל פון די מאָסמיטלען, וועלכע זײַנען פאָרויסגעזען אין די באַשלוסן פונעם XXV און XXVI צוזאַמענפאָרן פון קפּסס אין געביט פון אַנטוויקלען די סאָציאַליסטישע מעלוכישקײַט. דעם פּראָיעקט פונעם געזעץ וועגן דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט האָט פאַנאַנדערגעאַרבעט אַ ספּעציעלע רעדאַקציאָנעלע קאָמיסיע, אין וועלכער ס'האָבן זיך באַטייליקט פאַראַנטוואָרטלעכע טוער פונעם געגנטלעכן אויספּירקאָם און פון דעם געגנטקאָם פון קפּסס, פון די אָפּטיילן און פאַרוואַלטונגען פונעם געגנטלעכן אויספּירקאָמיטעט, פאָרשטייער פון פּרעזידיום פונעם אויבער־סאָוועט פון רספסר. מיטן פּראָיעקט האָבן זיך באַקאַנט אַלע דעפּוטאַטן פון דעם געגנטלעכן סאָוועט, די אויספּירקאָמען פון די שטאָטישע און ראַיאָנישע סאָוועטן. אַלע באַמערקונגען און פאָרשלאָגן פון די דעפּוטאַטן, פון די אויספּירקאָמען פון די סאָוועטן און פון די געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס זײַנען באַטראַכט געוואָרן און האָבן באַקומען אַן אָפּשפּיגלונג אינעם פאָרגעשטעלטן דאָקומענט.

בײַסן באַהאַנדלען דעם פּראָיעקט האָבן די דעפּוטאַטן אָפּגעמערקט, אַז דאָס אָננעמען דעם געזעץ פון דער רוסלענדישער סאָציאַליסטישער פעדעראַטיווער סאָוועטן־רעפּובליק וועגן דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט וועט אָן סאָפעק ווערן אַ וויכטיקע געשעעניש אינעם לעבן פון די סאָוועטן און פון אַלע אַרבעטנדיקע פון דער געגנט, דאָס וועט נאָך מער העכערן דעם אווטאָריטעט און די אַקטיווקײַט פון די אָרטיקע סאָוועטן פון די פאָלקס־דעפּוטאַטן אינעם לייזן די פראַגן פון ווירטשאַפטלעכער און סאָציאַל־קולטורעלער בוייונג.

אויף דער סעסיע איז באַטאָנט געוואָרן, אַז די צווייטמאָל אָרדנטרעגערישע ייִדישע אווטאָנאָמע געגנט וועט אין מײַ 1984 אָפּמערקן איר 50־יאָריקן יובילעי. די געשיכטע פון דער שאַפונג פון דער געגנט איז אַ מערקווירדיקער באַווײַז פון פאָרקערפּערן אין לעבן דעם טריומף פון דער לענינישער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק, פון דער אומצעשטערבאַרער פרײַנטשאַפט און מיטאַרבעט פון דער איינהײַטלעכער בירעדרלעכער מישפּאָכע פון די סאָוועטישע פעלקער.

די דעפּוטאַטן האָבן גערעדט וועגן די דערגרייכונגען פון דער געגנט אין מעשעך פון די לעצטע יאָרצענדליקער. הײַנט־צו־טאָג איז די ייִדישע אווטאָנאָמע געגנט אַ רעגיאָן פון אַ הויך־אַנטוויקלטער אינדוסטריע און מעכאַניזירטער לאַנדווירטשאַפט. 50 אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען, וועלכע זײַנען דאָ טעטיק, פאַרנעמען אַ בעקאָוועדיק אָרט אין דער עקאָנאָמיק פונעם גאַנצן לאַנד. זייער פּראָדוקציע קאָן מען טרעפן אין אַלע רעפּובליקן און געגנטן פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד, זי ווערט עקספּאָרטירט אויך אין אַ ריי אויסלענדישע מעלוכעס. אין פאַרגלײַך מיטן 1934 יאָר איז דער פאַרנעם פון דער אינדוסטריעלער פּראָדוצירונג געשטיגן מער ווי אין 28 מאָל.

פאַר די דאָזיקע יאָרן האָט זיך ברייט און פילצווײַגיק אַנטוויקלט די לאַנדווירטשאַפט. אויף דער טעריטאָריע פון דער געגנט פונקציאָנירן הײַנט 37 סאָווירטן און 2 קאָלווירטן, אַן אויפּעס־פאַבריק, אַ לאַנדווירטשאַפטלעכע און מאַשין־פיציכטלערישע פּרוווּסטאַנציעס, 5 בינענציכטלערישע סאָווירטן. די פאַרזיי־שעטאָכים פון די דאָזיקע אונטערנעמונגען באַטרעפן העכער 160 טויזנט העקטאַר, דה., אין פאַרגלײַך מיטן 1934 האָבן זיי זיך פאַרגרעסערט אין 5,7 מאָל. די סאָווירטן און קאָלווירטן פאַרמאָגן 2700 טראַקטאָרס, באַ 800 אווטאָמאָבילן, 600 קאָמבײַנען און אַ סאַך אַנדערע טעכניק. אַלע ווירטשאַפטן זײַנען עלעקטריפיצירט, די גרונט־פּראָצעסן אין דער פעלדצוכט און פיצוכט — מעכאַניזירט. מער ווי אין 8 מאָל איז זינט דעם 1934 געשטיגן די צאָל האָרנפי.

ווי אינעם גאַנצן לאַנד, איז אין דער געגנט ברייט אַנטקוויקלט די קולטור און די קונסט, די געזונטפאַרהיטונג און די פאָלקסבילדונג. אין 1981 איז אין בירעבידזשאַן אויסגעבויט געוואָרן אַ פּרעכטיקע געבײַדע פאַרן פּיאָנערן־פּאַלעץ. אויב אין 1928, ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן די איבערוואַנדערונג קיין בירעבידזשאַן, זײַנען אויף דער טעריטאָריע פון דער געגנט פּראַקטיש ניט געווען קיין קלובן און ביבליאָטעקן, זײַנען דאָ איצט פאַראַן 120 קולטור־הײַזער און קלובן, 118 ביבליאָטעקן, 8 מוזיקאַלע שולן. עס טרעטן דערפאָלגרײַך אַרויס דער ייִדישער און רוסישער פאָלקס־טעאַטער, די געגנטלעכע פילהאַרמאָניע מיט אַ ריי שעפערישע קאָלעקטיוון און סאָליסטן, דער ייִדישער מוזיקאַלער קאַמער־טעאַטער. ס'איז טעטיק אַ געגנטלעכע ליטעראַרישע פאַראייניקונג.

אויף אַ ראַדיקאַלן אויפן האָט זיך געענדערט די מעדיצינישע באַדינונג פון דער באַפעלקערונג. אין

דער געגנט פונקציאָנירן איצט 30 שפּיטאָלן, 9 פּרויִשע און 14 קינדערישע קאָנסולטאַציעס, 82 פעלדשער־אַקושערישע פּונקטן, 24 אַפּטייקן. אין די הייל־פּראָפילאַקטישע און אַפּטייק־אַנשטאַלטן אַרבעטן בא 400 דאָקטוירים, העכער 130 פאַרמאַצעווטן און מער פון 1800 טוער פון מיטעלן מעדיצינישן אַמט.

מיט שנעלע טעמפּן וואַקסט דער וווילשטאַנד פון די אַרבעטנדיקע. עס העכערט זיך דער בילדונגס־ניוואָ פון די אַרבעטער, אינזשעניער־טעכנישע טוער און אָנגעשטעלטע. אין 1939 האָט די צאָל ספּעציאַליסטן מיט הויכבילדונג באַטראָפן ווייניקער פון 200 מענטשן, אַצינד אַרבעטן אין פאַרשיידענע געביטן פון דער פאָלקסווירטשאַפט העכער 3 000 ספּעציאַליסטן מיט הויכבילדונג.

דער עלעקטראָמאָנטאַזשלער פונעם זאַוואָד פון קראַפט־טראַנספאָרמאַטאָרס דעפּוטאַט אי. ב. שאַפּיראָ האָט אין זײַן אַרויסטרעטונג געזאָגט:

— צווישן די אַרבעטער פון אונדזער אונטערנעמונג מיִען זיך פאָרשטייער פון 11 נאַציאָנאַליטעטן — רוסן, ייִדן, אוקראַיִנער, ווײַסרוסן און אַנד. דאָס איז אַן איינהײַטלעכע אַרבעטער־מישפּאָכע. דאָס באַהאַנדלען דעם פּראָיעקט פונעם געזעץ וועגן דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט זאָגט איידעס וועגן דער קעסיידערדיקער אויפמערקזאַמקייט, וואָס די קאָמוניסטישע פּאַרטיי און די סאָוועטישע רעגירונג שענקען דער אַנטוויקלונג פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן פון אונדזער לאַנד. די אַרבעטנדיקע פון אונדזער געגנט — צו וועלכער נאַציאָנאַליטעט זיי זאָלן ניט געהערן — זײַנען פולבאַרעכטיקטע בירגער פון פּסר און באַטייליקן זיך אַקטיוו אין דער עקאָנאָמישער און סאָציאַל־קולטורעלער בויונג, אין דער פאַרוואַלטונג מיט די מעלוכישע איניאָנים. יאָ, מיר האָבן גרויסע דערגרייכונגען! פון אַן אונטערנעמונג, וועלכע פלעגט פריִער אויסאַרבעטן עמערס און צוועקעס, ביז דער הײַנטיקער פּראָדוקציע — קאָמפּלעקטנע טראַנספאָרמאַטאָרסטאַנציעס, סטאַביליזאַטאָרס פאַר טעלעוויזאָרס און סכוירעס פון שטייגער־כימיע — איז פאָלג מיך א גאַנג!

— באַהאַנדלענדיק הײַנט דעם פּראָיעקט פונעם געזעץ פון דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט, — האָט געזאָגט דער פאָרזיצער פון דעם וואַלדהיימער קאָלווירט „איליטשס געבאָטן“ דעפּוטאַט פּ. ס. גליקשטיין, — ווילט זיך באַטאָנען, אַז מיר טוען עס מיט א געפיל פון געזעצלעכן שטאָלץ: אין דער ברידערלעכער פעלקער־מישפּאָכע פון דער רוסלענדישער פעדעראַציע לעבט מיט א פולבלוטיק לעבן און אַנטוויקלט זיך אויף די רעכט פון דער סאָוועטישער אווטאָנאָמיע אונדזער ייִדישע אווטאָנאָמע געגנט. די עקזיסטענץ און די אַנטוויקלונג פון דער געגנט איז אַן אויסדרוק פון דער קלוגשאַפטלעכער לעניִנישער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק, וועלכע ס׳פירט דורך די קאָמוניסטישע פּאַרטיי און די סאָוועטישע רעגירונג.

פּ. ס. גליקשטיין האָט ווײַטער דערציילט, וויאַזוי ס׳איז אויסגעוואַקסן דער קאָלווירט „איליטשס געבאָטן“, וועלכער איז אַנטשטאַנען אויפן אָרט, וווּ צוריק מיט עטלעכע צענדליק יאָר האָט נאָך גערוישט די ווילדע טײַגע. און ווען דער דעפּוטאַט האָט גערעדט, זײַנען בא א סאַך פון די, וועלכע זײַנען געזעסן אין זאַל, אויפגעשטאַנען אין זיכּאָרן די אָנגעשריבענע אין 1937 שורעס פונעם באַרימטן ייִדישן דיכטער אַרן קושניראָוו:

געקומען זײַנען מיר א הײַפעלע, ניט מער,
ווי גרויס און רײַך אין צאָל מיר האָבן זיך פאַרמערט.
זאָל זײַן געבענטשט פון קומען אונדזערן די שאָ,
ווײַל היים און היימלעכקײַט און היימלאַנד איז איצט דאָ.

— און ס׳איז טאַקע פאַראַן מיט וואָס צו שטאָלצירן, — האָט פאָרגעזעצט דער דעפּוטאַט. — לויט די סאַכאַקלען פונעם אַכטן פינפיאָר איז דער קאָלווירט „איליטשס געבאָטן“ באַלוינט געוואָרן מיט אַן אָרדען פון דער רויטער אַרבעטס־פאָן. פאַר די דערגרייכונגען אינעם נײַנטן פינפיאָר האָט ער באַקומען אַן אָנדענק־צייכן פונעם צק קפּסס, פון ווצספּס און צק אַללקיופּ, „פאַר אַרבעטס־העלדנמוט“, און לויט די סאַכאַקלען פונעם צענטן פינפיאָר — די איבערגייענדיקע רויטע פאָן פון צק קפּסס, מיניסטאָרן־ראַט פון פּסר, ווצספּס און צק אַללקיופּ. אינעם לעצטן פינפיאָר איז דער פאַרנעם פון דער ברוטאָ־פּראָדוקציע פון אונדזער ווירטשאַפט אויסגעוואַקסן פון 1,6 ביז 2,3 מיליאָן רובל, באַזונדערס האָט זיך פאַרגרעסערט די אויסאַרבעטונג פון גרינס, מילך און פלייש. פאַר די לעצטע פינף יאָר זײַנען רעאַליזירט געוואָרן העכער 5 מיליאָן רובל קאַפּיטאַל־אײַנלאַגן, מיר האָבן אויסגעבויט בא 4 000 קוואַדראַטע מעטער נײַע וווינונגען...

4 000 קוואַדראַטע מעטער נײַע וווינונגען פאַר פינף יאָר אין איין קאָלווירט! ווי זשע זאָל מען דאָ ווידער ניט ברענגען דעם דיכטערס שורעס:

די ערשטע שטוב, וואָס מיר האָבן דאָ אויפגעשטעלט,
איז אויך געווען א פרישע נײַע וועלט.
פון ערשטן קוימען אונדזערן דער רויך
ווי פריילעך האָט אוועקגעצויגן זיך אין בלויער הייך!..

א מערקווירדיקער פאַרגלײַך: דאָ, וווּ עס האָט אומבאַגרענעצט געהערשט דער געזעץ פון דער טײַגע, וווּ עס זײַנען געווען זומפּן און קאָטשקעס, ווערט איצט אומבאַגרענעצט הערשן דער געזעץ פון דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט!

די סעסיע פונעם געגנטלעכן סאָוועט האָט באַשלאָסן:

באַוויליקן דעם פּראָיעקט פונעם געזעץ פון רספסר וועגן דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט.

אין העסקעם מיטן אַרטיקל 82 פון דער קאָנסטיטוציע פון רספסר אַרײַנטראָגן דעם פּראָיעקט פונעם געזעץ פון רספסר וועגן דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט אויף דער באַטראַכטונג פונעם אויבער־סאָוועט פון דער רוסלענדישער סאָציאַליסטישער פעדעראַטיווער סאָוועטן־רעפּובליק.

אין סאָף נאָיאַבער — אָנהייב דעקאַבער 1981 איז פאָרגעקומען די פערטע סעסיע פונעם אויבער־סאָוועט פון רספסר. די סעסיע האָט אָנגענומען די געזעצן וועגן די אווטאָנאָמע געגנטן פון רספסר — אַדיגייער, באַרג־אַלטײַער, ייִדישער, קאַראַטשײַעוו־טשערקעסער, כאַקאַסער, ווי אויך א באַשטימונג וועגן דער אָרדענונג פון אײַנפירן די געזעצן אין טאַט.

ביראָבידזשאַן אין דער שאַפונג פון אַרטיקע קינסטלער

(איבערגעדרוקט פונעם „ביראָבידזשאַנער שטערן")

1

2

3



4

5

6

1. ל. שוועץ. דאָס הארבסטיקע פעלד
2. ל. שוועץ. אין א הארבסטיקן טאָג
3. אָ. עסקין. א נײַער מיקראָראיאָן
4. אָ. עסקין. אפן ברעג פון דער בירע
5. אָ. עסקין. אף א שפּאציר
6. א. עסקין. יונגע מאָלער

סאַמועל לעווי (פּשאַ)

בריוו פֿון וואַשינגטאָן

וויַאזוי ווערט אָפּגעשאַצט די „נײַע ייִדישע טאָג־אָרדענונג פֿון אַקציעס"

אין 1980 איז אין וואַשינגטאָן געווען זייער אַ קאַלטערווינטער. פֿון אַזעלכע פֿרעסט האָט די אַמעריקאַנער הויפּטשטאָט ניט געוווּסט שוין הונדערט יאָר. די וואַשינגטאָנער האָבן געקוקט אויף די קעלטן, ווי אויף אַ סטיכיייִשן אומגליק, וואָס קעגן אים איז אומבאַהאָלפֿן אונדזער ציוויליזאַציע. צײַטנווײַז האָט זיך געדוכט, אַז דער שנײַדנדיק־פּראָסטיקער ווינט וועט אָט־אָט אומוואַלגערן אויפֿן טראָטואַר די דורכגייער.

עס האָט געמאַכט דעם אײַנדרוק, אַז די נאַטור גופֿא וויל זיך צופּאַסן צום נײַעם פּאָליטישן קלימאַט, וועלכער איז געקומען אין דער שטיל געוואָרענער און פֿאַרפֿרוירענער שטאָט אויף די ברעגן פֿונעם טײַך פּאָטאָמאַק. דער פּאָליטישער ציקלאָן, וואָס האָט זיך דורכגעטראָגן איבער אַמעריקע, האָט געבראַכט קיין וואַשינגטאָן די טרוקענע ווינטן פֿון דער קאַלטער מילכאָמע. די הויפּטשטאָט פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן האָט זיך געטוליעט פֿון קעלט און געוואַרט אויפֿן אָנקום פֿון דער נײַער אַדמיניסטראַציע, וועלכע האָט אַזוי אָפֿן, אָן צערעמאָניעס, פּראָקלאַמירט אירע רעאַקציאָנערע צילן אין די פֿראַגן פֿון דער אינערן־ און אויסערן־פּאָליטיק. אַזעלכע קלאָרע דיבורים האָט מען דאָ שוין לאַנג ניט געהערט — אויב ניט הונדערט יאָר, איז, לעכאַפּאָכעס, אַ יאָר דרײַסיק, זינט דעם מעשוגענעם סענאַטאָר דזש. מאַקאַרטי, וואָס זײַן נאָמען האָט באַקומען איינער פֿון די פֿינצטערסטע פּעריאָדן אין דער אַמעריקאַנער געשיכטע.

קריסטמעס, דאָס הייסט נײַ־יאָר... אין אָט דעם טראַדיציאָנעלן פֿאַמיליען־יאָמטעוו פֿון די אַמעריקאַנער איז די שטאָט, ווי ס'האָט זיך געדוכט, געוואָרן עפּעס פּוסט. בײַ די וויטרינעס, וווּ מע האָט ערעוו יאָמטעוו אַזוי שרײַענדיק רעקלאַמירט דעם אויספֿאַרקויף פֿון סכוירעס, האָט מען קיין קויפֿער־האַמוינים ניט געזען.

דערפֿאַר איז געווען צו באַמערקן, ווי אין די עטוואָס פֿאַרטונקלטע פֿענצטער פֿון די הײַזער ווינקען די לעמפּעלעך פֿון גירלאַנדעס, וועלכע באַפּוצן די נײַ־יאָר־יאָלקעס. וואָס איז שײַך די פֿרומע אַמעריקאַנער ייִדן, האָבן זיי זיך פֿאַרזאַמלט ניט אַרום די יאָלקעס, נאָר גיכער אַרום מענוירעס. דער לייענער וועט אַוודע פֿרעגן, ווי קומען צום קריסטמעס מענוירעס? די מײַסע איז, וואָס די פֿירער פֿון די אַמעריקאַנער סינאַגאָגעס האָבן זיך געסטאַרעט פֿאַרוואַנדלען דעם יאָמטעוו כאַנעקע, וואָס פֿאַלט אויס קימאַט אין איין צײַט מיטן קריסטמעס, אין אַן עקוויוואַלענט פֿון אָט דעם קריסטלעכן נײַ־יאָר־יאָמטעוו. און זאָלן די פֿרומע אַמעריקאַנער ייִדן פֿילן זיך אין דעם טאָג „מיט אַלעמען גלײַך", זאָלן זייערע קינדער פֿאַנאַנדערוויקלען די מאַטאָנעס אין אַ גלאַנציקער פֿאַרפּאַקונג, געפֿינענדיק זיי באַהאַלטן אונטער דער מענוירע.

אין אָט די פּראָסטיקע נײַ־יאָר־טעג האָט געהערשט אַ שטאַרקע אויפֿרעגונג אין דער צאָפֿן־מײַרעוודיקער פֿאָרשטאָט פֿון וואַשינגטאָן, וווּ עס געפֿינען זיך די לערן־קאָרפּוסן פֿונעם אַמעריקאַנער אוניווערסיטעט. דאָרט האָט מען געקאָנט זען אַ פֿאַרשיידנאַרטיקן עולם — סטודענטן פֿונעם ערשטן קורס און גרײַז־גראָווע דזשענטלמענער, עס האָבן זיך געוואָרפֿן אין די אויגן אַלטע אויסגעריבענע דזשינסן פֿון יונגע „היפּיס" און רעספּעקטאַבעלע פֿוטערס פֿון פּראָפֿעסאָרן. דאָ איז פֿונעם 24 ביז 28 דעקאַבער 1980 פֿאָרגעקומען די גרינדונגס־קאָנפֿערענץ פֿון דער אָרגאַניזאַציע „נײַע ייִדישע טאָג־אָרדענונג".

זוכנדיק אַן אַלטערנאַטיוו צו דער אַקציעס־פּראָגראַם

די „נײַע ייִדישע טאָג־אָרדענונג פֿון אַקציעס" האָט הינטער זיך אַ גאַנץ רײַכע געשיכטע. שוין ניט דאָס ערשטע יאָר לאָזט זיך פֿילן אין דער ייִדישער סוויווע פֿון אַמעריקע די העפּ־

קיירעס־אטמאָספער פון דער שאָוויניסטישער פּראָפּאגאנדע, וואָס ווערט געפירט אונטער די לאָזונגען „פארטיידיקן ייִסראָעל" און „אויסלייזן די סאָוועטישע ייִדן". מע דארף געדענקען, אז נאָכן יאָר 1967 זײַנען אריבער אף פּראָציִעניסטישע פּאָזיציעס ניט ווייניק ייִדישע אָרגאניזאציעס, צוזאמען מיט דער צײַטונג „מאָרגן־פרײַהײַט", וועלכע האָבן פריִער אונטערגעהאלטן א פארבינדונג מיט דער אמעריקאנער קאָמוניסטישער פּארטיי. קימאט אין דער זעלבער צײַט האָבן איבערגעריסן זייערע קאָנטאקטן מיט דער „נײַער לינקער באוועגונג" פיל באקאנטע ראדיקאלע ייִדישע טוער. קעגן די פּראָגרעסיווע עלעמענטן אף דער ייִדישער גאס איז פאנאנדערגעוויקלט געוואָרן א שמוציקע פּראָפּאגאנדיסטישע קאמפּאניע. די מינדסטע קריטיק אפן אדרעס פון דער ייִסראָעל־רעגירונג און פון די אמעריקאנער ציִעניסטישע אָרגאניזאציעס איז דערקלערט געוואָרן אלס „פאראט פון די ייִדישע אינטערעסן", אפילע אלס „ייִדישער אנטיסעמיטיזם". דעריבער האָבן פיל אמעריקאנער ייִדן, וועלכע זײַנען געווען געשטימט פּראָגרעסיוו, ניט געקאָנט פאנאנדערקלײַבן זיך, ווו איז עמעס און ווו פירט מען זיי פאר דער נאָז.

די „יאָמקיפּער־מילכאָמע" (דער ייִסראָעל־אראבישער קריג אין אָקטיאבער 1973) איז געווען דער אָנהייב פון א שווערער אויסניכטערונג. ס'האָט זיך אָנגעהויבן א פײַנלעך זוכן דעם אויסוועג פונעם טעמפּן ווינקל, וווהין עס האָט פארפירט דאָס בלינדע שטיצן ייִסראָעל. די ערשטע שוואלב איז געווען די אָרגאניזאציע „בריירע". שוין דער נאָמען פון דער אָרגאניזאציע האָט געזאָגט, אז מע מוז זוכן אן אלטערנאטיוו דער מילכאָמע און דעם שאָוויניזם. אָבער אין 1978 האָט „בריירע" ניט געקאָנט אויסהאלטן די קלעפּ פון די אמעריקאנער ציִעניסטן און פון דער בעגין־רעגירונג. זי איז צעפאלן געוואָרן. דאָס איז פּאָרגעקומען גראָד אין דער צײַט, ווען די אָנפירער פון „בריירע" האָבן געשטעלט די פראגע, אז מע מוז אנערקענען די געזעצלעכע רעכט פונעם פּאלעסטינער פּאָלק און זיי האָבן אײַנגעשטעלט א קאָנטאקט מיט די פאָרשטייער פון דער אָרגאניזאציע צו באפרײַען פּאלעסטינע.

ניט געקוקט אף די דורכפאלן, זײַנען די פּרוּוון צו אופלעבן דעם לינקן פליגל אין ייִדישן געזעלשאפטלעכן לעבן ניט איבערגעריסן געוואָרן. אין 1979 איז אופגעקומען די אָרגאניזאציע „שאלאָם נעטוואָרג" („די נעץ פון שאָלעם"), אין וועלכער עס זײַנען ארײַן העכער 20 לינקע גרופּעס פון ניו־יאָרק, פילאדעלפיע, טשיקאגאָ, באָסטאָן, סיִעטל, סאן־פראנציסקאָ און אנדערע גרויסע שטעט, וועלכע זײַנען ארויסגעטראָטן מיט פּאציפיסטישע לאָזונגען. די אָרגאניזאציע „שאלאָם נעטוואָרג" האָט אָפן פּראָקלאמירט (אין סענטיאבער 1980) די נייטיקײַט צו אנערקענען די רעכט פונעם פּאלעסטינער פּאָלק אף זעלבסטבאשטימונג. די דאָזיקע אָרגאניזאציע האָט אויך אונטערגעהאלטן דעם „אָרגאניזיר־קאָמיטעט פאר א נײַער ייִדישער טעטיקײַט־פּראָגראם", וואָס איז געשאפן געוואָרן אין זעלבן יאָר און די מערהײַט זײַנע איז באשטאנען פון געוועזענע אקטיוויסטן פון דער אָרגאניזאציע „בריירע". דער קאָמיטעט האָט דערקלערט, אז זײַנע אָנטיילנעמער „זײַנען באאומרויִקט דערפון, וואָס די ייִדישע קעהילע טרעט אָפּ פונעם שטיצן די סאָציִאלע אקציעס, זי זאָגט זיך אָפּ פון אָפענע אינערלעכע דיסקוסיעס". אין דער זעלבער צײַט איז דער קאָמיטעט ארויסגעטראָטן קעגן דער שמאָלער אָריִענטאציע אף „ריין ייִדישע פראגן" און געשטעלט אלס אופגאבע צו פעסטשטעלן די פּאָזיציעס אין אזעלכע פּראָבלעמען, ווי „עקאָנאָמישער יוישער, עקאָלאָגישע פראגן, ענערגעטישע פּאָליטיק, הונגער אין דער וועלט, באציִונגען צווישן די עטנישע און רעליגיִעזע גרופּעס, אפירמאטיווע[1] אקציעס, גלײַכבארעכטיקונג פון די פרויען" אאוו.

אין אָנהייב 1980 האָט דער דאָזיקער קאָמיטעט אָנגעהויבן ארויסגעבן א ביולעטען אונטערן נאָמען „טאָג־סידער". אין ביולעטען האָט זיך פאנאנדערגעוויקלט א לעבהאפטע דיסקוסיע וועגן א ברייטן קרײַז פּאָליטישע פראגן. וויִאזוי עס איז צוגעגאנגען די דאָזיקע דיסקוסיע, קאָן מען זען, אשטייגער, פון א בריוו, וועלכן ס'האָט פארעפנטלעכט אין ביולעטען א ייִד פון טשיקאגאָ ערווין סאלקא. „עס איז ניטאָ אזא זאך, ווי די מאָנאָליטע שטים פון די ייִדן אין די פאראייניקטע שטאטן, כאָטש דער ייִדישער איסטעבלישמענט פּרוּווט מאכן דעם אָנשטעל, אז ער רעדט אין נאָמען פון אלע ייִדן. א היפּשער טייל פון דער ייִדישער באפעלקערונג איז עמאָציִאָנעל אופגעבראכט איבער דער פראגע וועגן ייִסראָעל, מע זאָגט זיך אָבער אָפּ ארויסצוטרעטן קעגן דעם ייִדישן איסטעבלישמענט און קעגן דער רעגירונג פון ייִסראָעל. א גרויסער טייל פון דער ייִדישער באפעלקערונג אין אמעריקע, אויך א גרויסער טייל פון דער באפעלקערונג פון ייִסראָעל, טרעט ארויס פאר שאָלעם, פאר טייקעפדיקע אונטערהאנדלונגען, פאר אָפּשטעלן די פײַנטלעכע אקציעס. צײַטנווײַז דוכט זיך, אז די ייִסראָעלדיקע רעגירונג טוט אלץ, וואָס מעגלעך, קעדיי מיט איר טעטיקײַט אָדער אומטעטיקײַט פארניכטן די מעלוכע ייִסראָעל. קעגן אזא פּאָליטיק דארף מען פירן א קאמף פּונקט אזוי, ווי פיל פון אונדז האָבן געפירט א קאמף קעגן דער רעגירונג פון די פאראייניקטע שטאטן פון אמעריקע בייס דער מילכאָמע אין וויעטנאם. די בעגין־רעגירונג, אויך דער ייִדישער איסטעבלישמענט אין די פאראייניקטע שטאטן האָבן דאָס רעכט צו ריידן אין נאָמען פון די ייִדן ניט מער, ווי דער יעפּיסקאָפּ מוזאָרעוו, דער הויפּט פון דער ראָדעזיע־רעגירונג מעג ריידן אינעם נאָמען פון דעם פּאָלק פון זימבאבווע. יאָ, מיר האלטן אונטער דעם קיִעם פון דער מעלוכע ייִסראָעל, אָבער ניט ייִסראָעל

---

[1] אפירמאטיווע אקציעס — מאָסמיטלען צו ליקווידירן די ניטגלײַכבארעכטיקונג פון די נעגערס באם באקומען ארבעט און בילדונג.

אלס קריגס־באסטיאָן פון די פאראייניקטע שטאטן אפן נאָענטן מיזרעך. מיר זייַנען אָנהענגער פון אן אנטוויקלונג, וואָס איז נוצלעך פאר אלע פעלקער פונעם נאָענטן מיזרעך". אזוי האָט געשריבן אן אמעריקאנער ייִד פון א גאנץ יאָר!

אינעם קאמף ארום די פראגן וועגן דער קינפטיקער טעטיקייַט־פּראָגראם פון די לינקע קויכעס אין דער אמעריקאנער ייִדישער געזעלשאפטלעכקייַט האָבן זיך אָבער געהערט אויך אנדערע שטימען. אקטיוו איז געווען די „קאָאליציע פון דעמאָקראטישע ציִעניסטן", אין וועלכער ס'זייַנען אריין די אמעריקאנער פיליאלן פון די לינק־סאָציאליסטישע פארטייען פון ייִסראָעל מאפאם, „שעלי", „באוועגונג פאר בירגער־רעכט" אדג. זיי זייַנען גרייט געווען צו שטיצן יעטווידע קריטיק קעגן דער בעגין־רעגירונג, אפילע די סאמע שארפע, מע זאָל אָבער ניט אָנווייַזן אף די ציִעניסטישע וואָרצלען פון אָט דער רעגירונג, די „לינקע" ציִעניסטן האָבן, אגעוו, אקטיוו פּראָפּאגאנדירט דעם פאלשן טעזיס, אז „דער ציִעניזם איז די נאציאָנאלע באפרייַונגס־באוועגונג פונעם ייִדישן פאָלק".

באקומען האָט זיך אזוי, אז צווישן די 700 אָנטיילנעמער פון דער גרינדונגס־קאָנפערענץ פון דער „נייַער ייִדישער טאָג־אָרדענונג פון אקציעס", וועלכע האָבן זיך פארזאמלט אין וואשינגטאָן אין דעקאבער 1980, זייַנען געווען פארטראָטן אָנהענגער פון פארשיידענע אידעאָלאָגישע שאטירונגען. דאָס האָט בעפירעוש זיך געלאָזט פילן אינעם כאראקטער פון די דעבאטן צווישן די דעלעגאטן. די מערהייַט פון זיי האָט אָבער אונטערגעהאלטן די פּלאטפאָרם, וואָס האָט גערופן צו נעמען אן אקטיוון אָנטייל אין קאמף פון די דעמאָקראטישע קרעפטן פון די פאראייניקטע שטאטן קעגן דעם אָנגריף פון די קויכעס פון רעאקציע און מיליטאריזם.

צווישן די רעזאָליוציעס, וועלכע די קאָנפערענץ האָט באוויליקט, איז געווען אויך אזא: „מיר ווילן זען אין אמעריקע עקאָנאָמישן יוישער, ווען דער דעמאָקראטישער קאָנטראָל איבער די רעסורסן און די זאָרג וועגן די מענטשלעכע באדערפענישן זאָלן פארבייַטן די מאכט פון קאָרפּאָראציעס, דעם דרוק און די עקספּלואטאציע. די פאראייניקטע שטאטן נייטיקן זיך אין א גוטער מעדיצינישער באדינונג, אין פּאסיקע וווינונגען, אין פולער באשעפטיקטקייַט, אין גאסן, ווו עס דראָעט ניט קיין געפאר, אין אָפּהיטן די ארומיקע סוויווע און די ארבעטס־סוויווע, אין בילדונג פאר אלע בירגער. איינע פון די הויפּט־פּראָבלעמען איז די שלעכטע אייַנגעאָרדנטקייַט אין די שטעט, ווו מיר לעבן, דער כורבן אין דער קאָמונאלער באדינונג, דער וווּקס פון פארברעכנס, די אָרעמעלייַט, וואָס פארלירן זייערע ארבעט־פּלעצער, דערונטער די אָרעמע ייִדן. דאָס פירט צו דעפּרעסיע און צו מוירע, צו ראסיזם און אנטיסעמיטיזם. מיר זייַנען דערפאר, אז די פּראָבלעמען זאָלן געלייזט ווערן דורך א דיאלאָג צווישן די גרופּעס און עס זאָלן איבערגעגעבן ווערן אונטער דעם אלגעמיינעם קאָנטראָל די גרונט־רעסורסן. פאר אלע ארבעטער דארף זייַן גאראנטירט דאָס רעכט צו אָרגאניזירן פּראָפאריינען, אף וועלכע מע פאלט איצט אָן. מיר האלטן אונטער די אפירמאטיווע טעטיקייַט מיטן ציל צו ליקווידירן די פאָלגן פון דער ניט־גלייַכבארעכטיקונג, מיר טרעטן ארויס קעגן אָפּשאפן די געזעצגעבונג וועגן בירגער־רעכט". אין א צווייטער רעזאָליוציע ווערט געזאָגט: „מיט דער הילף פון די נייַע אלטערנאטיוון פון שאָלעם און פּראָגרעס דארף מען צערייַסן דעם ציקל קריגס־צוגרייטונגען און די צוגרייטונג צו א מילכאָמע. מע דארף זיך דערשלאָגן, אז עס זאָלן באגרענעצט ווערן די באוואָפענונגען, באזונדערס די נוקלעארע. מיר האלטן אונטער דעם באפרייַונגס־קאמף אין גאָר דער וועלט. מיר טרעטן ארויס קעגן אן אינטערווענץ פון דער רעגירונג פון די פאראייניקטע שטאטן, קעגן אונטערהאלטן מיליטעריש און עקאָנאָמיש די דיקטאטאָרישע רעזשימען".

די אָנטיילנעמער פון דער קאָנפערענץ האָבן אָפּגעמערקט, אז „דער איצטיקער קריזיס האָט געבראכט צו א דראמאטישן וווּקס פון אנטיסעמיטיזם און ראסיזם", זיי האָבן דערקלערט, אז „זיי טרעטן ארויס אנטשיידן קעגן אלע פאָרמען פון אנטיסעמיטיזם, ראסיזם און רעכטן טעראָר". אין דער רעזאָליוציע ווערט באטאָנט: „מיר ווילן פאראייניקן זיך אין א ברייטער אנטיראסיסטישער קאָאליציע מיט די נעגרען, שפּאנישע אמעריקאנער, אמעריקאנער פון אזיאטישער אָפּשטאמונג, אינדיאנער און אנדערע עטנישע גרופּעס, אויך מיט די פּראָפאריינען, מיט די לינקע און מיט אנדערע פּראָגרעסיווע אָרגאניזאציעס. שאפנדיק די דאָזיקע קאָאליציע, וועלן מיר זיך סטארען מאכן א סאָף צו דער איזאָליאציע פון די ייִדן... קוידעמקאָל פארפליכטן מיר זיך אופצושטעלן די באציִונגען מיט דער געמיינדע פון די נעגערס".

די פּראָגראם, וועלכע די „נייַע ייִדישע טאָג־אָרדענונג פון אקציעס" האָט אָנגענומען, האָט א וויכטיקע באדייַטונג באם מאָביליזירן די ייִדישע מאסן צום קאמף פאר שאָלעם און סאָציאלן פּראָגרעס, קעגן דער הערשאפט פון די מאָנאָפּאָליעס און קעגן דעם באוואָפענונגס־געיעג. ווי עס האָט אָפּגעמערקט דער שעף־רעדאקטאָר פונעם זשורנאל „דזשויִש אפערס" („ייִדישע איניאָנים"), דער אָנגעזעענער טוער פון דער קאָמוניסטישער פּארטיי פון די פאראייניקטע שטאטן הערבערט אָפּטעקער אין זייַן ארויסטרעטונג דעם 15 פעווראל 1981 אין לאָס־אנדזשעלעס, איז די שאפונג פון דער דערמאָנטער אָרגאניזאציע א „פּאָזיטיווער טראָט פאר אלע פרייַנט פון דעמאָקראטיע און שאָלעם". די פּלאטפאָרם פון דער „נייַער ייִדישער טאָג־אָרדענונג פון אקציעס" גיט א מעגלעכקייַט צו פאראייניקן ברייטע שיכטן פון די ייִדישע ארבעטנדיקע פון אמעריקע אף א פּראָגרעסיוון יעסאָד.

די „נייַע ייִדישע טאָג־אָרדענונג פון אקציעס" האָט שארף קריטיקירט די בעגין־רעגירונג, גערופן ייִסראָעל צו „אופהערן בויען יישווים

אָף די אָקופירטע טעריטאָריעס און דערשלאָגן זיך צו א שאָלעם מיט די שכייניש אראבישע מעלוכעס און מיטן פאלעסטינער פאָלק", אנערקענען די רעכט פון די פאלעסטינער צו שאפן אן אייגענע מעלוכע. „דאָס דערגרייכן אזא שאָלעם דורך אונטערהאנדלונגען וועט געבן ייִסראָעל א מעגלעכקײַט צו מאכן א סאָף צום אמאָראלישן פארוואלטן מיט די פאלעסטינער אראבער אפן מײַרעוו־ברעג און אינעם אזא־סעקטאָר, וועט העלפן צו ליקווידירן אזא אומנאָרמאלע לאגע, ווען ייִסראָעל איז איזאָלירט אין דער וועלט און איז אָפגעשיידט פון די פראָגרעסיווע קרעפטן. ייִסראָעל וועט ווערן א מעלוכע, וווּ די אראבער און די ייִדן, די ספארדים און די אשקענאזים, די פרויען און מאנצבלען, די אפיקאָרסים און די פרומע ייִדן וועלן לעבן און ארבעטן צוזאמען אלס גלײַכע מענטשן".

צוזאמען דערמיט מוז מען זאָגן, אז אין אייניקע רעזאָליוציעס פון דער „נײַער ייִדישער טאָג־אָרדענונג פון אקציעס" לאָזן זיך ערנסט מערקן נאציאָנאליסטישע מאָטיוון, א שטרעבונג אויסצומײַדן די פראגע וועגן דעם רעאקציאָנערן טאָך פונעם ציִעניזם. די דאָזיקע אָרגאניזאציע זאָגט זיך ניט אָפ בעפארהעסיע פון דער רעכילעס־קאמפאניע צו „פארטיידיקן די סאָוועטישע ייִדן", דאָס שוואכט בעפיירעש אָפ די מעגלעכקײַט פון דער „נײַער ייִדישער טאָג־אָרדענונג פון אקציעס" אין איר קאמף פאר די אינטערעסן פון די ייִדישע מאסן און ס'איז א באווײַז פון דער שוואכער פאָליטישער רײַפקײַט פון א סאך אָנטיילנעמער פון דער דאָזיקער פאראייניקונג. ניט געקוקט אָף דעם אלעם, רופט דער אלגעמיינער באלאנס ניט ארויס קיין סאָפעק. דער זשורנאל „דזשויִש אפערס" האָט געשריבן: „כאָטש מיר זײַנען ניט מאסקים מיט אייניקע פאָרמולירונגען אין די אָנגענומענע רעזאָליוציעס, האלטן מיר, אז די „נײַע ייִדישע טאָג־אָרדענונג פון אקציעס" און איר פראָגראם פארדינען אויפריכטיקע שטיצע פון אלעמען, ווער עס איז פארזאָרגט פונעם קער פון די פאראייניקטע שטאטן אָף רעכטס. די „נײַע ייִדישע טאָג־אָרדענונג פון אקציעס" איז א וויכטיקע קאָאליציע, זי דארף געשטיצט ווערן מיצאד אלע פראָגרעסיווע אמעריקאנער ייִדן. די דאָזיקע אָרגאניזאציע קאָן ווערן א ווירקזאמער אינסטרומענט בא דעם קער פון די ברייטע ייִדישע מאסן אין א פראָגרעסיווער ריכטונג". אין גאנג פונעם שארפן אינערלעכן קאמף, וועלכער האָט זיך איצט פאנאנדערגעוויקלט אין דער אמעריקאנער ייִדישער געזעלשאפטלעכקײַט, געהערט דער „נײַער ייִדישער טאָג־אָרדענונג" א באזונדער אָרט.

ווער שטויסט די ייִדישע קעהילע אָף רעכטס?

די אמעריקאנער ייִדן איז שווער צו איבערראשן מיט א נײַער אָרגאניזאציע. אין אמעריקע עקזיסטירן ארום דרײַ הונדערט „אלנאציאָנאלע" ייִדישע קערפערשאפטן, ניט גערעכנט די עטלעכע טויזנט אָרטיקע אָרגאניזאציעס אין די שטעט און רעליגיִעזע קאָנגרעגאציעס. זיי כאפן ארום אומגעפער א העלפט פון די אמעריקאנער ייִדן, און ניט ווייניק ייִדן צאָלן מיטגלידס־אָפצאָל אין עטלעכע אָרגאניזאציעס מיטאמאָל. וועגן די באשטײַערונגען איז דאָ געזאָגט ניט צופעליק. די אָפצאָלן פאר א „שטאָט" אין דער סינאגאָגע, פאר לערנען אין א ייִדישער שול, פאר מיטגלידערשאפט אין א געזעלשאפטלעך־פאָליטישער אָרגאניזאציע באטרעפן ניט ווייניקער און אָפט נאָך מער, איידער עס נעמט צו די אינפליאציע. מע דארף אויך ניט פארגעסן וועגן די „פרײַוויליקע" און פאר פיל ייִדן רעאל־אָבליגאטאָרישע אָפצאָלן אינעם „פאראייניקטן ייִדישן רוף". מיר זעען, אז די אָנגעהעריקײַט צו דער אָרגאניזירטער ייִדישער קעהילע אין די פאראייניקטע שטאטן קאָסט אָפ א גאנץ קײַלעכדיקע סומע. ס'איז ניט צופעליק, וואָס די מערהײַט אָרגאניזאציעס פון דער קעהילע, אזעלכע, ווי „דער אמעריקאנער ייִדישער קאָמיטעט", „דער אמעריקאנער ייִדישער קאָנגרעס", „בניי בריט", דער „נאציאָנאלער ראט פון ייִדישע פרויען" אאוו., פאראייניקן אין זייער באשטאנד דעריקער די בורזשואזע און קליינבירגערלעכע שיכטן. די מערהײַט פאָשעטע ייִדישע ארבעטס־לײַט — ארבעטער פון דער לײַכטער אינדוסטריע, פון דער ספער פון האנדל און באדינונג, אויך קליינע אָנגעשטעלטע — זײַנען געבליבן אויסער די גרענעצן פון דער אָרגאניזירטער ייִדישער קעהילע.

מע טאָר, פארשטייט זיך, ניט פארגעסן וועגן די ווירקלעך פראָגרעסיווע ייִדישע קרעפטן, וועגן דער סוויווע ארום דעם זשורנאל „דזשויִש אפערס", וועלכן עס גיבן ארויס די אמעריקאנער קאָמוניסטן, — צו זיי באציִען זיך מיט סימפאטיע א סאך ייִדישע ארבעטנדיקע. עס וואָלט אָבער געווען א טאָעס, ווען מע זעט ניט, אז די „הויכע פענצטער" אין דער ייִדישער קעהילע האָט פארכאפט די גרויס־בורזשואזיע און די מערהײַט ייִדישע בורזשואזע און קליינבירגערלעכע אָרגאניזאציעס שטייט אָף ציִעניסטישע און פראָציִעניסטישע פאָזיציעס. שוין א סאך יאָרן, ווי אין דער קעהילע פלאקערט די שאָוויניסטישע היסטעריע און די אנטיסאָוועטישע קאמפאניע, וואָס גייט אונטערן פאלשן לאָזונג „פארטיידיקן די סאָוועטישע ייִדן". פאר די לעצטע אָנדערהאלבן צענדליק יאָר האָט דער צעבושעוועטער נאציאָנאליזם און אנטיסעמיטיזם געבראכט דערצו, אז די ייִדישע קעהילע אין די פאראייניקטע שטאטן האָט קענטיק זיך א רוק געטאָן אָף מער רעכטע פאָזיציעס. די רעאקציאָנערע בורזשואזע פראָפאגאנדע פארסאמט דעם באוווּסטזײַן פון די ברייטע ייִדישע מאסן און שטעלט אונטער א סאקאָנע די פראָגרעסיווע טראדיציעס פון די אמעריקאנער ייִדישע ארבעטנדיקע.

אין די 70־ער יאָרן האָבן היפש פארשטארקט זייערע פאָזיציעס די ייִדישע נעאָקאָנ־

סערוואַטיווע קרייַזן, וועלכע האָבן געמאַכט יאַד־אַכעס מיט די סאַמע רעאַקציִאָנערע קרעפטן אַף דער אַמעריקאַנער פּאָליטישער אַרענע, און זיי פּרוּוון אונטערוואַרפן אונטער זייער ווירקונג די גאַנצע ייִדישע קעהילע. צום ערשטן מאָל איז אַזאַ פּרוּוו געמאַכט געוואָרן בייַס די פּרעזידענט־וואַלן אין 1972. אָבער אין 1980, אויך בעשאַס די פּרעזידענט־וואַלן, האָט עס אָנגענומען די פאָרם פון אַן עמעסן קרייץ־צוג פון די נעאָקאָנסערוואַטאָרן. אַלס „פייַנט פון די ייִדן" דערקלערט מען דעם סאָוועטנפאַרבאַנד, די אַמעריקאַנער קאָמוניסטן, די פּאַלעסטינער, די נעגערס; אַלס „פרייַנט" — דעם קריגס־אינדוסטריעלן קאָמפּלעקס, די ראַסיסטן, אַנטיסאָוועטיקער און אַנטיקאָמוניסטן פון אַלע שאַטירונגען. אונטער דעם ליגט באַהאַלטן דער פאַרלאַנג פון די רעאַקציִאָנערע קרייַזן אויסצומעקן די דעמאָקראַטישע ייִדישע טראַדיציעס, פאַרוואַנדלען די ייִדישע קעהילע אין אַ זייַל פון דער אַמעריקאַנער רעאַקציע.

דער שעף־רעדאַקטאָר פונעם זשורנאַל „קאָמענטאַרן" נאָרמאַן פּאָדגאָרעץ איז איצט, קאָן מען זאָגן, דער סאַמע טעטיקער פאָרשטייער פון דעם ייִדישן נעאָקאָנסערוואַטיזם. ער האָט אָפּגעגעבן די זייַטלעך פון זייַן צייַטשריפט דער שמוציקער כוואַליע פון אַנטיקאָמוניסטישע און אַנטיסאָוועטישע שקאָרים. לאָמיר באַמערקן, אַז גראָד נ. פּאָדגאָרעץ האָט געעפנט דעם וועג פאַר אַ פּאָליטישער קאַריער דעם איצטיקן פאָרשטייער פון די פאַרייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע אין דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַרייניקטע נאַציעס. עס האַנדלט זיך וועגן דזשין קירפּאַטריק. מיט צוויי יאָר צוריק איז די דאָזיקע לעדי אַרויס מיט אַן אַרטיקל וועגן די „רעכט פונעם מענטשן", און דערבייַ האָט זי אויסגעזידלט קאַרטערן, וואָס ער פירט אַזוי „ביט ווי ס'דאַרף צו זייַן" די קאַמפּאַניע צו „פאַרטיידיקן די רעכט פונעם מענטשן". זי האָט אָן שום שוועריקייַטן דערוויזן, אַז דער דאָזיקער פּראָוואָקאַציאָנעלער אַנטיסאָוועטישער קרייץ־מאַרש האָט אַ זעץ געטאָן, ווי אַ בומעראַנג, איבער די פּראָאַמעריקאַנישע דיקטאַטאָרן און מאַריאָנעטקעס, ווי, אַשטייגער, איבער דעם איראַנער שאַך. דזשין קירפּאַטריק האָט געייַלט צוהילף די אַמעריקאַנער קליענטן, וועלכע האָבן פּראָקלאַמירט, אַז רעכט פונעם מענטשן זיינען ניט כאַל אַף בורזשואַזע רעפּרעסיווע אַווטאָריטאַרע רעזשימען, ווייַל דער הויפּט־סוינע איז „דער קאָמוניסטישער טאָטאַליטאַריזם". קירפּאַטריקס רוף „ניט צעוויגן דאָס שיפל", ניט אַרייַנלאָזן זיך אין ריזיקאַלע עקספּערימענטן פון „דעמאָקראַטיזירן" די דיקטאַטורן, וועלכע האַלטן זיך אַף באַגנעטן, האָט צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקייַט פונעם קינפטיקן פּרעזידענט ראָנאַלד רייגאַן, וועלכער לייענט מיט כיישעק דעם זשורנאַל „קאָמענטאַרן". ווען דער איצטיקער באַלעבאָס פונעם ווייַסן הויז איז צוגעטראָטן צו פאָרמירן זייַן „קאָמאַנדע", האָט מען זיך דערמאָנט אין קירפּאַטריק. איצט האַלט זי אין איין ריידן וועגן די רעכט פונעם מענטשן אין די צימערן פון די פאַרייניקטע נאַציעס, ניט פאַרגעסנדיק צו שטימען מיט ענטוזיִאַזם פאַר די פּאָלפּאָטאָווישע באַנדיטן, פאַר די דאָרעם־אַפריקאַנישע ראַסיסטן און פאַר די בעגין־לייַט פון ייִסראָעל.

פון זייַנע פּראָטעזשעס, וועלכע האָבן זיך פאַרזאַמלט אין אַ היפּשער צאָל אין דער איצטיקער אַמעריקאַנער אַדמיניסטראַציע, שטייט ניט אָפּ אויך פּאָדגאָרעץ אַליין. אין 1979 און אין 1980 האָט ער אַרויסגעגעבן צוויי ביכער, וווּ ער פאָרמולירט זייַן פּאָליטישע פּראָגראַם פאַר אַמעריקע און פאַר די אַמעריקאַנער ייִדן. אין אָט דער באַטלאָנעס דאַרשנט פּאָדגאָרעץ, אַז פאַר די ייִדן פון אַמעריקע „לוינט ניט" צו אונטערהאַלטן די באַוועגונג פאַר בירגער־רעכט, קעגן דער הערשאַפט פון די מאָנאָפּאָליעס; אַז די „ייִדישע אינטערעסן" געפינען זיך, זעט איר, „אַף יענער זייַט פון די באַריקאַדעס", אינעם לאַגער פון די האַרטקעפּיקע פאַרטיידיקער פונעם קאַפּיטאַליזם. ער שטעלט אַרויס צום לייַטישן געלעכטער יענע אַמעריקאַנער ייִדן, וועלכע האָבן געשפּאַנט אין איין ריי מיט מאַרטין ליוטער קינגן, קעמפנדיק פאַר דער גלייַכבאַרעכטיקונג פון די נעגערן. אין זייַן ביכל „אַ וועזנטלעכע געפאַר" פאָרמולירט ער די פּראָגראַם פון שטאַרקער מאַכן די צווישנפעלקערלעכע אָנגעשטרענגטקייַט, צעציענדן דעם באַוואָפענונגס־געיעג, וואָס איז געצילט, קלוימערשט, קעגן דער „וואַקסנדיקער סאָוועטישער דראָונג". עס איז ניטאָ אַזאַ אַנטיסאָוועטישער און אַנטיקאָמוניסטישער שעקער, וועלכן פּאָדגאָרעץ זאָל זיך ניט שעמען אַרייַנצושטופּן אין זייַן באַגאַזש. אין זייַן האַס צום סאָוועטנפאַרבאַנד לאָזט ער זיך גיין נאָך סאָלזשעניצינען, באַדויערנדיק, וואָס מע האָט אין רוסלאַנד אַראָפּגעוואָרפן דעם קייסער. „דער קייסער איז פאָרט געווען בעסער" פון די שוידערלעכע באָלשעוויקעס. קעדיי אַ קנעל צו טאָן מיט די באָלשעוויקעס, ווי זיי דאַרפן זיך אויפירן, זייַנען, לויט פּאָדגאָרעצן, קאָשער אַלע מיטלען, אָבער בעסער פון אַלץ זייַנען די קריגס־מיטלען.

דער אַנטיסאָוועטיזם, וועלכן פּאָדגאָרעץ און ענלעכע צו אים פּרוּוון אָנבינדן די אַמעריקאַנער ייִדן, איז ענג פאַרבונדן מיטן ציִעניזם. פאַר די בורזשואַזע רעדלפירער פון דער ייִדישער קעהילע איז צעציענדן דעם נאַציִאָנאַליסטישן פּסיכאָז אונטערן לאָזונג „פאַרטיידיקן ייִסראָעל" און „פאַרטיידיקן די סאָוועטישע ייִדן" דאָס זיכערסטע מיטל צו אונטערוואַרפן די ייִדישע מאַסן אונטער זייער קאָנטראָל, אַרייַנציִען זיי אין דער אַנטיסאָוועטישער קאַמפּאַניע. פּאָדגאָרעץ האָט אין 1973 פאַרעפנטלעכט אַן אַרטיקל „אויגנבליקלעכער ציִעניזם", וווּ ער האָט געמאָלדן, אַז אַלע אַמעריקאַנער ייִדן זייַנען „אין איין אויגנבליק" געוואָרן ציִעניסטן, הייסט עס, אַז זיי שטיצן אינגאַנצן און פולשטענדיק די עקספּאַנסיִאָניסטישע פּאָליטיק פון ייִסראָעל. פאַר פּאָדגאָרעצן און פאַר די אַנדערע נעאָקאָנסערוואַטאָרן איז דער לאָזונג „אונטערהאַלטן ייִסראָעל" ענג צונויפגעשמאָלצן מיטן אַנטיסאָוועטיזם. קוואַליפיצירנדיק רעכי־

לעסדיק דעם סאָוועטנפאַרבאַנד אַלס „הויפּטסוינע פון ייִסראָעל און פון די ייִדן פון גאָר דער וועלט“, פאָדערן זיי אין טאָך צו אידענטיפיצירן אַף אַן אומבאַגרענעצטן אויפן די רייגאַן־אַדמיניסטראַציע מיט דער בעגין־רעגירונג.

אין די לעצטע יאָרן האָבן אין דער אַמעריקאַנער ייִדישער קעהילע גענומען וואַקסן די שוואָמען פון אויסגעשפּראָכן רעאַקציאָנערע אָרגאַניזאַציעס. איינע פון זיי נעמען זיך קאָפּירן די שטורמאָוויקעס, „אַרגומענטירנדיק“ זייער פּאָזיציע מיט וועלאָסיפּעד־קייטן — פאַר די אַנדערש־דענקענדיקע צווישן די ייִדן, מיט שיסערייַען איבער דער פאַרשטייערשאַפט פון פּססר בא דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַרייניקטע נאַציעס — פאַר די סאָוועטישע דיפּלאָמאַטן. פאַראַן צווישן זיי אַזעלכע, וועלכע פירן אַ צעיושעטע פּראָפּאַגאַנדע אין אַן אינטעלעקטועלער אייַנפּאַקונג. די באַנדיטישע שטיק פון „דזשויִש דעפּענס ליג“ האָבן אַרויסגערופן אַזאַ מעכטיקע צאָרן־כוואַליע, אַז איר גרינדער מייער קאַהאַנע האָט באַשלאָסן אַריבערקלייַבן זיך קיין ייִסראָעל, ווו ער האָט אָרגאַניזירט אָנפאַלן אַף פרידלעכע פּאַלעסטינער, אַף פּראָגרעסיווע בירגער פון ייִסראָעל. דעמלט איז אין אַמעריקע אופגעקומען, צוהילף די „פאַרטיידיקער פון די ייִדן“, אַ נייַע טעראָריסטישע אָרגאַניזאַציע — „ייִדישער באַוואָפנטער ווידערשטאַנד“, וואָס האָט איבערגענומען די טאַקטיק פון קאַהאַנעס ליגע.

אַלס „רעספּעקטאַבעלע“ אָרגאַניזאַציעס גיבן זיך אָן, אַשטייגער, אַזעלכע, ווי די גרופּע, „אַמעריקאַנער פאַר דער זיכערהייַט פון ייִסראָעל“ און דער „ייִדישער אינסטיטוט פאַר די אָנגעלעגנהייַטן פון נאַציאָנאַלער זיכערהייַט“. פּרעזידענט פון דער ערשטער אָרגאַניזאַציע איז בערטראַן צווייבאָן, וועלכער איז פריִער געווען די רעכטע האַנט פון קאַהאַנע. פּרעזידענט פון דער צווייטער אָרגאַניזאַציע איז סטיווען בראַיען — דער געוועזענער אָנפירער פונעם אַפּאַראַט פון דער סענאַט־קאָמיסיע פאַר אויסערן־איניאָנים (אין 1978 האָט מען אים געכאַפּט בא דער האַנט, ווען ער האָט איבערגעגעבן ייִסראָעל־אַפּיצערן געהיימע קריגס־אינפאָרמאַציע). און אָט איז נאָך אַן „עקספּערט פאַר די זיכערהייַט־פראַגן“ — דער געוועזענער מיטאַרבעטער פון דער אויסשפּיר־פאַרוואַלטונג באַם מיניסטעריום פון די מיליטערישע לופט־קרעפטן פון די פאַרייניקטע שטאַטן דזשאָזעף טשורבאַ. ער האָט, אַגעוו, אויך געהאַט אַזעלכע נאָענטע פאַרבינדונגען מיט די קריגסלייַט פון ייִסראָעל, אַז אין פּענטאַגאָן האָט מען מיט עטלעכע יאָר צוריק באַשלאָסן ניט צולאָזן אים צו דער געהיימער אינפאָרמאַציע. איצט איז טשורבאַ פּרעזידענט פונעם וואַשינגטאָנער „צענטער פון צווישנפעלקערלעכער זיכערהייַט“.

בראַיען, טשורבאַ און ענלעכע צו זיי זינגען אין כאָר איינס און דאָס זעלבע לידעלע: אַמעריקע דאַרף זיך באַוואָפנען אַלייך, און אַמעריקע דאַרף באַוואָפנען ייִסראָעל. און וויפל זיי זאָלן ניט טייַנען וועגן דער נייטיקייַט צו באַשיצן די „נאַציאָנאַלע אינטערעסן“, איז קלאָר, אַז זייערע דאָקטרינעס אַנטשפּרעכן ניט די אינטערעסן ניט פונעם אַמעריקאַנער פאָלק, ניט פון דעם פאָלק פון ייִסראָעל. אַזאַ ליניע איז אין ווידערשפּרוך מיט די אינטערעסן פון דער גרעסטער מערהייַט אַמעריקאַנער ייִדן.

געדיכטע וואָלקנס אינעם הימל

אַ זוניקער מייַ־פרימאָרגן אין וואַשינגטאָן. די אַמעריקאַנער הויפּטשטאָט איז פול מיט טוריסטן. אין דער לופט קלינגען די שטימען פון שול־קינדער, וועלכע זייַנען געקומען אין ריזיקע עקסקורסיע־אויטאָבוסן, קעדיי באַקאַנען זיך מיט דער הויפּטשטאָט. אַ לאַנגע ריי האָט זיך אויסגעשטעלט באַם ווייַסן הויז. פּלוצעם האָבן באַם פראָנטאָן פונעם פּרעזידענטס רעזידענץ זיך באַוויזן געזונטע יונגען מיט האַקנקרייצן אַף די אַרבל. זיי האָבן געטראָגן אַ טראַנספּאַראַנט, אַף וועלכן עס איז געווען אויסגעמאָלט מיט גרויסע אויסיִעס: „פרייַהייַט רודאָלף העסן, דעם קעמפער פאַר שאָלעם!“ די טוריסטן האָבן גענומען גיין לאַנזאַמער. צו זיי איז צוגעגאַנגען אַ פליכעוואַטער מאַנצבל מיט אַ פּעקל פלוגבלעטלעך.

„דעם 10 מייַ פאַרענדיקט דער 86־יאָריקער רודאָלף העס דאָס 39־טע יאָר פון זיצן אין טפּיסע“, — לייענען די טוריסטן. און ווייַטער דערוויסן זיי זיך, אַז דאָס צווישנפעלקערלעכע יידנטום האָט באַשלאָסן צו פאַרניכטן דייַטשלאַנד, אָבער רודאָלף העס האָט „איינער אַליין“ געוואָלט אייַנשטעלן אַ שאָלעם צווישן דייַטשלאַנד און ענגלאַנד, נאָר זייַן „העלדישער פּרווו“ איז צוליב די אינטריגעס פון די ייִדן דורכגעפאַלן. די טוריסטן דערוויסן זיך, אַז העס איז אַ קאָרבן פונעם „ציִנישן פאַרקריפּלען די גערעכטפאַרטיקייַט אין נירנבערג“, און ביז איצט זיצט ער (ווייַטער „איינער אַליין“) הינטער די ווענט פון דער בערלינער טפּיסע שפּאַנדאַו אונטער אַ קאַראַול פון אַ „קאָמוניסטישער וואַך פון סאָוועטנפאַרבאַנד“. באַשרייַבנדיק די לייַדן פונעם „קעמפער פאַר שאָלעם“, וואָס איז געווען אַדאָלף היטלערס שטעלפאַרטרעטער, רופן די אויטאָרן פונעם בלעטל צו מיטגעפיל: בא יעדער אָנצוהערעניש וועגן באַפרייַען העסן פאַלן די ייִדן פון גאָר דער וועלט אַרייַן אין אַן איראַציאָנעלן גרימצאָרן, פאָדערנדיק, אַז ער זאָל שטאַרבן אין טפּיסע. צי דאַרף רודאָלף העס, דער קעמפער פאַר שאָלעם, שטאַרבן הינטער די טפּיסע־ווענט, קעדיי באַפרידיקן דעם נעקאָמע־האַס פונעם צווישנפעלקערלעכן ייִדנטום? צי דאַרפן אַמעריקע און אירע געוועזענע פאַרבינדעטע ווייַטער טראָגן אַף זיך די שאַנד פון אָט דער אומגערעכטיקייַט בלויז דערפאַר, ווייַל אונדזערע לידערס קלעקט ניט קיין מוט צו אַרויסטרעטן קעגן די ייִדן?“ אונטן אַן אונטערשריפט: „נאַציאָנאַל־סאָציאַ־

ליסטישע פּאַרטיי פון ווײַסע מענטשן“ און אַן אַדרעס: 2507, פראַנקלין־ראָוד, אַרלינגטאָן, ווירדזשיניע. גאָר נאָענט — סאַכאַקל 15 מינוט אַף אַ מאַשין, בלויז אַריבערפאָרן דורך פּאָטאָמאַק, וואָס אַף זײַנע ברעגן שטייט די אַמעריקאַנער הויפּטשטאָט.

ניין, עס זײַנען ניט געלאָפן צום טראַנספּאַראַנט באַם ווײַסן הויז די פּאָליציי־לײַט מיט די ברייטע אַקסלען, קעדיי צעטרײַבן די פאַשיסטן, מע האָט ניט געזען די אוניפאָרמען פון „דזשויִש דעפענס ליג“, אהער זײַנען ניט געקומען אפילע די אַדוואָקאַטן פון דער אַנטידיפאַמאַציע־ליג „בעני‌ַי בריט“. קיינער האָט אַף מאָרגן ניט אַרײַנגעטראָגן קיין פּראָטעסט־רעזאָליוציע אַפן קאַפּיטאָליער בערגל. אַ פול מויל מיט וואַסער האָבן אָנגענומען די צײַטונגען „וואַשינגטאָן פּאָסט“ און „ניו־יאָרק טײַמס“, וועלכע טראָגן זיך אַרום מיט דער פאַלשיווקע וועגן „אַנטיסעמיטיזם אין פּססר“. און צוליב וואָס זאָלן זיי מאַכן אַ טומל? אין דער הײַנטיקער אַמעריקע זײַנען דאָך אַזעלכע אַרויסטרעטונגען פון די נעאָנאַציסטן אַ געוויינלעכע זאַך.

אין צוזאַמענהאַנג דערמיט מוז מען דערמאָנען, אַז די אַמעריקאַנער פעמידע, וואָס ווענדט אָן גרויזאַמע רעפּרעסיעס קעגן די קעמפער פאַר בירגערלעכע פרײַהײַטן, איז נעבעך אומבאַהאָלפן, ווען זי האָט צו טאָן מיט פאַשיסטן. אין יוסטיץ־מיניסטעריום זײַנען צוגעשטעלט געוואָרן פאַקטן וועגן פאַרברעכנס פון 200 געוועזענע היטלעריסטן, וועלכע האָבן נאָך דער צווייטער וועלט־מילכאָמע באַקומען אַמעריקאַנער בירגערשאַפט. אָבער קיינער פון זיי איז ניט איבערגעגעבן געוואָרן צום געריכט פאַר זייערע פאַרברעכנס, פון וועלכע עס האָבן געליטן פיל ייִדן פון דער דעמלט אָקופּירטער אייראָפּע, בלויז עטלעכע היטלעריסטן האָט מען זיך געקליבן צו דעפּאָרטירן אויסער די גרענעצן פון אַמעריקע, נאָר אויך דערפון האָט זיך גאָרנישט ניט באַקומען.

אין דער זעלבער צײַט האָבן די רעדלפירער פון דער ייִדישער קעהילע געמאַכט אַ טומל וועגן דעם „אַנטיסעמיטיזם פון די נעגערס“. די דאָזיקע קאַמפּאַניע, וואָס איז אויסן צו שאַפן אַ בייז לעבן צווישן די נעגערס און די ייִדן, האָט באַקומען אַ באַזונדערן פאַרנעם אין רעזולטאַט פון דער אַזוי־גערופענער „מײַסע ענדריו יאַנג“. וואָס איז דאָס געווען פאַר אַ מײַסע? אין די פאַראייניקטע שטאַטן זײַנען די נעגערס שטענדיק געווען דער הויפּט־קאָרבן פונעם ראַסיזם. און כאָטש אויך אַנדערע עטנישע גרופּעס האָבן אויסצושטיין דיסקרימינאַציעס און אונטערדריקונג, איז אָבער דער ראַסיזם קעגן די נעגערס דער הויפּט־אינסטרומענט פונעם רעגירנדיקן קלאַס אין זײַנע באַמיִונגען אַרויסצורופן אַ שפּאַלטונג צווישן די אַרבעטנדיקע. די ראַסיסטישע סטערעאָטיפּן זײַנען פאַרשפּרייט אויך צווישן דער ייִדישער באַפעלקערונג. דערבײַ ווערט ברייט אויסגענוצט דער פאַקט, וואָס אין פיל שטעט פונעם אַמעריקאַנער צאָפן זײַנען די „געטאָס“ פאַר די נעגערס אויפגעקומען אין ראַיאָנען, וווּ פריִער האָבן געוווינט ייִדן. ס'האָט זיך געשאַפן אַזאַ לאַגע, אַז די אָרעמע נעגערס זײַנען אַרויסגעטראָטן קעגן די ווײַסע הויזבאַזיצער און קרעמער, צווישן וועלכע עס זײַנען געווען ניט ווייניק ייִדן. גראָד דער דאָזיקער שיכט איז געוואָרן דער טרעגער פון די אַנטינעגערשע שטימונגען.

אין דער זעלבער צײַט האָבן די דעמאָקראַטישע שיכטן פון דער ייִדישער באַפעלקערונג גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אינעם קאַמף פון די נעגערס פאַר זייערע רעכט. די קאָאַליציע פון די נעגערס און ייִדן האָט אָפּגעשפּילט אַ וויכטיקע ראָליע אינעם קאַמף פון די פּראָגרעסיווע קרעפטן פון אַמעריקע פאַר בירגער־רעכט, און דאָס האָט אַרויסגערופן אַן ערנסטן אומרו באַם רעגירנדיקן קלאַס. אויך דאָ האָבן די רעאַקציאָנערע קרעפטן באַקומען הילף מיצאַד די ציִוניסטן, וועלכע האָבן זיך געשטעלט בעראָש פון דער קאַמפּאַניע אין דער ייִדישער קעהילע פאַר צעצינדן די שטימונגען קעגן די נעגערס. די וואַקסנדיקע שטיצע פון דער נעגערשער באַפעלקערונג צו די קאָרבאָנעס פון דער ייִסראָעל־אַגרעסיע, קוידעמקאָל צו די פּאַלעסטינער, האָט אַרויסגערופן אַ ווילדן צאָרן אין די ציִוניסטישע קרײַזן.

אין אויגוסט 1979 האָט די קאַרטער־אַדמיניסטראַציע פלינק אויסגענוצט דעם וואַיִצאַקו, וואָס די ציִוניסטישע לאָבי האָט געמאַכט אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם, וואָס דער אַמעריקאַנער פאָרשטייער אין די פאַראייניקטע נאַציעס, דער אָנגעזעענער טוער פון די נעגערס ענדריו יאַנג האָט זיך באַגעגנט מיטן פאָרשטייער פון דער אָרגאַניזאַציע צו באַפרײַען פּאַלעסטינע טעראַזי. די ציִוניסטישע לאָבי איז אויסן געווען צו אַרויסרופן אַ שאַרפע קאָנפראָנטאַציע צווישן די נעגערס און די ייִדן. דער דעמלטיקער באַלעבאָס פונעם ווײַסן הויז דזשימי קאַרטער האָט געוואָלט דערהאַרגענען צוויי האָזן מיטאַמאָל: ערשטנס, אָפּציִען די אויפמערקזאַמקײַט פון דער ייִדישער קעהילע פונעם סקאַנדאַל אין צוזאַמענהאַנג מיט די אַנטיסעמיטישע אַרויסטרעטונגען פון זײַן ברודער בילי קאַרטער; צווייטנס, האָט דזשימי קאַרטער „דערלאַנגט אַ פּרעווענטיוון קלאַפּ“ איבער זײַן קעגנער אינעם קאַמף פאַרן פּרעזידענט־פּאָסטן — איבער ט. קענעדי, וואָס האָט זיך געפּרוווט אויפלעבן די קאָאַליציע, וועלכע עס האָט זיך געשאַפן באַ רוזוועלטס לעבן, צווישן די מיטגלידער פון די פּראָפאַריינען, נעגערס, ייִדן, קאַטאָליקער און מיטגלידער פון אַנדערע מינדערהײַטן.

אין דער מעלדונג פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע, אונטערגעשריבן דורך געס האָל און אַנדזשעלאַ דעוויס, איז געזאָגט געוואָרן:

„מיר האַלטן פאַר אויסערסט וויכטיק צו זען שטענדיק דעם כילעק צווישן דער „ייִדישער קעהילע“ און יענע ציִוניסטישע גרופּעס, וועלכע טרעטן אַרויס קעגן אַפירמאַטיווע האַנדלונגען, האַלטן אונטער די עקספּאַנסיע־פּאָליטיק

פון דער ייִסראָעל־רעגירונג. עס איז פאַראַן אַן אַלטע שטאָלצע טראַדיציע פון מיטאַרבעט צווישן די אָרגאַניזאַציעס פון די נעגערס און פון די ייִדן, צווישן די נעגערס און די ייִדן אין קאַמף פאַר פּראָגרעס״.

די אַמעריקאַנער קאָמוניסטן שטרײַכן אונ־טער, אַז אין שאַפן אַן אָנגעשטרענגטע לאַגע צווישן די נעגערס און די ייִדן זײַנען פאַרינ־טערעסירט די סאַמע רעאַקציאָנערע קרײַזן פו־נעם מאָנאָפּאָליסטישן קאַפּיטאַל.

דער אַליאַנס מיט די אַנטיסעמיטן

די געשרייען וועגן „סאָוועטישן אַנטיסעמי־טיזם״, „נעגערשן אַנטיסעמיטיזם״, „לינקן אַנ־טיסעמיטיזם״ אדג. זײַנען אויסן צו דעזאָריענ־טירן די ייִדישע מאַסן, אָפּציִען זיי פונעם עמעסן סוינע. דער טאָן פון דער בורזשואזער פּראָפּאַ־גאַנדע אין דער דאָזיקער פראַגע באַשטייט דע־ריק, וואָס די ייִדן „האָט זיך קיינמאָל ניט גע־לעבט בעסער, איידער אין אַמעריקע״. די לע־בעדיקע פאַקטן אָבער באַשטעטיקן דאָס ניט.

אין 1979 איז אין ניו־יאָרק אַרויס אַ בוך פון האַראָלד קוויגלי און טשאַרלז גלאָק „אַנטי־סעמיטיזם אין אַמעריקע״. פון אַ טאַבעלע, וואָס ווערט דאָ געבראַכט אַף דער ז. 6, איז צו זען, אַז ניט מער פון 16% אויסגעפרעגטע אַמערי־קאַנער זײַנען ניט מאַסקים מיט אַלע אַנטיסע־מיטישע סטערעאָטיפּן, וועלכע זײַנען געגעבן געוואָרן אין די פראַגן. הייסט עס, אַז 84% זײַ־נען אונטערן אײַנפלוס פון דער אַנטי־ייִדישער פּראָפּאַגאַנדע, 39% פון זיי באַלאַנגען, לויט דער מעטאָדיק פון די אַווטאָרן, צו די באַזונדערס אַקטיווע אַנטיסעמיטישע גרופּעס.

אַגעוו, דער אַנטיסעמיטיזם און דער אַנטי־נעגערשער ראַסיזם זײַנען ענג פאַרבונדן צווישן זיך. 26% אַמעריקאַנער האַלטן זיך אײַנצײַטיק בײַ עקסטרעם־אַנטיסעמיטישע און אַנטינעגער־שע שטימונגען, 20% — בלויז בײַ אַנטינעגער־שע און 9% — בלויז בײַ אַנטיסעמיטישע (ז. 146 פונעם בוך).

די אַנטיסעמיטישע פּראָפּאַגאַנדע, וועלכע עס פירן ניט בלויז די נעאָנאַציסטן, נאָר אויך די „רעספּעקטאַבעלע״ בורזשואזע אָרגאַנען פון מאַסן־אינפאָרמאַציע, געפינט אַלץ אַ מער גינ־סטיקן באָדן. דאָס קאָן מען זען, לעמאָשל, פון די רעזולטאַטן פון אַ פאַרמאַכטן אויספרעג פון דער עפנטלעכער מיינונג, וועלכן עס האָט דורכ־געפירט די באַוווסטע יאַנקעלעוויטש־פירמע לויט דער באַשטעלונג פונעם „אַמעריקאַנער ייִדישן קאָמיטעט״. עס האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז אין 1975 האָבן 37% אַמעריקאַנער געהאַלטן, אַז „די ייִדן האָבן צופיל מאַכט אין זייערע הענט״.

מע מוז באַמערקן, אַז די טעטיקײַט פון די ציִעניסטן העלפט מיט צו צעצינדן ניט בלויז דעם ייִדישן שאָוויניזם, נאָר אויך די אַנטיסע־מיטישע שטימונגען צווישן דער ניט־ייִדישער באַפעלקערונג. לויט די אָנגאַבן פון קוויגלי און גלאָק, האָבן 59% אַמעריקאַנער אָפּגעמערקט מיט אומצופרידנקייט, אַז „די ייִדן האַלטן זיך, ווי פריער, פאַר אַן אַטאַבעכאַרטאַנו־פאָלק״. אויב אין די 60־ער יאָרן האָבן 30% אויסגע־פרעגטע געהאַלטן, אַז „די ייִדן זײַנען לאָיאַלער צו ייִסראָעל, איידער צו אַמעריקע״, האָט אין 1976 אַזאַ מיינונג אַרויסגעזאָגט, לויט יאַנקע־לעוויטשעס אָנגאַבן, אַ העלפט אַמעריקאַנער.

דעם 30 דעקאַבער 1980 האָט „ניו־יאָרק טײַמס״ מיטגעטיילט, אַז אין מעשעך פונעם יאָר זײַנען אין די פאַרייניקטע שטאַטן פאַרגעקומען 377 פאַרעגיסטרירטע פאַלן פון וואַנדאַלישע אַקטן אַף די ייִדישע בעסאָלמענס, אין די סינאַ־גאָגעס און אין די ייִדישע פּריוואַטע הײַזער, ווי אויך 112 אָנפאַלן אַף אַמעריקאַנער ייִדן.

עס דאַרף ניט אַרויסרופן קיין כידעש, וואָס גראָד מיט די אַנטיסעמיטישע קרײַזן האָבן געאײַלט צו שליסן אַ פּאָליטישן בונד די ציִע־ניסטן. געאײַלט, ווײַל אין סאָף פון דעם פאַריקן יאָר איז דער ליבעראַלער נאַציאָנאַלער ראַט פון דער אַמעריקאַנער קירך אַרויסגעטראָטן מיט אַ רוף צו אָנערקענען די רעכט פון די פּאַלעסטינער אַף זעלבסטבאַשטימונג און אַף שאַפן אַן אייגענע מעלוכע. אין ניו־יאָרק האָט דער פּרעמיער פון ייִסראָעל מענאַכעם בעגין, אין דער אָנוועזנהײַט פון שיר ניט אַלע לידערס פון דער אַמעריקאַנער ייִדישער קעהילע, איבער־געגעבן דעם באַפּטיסטישן פּריידיקער פון „מאַכן אַמעריקע פאַר אַ קריסטלעכער״ — דזשערי פאַלוועלן אַ מעדאַל אַפן נאָמען פון זשאַבאָטינ־סקין, דעם גרינדער פון דער עקסטרעם־רעכ־טער שיטע פונעם ציִעניזם, פון דער זעלבער שיטע, צו וועלכער עס געהערט אַליין בעגין. פאַרוואָס קומט פאַלוועלן אַ מעדאַל? דער ענט־פער איז אַ פּאַשעטער: ווײַל ער האַלט אונטער בעגינען אין דער פראַגע וועגן דעם מײַרעוו־ברעג פונעם יאַרדען־טײַך. „וואָס פאַר אַ פראַ־גע? — ווונדערט זיך פאַלוועל, — פאַרשטייט זיך, יעהודע און שוימרוין דאַרפן זײַן אַ טייל פון ייִסראָעל״. און יערושאָלאַיִם מיט זײַנע הייליקע ערטער? — „איך גלייב, אַז יערושאָלאַיִם דאַרף זײַן די הויפּטשטאָט פון ייִסראָעל״. נו, און וועגן די גאָלאַנישע בערגלעך? פאַלוועל האָט אויך אין דעם פּראָט קיין ספּייקעס ניט: „איך גלייב, אַז די גאָלאַנישע בערגלעך דאַרפן אַנעקסירט ווערן און זײַן אַ טייל פון דער מעלוכע ייִס־ראָעל״. בעעמעס, ווי זאָל דאָ בעגין ניט קוועלן פון נאַכעס?

ניט שווער זשע האָט פאַלוועל פאַרביטן זײַ־נע אַנטיסעמיטישע אידייען אַף ייִדן־פרײַנט־לעכע? כאַסוועכאַלילע. ער אָנערקענט די ציִע־ניסטן פאַר זײַנע מיטברידער אין דער אַנטי־קאָמוניסטישער קאַמפּאַניע. פאַר ייִסראָעל אָנער־קענט ער די ראָליע פון אַן אַמעריקאַנער פּלאַצ־דאַרם אין קאַמף קעגן דעם „סאָוועטישן אײַנ־פלוס אַפן נאָענטן מיזרעך״. איינער פון די טו־ער צווישן די אַמעריקאַנער ציִעניסטן, דער ראַוו אײַראַ יודאָווין זאָגט אַרויס זײַנע געדאַנ־

קען אזוי. די פּראָטעסטאַנטישע פונדאַמענטאַליסטן זייַנען מאַסקים, אַז דאָס אומקערן זיך פונעם ייִדישן פאָלק אין זייַן ביבלישער היים איז „דער פאָרבאַדינג פאַר דעם צווייטן אָנקום פון כריסטאָסן”; „צונויפזאַמלען די ייִדן קיין ייִסראָעל איז אַ נייטיקער באַדינג אויף צו פאַרווירקלעכן גאָטס פּלענער, אויף וויפל די ייִדן וועלן, אָנקומענדיק קיין ייִסראָעל, דאַרפן מאַסנוויייַז אָננעמען די קריסטלעכע עמונע”. נו, און אויב זיי וועלן זיך אָפּזאָגן, איז זאָלן זיי האָבן טייַנעס צו זיך אַלייַן, זיי וועלן דאָך דערמיט „איבערכאַזערן די זינד פון די אוראַלטע יעהודים, וועלכע האָבן אָפּגעזאָגט זיך פון יעזוסן...”

דער גרינדער פונעם ציִוניזם טעאָדאָר הערצל האָט אין אָנהייב פון הייַנטיקן יאָרהונדערט געשלאָסן אַ פאַרשטענדיקונג מיטן צאַרישן מיניסטער פּלעווע, מיט דעם זעלבן פּלעווע, וועלכער איז אַרייַן אין דער געשיכטע אַלס אָרגאַניזאַטאָר פון די ייִדן־פּאָגראָמען. זעייוו זשאַבאָטינסקי האָט געשלאָסן אַן אָפּמאַך מיט סימאָן פּעטליורען — מיט דעם זעלבן פּעטליורע, וואָס האָט בייס דעם בירגערקריג אין רוסלאַנד אָרגאַניזירט ייִדן־פּאָגראָמען. איצט שליסן הערצלס און זשאַבאָטינסקיס יאָרשים אַ פאַרשטענדיקונג מיט דזשערי פאַלוועלן...

אָן אומרויִקע צייַט

אין 1980 איז אין דער אַמעריקאַנער ייִדישער קעהילע פאָרגעקומען אַן אומגעהערטע ביז איצט שפּאַלטונג. עס האָט געפּלאַצט מיט טראַסק די לעגענדע וועגן דער „מאָנאָליטער אייַנהייַט פון די אַמעריקאַנער ייִדן”. די שאַרפע ווידערשפּרוכן, וועלכע זייַנען רייַף געוואָרן אין דער קעהילע אין משך פון אַ לאַנגער צייַט, זייַנען פּלוצעם אַרויס אויף דער אויבערפלאַך. די שפּאַלטונג צווישן די אַמעריקאַנער ייִדן האָט פּראַקטיש געהאַט אַ שייַכעס צו אַלע הויפּטפראַגן פון דער אינערן־ און אויסערן־פּאָליטיק פון די פאַראייניקטע שטאַטן.

לאַנגע יאָרן נאָכאַנאַנד האָבן די בורזשואַזנאַציִאָנאַליסטישע קרייַזן קולטיווירט די לעגענדע וועגן דעם „ייִדישן וואַל־בלאָק”. די אַמעריקאַנער פּאָליטיקער זייַנען געווען איבערצייַגט, אַז אַלע ייִדישע ווייַלער שטימען לויט די אָנווייַזונגען פון דער ציִוניסטישער לאָבי. האַרי טרומען האָט זייַנערצייַט געזאָגט, אַז אים קומט אויס צו האַלטן אַן ענטפער פאַר די הונדערטער טויזנטער ציִוניסטיש־געשטימטע ווייַלער. די לעצטע פּרעזידענט־וואַלן זייַנען אויך דורכגעגאַנגען אין דער אַטמאָספער פון אַ פאַרמעסט צווישן די קאַנדידאַטן: „ווער וועט מער אָפּטאָן פאַר ייִסראָעל?” און וואָס האָט מען נאָך געקאָנט דערוואַרטן פון די בורזשואַזע פּאָליטיקאַנער? די טעווע צו צעצינדן די נאַציִאָנאַליסטישע שטימונגען איז פאַר זיי שוין פון לאַנג געוואָרן אַ „פּאַטענטירט מיטל” אין די פּרוּוון צו

באַוואָרענען זיך מיט די שטימען פון די ייִדן און פון די אַנדערע עטנישע גרופּעס.

דער „ייִדישער וואַל־בלאָק” האָט קימאַט שטענדיק גאַראַנטירט אַ דערפאָלג די קאַנדידאַטן אויפן פּאָסט פון פּרעזידענט. די אַמעריקאַנער ייִדן האָבן 50 יאָר נאָכאַנאַנד בעעמעס געשטימט ווי אַ בלאָק — פאַר דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי.

נאָך אין די צייַטן פונעם „נייַעם קורס” פון דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי האָט איר ליבעראַל־רעפאָרמיסטישע פּראָגראַם געוווּנען די שטימען פון 90% ייִדישע ווייַלער. עמעס, אין די 50־ער יאָרן איז דער דאָזיקער פּראָצענט געוואָרן עטוואָס קלענער צוליב דער פּערזענלעכער פּאָפּולערקייַט פונעם רעפּובליקאַנער ד. אייַזענהאַוער, אָבער אין די קומענדיקע 10 יאָר האָבן דזשאָן קענעדי, לינדאָן דזשאָנסאָן און גובערט העמפרי ווידער באַקומען די שטימען פון קימאַט 90% אַמעריקאַנער ייִדן. מיט וואָס קאָן מען דערקלערן אַזאַ שטאַנדהאַפטיקייַט פונעם ייִדישן וואַל־בלאָק? מיט עטלעכע סיבעס.

ערשטנס, די ברייטע מאַסן פון דער ייִדישער באַפעלקערונג — די אַרבעטער, באַלמעלאָכעס, קליינע אונטערנעמער — האָבן געקוקט אויף דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, ווי אויף אַ פאַרטיידיקער פונעם פּאַשעטן אַמעריקאַנער קעגן די אינטערעסן פונעם גרויסן ביזנעס, וואָס אַסאָציִירט זיך מיט דער רעפּובליקאַנישער פּאַרטיי. די לאָזונגען פון פראַנקלין רוזוועלטס „נייַעם קורס”, האַרי טרומענס „יוישערדיקן קורס”, דזשאָן קענעדיס „נייַע גרענעצן” און לינדאָן דזשאָנסאָנס „גרויסער געזעלשאַפט האָבן אַ סאַך ייִדישע אַרבעטנדיקע אויפגענומען פאַר אַ קאָשערער מאַטבייע.

צווייטנס, האָט די רעפּובליקאַנישע פּאַרטיי אַפּעלירט קוידעמקאָל צו דער קאַטעגאָריע פון די אַזויגערופענע „ווייַסע אַמעריקאַנער” פון ענגליש־זאַקסישער אָפּשטאַמונג פון דער פּראָטעסטאַנטישער עמונע. זי האָט לאַנגע יאָרצענדליקער באַצויגן זיך מיט פאַראַכטונג צו די אַמעריקאַנער פון „צווייטן סאָרט” — ד. ה. צו יענע, וואָס האָבן מיט אַ קורצער צייַט צוריק אימיגרירט קיין אַמעריקע, און צו זייערע קינדער. די דעמאָקראַטישע פּאַרטיי האָט געבויט איר פּאָליטיק אין די גרויסע שטעט אויפן כעזשבן פונעם פּאָליטישן אייַנפלוס צווישן די אירלענדער, איטאַליענער, ייִדן, נעגערן און אַנדערע עטנישע גרופּעס. עס איז ניט צופעליק, וואָס ביז דער לעצטער צייַט האָבן שיר ניט אַלע אַמעריקאַנער ייִדישע פּאָליטישע טוער געהערט צו דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי.

דריטנס, די אינטערעסן פון דער ייִדישער בורזשואַזיע האָבן זיך אין גרונט באַגרענעצט מיט דער לייַכטער אינדוסטריע און מיטן האַנדל, דה. מיט יענע צווייַגן, וועלכע האָבן אַמערסטן געוווּנען פון די עקאָנאָמישע פּראָגראַמעס פון די דעמאָקראַטן, וועלכע שטעלן זיך אַלס ציל צו פאַרברייטערן דעם געבורויכערישן נאָכפרעג. די רעפּובליקאַנישע פּאַרטיי האָט קיינמאָל ניט געוווּסט פון קיין מאַנגל אין געלט־

7—798

אינוועסטיציעס מיצאד דעם גרויס־קאפיטאל, די דעמאָקראטן ווידער האָט אייביק געפעלט געלט. פאר די יידישע אופגעקומענע גווירים האָבן די באשטייערונגען אין די פאָנדן פון דער דעמאָקראטישער פארטיי גאראנטירט דעם סאַמע קורצן וועג צום פאָליטישן איינפלוס.

אָבער די יאָרן לויפן, און די סיטואציע ענדערט זיך. שוין בייס די וואלן פון 1972 האָט די יידישע בורזשואזיע מאסנווייז „דעזערטירט" פון דער דעמאָקראטישער פארטיי. דזשאָרדזש מאקגאָווערנס פראָגראם איז געווען צו ליבעראל פאר יענע יידישע קאפיטאליסטן, וועלכע זיינען אוועק פונעם האנדל, פון דער לייכטער אינדוסטריע און האָבן זיך א צי געטאָן צו דער נאפט־אינדוסטריע, צו דער אוויא־קאָסמישער און ראדיאָ־עלעקטראָנישער. אזויארום זיינען אָף דער זייט פון די רעפובליקאנער אריבער יענע קרייזן פון דער יידישער בורזשואזיע, וועלכע זיינען געוואָרן אָנגעזעענע מענטשן אינעם קריגס־אינדוסטריעלן קאָמפלעקס פון די פאראייניקטע שטאטן.

אין דער צווייטער העלפט פון די 70־ער יאָרן האָט מען אָנגעהויבן לויפן פון די דעמאָקראטן שוין אין אן אנדער ריכטונג. די זיסע ריידעלעך און צוזאָגן, וועלכע האָבן געהאָלפן דזשימי קארטערן צו געווינען דעם פרעזידענט־פאָטעל אין 1976, האָבן קיין שום געמיינזאמס ניט געהאט מיט דער פאָליטיק פון זיין אדמיניסטראציע. אונטער דער מאסקע פון ליבעראַלער ריטאָריק האָט קארטער געמאכט א גרויסן טראָט אָף רעכטס סיי אין זיין עקאָנאָמישער פאָליטיק, סיי אין זיין צוגאנג צו צווישנפעלקערלעכע פראגן. די ברייטע יידישע מאסן זיינען געוואָרן אנטוישט אין דער דעמאָקראטישער פארטיי. דזשימי קארטערן האָט זיך פונדעסטוועגן איינגעגעבן צו פויעלן באם צוזאמענפאָר פון דער דעמאָקראטישער פארטיי, מע זאָל אים ארויסשטעלן אלס קאנדידאט אפן נייעם טערמין. דעמלט איז דער „יידישער וואל־בלאָק" ענדגילטיק צעפאלן געוואָרן.

אין סאָף פון די 70־ער יאָרן האָבן ניט מער פון 9% אמעריקאנער יידן געהאלטן זיך פאר מיטגלידער פון דער רעפובליקאנישער פארטיי און 59% האָבן זיך דערקלערט אלס אָנהענגער פון דער דעמאָקראטישער פארטיי. ווען די וויילער זיינען אָבער געבליבן שטיין פאָנעם־על־פאָנעם באם אויסוויילן דעם „בעסערן" פון די צוויי שלעכטע — דזשימי קארטערן אָדער ראָנאלד רייגאנען — האָבן א סאך אמעריקאנער יידן אָפגעזאָגט זיך צו נעמען אן אָנטייל אין דער צוויי־פארטייישער שפיל. דער אויספרעג, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן זומער 1980, האָט באוויזן, אז 54% יידישע וויילער זיינען פאר דעם אומאָפהענגיקן ליבעראלן קאנדידאט דזשאָן אנדערסאָן, 24% האָבן זיך געקליבן שטימען פאר קארטערן און ניט מער פון 19% פאר רייגאנען.

דזשאָן אנדערסאָן האָט, פארשטייט זיך, ניט געהאט אפילע דעם קלענסטן שאנס צו געווינען אָף די פרעזידענט־וואלן פון 1980, א סאך וויילער האָבן „געשטימט מיט די פיס" — זיי האָבן זיך אָפגעזאָגט צו קומען אָף די וואל־באצירקן. פונדעסטוועגן האָבן די רעזולטאטן פון די וואלן באוויזן, אז די שפאלטונג אין דער יידישער קעהילע איז אוועק זייער ווייט. פאר רייגאנען האָבן געשטימט בלויז 35% יידישע וויילער, פאר דזשימי קארטערן 42%, פאר דזשאָן אנדערסאָנען — 21% (מער, איידער אין א וועלכער־ניט־איז אנדער גרופע וויילער). ווי מיר זעען, זיינען די אמעריקאנער יידן, וועלכע האָבן איבערגעריסן מיט דער דעמאָקראטישער פארטיי, ניט אריבער צו די רעפובליקאנער. אָט אזוי האָט גענומען א סאָף צום „יידישן וואל־בלאָק".

וואָס שייך די נעאָקאָנסערוואטאָרן, האָבן זיי מיט היספּיילעס אופגענומען די ידיע, אז ר. רייגאן איז אויסגעוויילט געוואָרן אלס פרעזידענט פון אמעריקע. קוידעמקאָל, איז פאָדגאָרעץ און קאָמפ. געווען אפן זיבעטן הימל דערפון, וואָס דער אנטיסאָוועטיזם איז געוואָרן דער יעסאָד פון דער וואשינגטאָנער אויסערן־פאָליטיק. נאָך מער פרייט זיי די אינערן־פאָליטיק פון דער רייגאן־אדמיניסטראציע — וויניקער שטיצע פאר די אָרעמעלייט, קלענערע שטייערן פאר די רייכע, פאברייטערונג פון די קריגס־באשטעלונגען. די נעאָקאָנסערוואטאָרן איילן זיך צו פראָקלאמירן דעם „רייגאנישן רעפובליקאניזם" אלס נייע אידעאָלאָגישע פלאטפאָרם פון דער יידישער קעהילע. באנוצנדיק זיך מיט דער דעמאָראליזאציע און אנטוישונג, וואָס האָט גענומען הערשן אין דער קעהילע, פרוּוון זיי פארכאפן אין זייערע הענט די קאָמאנדעפאָסטנס.

אין יאנוואר 1981 איז געמאָלדן געוואָרן וועגן דעם אופקום פון דער אָרגאניזאציע „דער אמעריקאנער יידישער פאָרום". איר אופגאבע איז געווען — פארשפרייטן צווישן די אמעריקאנער יידן דעם נעאָקאָנסערוואטיזם. איינער פון די לידערס פונעם „פאָרום" איז געווען דער פראָפעסאָר פונעם העברעישן טעאָלאָגישן סעמינאריום סטעפאן שפיגעל, געוועזענער הימישער מענטש בא ניקסאָנען און אָן אָנפירער פונעם ניו־יאָרקער אנטיקאָמוניסטישן צענטער „פרייטס־הויז".

די יידישע נעאָקאָנסערוואטאָרן האָבן באקומען די פולע שטיצע פונעם ווייסן הויז. דאָרט פארשטייט מען גוט דעם דעמאָקראטישן פאָטענציאל פון דער יידישער קעהילע און די ראָליע, וואָס זי קאָן אָפשפילן באם שאפן אין די פאראייניקטע שטאטן א ברייטע קאָאליציע פון די פראָגרעסיווע קרעפטן קעגן רייגאנס אנטיפאָלקישער פאָליטיק. די אָנפירער פון דער אדמיניסטראציע ביינדלען זיך אָפן מיט דער יידישער בורזשואזיע, באשטימען אירע פארשטייער אָף הויכע פאָסטנס. למשל, פאָרזיצער פונעם ראט פון דעם פרעזידענטס עקאָנאָמישע ראטגעבער איז געוואָרן מיריי ווייצענבוים — איינער פון די פירנדיקע טעאָרעטיקער פון דער נעאָקאָנסערוואטיווער פאָליטישער עקאָנאָמיע. שטעלפארטרעטער פונעם שוץ־מיניסטער איז

ריטשאַרד פּערל, וועלכער איז פריִער געווען געהילף פונעם סענאַטאָר הענרי דזשעקסאָן. דאָס איז דער זעלבער פּערל, וואָס האָט געשפּילט די צענטראַלע ראָליע באַם דורכשלעפּן אין 1964 דורכן קאָנגרעס די טרויעריק־באַרימטע אויסבעסערונג פון דזשעקסאָן־וועניק, — די אויסבעסערונג, וואָס האָט אַראָפּגעריסן די נאָרמאַליזירונג פון די אַמעריקאַניש־סאָוועטישע האַנדלסבאַציִונגען. ער האָט אויך געשפּילט אַ וויכטיקע ראָליע אין דער אָפּאָזיציע פונעם סענאַט קעגן ראַטיפיצירן די פאַרשטענדיקונג OCB-2 (באַגרענעצונג פון די סטראַטעגישע באַוואָפענונגען). די ייִדישע נעאָקאָנסערוואַטאָרן האָבן באַקומען אַ ריי פּאָסטנס אינעם מעלוכע־דעפּאַרטאַמענט. אַלס שטעלפאַרטרעטער פונעם אַמעריקאַנער פאָרשטייער אין די פאַראייניקטע נאַציעס איז באַשטימט געוואָרן נאָך איינער פון פּאָדגאָרעצעס פּראָטעזשע — קאַרל גערשמאַן, אַן אָנפירער פון דער אַנטיקאָמוניסטישער פּאַרטיי פון די פאַראייניקטע שטאַטן און פון די אַמעריקאַנער „אַרבעטער־ציִעניסטן“.

די פּאָליטיק פון דער רייגאַן־אַדמיניסטראַציע איז אָבער אַ פײַנטלעכע צו די אינטערעסן פון דער גרעסטער מערהײַט פּאָשעטע אַמעריקאַנער, דערונטער צו די ייִדישע אַרבעטנדיקע. אָנדערהאַלבן מיליאָן אַמעריקאַנער ייִדן, וועמענס לעבנס־מינימום איז נידעריקער פון דעם אײַנגעשטעלטן, זײַנען געוואָרן קאָרבאָנעס פונעם פאַרקירצן די הויצאָעס פון דער פעדעראַלער רעגירונג. אין אַ באַזונדערס שווערער לאַגע זײַנען אַרײַנגעפאַלן די פּענסיאָנערן, און צווישן די ייִדן איז דאָך דער טייל עלטערע מענטשן אַ סך אַ גרעסערער, אידער אין לאַנד אינגאַנצן גענומען. אַ קאַטאַסטראָפישע לאַגע האָט זיך איצט געשאַפן אין אייניקע ראַיאָנען פון פלאָרידע, וווהין עס זײַנען אין די לעצטע יאָרן אַריבערגעפאָרן אַלטע לײַט פון אַלע עקן אַמעריקע.

אַ צווייטער שיכט פון דער ייִדישער באַפעלקערונג, וועלכער לײַדט שטאַרק פון דער עקאָנאָמישער פּראָגראַם פון ראָנאַלד רייגאַנס אַדמיניסטראַציע, זײַנען די מעלוכע־אָנגעשטעלטע. די פאַרקירצונג פון די בירגערלעכע אַרטיקלען פונעם בודזשעט האָט שטאַרק געטראָפן אינעם אַרבעטסלוין פון אַ סך אָנגעשטעלטע און געבראַכט דערצו, אַז גרויסע מאַסן זײַנען אָפּגעזאָגט געוואָרן פון דער אַרבעט. אונטער אַזאַ סאַקאָנע זײַנען אַרונטערגעפאַלן טויזנטער ייִדן, וועלכע האָבן געוואָלט אַריבערגיין אין די מעלוכע־סעקטאָרס, קעדיי אויסמײַדן די דיסקרימינאַציע אינעם פּריוואַטן סעקטאָר.

רייגאַנס פּאָליטיק איז אַן ערנסטע סאַקאָנע פאַר דער יוגנט. פון איין זײַט, ווערט רעאַל די געפאַר צו גערופן ווערן אין דער אַרמיי, צו זײַן געצוווּנגען אָנטיילנעמען אין די קריגס־אַוואַנטורעס פונעם אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם אין לאַטײַן־אַמעריקע, אַפן נאָענטן מיזרעך, אין אַפריקע. פון דער צווייטער זײַט, ווערן פאַרקירצט די סובסידיעס אַף בילדונג, און דאָס רײַסט אַרונטער דעם טרוים פון אַ סך ייִדישע מישפּאָכעס צו געבן זייערע קינדער אַ בעקאָוועדיקע בילדונג. פון די דאָזיקע פאַרקירצונגען לײַדן, אַגעוו, ניט בלויז די סטודענטן, נאָר אויך אַ טויזנטער ייִדן־לערער.

די נײַע אַדמיניסטראַציע האָט פאַנאַנדערגעוויקלט אַן אָנגריף אויך אַף די רעכט פון די פרויען. וואַשינגטאָן זאָגט זיך אָפּ ניט בלויז צו אָנערקענען די גלײַכבאַרעכטיקונג פון די פרויען — די נײַע אַדמיניסטראַציע וויל אויך ליקווידירן דאָס, וואָס עס איז שוין דעראָבערט און דערגרייכט געוואָרן מיצאַד דער פרויען־באַוועגונג אין קאַמף קעגן דיסקרימינאַציע. אונטער דעם פאַלשן לאָזונג צו פאַרטיידיקן „דאָס רעכט אַף לעבן“ באַקומט אַלץ אַ ברייטערן פאַרנעם אַ קאַמפּאַניע צו פאַרבאָטן אַבאָרטן. די דאָזיקע קאַמפּאַניע ווערט געשטיצט דורך דער רייגאַן־אַדמיניסטראַציע.

ענדלעך, וועגן די פּראָפאַריינען. די רייגאַן־אַדמיניסטראַציע האָט פאַנאַנדערגעוויקלט אַן עמעסן מאַרש קעגן די פּראָפאַריינען. מיטגלידער פון פאַרשיידענע פּראָפעסיאָנעלע פאַראייניקונגען זײַנען אַ סך אַמעריקאַנער ייִדן. די רעפּרעסיעס פון דער רעגירונג קעגן די אָנטיילנעמער פונעם שטרײַק פון די דיספּעטשערן אין דער אַוויאַציע איז פאַקטיש געצילט קעגן דער גאַנצער פּראָפאַריינישער באַוועגונג אין די פאַראייניקטע שטאַטן, קוידעמקאָל קעגן די פּראָפאַריינען פון די מעלוכע־אָנגעשטעלטע, צווישן וועלכע עס זײַנען פאַראַן זייער פיל ייִדן.

אין די דאָזיקע באַדינגונגען וואַרפט אָפּ די מערהײַט אַמעריקאַנער ייִדן די רופן פון די נעאָקאָנסערוואַטאָרן. דער רוק אַף רעכטס, וועגן וועלכן עס שרײַט נאָרמאַן פּאָדגאָרעץ און זײַן קאָמפּאַניע, האָט אָנגערירט בלויז אַ קליינעם טייל פון די אַמעריקאַנער ייִדן. די ייִדישע מאַסן וואַרפן אָפּ די פּראָגראַם פון דער רייגאַן־אַדמיניסטראַציע. לאָמיר אָפּמערקן, אַז דער אויספרעג פון די וויילער, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן אינעם טאָג פון די פּרעזידענט־וואַלן דעם 4 נאָיאַבער 1980, באַווײַזט, אַז די נעאָקאָנסערוואַטאָרן זײַנען, ווי פריִער, געבליבן אין דער מינדערהײַט צווישן די אַמעריקאַנער ייִדן, ניט געקוקט דערויף, וואָס זייער אײַנפלוס איז אויסגעוואַקסן. לויט דעם דאָזיקן אויספרעג (פאַרעפנטלעכט אינעם זשורנאַל „פּאַבליק ספּיניאָן“) געפינען זיך צווישן די ייִדן די גרעסטע צאָל אָנהענגער פון ליבעראַלע אָנשוויונגען אין לאַנד (44%) און די קלענסטע צאָל קאָנסערוואַטאָרן (25%). די אַמעריקאַנער ייִדן וואַרפן אָפּ אויך די דעמאַגאָגישע לאָזונגען, מיט וועלכע עס טרעטן אַרויס די אולטראַ־רעכטע קרײַזן. אַזוי, לעמאָשל, האָט דער האַריס־אַמט, וואָס האָט ניט לאַנג צוריק דורכגעפירט אַן אויספרעג, פעסטגעשטעלט, אַז 85% אַמעריקאַנער ייִדן וואַרפן אָפּ די פאָדערונג צו פאַרבאָטן אַבאָרטן.

(סאָף קומט)

א שמועס באַם רונדן טיש

אין דער רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד“ איז פאָרגעקומען א שמועס באַם רונדן טיש, אין וועלכן ס'האָבן זיך באַטייליקט דער שעף פונעם צענטער, וואָס גרייט קאָסמאָנאַווטן, צוויי מאָל העלד פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד, פאַרדינסט־פולער פליִער־אויספּרוּווער פון פסס״ר, קאַנדידאַט פון פּעדאַגאָגישע וויסנשאַפטן, גענעראַל־לייטענאַנט פון אַוויִאַציע געאָרגי טימאָפייעוויטש בערעגאָוואָי, דער רוסישער שרייַבער וויקטאָר מיטראָשענקאָוו און דער הויפּט־רעדאַקטאָר פון „סאָוועטיש היימלאַנד“ אַרן ווערגעליס.

ווערגעליס. קוידעמקאָל איז מיר אָנגענעם צו באַגריסן אייַך, די שטענדיקע אַווטאָרן פון אונדזער זשורנאַל, דאָ, אין די ווענט פון דער רעדאַקציע.

בערעגאָוואָי. איך וויל אומקערן זיך צוריק צום צוואַנציקיאָריקן יובילײַ פונעם זשורנאַל. אונדזער כאַווער, דער העלד פון סאָוועטנפאַרבאַנד וויאַטשעסלאַוו זודאָוו, האָט, לויטן אויפטראָג פון די פליִער־קאָסמאָנאַווטן, באַגריסט אויפן גרויסן אָוונט אין צענטראַלן ליטעראַטן־הויז די רעדקאָלעגיע און דעם שעפערישן אַקטיוו פון „סאָוועטיש היימלאַנד“. צוואַנציק יאָר איז, בכלל גענומען, שוין א גאַנץ סאָלידער עלטער, אָבער אורטיילנדיק לויט דעם, וויִאַזוי „סאָוועטיש היימלאַנד“ האָט זיך מיט ברען און ליבע א נעם געטאָן פאַר דער קאָסמאָס־טעמע, קאָן מען באַוווּנדערן זייַן יונגקייַט. פאַרוואָס קער איך זיך אום מיט די געדאַנקען צו אייַער יובילײַ? ווייַל דאָס גיט מיר די מעגלעכקייַט צו דערמאָנען זיך, אַז אונדזער ערשטע באַגעגעניש איז פאָרגעקומען מיט קאַרגע צוויי יאָר צוריק. פון די 20 יאָר פון זייַן עקזיסטענץ האָט „סאָוועטיש היימלאַנד“, אַזוי־אַרום, 18 יאָר געלעבט אָן אונדז. בעעמעס, בא מיר רופט עס אַרויס אייפערזיכטיקייַט. און פון דער צווייטער זייַט, פאַרשאַפט מיר פאַרגעניגן דער פאַקט, וואָס אונדזער צוזאַמענאַרבעט האָט צוגעגעבן דעם יובילײַ פונעם זשורנאַל מער וואָגיקייַט און פּערספּעקטיוו.

ווערגעליס. איך דאַרף זיך אויך אומקערן אויף צוריק, צו דער פאַרגאַנגענהייַט. איר געדענקט מיסטאָמע, אַז אין אָנהייב 1980, ווען מיר האָבן באַהאַנדלט די פראַגע וועגן פּובליקירן מאַטעריאַלן מיקויעד דעם קאָסמאָס, האָבן מיר ניט געפילט זיך אינגאַנצן זאָרגלאָז, ניט אַרייַנגעפאַלן אין קעלבערנע היספּייַלעס. רייִשיס, זייַנען מיר געווען ניט פון די ערשטע — א סאַך זשורנאַלן האָבן דעמלט שוין לאַנג, אַפילע סיסטעמאַטיש געדרוקט גרעסערע און קלענערע דערציילונגען פון קאָסמאָנאַווטן, דערינערונגען פון געלערנטע, די שעפער פון דער קאָסמאָס־טעכניק. זיי האָבן שוין, הייסט עס, פאַרמאָגט א דערפאַרונג, און מיר האָבן ערשט געדאַרפט שטעלן די ערשטע טריט.

צווייטנס, האָט זיך אונדז געדוכט, אַז וועגן דעם וויכטיקסטן, וועגן דעם, וואָס דער לייענער איז נייַגעריק צו וויסן, האָט מען שוין גענוג געשריבן. וואָס זשע קאָן מען זאָגן עפּעס נייַס? מיט וועלכע מאַטעריאַלן פאַרכאַפּן דעם לייענער, איבעראַשן אים?

און ווייַטער. ווער, אַשטייגער, וועט שרייַבן אויף אָט דער טעמע פאַר „סאָוועטיש היימלאַנד“? צווישן די מיטאַרבעטער פונעם זשורנאַל זייַנען ניטאָ אַזעלכע ספּעציִאַליסטן. א סאַך אָנגעזעענע סאָוועטישע שרייַבער און זשורנאַליסטן, ווי אויך קאָסמאָנאַווטן האָבן שוין געמאַכט זייער אויסוואַל, זיי זייַנען גרופּירט אַרום די אַנדערע פּעריִאָדישע אויסגאַבעס.

בערעגאָוואָי. מיט איין וואָרט: ס'איז טאַקע א גאָלדענער בעכער, נאָר ווו איז דער ווייַן?

ווערגעליס. עס איז פאַראַן א קלוג ייִדיש שפּריכוואָרט: קוק ניט אויפן בעכער, נאָר אין אים...

מיטראָשענקאָוו. מע האָט מיר דערציילט, אַז דער זשורנאַל האָט באַקומען א סאַך בריוו. ער האָט איצט, אַפּאָנעם, זייַן אייגענעם „קאָסמישן“ לייענער. עס וואָלט געווען אינטערעסאַנט צו וויסן, וואָס די לייענער שרייַבן.

ווערגעליס. דער לייענער איז צופרידן, וואָס מיר פאַרעפנטלעכן אַזעלכע מאַטעריאַלן. ער דריקט אויס זײַן דאַנק דער רעדאַקציע און די קאָסמאָנאַווטן, וועלכע באַטייליקן זיך אין אָט דער אַרבעט. ער בעט, דער לייענער, מיר זאָלן מער שרײַבן וועגן דעם עצם פאַך, וועגן די „באַלמעלאָכעס" פון קאָסמאָנאַווטיק, וועגן די גראַנדיעזע פּערספּעקטיוון, וועלכע עפענען זיך אין צוזאַמענהאַנג מיטן טיפן שטודירן די אַל־וועלט, ער בעט, מע זאָל שילדערן דאָס שטייגער־לעבן פון די קאָסמאָנאַווטן, געלערנטע, קאָנסטרוקטאָרן.

מיטראָשענקאָוו. איך מיין, אַז אַזעלכע באַקאָשעס פון די לייענער איז מעגלעך אויסצופילן. די רעדאַקציע האָט צוליב דעם געשאַפן אַ גוטן קאָלעקטיוו ענטוזיאַסטן־אַווטאָרן. נו, און געאָרגי טימאָפייעוויטש בערעגאָוואָי האָט געעפנט אין „סאָוועטיש היימלאַנד" אַ קאָסמאָס־ווינקל, און ער וועט זײַן קינד ניט אופהערן צו כאָוועז.

בערעגאָוואָי. וואָס פאַר אַ פראַגע — געוויס! איך גיי צו צו די אַרויסטרעטונגען אין דער פּרעסע — אין אַ זשורנאַל אָדער אין אַ צײַטונג — ווי צו אַ וויכטיקן פּאַרטייִשן כויוו. ווער, אויב ניט מיר, קאָן דערציילן, מיט וואָס עס פאַרנעמען זיך די קאָסמאָנאַווטן? מיר באַקומען דאָך די וויסנשאַפטלעכע יעדיִעס דירעקט אַף דער אָרביטע, וווּ אויסער אונדז איז קיינער ניטאָ. דאָס באַטײַט ניט, אַז אונדזערע פּובליקאַציעס פאַרבײַטן מיט זיך די ווערק פון שרײַבער און זשורנאַליסטן. פאַרקערט, מיר ווילן גלייבן, אַז אונדזערע אַרטיקלען האָבן אַרויסגערופן בא זיי אַן אינטערעס, אַן אייגענעם אויפן צו זען די טעמע, דאָס געשטאַלט, די פּראָבלעמען. אַזאַ מיטאַרבעט איז נוצלעך, זי גיט אַ מעגלעכקייט צו אופנעמען רעאַ־לער, טיפער דעם אָביעקט פון דער אויספאָרשונג.

ווערגעליס. מיר זײַנען פאַר אַ סיסטעמאַטישער און אַלץ טיפערער מיטאַרבעט. ס'ווילט זיך אָפּמערקן אָט וואָס. מיר האָבן אָפּגעדרוקט ביז איצט 23 מאַטעריאַלן וועגן דעם קאָסמאָס. נײַן פון זיי האָבן אָנגעשריבן די קאָסמאָנאַווטן גופא. דאָס באַווײַזט די גרויסע קולטור פון אונדזערע כאַלעל־העלדן, דעם הויכן ניוואָ פון זייער בילדונג. אַגעוו, ס'ווילט זיך באַטאָנען, אַז די לעבנס־כראָניק פונעם ערשטן קאָסמאָנאַווט פון דער פּלאַנעטע איז צום ערשטן מאָל פּובליקירט געוואָרן אין זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד". אָט זעען מיר דאָ דעם אַווטאָר — וויקטאָר מיטראָשענקאָוון...

מיטראָשענקאָוו. דאָס איז ניט מײַן פאַרדינסט. איך דערמאָן זיך, ווי איר האָט אַנטשיידן און פעסט גענומען גרייטן אָט דעם מאַטעריאַל אין נומער און באַלד טאַקע אין דער ביכער־בײַלאַגע צום זשורנאַל. דער אַווטאָר קאָן זיך פילן גליקלעך, וואָס זײַן מאַנוסקריפּט האָט אַרויסגערופן אַזאַ רעאַקציע באַם הויפּט־רעדאַקטאָר.

ווערגעליס. דאָ פאַלן זיך צונויף אונדזערע געפילן. מיר זײַנען אויך ביז גאָר צופרידן, וואָס „סאָוועטיש היימלאַנד" איז דער ערשטער זשורנאַל, וואָס האָט באַקאַנט די סאָוועטישע לייענער מיט אַזאַ אָריגינעלן מאַטעריאַל. מיר האָבן באַקומען פיל בריוו, ווו מע דאַנקט פאַר דעם. איך האָב דאָ שוין גערעדט וועגן די אָפּרופן פון לייענער, און אַזעלכע בריוו קומען אָן סײַ פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד, סײַ פון אויסלאַנד.

בערעגאָוואָי. עפשער דאַרף מען אַ טייל פון די בריוו פּובליקירן און געבן אַף זיי עפנטלעך אַן ענטפער?

וווּרגעליס. אָט איז אַן אויסצוג פון איינעם אַ בריוו. ס'האָט אים צוגעשיקט אין רעדאַקציע אַ לערער פון נאַטורוויסנשאַפט אין אַ שול פון דער שטאָט קוסטאַניי — אײַזיק גרינבערג. ער שרײַבט: „מיט דער הילף פון דער אַפּאַראַטור, וואָס איז מאָנטירט אויפן באָרט פון די פליִענדיקע קאָסמישע אָביעקטן קאָן מען פעסטשטעלן די טיף פונעם שניי־צודעק, געפינען דאָס אָרט, ווו ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ וואַלד־סרייפע, פעסטשטעלן געפינערטער פון נאַפט, גאַז, פּלאַנקטאָן. צי קאָן מען ניט אויסנוצן דעם קאָסמאָס אויך אויף זוכן נײַע דערנערונגס־קוואַלן?"

בערעגאָוואָי. און מיר טוען דאָס שוין פון לאַנג. ווי באַוווּסט, פירן די געלערנטע אין אָקעאַן סיסטעמאַטישע פאָרשונגען. זיי האַלטן, אַז דער אָקעאַן איז דער סאַמע זיכערער און אומויסשעפּבאַרער קוואַל פון דערנערונג. דער אָקעאַן איז פעיִק צו שאַפן דעם נייטיקן רעזערוו אויף צו ראַטעווען די מענטשהײַט, ווען עס טרעפן אומגעריכטע קאַטאַקליזמען.

די אַלגעמיינע וואָג פון דער ביִאָמאַסע אין די אָקעאַנען באַטרעפט 25 מיליאַרד טאָן. אַנאַליטיש ווערט דער אָקעאַן, לויט דער דערנערונג, געשאַצט אין 20 טויזנט גערעטענישן יערלעך, וועלכע ווערן אַראָפּגענומען פון דער גאַנצער יאַבאָשע.

לויט די אויסרעכענונגען פון „יונעסקאָ" באַטרעפט איצט דער וועלט־געפאַנג פון פיש 70 מיליאָן טאָן אַ יאָר. די פּראָגנאָזן אויף דער צוקונפט זײַנען — 140 מיליאָן טאָן אַ יאָר. אויב נעמען אין אַכט, אַז די גרעסטע העלפט פון דער אַרבעט אין אָקעאַן וועט אָוועקגיין אויף זוכן די פּראָדוקטן, קאָן מען לײַכט פאַרשטיין די גרויסע ראָליע, וואָס עס וועלן אין דעם פּראַט שפּילן קאָסמישע ספּוטניקעס — געווערב־אויסשפּירער.

קיינעם וועט ניט אײַנפאַלן צו האַלטן די דאָזיקע פּראָבלעם פאַר אַ פּוסטער שפּיל, אויב מע זאָל זיך דערמאָנען, אַז די באַפעלקערונג האַלט אין איין וואַקסן. לויט די מאַטעריאַלן פון דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַרייניקטע נאַציעס וועט צום 2050 יאָר די באַפעלקערונג פון דער פּלאַנעטע באַטרעפן 7,5 מיליאַרד מענטשן.

וווּרגעליס. דער ענטפער איז אַ פּרעכטיקער. מע מעג אײַך שטעלן אַ פינף! דאָס איז דאָך אָבער בלויז איינע פון די פראַגן. ציִאָלקאָווסקי האָט אַמאָל געטרוימט וועגן נעמען פון דער קאָסמאָנאַווטיק „בערג מיט טוווּע". ס'קאָן זײַן, אַז די דאָזיקע צײַט איז שוין נאָענט...

מיטראָשענקאָוו. אַלזאָ, לאָמיר אָנהייבן פונעם אָנהייב. די לייענער ווילן באַקומען וואָס מער קענטענישן וועגן דער קאָסמאָנאַווטיק, וועגן דער אַלוועלט. ענטפערן אויף די דאָזיקע פראַגן קאָן מען מיט דער הילף פון פאַרשיידענע ליטעראַרישע זשאַנרען. איידער איך וועל פאָרמולירן מײַן שטאַנדפּונקט, וויל איך זאָגן, אַז די געלערנטע טעאָרעטיקער פון דער קאָסמאָנאַווטיק ווענדן זיך שטענדיק צו דער קינסטלערישער ליטעראַטור. ניקאָלײַ פּיאָדאָראָוויטש פּיאָדאָראָוו און קאָנסטאַנטין עדואַרדאָוויטש ציִאָלקאָווסקי האָבן אַליין געשריבן דערציילונגען, סערגיי פּאַוולאָוויטש קאָראָליאָוו האָט אין אַ בריוו צום באַוווּסטן פּראָפּאַגאַנדיסט פון דער קאָסמאָנאַווטיק יאַקאָוו פּערעלמאַן אָנגעוויזן אויף דער גרויסער ראָליע, וואָס די ליטעראַטור שפּילט אינעם פאַרשפּרייטן קענטענישן וועגן דער קאָסמאָנאַווטיק. אָט וואָס ער האָט געשריבן: „עס איז, פאַרשטייט זיך, נייטיק, אין דער ערשטער ריי, אויך אַ (קאָסמישע) ליטעראַטור. קיין ליטעראַטור איז אָבער ניטאָ, אויב ניט רעכענען אַ 2—3 ביכלעך, וועלכע מע קאָן אויך ניט אומעטום געפינען. איך וואָלט זייער וועלן וויסן אײַער מיינונג וועגן אָט דער פראַגע"...

נאָכפאָלגנדיק די דאָזיקע לאָגיק, דערלויב איך זיך אַרויסזאָגן מײַן מיינונג אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם, וואָס עס טוט איצט „סאָוועטיש היימלאַנד". מע דאַרף, אַפּאָנעם, דרוקן ניט בלויז פאַרצייכענונגען, רעפּאָרטאַזשן, זיכרוינעס, נאָר אויך קינסטלערישע ווערק: קלענערע און גרעסערע דערציילונגען, ראָמאַנען, פּאָעמעס וועגן אַרויסגאַנג פונעם מענטשן אין דער אַלוועלט.

וווּרגעליס. אויף דער זיצונג פון דער רעדקאָלעגיע פון אונדזער זשורנאַל, וועלכע מיר האָבן דורכגעפירט אינעם „שטערן־שטעטל", האָבן וועגן דעם גערעדט אויך פּיאָטער קלימוק, מאַרינע פּאָפּאָוויטש.

בערעגאָוואָי. עפּשער דאַרף מען פאַרעפנטלעכן אַ רעשימע פון די בעסטע ווערק, וואָס זײַנען פאַראַן אויף אָט דער טעמע. אויב מע וועט אַפילו ניט לייענען, נאָר בלויז וויסן, אין וועלכן יאָר דאָס בוך איז אַרויס, וועט זײַן לײַכט נאָכפאָלגן דעם טרוים פון די ערד־מענטשן צו אויפהייבן זיך אין הימל, דערגרייכן צו די ווײַטע פּלאַנעטעס, צו די גאַלאַקטיקעס.

איצט הייבט זיך אָן אין אַ וויכטיקן סאָוועטישן פאַרלאַג די אַרבעט איבער אַ קאָלעקטיוון בוך וועגן די מאַנשאַפטן, וועלכע האָבן אויסגעפילט די פּראָגראַם פון „אינטערקאָסמאָס". באַ די אווטאָרן — און, ווי מע האָט מיר געזאָגט, איז אַרן וווּרגעליס איינער פון די אווטאָרן פון אָט דעם בוך, — וועט זיך אָנזאַמלען אַ ריזיקער מאַטעריאַל. אויב מע וועט אייניקע פאַרצייכענונגען דרוקן אויך אין „סאָוועטיש היימלאַנד", וועט דאָס אַרויסרופן באַ די לייענער אַ פּאָזיטיווע רעאַקציע.

מיטראָשענקאָוו. מיט דער צײַט וועט עפּשער האָבן אַ זין צו דערקלערן אין זשורנאַל אַ קאָנקורס אויף דער בעסטער ייִדישער דערציילונג וועגן קאָסמאָס...

בערעגאָוואָי. מיר האָבן, הייסט עס, אין אַ געוויסער מאָס שוין באַהאַנדלט די פראַגע וועגן זשאַנרען. לאָמיר, אויב אַזוי, אַ שמועס טאָן וועגן דעם העלד פון די קומענדיקע ווערק. ווער וועט עס זײַן? פאַרשטייט זיך, אויפן ערשטן פּלאַן פון דער ליטעראַטור־פאָרשונג וועט בלײַבן דער מענטש, דער געלערנטער, דער קאָנסטרוקטאָר, דער קאָסמאָנאַווט. ער וועט האָבן אַ קאָמפּליצירטן כאַראַקטער, און זײַן וועג אינעם לעבן וועט ניט זײַן איזאָלירט פון דער פאַרגאַנגענ־

הײַט. אָבער דאָס פֿאַראַלגעמיינערטע געשטאַלט פֿון אָט דעם מענטשן וועט לויט זײַן פּאַטאָס געהערן דער צוקונפֿט. אין די ווערק וועלן גע־שילדערט ווערן זײַנע טריומפֿן, געראָטענע אופֿ־טוען און אויך זײַנע פֿעלערן. דאָס וועט זײַן דער נײַער מענטש אין דער נײַער סאָציאַליס־טישער צײַט. די סאָוועטישע קאָסמאָנאַווטיק טוט אַלץ, קעדיי פֿאַרהיטן און בעסער מאַכן דאָס לעבן אַף דער וועלט.

די געשיכטע פֿון דער ציוויליזאַציע איז פֿול מיט עקאָלאָגישע פֿעלערן, וועלכע האָבן דער־פֿירט צו שווערע פֿאָלגן. איבער דער ניט ריכ־טיקער באַוואַסערונג זײַנען פֿאַרוואַנדלט גע־וואָרן אין אַ מידבער די בליִענדיקע טאָלן פֿון די טײַכן טיגער און עפֿראַט, איבער דעם עק־סטענסיוון אויסנוצן די דזשונגליעס זײַנען גע־גאַנגען צו גרונט די מעלוכעס מאַיאַ און פֿון די אוראַלטע קכמערן, די אָרדעס פֿון טשינגיס־כאַן האָבן פֿאַרוואַנדלט אין זאַמדן דעם קאָוויל־סטעפּ צווישן דער וואָלגע און אוראַל, פֿאַר וואָ־סערע הונדערט יאָר זײַנען אין צפֿון־אַמעריקע פֿאַרניכטעט געוואָרן 10 מיליאַרד וואַנדער־טויבן און מיליאָנען ביזאָנען, שוין אין אונדזער טקופֿע איז די טעריטאָריע פֿונעם מידבער סאַכאַראַ אויסגעוואַקסן אַף 650 טויזנט קוואַדראַטע קי־לאָמעטער.

ווי איר זעט, איז אין קאָסמאָס פֿאַראַן זייער אַ סאַך וואָס צו טאָן. דער מאַסשטאַב פֿון די פּראָבלעמען, וועלכע ווערן געלייזט דורך די ספּוטניקעס און די פּילאָטירטע שיפֿן, ווערט אַלץ גרעסער.

ווערגעליס. איצט שרײַבט מען און מע רעדט זייער פֿיל וועגן די קינפֿטיקע פֿלוגן. אין מײַרעוו האָבן די פֿוטוראָלאָגן אַרויסגעגעבן בי־כער, ווו עס ווערט דערציילט וועגן דעם, ווי מע וועט פֿליִען אַף אַנדערע פּלאַנעטעס.

בערעגאָוואָי. איך בין באַקאַנט מיט זייערע פּראָגנאָזן, וואָס אַלפּי־קלאַל באַשטעטיקן זיי זיך ניט. די וויסנשאַפֿט און די טעכניק אַנטוויקלען זיך אַזוי האַסטיק, אַז פּראָגנאָזן פֿונדאַמענטאַלע געשעענישן איז פּאָשעט אומעגלעך.

ווערגעליס. וולאַדימיר איליטש לענין האָט אין זײַן ווערק „די פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע און די פּאַרטיי־ליטעראַטור" אָנגעשריבן אַזעלכע רופֿנ־דיקע ווערטער: „אַלזאָ, צו דער אַרבעט, כאַוויי־רים: פֿאַר אונדז שטייט אַ שווערע און אַ נײַע, אָבער אַ גרויסע און דאַנקבאַרע אויפֿגאַבע — אָר־גאַניזירן אַ ברייטע, פֿאַרשיידנזײַטיקע, פֿאַר־שיידנאַרטיקע ליטעראַרישע אַרבעט"...

דעם שמועס האָט פֿאַרשריבן
אַלעקסאַנדער נעמאָוו

צוגעזאַגט ערן־טיטלען

אוקאַז
פֿון פּרעזידיום פֿונעם אויבער־סאָוועט פֿון רספֿסר

פֿאַר די פֿאַרדינסטן אין געביט פֿון דער סאָוועטישער פּרעסע צווייגענען דעם ערן־טיטל פֿאַרדינסטפֿולער קולטור־טוער פֿון רספֿסר ווערגעליסן אַראָן אַל־טעראַוויטשן —
דעם הויפּט־רעדאַקטאָר פֿונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד"

פֿאַרזיצער פֿון פּרעזידיום פֿונעם אויבער־סאָוועט פֿון רספֿסר
מ. יאַסנאָוו

סעקרעטאַר פֿון פּרעזידיום פֿונעם אויבער־סאָוועט פֿון רספֿסר
כ. נעשקאָוו

מאָסקווע, 10 דעקאַבער 1981

אוקאַז
פֿון פּרעזידיום פֿונעם אויבער־סאָוועט פֿון רספֿסר

פֿאַר די פֿאַרדינסטן אין געביט פֿון דער סאָוועטישער פּרעסע צווייגענען דעם ערן־טיטל פֿאַרדינסטפֿולער קולטור־טוער פֿון רספֿסר בײַדערן כאַיִם וואָל־קאָוויטשן —
דעם שטעלפֿאַרטרעטער פֿון דעם הויפּט־רעדאַקטאָר פֿונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד".

פֿאַרזיצער פֿון פּרעזידיום פֿונעם אויבער־סאָוועט פֿון רספֿסר
מ. יאַסנאָוו

סעקרעטאַר פֿון פּרעזידיום פֿונעם אויבער־סאָוועט פֿון רספֿסר
כ. נעשקאָוו

מאָסקווע, 10 דעקאַבער 1981

ליטעראטור-קריטיק ‖ ביבליאָגראפיע ‖ פראגן פון קונסט

שמועל וויניצקי

עס זינגט פון אים ארויס

(וועגן אירמע דרוקערס שאפונגס-וועג)

איז געשטאנען א יונגער באָכער על פּרשת דרכים[1] — דאָרט, ווו וועגן צעשיידן זיך, און לאנג געטראכט: מיט וועלכן גיין ווײַטער?

אים האָט זייער אָפּגעגליקט. ער איז אלט געוואָרן זיבעצן יאָר און באדארפט אָנהייבן טראכטן וועגן א טאכלעס אין לעבן פונקט דעמלט, ווען די ראטנמאכט האָט נאָרוואָס אָפּצולאָכעס אלע סאָנים, אָפּגעפּראוועט איר פינפיאָריקן יוויול און אין לאנד זײַנען שוין געוועזן פארלאָשן די לעצטע פײַערן פון דער בירגערקריגלעכער סרייפע. אזויארום איז אירמע דרוקערן, וועגן וועמען עס רעדט זיך דאָ, אויסגעפאלן דאָס מאזל צו זײַן איינער פון דעם ערשטן דאָר יונגעלײַט פונעם אָרעמען קלאס, פאר וועמען ס'האָבן זיך ברייט צעעפנט אלע לעבנסוועגן און יעדערער האָט באקומען א מעגלעכקײַט אויסצוקלײַבן זײַן וועג און שפּאנען צום ציל פרײַ, אָן פּענטעס אף די הענט און פיס. פליגל זײַנען אויסגעוואקסן בא קינדער פון די יידישע האָרעפּאשניקעס, וועלכע זײַנען אין די צארישע צײַטן געוועזן פון געבוירן פארמישפּעט צו צאנקען אין דאכקעס און רעכטלאָזיקײַט אין דושנעם טכום האמוישעוו.

ווען ס'איז דאָ אן אויסוואל, טראכט מען, וואָס אויסצוקלײַבן. אירמע דרוקער איז געשטאנען אפן שיידוועג. אין אים האָבן זיך געשטויסן צוויי טרוימען. אין דער היים איז ער געוואקסן אין א וועלט פון קלאנגען. דער טאטע פלעגט אָנפילן די שטוב מיט יידישע ניגונים, די מאמע, וועלכע איז אויסגעוואקסן אין א דאָרף, פלעגט אויסריידן דאָס הארץ אין אוקראאינישע לידער. האָט דער זון פון קינדווײַז אָן זיך אָנגעזאפּט מיט נעגינע און געטרוימט וועגן לערנען מוזיק, אויסבילדן דעם פײַנעם באריטאָן, וואָס ער האָט געיארשנט פונעם טאטן, און ווערן א זינגער א פּראָפעסיאָנאל. פריער איז דאָס געווען א כאָלעם, איצט קאָן דאָס מעקוייעם ווערן. דארף מען, הייסט עס, זיך געזעגענען מיטן היימשטעטל טשערנאָביל, זיך לאָזן קיין קיעוו און אָנגעבן א מעלדונג אין דער מוזיקשול. ער האָט אָבער נאָך איין ליבע — צו ביכער. עס ציט אים צו זיי ניט ווייניקער, ווי צו נעגינע, און נאָך אין די יינגלשע יאָרן האָט זיך אין אים דערוועקט א שטרעבונג צו ווערן א שרײַבער, זיך אויסלערנען ארויסזאָגן מיט ווערטער, וואָס דאָס הארץ פילט און דער מויעך טראכט, ווי א זינגער ברענגט עס ארויס מיט קלאנגען.

געזיגט האָט אין דעם געראנגל די נעגינע. אינגיכן ווערט ער א סטודענט פון דער קיעווער מוזיק-שול און לערנט זיך מיט גרויס כיישעק צו ווערן א זינגער. די לימודים גייען בא אים גאנץ גוט, ער טרעט שוין אפילע ארויס אף קאָנצערטן, זינגט אריעס פון אָפּערעס, יידישע און אוקראאינישע לידער. נאָר עס לאָזט אים ניט צורו די צווייטע העלפט פון זײַן צעטיילטער נעשאָמע — ס'ציט צו שרײַבערײַ. בעטעווע איז ער א מענטש א געזעלשאפטלעכער, דערצו א סאנגוויניק, מיט א הייסן טעמפּעראמענט, איז אים ענג אין דעם שול-קלאס. די העראָיק און ראָמאנטיק פון די יאָרן, ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן בויען א נײַע וועלט, די גראנדיעזקײַט

[1] אל פּאָראָשאס דראָכים.

פון די ענדערונגען, וועלכע קומען פאָר אָף יעדן טריט און שריט, וועקן אים אלץ שטארקער און רופן, ער זאָל נעמען די פען אין האנט און מיט דעם געדרוקטן וואָרט זיך אָנשליסן אין ברויזנדיקן און שפרודלדיקן לעבן.

האקלאל, אין דער מיט פון די צוואנציקער יאָרן באווײַזט זיך אין דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראטור א נײַער נאָמען — אירמע דרוקער. אינעם זשורנאל „יונגוואלד“ און אין אייניקע צײַטונגען ווערן פארעפנטלעכט עטלעכע זײַנע דערציילונגען. און כאָטש דאָס זײַנען בלויז די ערשטע פּרוּוון פון אן אָנפאנגער, ווערט ער שוין ארײַנגעצויגן אין דער שרײַבערישער פּראָפעסיע. שפּעטער מיט צענדליקער יאָרן וועט ער אין איינעם פון זײַנע ווערק אָנשרײַבן, א ביסל איראָניש, נאָר אין טאָך גענומען גאנץ ערנסט: „א שווערע מעלאָכע — שרײַבערײַ, גלייבט מיר. יעדע פּראָפעסיע, אויב זי ווערט אײַך נימעס, קענט איר זי אוועקווארפן, פארבײַטן אָף אן אנדערער. נאָר ווער סע האָט כאָטש איין מאָל געזינדיקט מיט דער פען, דער איז שוין א פארפאלענער אָפן גאנצן לעבן. ער וועט טינטלען און טינטלען, ביז די פען וועט ניט ארויספאלן פון זײַנע הענט און דאָס בלוט וועט ניט אופהערן פליסן אין זײַנע אָדערן“... און איר מעגט אים גלייבן — ער קאָן דאָס איבערצײַגעוודיק באשטעטיקן אָף זײַן אלטמאָדישן אויפן — מיט א „פּאָסעק“: „בדידי הוה עובדא“[1] — מיט מיר איז אזוינס פּאָרגעקומען.

אין די ערשטע יאָרן פון זײַן ליטעראַרישער טעטיקײַט שרײַבט דרוקער מערסטנטייל דערציילונגען און פארצייכענונגען וועגן דער סאָוועטישער ווירקלעכקײַט, מאָלט בילדער און שטריכן פון דעם נײַעם, וואָס ווערט אָקאָרשט געבוירן. אין 1929 דערשײַנט אין אלמאנאך „וווּספּ“ זײַנע א גרעסערע דערציילונג „אין סטעפּ“, ווו סע ווערט געשילדערט איינע פון די מערקווירדיקסטע דערשײַנונגען פון יענער צײַט אינעם לעבן פון די ייִדישע פאָלקסמאסן — די איבערוואנדערונג פון דער דעקלאסירטער שטעטלשער אָרעמשאפט אָף ערדארבעט.

מיט דער צײַט וואָרצלט זיך דרוקער אלץ מער אײַן אין דער ליטעראטור, עס ווערט ברייטער דער דיאַפּאזאָן פון זײַן שאפונג. ס'פארכאפּט אים א נײַער געביט — ליטעראטור־קריטיק, וועלכע גיט א מעגלעכקײַט נאָך אקטיווער זיך ארײַנמישן אין דעם לעבן.

דרוקער פארטיפט זיך אין ליטעראטור־קענטעניש און טרעט אָפט ארויס אין דער פּרעסע מיט קריטישע ארטיקלען און מיט רעצענזיעס אָף ווערק פון ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער. ער לאָזט ניט דורך קימאט קיין איין ביכל אָן אן אָפּרוף. ניט אונטער אלץ, וואָס ער האָט אָנגעשריבן אין די ערשטע יאָרן פון זײַן טעטיקײַט אלס קריטיקער, וואָלט ער זיך איצט אונטערגעשריבן. אין אייניקע פון די דעמלטיקע ארויסטרעטונגען האָבן זיך געלאָזט פילן די כעסרוינעס פונעם וווּספּ — סעקטאנטישע אָפּגעזונדערטקײַט, אומצוטרוי, ניט זעלטן טאקטלאָזיקײַט בענוגייע שרײַבער־„מיטלויפער“. דאָס זײַנען אָבער געווען בא דרוקערן, און ניט נאָר בא אים, „זינד פון דער יוגנט“, ניט כאראקטעריסטישע פאר זײַן אין אלגעמיין זייער פרוכטבארער טעטיקײַט אין געביט פון ליטעראטור־קריטיק. צומײַנסטן זײַנען דרוקערס ארויסטרעטונגען אין יענע, און נאָך מער אין די שפּעטערדיקע, יאָרן באצייכנט ניט נאָר מיט הויכער קוואליטעט, נאָר אויך מיט געהעריקן טאקט, אָפּשײַ צו דעם, וועמענס ווערק עס ווערן אנאליזירט, איבערהויפּט, ווען עס גייט א רייד וועגן שאפונגען פון דער ליטעראַרישער יוגנט. שרײַבן וועגן אן אָנפאנגער איז שווערער, ווי וועגן א רײַפן קינסטלער. דאָ פאָדערט זיך נאָך מער קענטעניש, נאָך מער פאראנטוואָרטלעכקײַט און נאָך מער טאקט — בא אָט דעם קלאל האלט זיך אירמע דרוקער. ווערק פון יונגע שרײַבער באהאנדלט ער ניט נאָר ווי א פארענדיקטער קריטיקער, נאָר אויך ווי א פרײַנטלעכער און זאָרגזאמער באל־יויעץ, וועלכער שטרעבט אונטערהאלטן די, וואָס מאכן די ערשטע טריט אין דער ליטעראטור. מיט פרייד מערקט ער אָפּ יעדן פונק פון טאלאנט, וואָס ער געפינט בא די יונגע, און אין די שפּעטערדיקע יאָרן שעפּט ער פיל נאכעס, לייענענדיק די ווערק פון אווראָם גאָנטאר, בוזי אָליעווסקי, מאָטל הארצמאן און פון אנדערע, שוין באוווּסטע פּאָעטן און פּראָזאיִקער, וועגן וועמענס דעביוטן ער האָט אין זײַן צײַט געזאָגט א גוט וואָרט.

העלפן יונגע שרײַבער האלט ער פאר זײַן געזעלשאפטלעכן כויוו, און ער פארנעמט זיך דערמיט ניט נאָר מיט דער הילף פון דער פען. אין אָדעס, וווּהין ער האָט זיך אריבערגעקליבן פון קיִעוו, עפנט זיך באם פּרעסע־הויז א ליטעראַרישע סטודיע מיט דרײַ אָפּטיילונגען — א רוסישער, אוקראַיִנישער און ייִדישער. מיט דער לעצטער פירט אָן דרוקער. וועלכער גיט אָפּ אָט דער ארבעט פיל צײַט, ענערגיע און ליבשאפט. ניט לאנג צוריק האָב איך, בלעטערנדיק אלטע קאָמפּלעקטן פון דער אָדעסער צײַטונג „טשערנאָמאָרסקאיא קאָמונא“, געפונען אין איינעם פון די נומערן א פארצייכענונג, געווידמעט דרוקערן, וואָס הייבט זיך אָן מיט פאָלגנדע שורעס: „אין די דרײַסיקער יאָרן פלעגן זיך אינעם אָדעסער פּרעסע־הויז צונויפזאמלען ליטעראַרישע יוגנט. ארום נײַע ווערק האָבן זיך געפירט הייסע דיסקוסיעס. א קלוגער און געניטער לערער און וועגווײַזער פאר די אָנפאנגער איז געווען דער דעמלט אליין נאָך יונגער שרײַבער אירמע דרוקער. קאָנסולטירנדיק פּראָזאיִקער און פּאָעטן, פלעגט ער דערציילן אָן א שיר מײַסעס און מעשאָלים, די שפּראך זײַנע איז געווען שעפעדיק איבערגעשאָטן מיט ווערטלעך, שפּריכווערטלעך, אומדערווארטע אפאָריזמען“. אָף לאנג האָבן פארגעדענקט דרוקערס לערע זײַנע סטודיע־טאלמידים. איינער פון זיי, דער

[1] בעדידי האווא אוודא.

פּאָעט כאִים ביידער, האָט בא א געלעגנהייט געשריבן צו אים: „איך שטאָלציר דערמיט, וואָס איר, מײַן ליבער לערער, האָט אויך מיך אָנגעצונדן מיט שעפעריש פײַער". לערער רופן אים אין זייערע בריוו פיל אנדערע שרײַבער.

דער שעבאלפע גייט בא דרוקערן באַנאַנד מיטן שעביקסאוו. מיט אומדערמידלעכן היסלײַווקייט פּאָפּוליאריזירט ער די ייִדישע קלאַסישע און סאָוועטישע ליטעראטור אין די ברייטע מאסן — לייענט לעקציעס און פאָרטראָגן אין קלובן, אף זאוואָדן און אין פאבריקן. קיין אָדעס פלעגן אָפט קומען צו פאָרן באַוווּסטע סאָוועטישע ייִדישע שרײַבער — פּערעץ מארקיש, לייב קוויטקאָ, דאָוויד בערגעלסאָן, איציק פעפער, ארן קושניראוו און אנדערע, און אף יעדן אָונט, געווידמעט דעם שאפן פון דעם אָדער יענעם כאָשעוון גאסט, פלעגט מיט א פאָרטראָג ארויסטרעטן אירמע דרוקער.

אויך די גאסטראָלן אין אָדעס פונעם מאָסקווער גאָסעט פלעגן באגלייט ווערן מיט דרוקערס ארויסטרעטונגען. מיט א היפשער קראפט האָט זיך אנטפלעקט זײַן רעדנערישער טאלאנט, וועלכער שליסט אײַן אין זיך אײַנגעבוירענע באגאבטקײַט און פאראנטוואָרטלעכע באציִונג צו דער ווירקלעכקײַט. דאָס איז א טייל פון זײַן טעטיקײַט אין דער קונסט פון וואָרט.

נאָר לאָמיר זיך אומקערן צו דרוקערס שעביקסאוו, צו זײַן שרײַבערישער טעטיקײַט. דער קרײַז פון זײַנע ליטעראטור־פאָרשערישע אינטערעסן באגרענעצט זיך ניט מיט הײַנטצײַטיקער ליטעראטור. ער פארמעסט זיך אף פאָרשונגען פון דער קלאסישער ירושה. א שטויס צו דעם גיט אים שאָלעם־אלייכעמס אכציקיאָריקער יויוול, וועלכער איז אויסגעפאלן אפן 1939 יאָר. דרוקער שרײַבט אָן צוויי ביכער — „שאָלעם־אלייכעם — קריטישע עטיודן" און (צוזאמען מיט ש. בילאָוון) „שאָלעם־אלייכעם — ביאָגראפישע פארצייכענונגען" (ביידע ביכער זײַנען דערשינען אין ייִדיש, רוסיש און אוקראיִניש), ווי אויך א פאָרשונג „קינדער־געשטאלטן בא שאָלעם־אלייכעמען" (פארעפנטלעכט אין א זאמלבוך „שאָלעם־אלייכעם — קריטישע ארטיקלען"). ער שטעלט צונויף (צוזאמען מיט א. וואָראָבייטשיקן און אי. שנייער־אָקון) א זאמלונג דערציילונגען, וועלכע שאָלעם־אלייכעם האָט אָנגעשריבן אין רוסיש, און שרײַבט אָן אן ארײַנפיר צום ביכל.

האקלאל, דרוקער איז ארײַנגעטאָן אינגאנצן אין ליטעראַרישער טעטיקײַט, וועלכע האָט פארכאפּט אלע זײַנע געדאנקען און געפילן. זי קען פונדעטוועגן ניט ארויסשטויסן פון אים די צערטלעכע געפילן צו זײַן ערשטער ליבע, צו נעגינע. ער אינטערעסירט זיך מיט מוזיק־קענטעניש, באגעגנט זיך מיט מוזיקער, באפרײַנדעט זיך מיטן באַוווּסטן פידלער און פעדאגאָג פּייסי סטאָליארסקין, וועלכער האָט געגרינדעט אין אָדעס די ערשטע אין ראטנפארבאנד צעניאָריקע מוזיק־שול און דערצויגן א גאנצע פלעיאדע אָנגעזעענע מוזיקאנטן.

נעגינע וויל אָבער ניט זײַן בא דרוקערן נאָר א פארווײַלונג־זאך, מיט וועלכער מע פארנעמט זיך, ווען מע איז פרײַ פון דער ארבעט. זי וויל זײַן מיט אים אף דער ארבעט, זי קלאַפט אין די טירן פון זײַן ליטעראַריש שאפן. עס גיט זיך איר אײַן פון מאָל צו מאָל אָפכאפּן פאר זיך א פאָר זײַטלעך, צי כאָטשבי עטלעכע שורעס אין דעם אָדער יענעם ווערק פון דעם שרײַבער. אזוי באַווײַזט זיך צווישן די פארשיידענע פערסאָנאזשן פון דער דערציילונג „אין סטעפ" א ראָמאנטיש געשטאלט פון אן אלטן פויער מיט א טאלאנט צו נעגינע. דער פויער קאָן אזוי שפילן אפן פידל, אז סע זאָל געבן א צופ באם הארצן און די אויגן זאָלן גיסן מיט טרערן. ער זינגט לידער פאר זיך און פאר אלעמען, אומעטיקע און פריילעכע. און ווען דער אווטאָר וויל אָנשרײַבן, אז די טראקטאָרס אין סטעפ האָבן געארבעט מיט דער פולער קראפט, זאָגט אים די מוזיק אונטער אזא מעטאפאָרע: „זיי האָבן גענומען די העכסטע אָקטאוועס". און אין זײַן ווערק וועגן שאָלעם־אלייכעמען ווערט אונדזער גרויסער פאָלקס־שרײַבער געגליכן צו א פאָלקס־זינגער פון אן אלטער לעגענדע, וועלכער איז געקומען צו א ברונעם, ווו דאָס וואסער איז געווען זייער טיף — ניט צו דערגרייכן, האָט ער גענומען זינגען און שפילן אף זײַן לירע, און דאָס וואסער האָט פון דער טיפעניש גענומען זיך קוועלן, אופהייבן זיך און אריבערפלייצן די ברעגן...

נאָר דער אייפערזיכטיקער מוזע איז דאָס ווייניק. זי פאָדערט פאר זיך דעם אויבנאָן אינעם שרײַבערס שאפן. און סאָפקאָלסאָף דערשלאָגט זי זיך עס. נעגינע ווערט די הויפּטטעמע בא דעם שרײַבער אירמע דרוקער. ער ווידמעט איר אינגאנצן זײַן ערשטע ברייטע לײַוונט — דעם ראָמאן „קלעזמער", א ווערק, וואָס איז דורכגעדרונגען מיט ליריזם און טיפע מאכשאָוועס וועגן דער קראפט פון מוזיק, וועגן איר ראָל אינעם לעבן פון דעם מענטשן און פונעם פאָלק. דורך מוזיק ווערן אין דעם ווערק באוויזן פארשיידענע מענטשלעכע כאראקטערן, זייערע איבערלעבונגען און לײַדנשאפטן, עס ווערן באַרירט סאָציִאלע פּראָבלעמען, מיט בוילעטע שטריכן איז געשילדערט דאָס לעבן פון די ייִדישע פאָלקסמאסן אינעם טכום.

דער ערשטער טייל פונעם ראָמאן ווערט פארעפנטלעכט אין יאָר 1940. אינגיכן ברעכט אויס די גרויסע פאָטערלענדישע מילכאָמע, און דעם שרײַבערס פען ווערט מאָביליזירט אף דינסט אין א דיוויזיע־צײַטונג. דאָרט שרײַבט ער פארצייכענונגען און נאָטיצן וועגן רויטארמייער און אָפיצערן, וועגן העלדישע קעמפער אפן שלאכטפעלד. ניט זעלטן טרעט ער ארויס מיט רעצענזיעס אף ווערק פון סאָוועטישע שרײַבער וועגן דער מילכאָמע און אויך, אין צוזאמענהאנג מיט יוביליי־דאטעס, מיט ארטיקלען וועגן קלאסיקער פון דער רוסישער ליטעראטור, וועמענס ירושע שליסט זיך אײַן אין קריגס־ארסענאל פון יענער גוירלדיקער צײַט.

צו זײַנע „קלעזמער" קערט זיך דער אווטאָר אום אין די נאָכמילכאָמע־יאָרן. ער לייענט

איבער נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל דעם ערשטן טייל, וועלכער איז נאָכן דערשײַנען זייער וואַרעם אופגענומען געוואָרן מיצאַד די לייענער און מיצאַד דער קריטיק, און ער אַליין בלײַבט ניט צופרידן. פאַר די פאַרגאַנגענע יאָרן איז ער געוואָרן ניט נאָר עלטער, נאָר אויך פיל רײַפער אַלס שרײַבער, פיל פאָדערנדיקער צו זיך, צום אינהאַלט און צו דער פאָרם פון די אייגענע ווערק. האָרעוועט ער אָפּ אַ היפּשע צײַט איבערן ערשטן טייל, דערגאַנצט און אַרבעט גרינטלעך איבער, און דאַן נעמט ער זיך צום צווייטן טייל. אין 1964 גיט אַרויס דער פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל" ביידע טיילן אין אַ רוסישער איבערזעצונג. דאָס בוך ווערט הויך אָפּגעשאַצט אין אַ ריי סאָוועטישע פּרעסע־אויסגאַבעס — ייִדישע, רוסישע און אוקראַיִנישע — און אין פּראָגרעסיווע ייִדישע צײַטונגען אין אויסלאַנד. דער מעכאַבער באַקומט אַ סאַך דאַנקבריוו פון לייענער. נאָר ווען אין אַ צײַט אַרום לייגט פאָר דער פאַרלאַג דרוקערן צושטעלן דעם אָריגינאַל פונעם ראָמאַן, קעדיי אַרויסגעבן אים אין ייִדיש, כאַזערט זיך איבער דאָס אייגענע, ווי פריִער. דער אַווטאָר איז ווידער ניט צופרידן מיטן פריִערדיקן טעקסט און נעמט זיך פונסנײַ גרייטן דעם קסאַוויאַד צום דרוק, און ערשט אין 1976, ווען דרוקער ווערט אַ בען־שיווים, דערשײַנען די „קלעזמער" אין אַ בוך־פאָרם אין ייִדיש. דאָס איז ווידער אַ באַנײַט ווערק — מיט נײַע געדאַנקען, נײַע בילדער, נײַע שילדערונגען, וואָס מאַכן בולטער די באַוויזענע געשטאַלטן.

איינער פון די געדאַנקען, וועלכע זײַנען אויסגעדריקט און אונטערגעשטראָכן אינעם ראָמאַן, באַשטייט אין דעם, אַז אַ קינסטלער טאָר זיך קיינמאָל ניט באַנוגענען מיט דער הייך, וועלכע ער האָט אין זײַן שאַפן דערגרייכט. „ניטאָ אַף דער וועלט קיין שווערערע אַרבעט, ווי אופהייבן און אײַנהאַלטן דעם פידל, — זאָגט איינער פון די פּערסאָנאַזשן, וועמען דער אַווטאָר פאַרטרויט אַרויסברענגען זײַנע אייגענע מאַכשאָוועס און געפילן. — און וואָס רײַפער דער פידלער ווערט, אַלץ שווערער ווערט אים. ער איז אָנערקענט, ער האָט דערפאָלג, מע אַפּלאָדירט אים, און דער איינציקער אומצופרידענער איז ער, דער פידלער: ער האָט דאָך געקאָנט שפּילן אַ סאַך בעסער! אומצופרידנקײַט איז פאַר דעם פידלער דאָס זעלבע, וואָס דער ווינט פאַר די זעגלען..." אַזאַ שעפערישע אומצופרידנקײַט האָט באַוויזן דער מעכאַבער אַליין אין זײַן לאַנגדויערנדיקער האָרעוואַניע איבער די „קלעזמער".

אָט דער ראָמאַן ווערט אַן עטאַפּ אין דרוקערס שאַפן. די טעמע, וועלכע ער האָט אויסגעטראָגן אין זיך, קאָן מען זאָגן, אין מעשעך פונעם גאַנצן לעבן, באַוווּסטזיניק און אונטערבאַוווּסטזיניק, באַגײַסטערט און באַפליגלט אים, וועקט אוף נײַע שעפערישע קויכעס.

די לייענער פון „סאָוועטיש היימלאַנד" זײַנען בעליסאָפּעק גוט באַקאַנט סײַ מיטן ראָמאַן, סײַ מיט דער הויכער אָפּשאַצונג, וועלכע ער האָט באַקומען. צי דאַרף מען דאָס איבערכאַזערן, איבערדערציילן? עפשער איז גענוג זיך אָפּצושטעלן דאָ בלויז אַף אייניקע אידייען און ליניעס אינעם ווערק, וועלכע זײַנען אין די קריטישע אַרטיקלען וועגן אים ניט אין דער געהעריקער מאָס באַלויכטן.

לעמאָשל, די טעמע: מוזיק און פאָלק. אינעם ראָמאַן, וועלכער איז געדיכט באַזעצט מיט פאַרשיידענע געשטאַלטן און טיפּן, פאַרנעמען מיט רעכט בעקאָוועדיקע ערטער אָנגעזעענע קינסטלערישע פּערזענלעכקײַטן, ווי דער באַרימטער פידלער און קאָמפּאָזיטאָר פּעדאָצער, דער הויפּט־העלד פון דעם ווערק עזרע מאַליאַרסקי, אין וועמען עס איז פאַרקערפּערט דאָס געשטאַלט פון פּייסי סטאָליאַרסקי, און אַנדערע טאַלאַנטפולע מוזיקער. נאָר די מערהײַט פון די, וואָס ווערן געשילדערט, זײַנען פּראָסטע מענטשן, פּאָשעטע כײַוועקאַיעמס. דאָס פאָלק — אָט ווער איז, אייגנטלעך, דער הויפּט־העלד פונעם „מוזיקאַלישן ראָמאַן".

די ערשטע זײַטלעך אינעם בוך טראָגן אונדז איבער אין אַ ווײַטער צײַט, מיט אַ יאָרהונדערט צוריק, מיר קומען אַרײַן אין אַ ייִדיש שטעטל אַף אוקראַיִנע און באַקאַנען זיך מיט אַ קאַפּעלע קלעזמער. מאָדנע מענטשן זײַנען זיי. באַ די נעגידים, קלייקוידעש און אַנדערע „שיינע ייִדן" זײַנען זיי פאַררעכנט פאַר מענטשן פון נידעריקן גראַד און זיי הייסן ניט אַנדערש, ווי קלעזמערוקן, נאָר זיי זײַנען באַ זיך שטאָלץ, גרויסן זיך מיט זייער מעלאָכע. פּראָסטע, ניט געבילדעטע, צומיינסטן אַמעראַצים, פילן זיי אויס אַ הויכע קולטורעלע מיסיִע. די מעלאָכע זייערע האָדעוועט זיי קאַרג, נאָר זיי זײַנען פריילעכע קאַפּצאָנים. נאָך מער, זיי האַלטן זיך פאַר רײַכע קאַפּצאָנים—נעגינע שענקט זיי פרייד און גליק, באַגײַסטערט זייער אַרבעט און דאָס לעבן, און זיי וואָלטן זייער מעלאָכע ניט פאַרביטן אַף דער סאַמע רײַכסטער אין דער וועלט. אָט אַזעלכע זײַנען זיי, די מוזיקאַלישע אַמכאָ, די אידעלע ריטער פון דער אידעלסטער מוזע.

שאַבעסצונאַכטס — שפּילט די קאַפּעלע. מע גייט זיך צונויף אין אײַנגעהויקערטן שטיבל, ווו ס'וווינט דער ערשטער פידל שלוימע מאַליאַרסקי. אַהער קומען צו גיין ניט נאָר די קלעזמער, נאָר אויך הייסע ליבהאָבער פון נעגינע, באַשטענדיקע באַזוכער פון די שאַבעסצונאַכטסדיקע אייגנאַרטיקע קאָנצערטן. פאַרן שפּילן איז די באַלעבאָסטע מעכאַבעד די געסט מיט אַ גלאָז טיי. שמועסט מען באַם טיי טרינקען וועגן פאַרשיידענע איניאָנים, איבערהויפּט, פאַרשטייט זיך, וועגן מוזיק. דאָ קאָן מען הערן עפּעס נײַס און אָפּט אַ שיינע מײַסע, אַ קלוגן מאָשל. אָט איז געקומען צו רייד וועגן דעם קויעך פון מוזיק, האָט וועגן דעם צו דערציילן גאָר אַ טשיקאַווע מײַסע יאַנקל, גראָד ניט קיין קלעזמער — אַ קירזשנער.

באַ איינעם אַ קייסער, דערציילט ער, איז געפערלעך קראַנק געוואָרן דער בעניאָכיד און קיין דאָקטער האָט אים ניט געקענט העלפן.

האָט דער קייסער געגעבן צו וויסן, אז פאר דעם, וואָס וועט ראטעווען דעם בען־מיילעך, וועט מען עפענען אף צוויי שאָ דעם מיילעכס אויצרעס און ער וועט קאָנען נעמען פון דאָרט גאָלד, ברילִיאנטן און אלדאָס גוטס אזויפיל, וויפיל ער וועט באווײַזן פאר דער צײַט. איז געקומען אן אָרעמער שנײַדער, וועלכער האָט געהאט א געוויסן שפרוך, און ער האָט טייקעף אויסגעהיילט דעם בען־מיילעך. איז דעם מיילעך געוואָרן קלאמוטנע: וואָס הייסט אָפגעבן עפעס א שנײַדער אזויפיל גוטס? נאָר פון דער צווייטער זײַט, פאסט דאָך ניט פאר א קייסער ניט האלטן זײַן וואָרט. האָט ער אָפגעטאָן אזא שפיצל. אין דער באשטימטער צײַט האָט מען פארן שנײַדער טאקע געעפנט די אויצרעס, נאָר דאָ גלײַך האָט אָנגעהויבן שפילן די שענסטע קאפעלע, און זי האָט גענומען אויסשפילן די שענסטע מעלאָדיעס. איז דער שנײַדער געוואָרן אזוי פארכאפט, אז ער האָט פארגעסן, אף א וועלכער וועלט ער איז, און אזוי איז ער געשטאנען ווי א פארקישעפטער און געהערט. פלוצעם — שא. די קאפעלע האָט אופגעהערט שפילן. דער שנײַדער האָט זיך ווי אופגעכאפט פון שלאָף, א וואָרף געטאָן זיך צו די אויצרעס, נאָר זיי זײַנען שוין געווען פארשלאָסן. די צוויי שאָ זײַנען פאָריבער... אָט אזא מײַסע. די צוהערער זײַנען דערשיטערט. מיינט איר, פון ראכמאָנעס — עס טוט זיי וויי דאָס הארץ אפן שלימאזלדיקן קאפצן, וואָס האָט אזוי פארשפילט אן אשירעס? ניין! זיי זײַנען אים גאָר מעקאנע.

— אָט דאָס הייסט געהערט! אָט דאָס הייסט זיך פארטיפט!.. קעדײַ געווען פארשפילן די אויצרעס, אבי האָבן אזא גרויסע האנאָע פון שפילן, — פארכלינעט זיך אזש לייזער דער סטעלמאך. און אלע האלטן אים אונטער:

— קעדײַ, כ'לעבן. קעדײַ...

ענדלעך נעמט זיך די קאפעלע צו די אינסטרומענטן. ס'קומט זיך צונויף פון אלע שטעטלשע געסלעך דער באלמעלאָכישער אוילעם. דאָס שטיבל ווערט אָנגעפאקט מיט געסט, די, וואָס קאָנען ניט ארײַן אינווייניק, שטייען אין דרויסן בא די פענצטער אָדער זעצן זיך אויס אף דער פריזבע צי אף געבראכטע מיט זיך פון דער היים בענקלעך. אלע הערן פארגאפט די באצויבערנדיקע קלאנגען, וואָס רופן ארויס טרויער און פרייד, טרייסטן דאָס הארץ, וועקן האָפענונגען.

דער גרויסער מײַסטער פון מוזיק פעדאָצער פלעגט אָפט שפילן אף נעגידישע כאסענעס און פריצישע בעלער. דאָס האָט ער אָבער געטאָן בלויז צוליב פארנאָסע. שעפערישע באגײַסטערונג און מאָראלישע באפרידיקונג פלעגט ער שעפן נאָר פון זײַנע ארויסטרעטונגען פאר פּאָשעטע מענטשן, פאר האָרעפאשניקעס. א פידל, האָט ער געזאָגט, איז בארופן „באזינגען די אָנגעהאָרעוועטע הענט, וואָס בויען, אקערן, זייען און שנײַדן". ווען מע האָט אים געפרעגט, וויאזוי ער באציט זיך צו די באשטעלונגען פון רײַכע באלעבאטים, וועלכע ווילן צוליב בארימערײַ, אז אף די כאסענעס פון זייערע קינדער זאָל מען שפילן נײַע ניגונים, האָט פעדאָצער געענטפערט:

— צוויי באשטעלער זײַנען פאראן, מיט וועמען מע מוז זיך שטענדיק רעכענען און אויסשפילן זייערע באשטעלונגען אפן בעסטן אופן, — דאָס איז דאָס פאָלק און דײַן אייגן הארץ...

די סאמע געווונטשנסטע און כאָשעווסטע זײַנען בא אים געווען די ארויסטרעטונגען אף כאסענעס פון אָרעמע קאלעס. פאר יעדערער פון זיי פלעגט ער שאפן א נײַעם ניגן, א נײַעם טאנץ, פריִער דערוויסנדיק זיך גענוי, ווער זי איז, פונוואנען שטאמט זי, וויִאזוי לעבט זי, וואָס פאר א לידער זינגט זי, וועלכע טענץ האָט זי ליב. אָט די ארבעט פלעגט ער טאָן מיט א באזונדערער באגײַסטערונג און שעפן פון איר קויכעס פאר נײַע שאפונגען. ניט מיט געפיל פון א באלצדאָקע, וואָס גיט א נעדאָווע, פלעגט ער קומען מיט דער מאטאָנע פאר דער אָרעמער קאלע, נאָר מיטן געפיל פון א באלכויוו, וואָס צעצאָלט זיך מיט טיפער דאנקבארקײַט.

דער שטעטלשער קלעזמער שלוימע מאליארסקי האָט זיך געפילט שלעכט אף באלעבאטישע כאסענעס. דאָס איז געווען א מענטש מיט א גוטער און ווייכער נאטור, נאָר די באלעבאטים האָט ער פײַנט געהאט: ווי נאָר זיי ציִען ארויס דעם קליאָק פונעם פידל, דארפן זיי מער ניט דעם קלעזמער, ער ווערט פאר זיי א קלעזמערוק. גוט האָט זיך שלוימע געפילט מיט די באלמעלאָכעס, וועלכע פלעגן קומען צו אים שאבעסצונאכטס הערן נעגינע, פאר זיי האָט זיך אים גאָר אנדערש געשפילט. סאמע אין אזא אוילעם האָט זיך גענייטיקט דער קלעזמער, קעדיי ער זאָל קענען גוט מוזיצירן.

דאָס פאָלק איז דער קוואל, פון וועלכן די מוזיק שעפט אומגעהייער שטארקע קראפט, ווי אנטיי האָט געשעפט זײַן קויעך פונעם בארירן זיך מיט דער מאמע־ערד. און דינען דעם פאָלק איז דער נאטירלעכסטער און העכסטער בארוף פון דער מוזיק. אזא איז איינע פון די גרונט־אידייען פונעם ראָמאן „קלעזמער". האָבנדיק אן אויסגעשפראָכענעם נאציִאָנאלן קאָלאָריט, איז אָט דאָס ווערק אײַנצײַטיק דורכגעדרונגען מיט דער אידיי פון אינטערנאציִאָנאליזם. פעדאָצער, וועלכער האָט טרײַ געהיט און מיט זײַנע קאָמפאָזיציעס בארײַכערט די יִדישע טראדיציִאָנעלע מוזיק, האָט באשאפן אויך א באגײַסטערטע סימפאָנישע פאָעמע „טשומאק" — א געוועב פון אוקראִינישע פאָלקס־מעלאָדיעס, וועלכע ער האָט געזאמלט אין מעשעך פון פיל יאָרן. אין דעם ווערק ווערט אויסגעדריקט טיפער מיטלײַד צו דער שווערער דאָליע פון דער אוקראִינישער אָרעמשאפט. פעדאָצער שיקט טאלמידים אין א יאריד־טאָג אפן מארק הערן ליריש־עפישע לידער פון די באנדוריסטן. מיט דער אוקראִינישער פאָלקס־נעגינע איז געווען פארכאפט דער טאלאנטפולער מענאגן ניסע בעלזער, וועלכער איז געווען אזוי בארימט מיט זײַן זינגען, ווי פעדאָצער מיט זײַן שפילן. „ווען איך הייב אָן

דערשטיקט ווערן אין דער ענגשאפט פונעם שטעטל, — האָט ער געזאָגט, — קומט מיר די אוקראַיִנישע ליד צוהילף, זי פירט מיך אוועק אין סטעפּ, אין די פעלדער און וועלדער, פון וועלכע איך בין אָפּגעריסן, און איך אָטעם מיט דער פולער ברוסט. די אוקראַיִנישע ליד פילט אָן מײַן מעלאָדיע אָט מיט פרייד און שטאָלץ, אָט מיט פארביטערטקײַט און טרויער, וואָס זײַנען ברייט און אומענדלעך, ווי דאָס פעלד, דער סטעפּ". מעסירעסנעפעשדיקע ליבע צו מוזיק פארבינדט מיט א רירנדיקער פרײַנטשאפט דעם פּוילישן קאָמפּאָזיטאָר סטאניסלאוו מאָניושקאָ און דעם כאזן פון דער ווילנער שול יויעל־דאָויד לעווינשטיין („ווילנער באלעבעסל"). „ווען פעלקער וואָלטן געקאָנט אזוי גיך זיך צונויפלעבן, זיך פארברידערן, ווי ניגונים פון פארשיידענע פעלקער, — טרוימט פּעדאָצער, — וואָלט גאָר אנדערש געווען צו לעבן אף דער וועלט".

די אינטערנאציִאָנאליסטישע מאָטיוון אין דעם ראָמאן „קלעזמער" האָבן אָפּגעמערקט פיל קריטיקער. און מיר שטעלן זיך דאָ אָפּ אף זיי, קעדיי אונטערשטרײַכן, אז די דאָזיקע טעמע איז באם שרײַבער אירמע דרוקער ניט קיין צופעליקע. צו איר ווענדט ער זיך אין א גאנצער ריי ווערק. אין זײַנע קריטישע עטיודן וועגן שאָלעם־אלייכעמען שטעלט ער זיך אָפּ גענוי אף דער ווירקונג, וואָס עס האָט געהאט אפן גרויסן ייִדישן פאָלקס־שרײַבער די רוסישע ליטעראטור. אין א זאמלבוך, מיט וועלכן די אָדעסער שרײַבער־אָרגאניזאציע מערקט אָפּ טאראס שעווטשענקאָס א יובילײ־דאטע, טרעט ער ארויס מיט א פאָרשונג וועגן דער ווירקונג פונעם גרויסן אוקראַיִנישן פאָלקס־שרײַבער אף דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראטור. אין דער צײַט פון דער פאָטערלענדישער מילכאָמע קומט אים אויס זײַן א שטיקל צײַט אין קירגיזיע, און אים פארכאפּט דאָרט ביז גאָר דאָס מאָנומענטאלע ווערק פונעם קירגיזישן פאָלקס־שאפן, די עפּאָפּײ „מאנאס" — וועגן דעם לעגענדארן העלד, וועלכער האָט ארויסבאוויזן געוואגטקײַט און מעסירעסנעפעש, פארטיידיקנדיק דאָס היימלאנד און די פרײַהײַט פון זײַן פאָלק. און דער ייִדישער שריפשטעלער אירמע דרוקער שרײַבט אָן א פארצייכענונג, „דאָס געזאנג וועגן מאנאסן" — וועגן דעם, ווי עס פאָרט אפן פראָנט אן עשעלאָן מיט רויטארמייער, און אין איינעם א וואגאָן הערן אלע פארגאפט דעם קירגיז אלים, וועלכער זינגט וועגן די העלדנטאטן פון מאנאסן און פון זײַנע מיטקעמפער. און די פארצײַטיקע העלדן פון דעם קירגיזישן עפּאָס לאָזן זיך אוועק, אינײנעם מיט די זין פון אלע פעלקער פון דעם ראטנפארבאנד, צו פארטיידיקן דאָס פאָטערלאנד.

„קלעזמער" איז, אייגנטלעך, א היסטאָרישער ראָמאן: די געשעענישן אין אים קומען פאָר אין א צײַט, וועלכע איז פאר אונדזער איצטיקן דאָר — ווײַטער אָוואר. אָפּטמאָל ווערן געמאכט עקסקורסן אין נאָך פריִערדיקע צײַטן. דער אוו־טאָר איז מיט דעם אויסן צו באטאָנען דעם געדאנק, אז קעדיי זיך פאנאנדערקלײַבן בעסער אינעם הײַנט און פארשטיין, וואָס עס קאָן ברענגען מיט זיך דער מאָרגן, דארף מען וויסן בעסער דעם נעכטן.

אלס עפּיגראף צו די „קלעזמער" ווערן געבראכט שאָלעם־אלייכעמס ווערטער: „דאָס פאָלק דארף וויסן, וואָס פאר א קויכעס עס געפינען זיך אין אים", און איינע פון די קאָנקרעטע צילן, וועלכע דער מעכאבער האָט געשטעלט פאר זיך, איז געווען באווײַזן, וואָס פאר א קויכעס האָבן אין די פריִערדיקע צײַטן געדריקט און געשטיקט דעם פאָלקס טאלאנטן.

מיר באגעגענען זיך מיט באגאבטע פאָרשטייער פון דער שטעטלשער אָרעמשאפט, אזעלכע, ווי דער הויפּט־העלד פונעם ראָמאן עזרע און זײַן כאווער עלישע, וועלכע רײַסן זיך צו הויכער קונסט, טרוימען וועגן מוזיקאלישער בילדונג, שטרעבן צו איר מיט דער גאנצער קראפט פון דער אײַנגעבוירענער דאָרשטיקער באגאבונג. זיי שטויסן זיך אָבער אלע מאָל אָן אף א טויבער וואנט פון די באזונדערס אכזאָריעסדיקע נאציִאָנאלע באגרענעצונגען, וועלכע האָבן געהערשט אין צארישן רוסלאנד בענעגייע די ייִדישע פאָלקסמאסן. אזא דאָליע האָט געטראָפן טויזנטער און טויזנטער קינדער פונעם טכום האמוישעוו, וועמען די נאטור האָט געבענטשט מיט טאלאנט.

ניט ווייניקער אכזאָריעסדיק איז זיך אויך באגאנגען מיט די פאָלקס־קינסטלער די אינערלעכע ייִדישע רעאקציע. באגאבטע מענטשן האָבן געהאט אויסצושטיין פון די נעגידים און קלייקוידעש, פון „שיינע ייִדן", ווי זיי פלעגן זיך רופן. אין דער אטמאָספער פון רעליגיִעזן פאנאטיזם קומט אום דער זעלטענער זינגערישער טאלאנט פון דעם יונגן כאזן יויעל־דאָוויד לעווינשטיין („דאָס ווילנער באלעבעסל"). פאר זײַן נאָענטער פרײַנטשאפט מיטן פּוילישן קאָמפּאָזיטאָר סטאניסלאוו מאָניושקאָ, וועמען ס'איז אויסגעקומען דעמלט צו דינען אלס אָרגאניסט אין קאָסטיאָל, פארשעלטן די קלייקוידעש יויעל־דאָווידן,ווארפן אים ארײַן אין כיירעם. א דערשיטערנדיקן רוישעם מאכן די זײַטן פונעם ראָמאן, ווו עס ווערט געשילדערט דער טראגישער סאָף פונעם זינגער, וועלכער האָט נאָך פיל שווערע איבערלעבונגען זיך גערירט פון זינען. „שיינע ייִדן" מיט זייערע מיִעסע מײַסים ווערן באוויזן אין רעאלע אומגעבונגען, און זיי באקומען די געהעריקע אָפּשאצונג.

אייניקע קריטיקער האָבן אפילע פאָרגעוואָרפן דעם מעכאבער פון די „קלעזמער" אז, באאירנדיק די אנטירעליגיִעזע טעמע, איז ער זיך קלוימערשט הארב באגאנגען מיט דעם אָדער יענעם צאדיק. ניט ארײַנלאָזנדיק זיך אין א וויקועך וועגן דעם, וועלן מיר נאָר באמערקן, אז וועגן אן אויבערפלעכלעכן צוגאנג צו אנטירעליגיִעזער פּראָפּאגאנדע קאָן דאָ קיין רייד ניט זײַן. אין דער צײַט, ווען אינעם ראָמאן ווערן סאטיריש שארף אויסגעלאכט אזעלכע „גוטע ייִדן", ווי רעב דאָווידל טאלנער, וועלכער האָט

ציניש אויסגענוצט דעם כסידישן פאנאטיזם אלס א מיטל זיך צו באריי̆כערן, ווערט אנדערש באוויזן דאָס געשטאלט פון לייווי־ייִצכאָק באר־דיטשעווער, וועלכער האָט זיך באצויגן מיט דערעכערעץ און ליבע צום פּראָסטן ייִדן און איז געוועזן אינגאנצן פריי̆ פון סינע און פאראכטונג בענעגייע מענטשן פון אנדערע פעלקער.

אין ראָמאן, וואָס איז אָנגעשריבן ווי א לויבגעזאנג דער נעגינע, ווערן פונדעסטוועגן ניט אידעאליזירט אלע פּערסאָנאזשן, וועלכע האָבן א שיי̆כעס צו מוזיק. צווישן זיי באגעגענען מיר עקלדיקע טיפּן פון הענדלער מיט קונסט, וואָס עקספּלואטירן די אמכאָ־לייט אין דער נעגינע, זיי̆נען פּייִק אָף פארברעכנס צוליב געלט, צוליב פּאָטער ווערן פון א קאָנקורענט (אזעלכע ווי, לעמאָשל, דער אָנפירער, ריכטיקער — דער באלעבאָס פון דער לינעצער קלעזמער־קאפּעלע ביניאָמין גאָנגעבער).

האקלאל, אין די „קלעזמער" ווערט דער אָוואר ניט אידעאליזירט. מיט ווארעמע פארבן מאָלט דער אווטאָר דאָס, וואָס איז אינעם נעכטן טיי̆ער פאר אונדז היי̆נט, און עס ווערט לאכלוטן אָפּגעוואָרפן דאָס, וואָס פאר אונדז איז עס היי̆נט ניט אָנעמבאר. די פארגאנגענהיי̆ט איז, הייסט עס, באוויזן פון די פּאָזיציעס פון דער היי̆נטצייטיקיי̆ט.

אין דער ארבעט איבערן ראָמאן „קלעזמער" האָט זיך אויסגעפורעמט און אויסגעשליי̆פט דרוקערס נוסעך, זיי̆ן אייגנארטיקער קינסטלערישער סטיל. דער נוסעך איז אנטשטאנען פון דער הויפּט־טעמע. אין אים זיי̆נען באהעפט, צונויפגעשמאָלצן דער אינהאלט און די פאָרם. דער מוזיקאלישער טאָך פון דעם ראָמאן קומט צום אויסדרוק דורך א מוזיקאלישער, פּאָעטיש־ריטמישער שפּראך. דער אווטאָר איז ניט נאָר גוט באהאוונט אין מוזיק — ער פילט זי מיט אלע כושים, ער קאָן ניט נאָר הערן א מעלאָדיע, נאָר אויך זען זי און זי איבערדערציילן. די פּען קלינגט בא אים ווי א מוזיקאלישער אינסטרומענט. ווי̆ א פּאָעמע אין פּראָזע קלינגט, צום ביי̆שפּיל, דאָס קאפּיטל וועגן דעם „ווילנער באלעבעסל". אין זינגעוודיקער ריטמישער פּראָזע זיי̆נען אָנגעשריבן א סאך זיי̆טן פון דעם בוך.

כאראקטעריסטיש פאר דרוקערס נוסעך איז אויך די שעפּע פון פאָלקלאָר־מיי̆סעס, פאָלקסלידער, שפּריכווערטער, מעשאָלים, פּסוקים, וועלכע פלעכטן זיך ארײַן אין דער סיפּער־האמיי̆סע. דאָס איז ניט קיין צירונג צוליב באפוצעריי̆, כאָטש זיי באשענערן געוויס דאָס ווערק. דאָס זיי̆נען שעפּערישע מיטלען צו אויסדריקן קלאָרער און צוטריטלעכער דעם געדאנק, מאכן בוילעטער דאָס בילד, פילזיי̆טיקער דאָס געשטאלט, טרעפלעכער די כאראקטעריסטיק. נעמט, לעמאָשל, די מיי̆סע וועגן דעם אָרעמען שניי̆דער, וועלכער האָט צוליב נעגינע פארשפּילט אויצרעס מיט גאָלד און דימענטן. זייער א שיינע מיי̆סע, נאָר וויכטיק איז דאָס, וואָס אזא מיי̆סע דערציילט גראדע ניט קיין מוזיקער, נאָר א פּאָשעטער באלמעלאָכע, און נאָך וויכטיקער איז, וויאזוי עס רעאגירן אָף איר די צוהערער, אויך אמכאָ־ליי̆ט. ס'איז שווער צו שאפן באם לייענער א קלאָרערע פאָרשטעלונג וועגן דער באציִונג פון פּראָסטע פאָלקסמענטשן צו מוזיק, ווי די, וואָס ווערט געגעבן דאָ אין עטלעכע שורעס.

אגעוו, די אלע מיי̆סעס און געשיכטעס, גליי̆כווערטלעך און פּסוקים שטעלן אליין מיט זיך פאָר א היפּשן אינטערעס, ווי פּערל פון פאָלקסשאפונג.

דער נוסעך, אין וועלכן ס'זיי̆נען אָנגעשריבן געוואָרן די „קלעזמער", ווערט דרוקערס שטענדיקער ליטערארישער סטיל, און דאָס ווירקט אָפן גאנצן גאנג פון דעם שריי̆בערס ווי̆טערדיקן שאפן.

אין מעשעך פון דער צי̆יט, ווען ער ארבעט איבער זיי̆ן ערשטן ראָמאן, און אין אלע שפּעטערדיקע יאָרן זעצט דרוקער פאָר זיי̆ן ליטעראטור־פאָרשערישע און קריטישע טעטיקיי̆ט. אין 1964, איינצי̆יטיק מיט די „קלעזמער" אין דער רוסישער איבערזעצונג, דערשיי̆נט זיי̆ן בוך „דער זיידע מענדעלע". דאָס איז א ציקל נאָוועלן וועגן פארשיידענע מאָמענטן אין מענדעלעס לעבן, וועלכע, זיי̆ענדיק צונויפגעזאמלט אין איין בוך, בילדן א שעפערישן פּאָרטרעט פונעם זיידן. דערנאָך ווערן אָנגעשריבן אזעלכע נאָוועלן וועגן פּערעצן, וועגן שאָלעם־אליי̆כעמען.

אין זיי̆נע קריטישע ארויסטרעטונגען וועגן דער שאפונג פון די היי̆נטצייטיקע סאָוועטישע ייִדישע שריי̆בער ווענדט זיך אירמע דרוקער אויך צו א ניי̆עם פאר אים זשאנער — צום עסיי, וועלכער גיט א מעגלעכקיי̆ט פארייניקן שטרענג־וויסנשאפטלעכן אנאליז מיט עלעמענטן פון קינסטלערישער פּראָזע. ניט לאנג צוריק זיי̆נען דערשינען אין א בוך־פאָרם (אלס ביי̆לאגע צו „סאָוועטיש היימלאנד") דרוקערס ליטערארישע עסייען וועגן דער שאפונג פון איציק פעפער, מוישע אלטמאן און ארן ווערגעליס. פריִער זיי̆נען פארעפנטלעכט געוואָרן זיי̆נע עסייען געווידמעטע פּערעץ מארקישן, מיכאָעלסן און אנדערע. די עסייען, ווי די נאָוועלן וועגן אונדזערע קלאסיקער, שטעלן מיט זיך פאָר באדיי̆טנדיקע קינסטלערישע ווערק.

אין מעשעך פון די לעצטע עטלעכע יאָר דערשיי̆נען אין „סאָוועטיש היימלאנד" פון צי̆יט צו צי̆יט, באנאנד מיט דרוקערס נאָוועלן און עסייען אָף ליטערארישע טעמעס, זיי̆נע קינסטלערישע מעמוארישע פארצייכענונגען אונטער אן אלגעמיין קעפּל „געזען און געהערט". אויך זיי זיי̆נען אָנגעשריבן אינעם מעכאבערס אייגנארטיקן קינסטלעריש פּראָזאישן נוסעך.

אין די ביז אהער פארעפנטלעכטע פארציי̆כענונגען פון דעם ציקל קערט זיך אום דער אווטאָר צו זיי̆נע קינדערשע און ייִנגלשע יאָרן, מאָלט געשטאלטן, שטייגער־בילדער, כאראקטעריסטישע פאר יענער צי̆יט, נאָר באלויכטענע מיט שטראלן פון א היי̆נטצייטיקן פּראָזשעקטאָר. מיט צערטלעכע געפילן דערמאָנט ער זיי̆ן היים־שטעטל־טשערנאָביל — דאָס וויגעלע, וואָס, ווי ער זאָגט, האָט אים פארהוידעט, פארשלעפּערט

*8

און אויפגעוועקט מיט די דינסטע ניגונים, מיט די שענסטע מײַסעס, מיט די װוּנדערלעכסטע טרוימען. ליב זײַנען אים אויך די זיכרוינעס וועגן זײַן צווייטער היים — דעם בײַ־שטעטלשן דאָרף זאַלעסיע, ווו ס׳האָט געווינט זײַן זיידע. ער שאַפט אָבער ניט קיין גאַנצלעך־אידילישע בילדער — נישט פונעם אַמאָליקן שטעטל און נישט פונעם אַמאָליקן דאָרף. ער געדענקט גאַנץ גוט און באַטאָנט, אַז טשערנאָביל איז געווען, אייגנטלעך, ניט איין שטעטל, נאָר צוויי — אין איינעם האָבן געווינט בעהאַרכאָוועדיק סאָכרים, קרעמער, פעסטע באַלעבאַטים, אין צווייטן האָבן זיך געטוליעט אין קליינע הײַזלעך אָרעמע באַלמעלאָכעס, קאַפּצאָנים מיקאָל האַמינים, וועלכע האָבן זיך געמוטשעט אין שטענדיקער נויט. ער באַווײַזט בילדעריש די נאָך שווערערע אָרעמקײַט און געפלאָגטקײַט, אין וועלכע ס׳האָט געלעבט די מערהײַט זאַלעסיער אײַנוווינער, די האָרעפּאַשנע פּויערים. סײַ אין שטעטל, סײַ אין דאָרף געפינט זײַן זיקאָרן ליכטיקע געשטאַלטן, און ער שילדערט זיי מיט טיפער ליבע.

אויבן האָבן מיר באַצייכנט „געזען און געהערט“ אַלס אַ קינסטלעריש־מעמואַריש ווערק. מוזן מיר דאָ צוגעבן, אַז אויב אַזאַ דעפיניציע קאָן מען אָנעמען ווי אַ ריכטיקע אין אַלגעמיין, איז זי אָבער ניט אינגאַנצן אויסשעפנדיק. אין די פאַרצייכענונגען רעדט זיך ניט נאָר וועגן דעם אָוואַר, אין זיי פלעכט זיך איבער די פאַרגאַנגענהײַט מיט דער קעגנוואַרט. די באַשרײַבונג פונעם אַמאָליקן שטעטל באַקומט גאָר אַן אַנדער קראַפט אַדאַנק דעם, וואָס זי ווערט באַגלייט מיט אַזאַ באַמערקונג: „און ווער האָט זיך געקאָנט ריכטן, אַז עס וועלן דורכגיין יאָרן, און עס וועט קומען אַ צײַט און טשערנאָביל, מיט וועלכן מ׳האָט זיך געשאָלטן „אַ טשערנאָהיבעל אַף דיר!“, זאָל ווערן אַ שעם־דאָוועך און אַ בראָכע... אין די זיבעציקער יאָרן איז בײַ די ברעגן פונעם פּריפּיאַט אויסגעבויט געוואָרן די ערשטע אַטאָם־עלעקטראָסטאַנציע אַף אוקראַיִנע. דער אַמאָליקער טשערנאָביל, ווו פינצטערניש אַף פינצטערניש האָט געהויערט, איז געוואָרן די שטאָט פון אומויסשעפנדיקער קוועלנדיקער שײַן“. און אין דער פאַרצייכענונג „זאַלעסיע“ ווערט באַנאַנד מיטן אַמאָליקן באַוויזן דאָס הײַנטיקע דאָרף מיט זײַן רײַכן קאָלווירט „דרוזשבאַ“, מיט זײַן קולטור־הויז, מיטלשול, קינדערגאָרטן, מיט די נײַע דרײַ־ און צווייצימערדיקע קאָטעדזשן — דאָס דאָרף, ווו אַלע לעבן אָן נויט און פיל פּראָסטע קאָלווירטניקעס קאָנען זיך פאַרגינען האָבן אייגענע אויטאָמאָבילן, מאָטאָציקלען, מאָטאָר־שיפלעך. קעדיי צו באַמערקן, אַז דאָס ווערק „זאַלעסיע“ האָט באַקומען אַ בעקאָוועדיק אָרט אין אַ ספּעציִעלן נומער פון „סאָוועטיש היימלאַנד“, וועלכער איז באַשטאַנען דורכויס פון פאַרצייכענונגען וועגן דער הײַנטצײַטיקײַט, אַף אַזויפיל קלינגען הײַנטצײַטיק דרוקערס מעמואַרן, ווו עס זײַנען, ווי ער שרײַבט, צונויפגעפּאָרט דער נעכטן און דער הײַנט.

אירמע דרוקער איז אין דער ליטעראַטור, ווי מיר זעען, אַ מענאַגן, וועלכער באַהערשט עטלעכע אינסטרומענטן און קאָן אַפילע שפּילן אַף זיי אײנצײַטיק. בלעטערנדיק די ווערק, וואָס ער האָט אָנגעשריבן נאָך די „קלעזמער“, קאָן מען זען, ריכטיקער געזאָגט — הערן, ווי די גאַנצע צײַט זינגט פון אים אַרויס די נעגינע.

שאַפנדיק אַ מענטשלעכן פּאָרטרעט פון פּערעצן, ווידמעט ער אַ באַזונדער נאָוועלע דער טעמע: פּערעץ און נעגינע. אין אַן עסיי וועגן אַרן ווערגעליסעס לידער־זאַמלונג „פון אַלעף ביז טאָף“ ווענדט ער די אויפמערקזאַמקײַט קוידעמקאָל אַף דעם, וואָס אין פאַרשיידענע צײַטן און בײַ סאַמע שווערסטע אומשטענדן דרינגט דעם דיכטערס שאַפונג דורך דאָס מענטשלעכע געזאַנג. נעגינע קלינגט אין אַנדערע זײַנע ליטעראַטור־פאָרשערישע און קריטישע ווערק. און פון „געזען און געהערט“ איז שוין אָפּגערעדט, דאָס ווערק איז אָנגעזאַפּט מיט נעגינע. דער נאָמען אַליין איז פילזאָגעריש. דאָס וואָרט „געהערט“ באַטײַט דאָ ניט נאָר, ווי מע קאָן מיינען, דאָס, וואָס אַנדערע האָבן געזאָגט דעם מעמואַריסט, און ער האָט עס אויפגעכאַפּט. ניין. בײַ אַ מענטשן, וועלכער איז, ווי דרוקער, אויסגעוואַקסן און לעבט אין אַ וועלט פון קלאַנגען, איז דער כוש האַשמיִע ניט ווייניקער וויכטיק פאַרן אומיטלבאַרן אויפנעמען די אַרומיקע וועלט, ווי דער כוש האַריִע. ווי געזאַנג וועגן געזאַנג קלינגען די שורעס, ווו דער אויטאָר, אומקערנדיק זיך אין זיקאָרן צו דער קינדהײַט, דערמאָנט זיך, וויאַזוי ער האָט אָנגעשטעלט מויל און אויערן און ניט דורכגעלאָזט קיין איין קלאַנג, קיין איין וואָרט, וואָס באַזינגען די וועלט מיט אַלע אירע שיינקײַטן.

אירמע דרוקער שאַפט לעצטנס נאָך איין ראָמאַן, וואָס איז אינגאַנצן געווידמעט דער מוזיק. אַרבעטן איבער דעם האָט ער אָנגעהויבן ווי נאָר ער האָט פאַרענדיקט די אַרבעט איבער די „קלעזמער“.

דער הויפּט־העלד פונעם נײַעם ווערק איז אַ היסטאָרישע פּערזאָן מיכאָעל־יויסעף גוזיקאָוו, וועמענס וווּנדערבאַר געשטאַלט ווערט געשילדערט אַף אַ ברייטן פאָן פון דעם סאָציִאַלן און עקאָנאָמישן לעבן פון דער ייִדישער באַפעלקערונג אין רוסלאַנד אין דער ערשטער העלפט פונעם פאָריקן יאָרהונדערט.

גוזיקאָוו איז געווען אַ מענטש מיט אַ פענאָמענאַלן טאַלאַנט. ער האָט זיך דורכגעטראָגן ווי אַ מעטעאָר איבער די הימלשע הייכן פון מוזיק און איבערגעלאָזט אין זיי טיפע שפּורן. אַ קלעזמער פון דעם ווײַסרוסישן שטעטל שקלאָוו, האָט ער אַף זײַנע קאָנצערטן אין מאָסקווע, קיִעוו, אָדעס, ווין, בערלין, פּאַריזש געפאַנגען מיט זײַן ווירטואָז־מײַסטעריש שפּילן די הערצער פון טויזנטער און טויזנטער מענטשן. די גרויסע מוזיקער פון יענער צײַט פעליקס מענדעלסאָן־באַרטאָלדי און פערענץ ליסט האָבן געשריבן וועגן אים ווי וועגן אַ געני. זײַן מערקווירדיק געשטאַלט און זײַן ניט ווייניקער מערקווירדיקע ביִאָגראַפיע בעטן זיך מאַמעש צו זײַן פאַרקער־

פערט אין דער קינסטלערישער ליטעראַטור. אָט דאָס דאָזיקע געשטאַלט האָט געטראָגן בא זיך אין האַרצן אין מעשעך פון זײַן גאַנץ לעבן מענדעלע מויכער־ספאָרים, וועלכער האָט זיך נאָך אין די קינדערשע יאָרן, אין זײַן ווײַסרוסישן היימשטעטל קאַפּוליע, אָנגעהערט פיל מײַסעס און געשיכטעס וועגן גוזיקאָוון. דער גרויסער שרײַבער האָט געטרוימט שאַפן א קינסטלעריש ווערק וועגן דעם לעגענדאַרן קלעזמער. נאָר דאָס געהויבענע געשטאַלט האָט באַם זיידן ניט געקענט דערגיין פונעם האַרצן צו זײַן פּען, וואָס איז שטענדיק געווען פאַרנומען מיט באַשרײַבן די ייִדישע טאָרבע, די נויט, אין וועלכער עס האָבן געזונקען די האָרעפּאַשנע מאַסן. ווענדט זיך דער זיידע צו זײַן באַליבט אייניקל שאָלעם־אַלייכעם מיט א באַקאָשע, ער זאָל נעמען זיך צו דער טעמע גוזיקאָוו. נאָר שאָלעם־אַלייכעם איז געווען אַזוי פאַרטאָן מיט די געשעענישן און טיפּן, וועלכע האָבן אים אַרומגערינגלט, אַז דאָס היסטאָרישע ווערק איז געבליבן ניט אָנגעשריבן. דאָס אַלץ האָט זיך דרוקער דערוווּסט, קלײַבנדיק מאַטעריאַלן פאַר זײַן בוך „דער זיידע מענדעלע“, און ער האָט אָנגעשריבן א באַזונדער נאָוועלע „דער שרײַבער און זײַן העלד“, וועלכע פאַרענדיקט זיך מיט דעם, ווי מענדעלע ווענדט זיך פאַרן טויט צו א ריי שרײַבער מיט די ווערטער: „זאָל עמעצער פון אײַך מעמאַלע זײַן דאָס, וואָס איך האָב פאַרפעלט און וואָס עס טאָר ניט פאַרפעלט ווערן אין דער ייִדישער ליטעראַטור. שרײַבט אָן וועגן מיכאָעל־יויסעף גוזיקאָוון“...

מיט זײַן נײַעם ווערק וויל דרוקער אויספילן די צוואָע פון אונדזער גרויסן זיידן. דעם ערשטן טייל פונעם ראָמאַן האָט ער שוין פאַרענדיקט. איצט אַרבעט ער איבער דעם צווייטן, און די נעגינע זינגט פון אים אַרויס מיט א נײַער קראַפט.

א בריוו אין רעדאַקציע

טײַערע כאַווײרים!

אַנשטאָט אַנווײַזן אין מײַן נאָטיץ „בלעטערנדיק די צוויי הונדערט צוואַנציק נומערן“ („סאָוועטיש היימלאַנד“ נום. 8, 1981 יאָר), אַז די אַרויסזאָגונגען וועגן קומענדיקן שאָלעם אױף דער וועלט געהערן סײַ דעם נאָווי יעשײַע און סײַ דעם נאָווי מיכא, האָב איך פאַרגעוואָרפן מ. טייפן, אַז ער האָט פאַרפלאָנטערט די נעווי׳ים — אױפן אָרט פון מיכען אַרויסגעשטעלט יעשײַען. דאָס איז ניט ריכטיק, ווײַל פונקט די זעלבע אַרויסזאָגונגען, בלויז מיט אייניקע געענדערטע ווערטער, זײַנען דאָ סײַ באַם נאָווי יעשײַע און סײַ באַם נאָווי מיכא.

דער געלערנטער מ. קובלאַנאָוו, אין זײַן בוך „נאָווי זאַוועט („פּאָ׳יִסקי אי נאַכאָדקי“)“, וועלכער איז דערשינען אין 1968 אין פאַרלאַג „נאַוקאַ“, שרײַבט: „ס׳איז ביז גאָר וואַרשײַנלעך, אַז איין אַווטאָר האָט זיך באַנוצט מיט אַן אויסצוג פון א צווייטן, אָדער ביידע האָבן גענומען בא איינעם א דריטן. אין געגעבענעם פאַל זײַנען די פאָרשער גענייגט צו אַנערקענען, אַז דער פּרי׳אָריטעט געהער דעם נאָווי מיכא“.

די איבערשרײַבער פון יענע אַלטע צײַטן האָבן ניט געהאַלטן פאַר א פּלאַגי׳אַט דאָס איבערטראָגן די טעקסטן פון איינעם צו א צווייטן.

ווי׳אַזוי ס׳זאָל ניט זײַן, נעם איך די שולד אױף זיך. מע טאָר זיך ניט פאַרלאָזן אױפן זיקאָרן אַפילע דאַן, ווען דער זיקאָרן איז נאָך א זיקאָרן.

מיט בעסטע ווונטשן

אירמע דרוקער

לייב ווילסקער

אומבאַוווּסטע לידער פון יעהודע האַלייווי

ווען גאָט האָט באַשאַפן די נעשאָמע פון יעהודע האַלייווי, האָט ער, אַ צופרידענער, זי געקושט. דאָס ווידערקאָל פון דעם דאָזיקן קוש לעבט אין יעדער ליד פונעם דיכטער, וועלכער איז געזאַלבט פון דעם שעפערס גנאָד.

הײַנריך הײַנע

דער נאָמען פון יעהודע האַלייווי, אַ זון פון דער „גאָלדענער עפּאָכע" פון דער העברעיִשער מיטלאַלטערלעכער ליטעראַטור, איז אין דער געשיכטע פאַרשריבן בעפּיירעש מיט גאָלדענע אויסיִעס. עס האָבן זיך גענייגט פאַר זײַן געניִאַלקײַט די גרעסטע דיכטער פון זײַן דאָר — דער פּאָעט און טעאָרעטיקער פון דער העברעיִשער און אַראַבישער פּאָעזיע מאָשע איבן עזרא (געב. אַרום 1055, געשט. נאָך 1135), דער מאַטעמאַטיקער און אַסטראָנאָם, דיכטער און פילאָלאָג אַווראָהאָם איבן עזרא (1093—1167); די גרויסע דיכטער פון די קומענדיקע דורות — יעהודע אַלכאַריזי (1170—1235) און הײַנריך הײַנע (1797—1856); די ערשטע צונויפֿשטעלער און איבערזעצער פון זײַן דיוואַן (לידער־זאַמלונג), און בעסויכעם (דעם ראַמבאַמס ברודער?) דאָוויד בען מײַמאָן; די ערשטע אַרויסגעבער פון זײַן דיוואַן שמועל־דאָוויד לוצאַטאָ (1800—1865) פון איטאַליע און אַווראָהאָם עליאָהו האַרקאַווי (1835—1919) פון רוסלאַנד; דער באַוווּסטער פאָרשער פון דער מיטלאַלטערלעכער העברעיִשער פּאָעזיע כאַיִם בראָדי (1868—1942); די היסטאָריקער און ליטעראַטור־קריטיקער הײַנריך גרעץ (1817—1891); שימען דובנאָוו (1860—1941); אַווראָהאָם גײַגער (1810—1874), לעאָפּאָלד צונץ (1794—1886), ייִסראָעל צינבערג (1873—1941) און פיל אַנדערע.

„...חיי במותי" (מײַן לעבן איז אין מײַן טויט!) — האָט נעוויִעסדיק געהאַט געשריבן יעהודע האַלייווי אין איינער פון זײַנע לידער. ער און זײַן דיכטונג האָבן דערגרייכט אומשטערבלעכקײַט — אַזוי קאָן מען קאָנסטאַטירן אויך איצט, אין העכער נײַן הונדערט יאָר אַרום זינט זײַן געבוירן.

יעהודע האַלייוויס ליטעראַרישע ירושע איז פאַרהעלטנסמעסיק דערגאַנגען צו אונדז ניט שלעכט — אַלנפאַלס, בעסער איידער פון פיל אַנדערע העברעיִשע דיכטער פון שפּאַניע. סיבעס דערצו זײַנען געווען פיל. ס'האָט געשפּילט אַ ראָל סײַ דעם אווטאָרס געוויִנישקײַט, סײַ זײַן פּאָפּוליאַריטעט, סײַ דער פאַקט, וואָס אַ טייל פון זײַנע לידער זײַנען אײַנגעפלאָכטן געוואָרן אין סידורים און מאַכזיירים. דאָס אַלץ איז גוט באַוווּסט. עס קאָן אָבער זײַן, אַז איינער פון די וויכטיקסטע פאַקטאָרן שטעקט אין זײַן ביִאָגראַפיע.

יעהודע האַלייווי האָט אין די לעצטע כאַדאָשים פון זײַן לעבן געוווינט אין מיצראַיִם (אין אַלעקסאַנדריִע און קאַיִר), דאָס הייסט דאָרט, פונוואַנען עס שטאַמען די גרעסטע אוצרעס פון דער געניזע. ווי באַוווּסט, האָבן זיך אַרום די געניזע־מאַטעריאַלן אין קאַיִר מאַטריִעך געווען אַזעלכע קסאַוויאַד־זוכער, ווי דער פעטער פון הײַנריך הײַנעס מוטער שימאָן דע געלדערן פון האַמבורג (1720—1774); יאַקאָוו סאַפּיר (1822—1885) — אַ באַוווּסטער רײַזנדער און פאָרשער, וועלכער האָט באַזוכט די געניזע אין 1864; דער קאַראַיִמישער זאַמלער אַ. פירקאָוויטש (1785—1874, געווען אין קאַיִר אין 1865); דער רוסישער אַרכימאַנדריט אַנטאָנין קאַפּוסטין (1817—1894, געוווינט אין ירושאָלאַיִם, אָנהייבנדיק פון 1865 ביז די לעצטע טעג פון זײַן

לעבן). פאַר אָט דער צײַט דערוואָרבן 1200 פראַגמענטן פון דער גניזה; דער שרײַבער און פאָרשער פון דער געשיכטע פון ייִדן אין לאָנדאָן עלכאָנען־נאַטאַן אַדלער (1861—1935); שלאָמאָ זאַלמאַן שעכטער (1850—1915), וועלכער האָט געבראַכט די גרעסטע צאָל קסאַוויאַדן פון דער גניזה אין קעמברידזש און אין די פאַראייניקטע שטאַטן און איז דערנאָך באַרימט געוואָרן מיט זײַנע פּובליקאַציעס אויפן יסוד פון די גניזה־מאַטעריאַלן, און אַנדערע.

פון די גניזות פון גאָר דער וועלט און אויך פון קאַיִר איז אַ גאַנץ היפּשער טייל אַרײַן אין די ביבליאָטעקן פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד. עס זײַנען באַרימט די אוצרות פון דער לענינגראַדער עפנטלעכער ביבליאָטעק, וועלכע באַשטייען פון די זאַמלונגען פון פירקאָוויטשן און אַנטאָנינען, פון דער אַלפאַרבאַנדישער ביבליאָטעק אויפן נאָמען פון וו. אי. לענין מיט די גינזבורג־זאַמלונגען און פון דער ביבליאָטעק פונעם לענינגראַדער פיליאַל פון דעם אינסטיטוט פאַר מיזרעך־קענטענישן בײַ דער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע פון פּסס״ר מיט איר פרידלאַנד־זאַמלונגען. אין די דאָזיקע ביבליאָטעקן איז צווישן אַנדערס פאַראַן אַ גרויסע צאָל קסאַוויאַדן און פראַגמענטן מיט וועלטלעכע לידער און פּיוטים, געשאַפענע אויפן פּירענעיִשן האַלב־אינדזל אין דער ערשטער העלפט פון צווייטן יאָרטויזנט. דער אויבנאָן צווישן זיי פאַרנעמען, ניט נאָר לויטן אינהאַלט, נאָר אויך לויט דער צאָל, די שאַפונגען פון יהודה הלוי. בלויז אין בײדע פירקאָוויטש־זאַמלונגען פון דער לענינגראַדער עפנטלעכער ביבליאָטעק האָב איך פעסטגעשטעלט 68 קסאַוויאַדן און פראַגמענטן, אין וועלכע ס'זײַנען פאַראַן יהודה הלוויס פּאָעטישע ווערק. אונדז האָט דאָ מאַמעש געגליקט מיט אומדערוואַרטע אַנטדעקונגען, וועגן אייניקע פון זיי וויל איך דאָ דערציילן.

אַן אומבאַוווּסטע רעדאַקציע פון יהודה הלוויס דיוואַן

אין דער צווייטער זאַמלונג פון א. פירקאָוויטשן האָבן מיר באַמערקט אונטערן נומער 1—207 אַ מערקווירדיקן קסאַוויאַד. ער באַשטייט פון אַכט פּאַפּירענע בלעטער 20,2 אויף 14,3 סמ. דער טעקסט פאַרנעמט 16,3 אויף 11,1 סמ., געשריבן מיט שוואַרצן טינט. אינעם קסאַוויאַד איז געבראַכט אַ רשימה פון אָנהייבן פון לידער. זייער נומעראַציע איז איבערגעגעבן מיט אַראַבישע ווערטער און אָנגעשריבן מיט אַ געוויסן אינטערוואַל. די אותיות — קוואַדראַטע העברעיִשע, 7 מם. די הייך, יעדע נומעראַציע פאַרנעמט איין שורה. נאָך דער נומעראַציע גייט דער אָנהייב פון דער געהעריקער ליד. געוויינלעך פאַרנעמט ער איין שורה, אויסער דער לעצטער באַשרײַבונג אויף יעדן זײַטל, וועלכע פאַרנעמט צוויי־דרײַ שורות. די רעגיסטראַציע פונעם אָנהייב פון אַ ליד באַשטייט געוויינלעך פון עטלעכע (מערסטנטייל 4) ווערטער, וועלכע שרײַבן זיך טיילווײַז רעכטס, טיילווײַז לינקס אין דער שורה מיט אַ געוויסן אינטערוואַל צווישן די בײדע טיילן.

אויף יעדן בלאַט זײַנען געמאַכט 22 רעגיסטראַציעס פון אָנהייבן פון לידער, צו 11 אויף אַ זײַטל. אין קסאַוויאַד זײַנען געבראַכט אָנהייבן פון לידער, וועלכע טראָגן די פאָלגנדע נומערן: די ערשטע 6 בלעטער — פון נומער 30 ביז 161, ד. ה. 132 רעגיסטראַציעס. די לעצטע 2 בלעטער — פון נומער 228 ביז 271 — 44 רעגיסטראַציעס, צוזאַמען 176 רעגיסטראַציעס.

דער קסאַוויאַד האָט קורצע צוויי באַשרײַבונגען. איינע פון א. פירקאָוויטשן אין העברעיִש, די צווייטע — פון האַרקאַווין אין רוסיש. וואָס שײַך דעם אינהאַלט, זײַנען זיי בײדע איינשטימיק. ס'זײַנען אויסגערעכנט יהודה הלוויס לידער.

אַנאַליזירנדיק די רשימה, בין איך געקומען צום אויספיר, אַז זי האָט פון לכתחילה אָן ניט פאָרגעשטעלט מיט זיך קיין זעלבשטענדיק ווערק, נאָר בלויז אַ טייל פון אַ פאָרוואָרט צו אַ דיוואַן פון יהודה הלוי. די רשימה איז ניט געשריבן דורכאַנאַנד, נאָר איז געווען איבערגעריסן דורך עפּעס אַ טעקסט.

איך האָב געהאַלטן אין איין זוכן די איבעריקע בלעטער פון דעם דאָזיקן מאַנוסקריפּט און ענדלעך זיך אָנגעשטויסן אויפן קסאַוויאַד 1—44 פון דער זעלבער זאַמלונג. ער באַשטייט פון 65 בלעטער. זייער פאָרמאַט, טינט, מאַניר פון שרײַבן זײַנען אידענטיש מיטן מאַנוסקריפּט 1—207. דער ערשטער בלאַט אַנטהאַלט אויך 22 (צו 11 אויף אַ זײַטל) נומערירטע רעגיסטראַציעס פון אָנהייבן פון לידער — די נומערן 8—29, וועלכע פעלן אין 1—207. די איבעריקע 64 בלעטער פונעם קסאַוויאַד 1—44 אַנטהאַלטן טעקסטן פון יהודה הלוויס דיוואַן. אויף די מאַרגינאַלן זײַנען די לידער אויך נומערירט מיט העברעיִשע אותיות. זייער נומעראַציע איז אָבער געמאַכט געוואָרן פיל שפּעטער, מיט איבערײַסן — לויט דער פאַרב: אַמאָל מיט שוואַרצן, אַמאָל מיט רויטן טינט, און זי שטימט בלויז ערטערווײַז מיט דער רשימה. אַ גרויסע צאָל לידער, וועלכע זײַנען געבראַכט אין טעקסט, פעלן אין דער רשימה, און פאַרקערט, עס פעלן פיל לידער, וועלכע זײַנען געבראַכט אין דער רשימה. די גרעסטע רעגיסטראַציע פון אַ ליד אין קסאַוויאַד 1—44 טראָגט דעם נומער תעה, ד. ה. 475. אַזוי אַרום, איז דער דיוואַן פון יהודה הלוי באַשטאַנען מינימום פון 475 לידער.

די צוזאַמענגעשטעלטע רעשימע פֿון בײדע קסאַוויאַדן, וואָס צײלט שוין איצט 198 רעגיס־טראַציעס (נומערן 8—161, 228—271), האָב איך דורכגעקאָנטראָלירט לויט אַלע וויכטיקע ביב־ליאָגראַפֿישע קוואַלן.[1]

וועגן אײניקע ביז איצט אומבאַוווּסטע לידער פֿון יעהודע האַלײווי אין אָט דער רעשימע האָב איך זיך אויך געווענדט צו געלערנטע, וועלכע זײַנען באַהאַוונט אין די קסאַוויאַדן פֿון זײַנע ווערק אין אויסלענדישע ביבליאָטעקן, און כ'האָב באַקומען פֿון זײ די נײטיקע אינפֿאָר־מאַציע. און אָט איז דער רעזולטאַט: ערשטנס, עטלעכע און צוואַנציק לידער פֿון אונדזער רע־שימע זײַנען אין ערגעץ ניט באַוווּסט. צווײטנס, ס'איז באַשטעטיקט געוואָרן די אָוטאָרשאַפֿט פֿון יעהודע האַלײווי בענעגײע א געוויסער צאָל לידער, וועלכע מע פֿלעגט צושרײַבן אַנדערע אָוטאָרן. מיר וועלן זיך איצט באַנוגענען בלויז מיט די ביכלאָל אומבאַוווּסטע לידער. ווײַטער ווערט געבראַכט א צעטל פֿון זײ.

אומבאַוווּסטע לידער פֿון יעהודע האַלײווי

(לויטן קסאַוויאַד 1—207)

229. אבי ראה אויבתי מחרפת (פֿאָטער מײַנער, זע ווי מײַן פֿרײַנדן זידלט זיך)
96. אוי שכינה שלש ועשרים (אוי, דו, שכינע, דרײַ און צוואַנציק...)
243. איך רועה התרועעה (וויאַזוי א פּאַסטעכערן האָט זיך באַפֿרײַנדעט)
114. אל תאיצו לנחם לב מאן (אײַלט זיך ניט טרײסטן א האַרץ, וואָס זאָגט זיך אָפּ)
268. אלי על תורה שהלכה (קלאָג איבער דער לערע, וואָס איז אַוועק)
228. אמר המטיף בגעור (ס'האָט געזאָגט דער פּרײדיקער באַם בײזערן זיך)
30. אשרו ללכת בדרך קדושים (פֿאָלגט צו גײן אױף די וועגן פֿון קדושים)
141. אתה איך יחשך מאורי (דו! ווי פֿאַרפֿינצטערט ס'איז געוואָרן מײַן שײַן!)
263. בכי משפחות לוי (געוויין פֿון די מישפּאָכעס פֿונעם שײוועט לײווי)
92. בת ברמה נשמע קול (טאָכטער! עס לאָזט זיך הערן פֿון דער הײך א שטים)
38. דגלי עליך ומי בלעדיך (מײַן פֿאָן פֿלאַטערט איבער דיר, און ווער נאָך אַכוץ דיר)
57. יום אשר מלבי גלה (אינעם טאָג, ווען פֿון מײַן האַרץ איז פֿאַרוואָגלט געוואָרן)
127. יום למתאבל בחיליו כיום (דער טאָג, ווען דער אָוול שמאַכט פֿון שמערצן, איז ענ־לעך צום (הײַנטיקן?) טאָג)
75. יחד מקדם כושל בך נלאה (פֿון קהאַדמויניםאָן איז צוזאַמען מיט דיר דער מידער, וואָס פֿאַלט פֿון די פֿיס?)
82. יחיש קץ ישועה האל (זאָל גאָט צואײַלן דעם קעץ פֿון דער הילף)
109. לא אליכם חוכי תשועה (ניט צו אײַך ווענדן זיך די, וועלכע דערוואַרטן א דערלײ־זונג?)
105. מה אעידך (ווי זאָל איך אױף דיר אײדעס זאָגן??)
106. לא אליכם שומעי שמעי המתאבלים על נגעי חיים (די איבערזעצונג זע ווײַטער)
107. נשבה עדר (ס'איז געפֿאַנגען געוואָרן א טשערעדע...)
270. ספרו ימים יספדו מיוס (צײלט די טרויער־טעג זינט דעם טאָג, ווען...)
266. סר מנו ראש הארזים (פֿון אונדז איז אַוועק דער הויפּט פֿון די צעדערבײמער)
133. תשמיע אדר יקר אפריון (לאָז הערן וועגן פּראַכט פֿון מײַן טײַערן באַלדאַכין)

דאָ פֿאָדערן זיך צוויי באַמערקונגען. ערשטנס, העיויס די אָנהײבן פֿון די לידער שטעלן מיט זיך ניט פֿאָר קײן פֿאַרענדיקטע זאַצן, זײַנען אונדזערע איבערזעצונגען בלויז באַדינגלעכע. צווײטנס, קימאַט א העלפֿט פֿון די געבראַכטע אומבאַוווּסטע ביז איצט לידער איז געלונגען אַנטדעקן אינעם „געפֿען מיצראַיִם“ (דער ווײַנשטאָק פֿון מיצראַיִם. זע אונדזער אַרבעט „הונ־דערט יאָר געפֿען מיצראַיִם“, „סאָוועטיש הײמלאַנד“, 1978, נומ. 1, ז. 162—165). מיט אַזא מין נײַעם אויצער מעג די לענינגראַדער עפֿנטלעכע ביבליאָטעק מיט פֿולע רעכט שטאָלצירן. אַלס בײַשפּיל פֿובליקירן מיר דאָ צום ערשטן מאָל אײנע פֿון די אָקאָרשט געפֿונענע לידער.

אַן עלעגיע וועגן א פּאָגראָם אױף דער ייִדישער קעהילע אין טאָלעדאָ

אונטערן נומער 106 אין דער רעשימע פֿונעם קסאַוויאַד 1—207 איז פֿאַרשריבן אַן אָנהײב פֿון א ליד: „לא אליכם שומעי שמעי המתאבלים על נגעי חיים“. אונדז איז געלונגען צו געפֿי־נען, און דאָס בלויז אין אַן אײן־און־אײנציקן קסאַוויאַד, די ערשטע שורעס פֿון דער ליד, וואָס איז באַזאָרגט מיט א טיטל אין אַראַביש: „פתיחה פי וקעה טליטלה“. פּראָפֿ. כ. שירמאַן ווײַזט אָן אין אײנער פֿון זײַנע ווערק די פֿאָליסעמאַנטיק (פֿילבאַדײַטנדיקײַט) פֿונעם וואָרט „פתיחה“

[1] י. דאַווידזאָן, אוצר השירה והפיוט (דער אויצער פֿון דער פּאָעזיע און פּיוט). ניו־יאָרק, 1924—1933. אין 4 בענדער, וועלכע אַנטהאַלטן 36.000 לידער און פּיוטים, פֿאַרפֿאַסטע פֿון 2800 דיכטער, און דער צוגאָב־באַנד צינצינאַט, 1937־8; כ. שירמאַנס ווערק: השירה העברית בספרד ובפרובאנס (די העברעישע דיכטונג אין שפּאַניע און פּראָוואַנס), טעל־אַוויוו, 1954—1956, זײַנע יאָריערלעכע ביבליאָגראַפֿישע אויס־גאַבעס, אָנהײבנדיק פֿון 1948, חקר השירה והפיוט (פֿאָרשונג פֿון דער פּאָעזיע און פּיוט); שירים חדשים מן הגניזה (נײַע לידער פֿון דער געניזע), ירושלים, 1965.

אלס א טערמין אין דער מיטלאלטערלעכער העברעישער שפראך, הויפטזאכלעך אין שפאניע. איינע פון די פארגעלייגטע באדייטונגען: אריינפיר־שורעס. אין א גרויסער וועלטלעכער (ניט רעליגיעזער) דיכטערישער שאפונג. „טליטלה", אז אזוי שרייבט זיך אין דער העברעישער ליטעראטור די באצייכענונג פון דער שטאט טאלעדא, וואס קלינגט אין אראביש „טוליטילאט". אזויארום, „פתיחה פי וקעה טליטלה" — הייסט: „אריינפיר־ציילן וועגן פאלן (אדער אנפאל אף) טאלעדא".

דער קסאוויאד 1—208 פון דער צווייטער פירקאוויטש־זאמלונג, ווו עס געפינט זיך די דאזיקע עלעגיע, באשטייט פון 43 בלעטער 17,8 אף 13,6 סמ. דער טעקסט איז געשריבן מיט שווארצן טינט און פארנעמט 12,5 אף 8,3 סמ. ער אנטפלעקט עטלעכע פראגמענטן פון יעהודע האלייוויס דיוואן, וואס שטאמען מערסטנטייל פון איין איבערשרייבער. דער קסאוויאד איז דערווייל דער איינציקער, וועלכער אנטהאלט די פארעפנטלעכטע דא עלעגיע. לײדער איז צו אונדז דערגאנגען בלויז דער אנהייב פונעם ווערק. לאמיר האפן, אז דאס פובליקירן די פאקסימילע פונעם קסאוויאד וועט העלפן געפינען זיין פארזעצונג.

יעהודע האלייוויס עלעגיע, וועלכע מיר פובליקירן דא, פירט אונדז אריבער צו דער שפאנישער שטאט טאלעדא, וועלכע איז איצט בא ליבהאבער פון קונסט בארימט מיטן הויז־מוזיי פון על־גרעקא (1541—1614). פאר דער געשיכטע פון די יידן און פון דער יידישער קונסט אין שפאניע איז די שטאט אויך אינטערעסאנט מיט א צווייטן מוזיי. אין 1337 האט דארט דאן שמועל אבולאפיא, דער געוועזענער פינאנץ־ראטגעבער פונעם קיניג דאן פעדרא, אופגעבויט א פרעכטיקע שול, וועלכע איז אנגערופן del Transito און דינט היינט־צו־טאג אלס א שפאנישער מוזיי. די ארנאמענטיק, ווי אויך די העברעישע אופשריפטן אין דער געוועזענער שול, זיינען גלענצנדיק דערגאנגען ביז אונדזערע צייטן.

אז אין דער שטאט זיינען געווען יידישע פאגראמען, קאן מען געפינען אנווייזונגען אין פארשיידענע ענציקלאפעדיעס. עס איז, לעמאשל, באוווסט, אז אין 1256 איז געווען א פאגראם, און דער יידישער קווארטאל איז רויִנירט געווארן. אינעם פאגראם אין יאר 1391 זיינען דערהארגעט געווארן 1200 יידן. אין טאלעדא האבן זיך גאנץ גוט אנגעליטן די „אנוסים" — אופגעצוווּנגענע צו שמאדן זיך, וועלכע האבן געזוכט שוץ אין טאלעדא. מע האט זיי אויסגעהארגעט. אנהייבנדיק פון 1486, איז טעטיק געווען די „הייליקע אינקוויזיציע".

וועגן א פאגראם אף יידן אין טאלעדא אין יעהודע האלייוויס צייטן דערוויסן מיר זיך פונעם קסאוויאד 1—208 פון דער צווייטער פירקאוויטש־זאמלונג, בלאט 2: „ולה פתיחה פי וקעה טליטלה" — „און אים", דה. יעהודע האליוויִן, „געהערט אט דער אנהייב וועגן פאלן פון טאלעדא".

יעהודע האלייווי איז געווען ענג פארבונדן מיט טאלעדא און מיט אירע איינוווינער. קיין קאנקרעטע אנווייזונג, אז ער איז געווען א טאלעדער, איז אין ערגעץ ניט פאראן. די פארשער אבער פון זיין ליטעראַרישער יערושע האבן געפונען דערצו גענוגנדע איבערצייגנדיקע באווייזן. פראפ. כ. שירמאן זעט, לעמאשל, אן אנדייטונג דערצו אין יעהודע האלייוויס א ליד, וועלכע איז געווידמעט יִצכאק איבן אלשאמי. דער אווטאר טיילט מיט, אז זיין „געצעלט" געפינט זיך אין עק פונעם לאנד פון די קריסטן (ח. שירמאן, לתולדות השירה והדראמה העברית. יערושאלאים, 1979, באנד 1, ז. 272). געלערנטע האלטן אויך, אז יעהודע האלייווי האט זיך פארנומען אין טאלעדא מיט מעדיצין. אט אזוי ווערט פארשטאנען אן אויסצוג פון זיינעם א בריוו צו א פריינט: ...„אזויארום, פארנעם איך זיך מיט די רעפועס־נישטיקייטן דאן, ווען עס איז ניט טאג און ניט נאכט... די שטאט איז א גרויסע, און אירע איינוווינער זיינען ריזן, שטרענגע הערשער. און מיט וואס נאך קאן א קנעכט באוויליקן זיינע הערן, אויב ניט מיט דעם, וואס ער פארנעמט זיך זיין גאנץ לעבן מיט זייערע באדערפענישן?.. מיר האלטן אין איין היילן באוול, נאר זי ווערט ניט אויסגעהיילט".

יעהודע האלייווי האט געשריבן לויב־לידער אף דעם אנגענומענעם אין יענע צייטן אראבישן מוסטער. אייניקע פון זיי זיינען געווידמעט דעם לייב־מעדיקער פון אלפאנסן דעם 6־טן יאסעף פערוציעל. זיינע שטאדלאנעס לעטויוועס די יידן, וועלכע האבן געוווינט אין דער אומגעגנט פון דער שטאט וואדי אלכאדזשארא, האט יעהודע האלייווי גערימט. צוויי לידער האט דער דיכטער געווידמעט יאסעפס פלעמעניק, דעם דיפלאמאט שלאמא פערוציעל. אין דער ערשטער באשרייבט יעהודע האלייווי מיט די העלסטע פארבן, ווי די טאלעדער קעהילע לעכצט אומגעדולדיק, אז שלאמא פערוציעל זאל זיך אומקערן פון זיין דיפלאמאטישער שליכעס צו דער רעגירונג פון ארראגאן; אין דער צווייטער ליד, וועלכע ער האט אנגעשריבן גלייך נאך דער ערשטער, באוויינט ער דעם טראגישן טויט פונעם דיפלאמאט, וועלכער איז דערמארדעט געווארן אף זיין צוריקוועגס פון ארראגאן קיין טאלעדא דעם 3 מיי 1108. דיביידע לידער רופן ביז איצט ארויס דעם העכסטן פיִעטעט בא ליטעראַטור־קריטיקער. און דאס איז די סיבע, פארוואס אייניקע פון זיי פארגלייכן יעהודע האלייווין מיטן בארימטן מאלער רובענס (1577—1640), וועגן וועלכן מע דערציילט, אז ער איז געווען בעקויעך מיט איין שטריך פארענדערן א בילד פון א לאכנדיק קינד אין א בילד פון א ביטער וויינענדיקן.

וואָס איז שייך יעהודע האַלייווין און זיין טעטיקייט אין טאָלעדאָ, איז אים אויסגעקומען, קאָן זיין, מער ווייגען, אײַדער לאַכן. די זעקס בריוו, וועלכע ער האָט אָנגעשריבן צו זיין פריינט כאַלפאָן אין מיצראַים (ס'האָט זיי געפונען און פאַרעפנטלעכט ש. ד. גויטיין) וועגן אויסלייזן אַ ייִדישע פרוי פון געפאַנגענשאַפט, זיינען, לויט דער אויטאָריטעטער מיינונג פונעם געלערנטן, אויך אָנגעשריבן אין טאָלעדאָ אין דער צייט, ווען אין דער קאַסטיליאַנער הויפּטשטאָט האָט רעגירט די ביזוויליקע קיניגן אוראַקאַ.

מיר ברענגען דאָ די עלעגיע (צווייטע פירקאָוויטש־זאַמלונג נומער 1—208, בלאַט צוויי, לינקע זייט) און אויך די איבערזעצונג אויף ייִדיש.

קסאַוויאַד נומ. 208, בלאַט 2, לינקע זייט

ולה פתיחה פי וקעה טליטלה

לא אליכם שומעי שמעי המתאבלים על נגעי היים כלכם היום
שאלו אם לא שמעתם אגידכם אם לא ידעתם שימו לבבכם מהיום
נדעה עוד עה איך כלתה הרעה ובמה היתה ההטאת הזאת היום
והודיעו גולת אריאל כי שבט מישראל נגדע היום
אני הייתי גברת בבנות גולה מאושרת לפני בוא יום
מיום גליתי גרתי עם שעיר ולא הסרתי חסד אל כל היום
בני יועצי אלופיו ועמי שכן בין כתיפיו חופף עליו כל היום
בהדרת זקנים נכבדתי ועל תורתי הפקדתי שומרים כל היום
חברת חכמים יתלמידים קוראים דת למודים לשלמי נדרי יום יום
ועמי יועץ המלך ירא אלהים ההולך ואור עד נכון היום
ויד עשו היתה עמי ובלבו חורש לדמי רק רע כל היום
וקהלי מחזיק בהבלו וגזרה אומרת לא תדע מה ילד יום
השבו עלי מחשבה וליוס שבת נעזבה והיו נכונים ליום
הוא היוס אשר נתכנו ויאמרו אוי נא לנו כי פנה היום
עזבו השבה למחר ובבקר לא התאחר ולא יומת איש היום

אוי, ניט אויף אײַך זאָל זיין געזאָגט,
וואָס איר דאָ טרויערט אויף מיין פּלאָג
און לעבט בא הײַנט־צו־טאָג.

און אויב איר ווייסט ניט, פרעגט זיך נאָך,
כ'וועל אײַך דערציילן פון מיין בראָך,
הערט אויס מיך הײַנט־צו־טאָג.

טאָ לאָמיר וויסן, ווי ס'געשען
דער אומגליק, און וואָס איז געווען
די שולד פון יענעם טאָג.

זאָל ווייט אַ הילך טאָן אונדזער וואָרט:
אַ ייִדישע, אַ גרויסע שטאָט
פאַרטיליקט איז אין יענעם טאָג.

„אַ הערשערן געווען בין איך,
און גרויס געווען איז מיין גליק —
אַלץ איידער יענעם טאָג.

זינט כ'בין פאַריאָגט פון ביידזער האַנט,
געוווינט מיט סייער כ'האָב באַנאַנד
אין גליק ביז יענעם טאָג.

עס זיינען ראַטגעבער בא אים
אין לאַנד געווען מיינע זין,
אַזוי ביז יענעם טאָג.

איך בין געזעסן אינדערמיט
צווישן די עלטסטע און געהיט
די טירע טאָג נאָך טאָג".

אין דער עלעגיע האָט יעהודע האַלייווי געשטעלט פאַר זיך אַ ציל ניט נאָר באַשרייבן דעם פּאָגראָם, נאָר אויך שילדערן זיין פאַרגעשיכטע. עס ווערט אין אייניקע שורעס אָנגעמערקט די גינסטיקע לאַגע, לויט דעם דיכטערס אָפּשאַצונג, פון די ייִדן אין טאָלעדאָ און זייער האַשפּאָע אין דער מעלוכע און אינעם געזעלשאַפטלעכן לעבן. עס ווערן דערמאָנט ייִדישע ראַטגעבער

ביכלאַל און דעם קיניגס ראַטמאַן ביפּראַט. די געשיכטע פונעם פאָגראָם זעלבסט איז דערגאַנגען בלויז טיילווייַז.

דער היסטאָרישער פאַן פון דער עלעגיע איז געמאָלט, לויט אונדזער אָפּשאַצונג, אויסשליסלעך אין פעריאָד, ווען עס האָט געהערשט אין טאָלעדאָ אַלפאָנס דער זעקסטער און אין דער צייַט פון די טראַגישע געשעענישן, וועלכע האָבן זיך פאַנאַנדערגעוויקלט גלייַך נאָך זייַן טויט (יון 1109).

אַלפאָנס דער זעקסטער, דער קייסער פון קאַסטיליע און לעאָן, וועלכער האָט זיך אויך אָנגערופן אימפּעראַטאָר פון גאַנץ שפּאַניע (imperator totius Hispaniae) האָט, ווי באַוווּסט, אין 1085 אייַנגענומען די שטאָט טאָלעדאָ. די ייִדן האָבן דאָרט געלעבט אין אַ באַזונדערן קוואַרטאַל, וועלכער איז גוט באַקאַנט אין דער וויסנשאַפט. דער קוואַרטאַל האָט זיך געפונען אין דער דאָרעם־מייַרעוודיקער זייַט פון טאָלעדאָ און האָט אויסגעזען קימאַט ווי אַ זעלבשטענדיקע שטאָט. אין דער דאָרעם־זייַט האָט זיך דער ייִדישער קוואַרטאַל געפונען באַם באַרג־אַראָפּ לעבן דעם טייַך טאַכאָ. דאָרט איז געווען אַ פעסטונג, וועלכע איז באַוווּסט מיטן נאָמען „ייִדישע פעסטונג“. אַלפאָנס דער זעקסטער האָט געהאַלטן די ייִדן פאַר אַ געווינטשעַנעם עלעמענט. זיי, פאַר ווענמען די אַראַבישע שפּראַך איז געווען נאָענט און באַקאַנט, האָבן ניט איין מאָל אויסגעפילט דיפּלאָמאַטישע שליכעס פאַרן קאַסטיליאַנער מיילעך אין זייַנע באַציִונגען מיט די שכיינעסדיקע אַראַבישע מעדינעס, און זיי זייַנען געווען ראַטגעבער באַ זייַנע געהילפן.

גאָר געהויבן איז באַ אַלפאָנס דעם זעקסטן געווען זייַן לייַב־מעדיקער יאָסעף בען פערוציעל, וועלכער איז אויך באַוווּסט מיטן בייַנאָמען סידעלוס. וועגן דעם, וויאַזוי עס האָט זיך אָפּגעשפּיגלט די פּאָליטישע טעטיקייַט פון סידעלוסן און פון זייַן פלעמעניק שלאָמאָ פערוציעל אין יעהודע האַלייוויס דיכטונג, האָבן מיר שוין העכער דערמאָנט. סידעלוסעס פּאָליטישע האַשפּאָע לאָזט זיך מערקן ביזן יאָר 1110, דהי. אַפילע אַ יאָר נאָכן טויט פון אַלפאָנסן, ווען ס'איז פאָרגעקומען אַן אופשטאַנד פון די קריסטן אין טאָלעדאָ, אין דער געגנט פון בורגאָס און אין גאַנצן קיניגרייַך פון לעאָן. די אופשטענדלער האָבן איינצייַטיק פאָגראָמירט ייִדן. וועגן דעם אַלעמען דערציילט פּראָפעסאָר ייִצכאָק בער אין זייַן קאַפּיטאַל ווערק „די געשיכטע פון ייִדן אין דער קריסטלעכער שפּאַניע“ (העברעיִש, טעל־אַוויוו, 1965, ז. 30). דאָס איז אונדזער איינציקער פאַרוף אַף אַ היסטאָריקער. דאָס באַשטעטיקט, אַז אין דער עלעגיע, וואָס מיר פּובליקירן, האַנדלט זיך וועגן אַ פּאָגראָם, וועלכער איז פאָרגעקומען אין טאָלעדאָ אין איינעם פון די זונטיק־טעג פון 1109 (נאָר ניט פריִער פון יון).

ליידער איז די עלעגיע דערגאַנגען בלויז טיילווייַז, ביז דער באַשרייַבונג פון דעם מאָמענט, ווען דער כאַלעף האָט זיך אַרופגעלייגט אַף די העלדזער פון דער ייִדישער קעהילע אין טאָלעדאָ. און וואָס איז געשען ווייַטער? צי איז געשען אַ נעס, ווי באַ ייִצכאָקס אַקידע?

קעדיי צו געבן אַן ענטפער אַף דער דאָזיקער פראַגע, געפינען מיר פאַר נייטיק איבערזעצן אייניקע שורעס פון אַ צווייטער עלעגיע פונעם זעלבן אַוטאָר: „אַקונן על־מר תלאותי“ (איך וועל קלאָגן אַף דער ביטערקייַט פון מייַן פּייַן). די דאָזיקע עלעגיע איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין כ. בראָדיס אויסגאַבע פון יעהודע האַלייווי (ב. 4, ז. 131—133). מיר וועלן דאָ אויסנוצן אויך דעם טעקסט, וואָס געפינט זיך אין אַנדערע קסאַוויאַדן (צווייטע פירקאָוויטשזאַמלונג, נומער 206, ז. 57 און 1—208, ז. 2). פאַרגלייַכנדיק ביידע עלעגיעס, וואַרפט זיך אין די אויגן זייער אידענטישער געבוי, דער נאָענטער אינהאַלט.

ווי עס ווייַזט זיך אַרויס, איז טאָלעדאָ געווען ניט די איינציקע שטאָט, וועלכע האָט געליטן פון אַ פּאָגראָם אין יענע צייַטן. די אומופהערלעכע שטרייַטן און מילכאָמעס צווישן די קריסטן און מוסולמענער האָבן כאָרעוו געמאַכט ייִדישע קעהילעס. יעהודע האַלייווי האָט געווידמעט אַ גאַנצע ריי ווערק דער שווערער לאַגע פון די ייִדן, וועלכע האָבן זיך געפונען צווישן ביידע פייַנטלעכע און קריגערישע מאַכנעס.

יעדע סטראָפע אין ביידע עלעגיעס באַשטייט פון דרייַ טיילן. די ערשטע צווי גראַמען זיך איינע מיט דער אַנדערער, און די דריטע פאַרענדיקט זיך אין אַלע סטראָפן פון יעדער עלעגיע מיט איינעם און דעם זעלבן וואָרט.

ביידע עלעגיעס דערגאַנצן איינע די אַנדערע און מאָלן דאָס טראַגישע בילד פון דער „שכיטע־שטאָט“, אָדער, ריכטיקער, פון די „שכיטע־שטעט“ אין יענע גרויזאַמע צייַטן. אָט זייַנען אייניקע שורעס פון „איך וועל קלאָגן אַף דער ביטערקייַט פון מייַן פּייַן“:

„צווישן אַרמייען פון שעיִר (סעיִר — קריסטן) און קדר (קעדאַר — אַראַבער, מוסולמענער) איז מייַנע פאַרלאָרן געגאַנגען... ווו נאָר זיי גרייטן זיך מילכאָמע האַלטן, זאַמלען זיי איינציקווייַז צונויף ייִדן, קעדיי זיי דערהאַרגענען, אומברענגען... ס'איז אַן אומגליק פון גאָט געקומען... אַ גזיירע אַרויס אויסהאַרגענען אַ שטאָט ייִדן... אין דעם זעלבן טאָג, ווען די שטאָט איז דורכגעבראָכן געוואָרן, האָבן די זין פון סעיִר זיך נויקעם געווען... דערהאַרגעטע האָבן זיך גע־

װאַלגערט אף די גאסן... װען עס איז פּאַרי־בער די שװערד פון נעקאָמע, האָבן געפאַנ־גענשאַפט, הונגער און דאָרשט באַגעגנט די ייִדן"[1].

קעדיי װי געהעריק אָפּשאַצן די װיסנ־שאַפטלעכע װערט פון די דערמאָנטע קסאװ־יאַדן פון דער פירקאָװיטש־זאַמלונג 1—207, װעלכע אנטהאַלט די רעשימע פון יעהודע האַלײװיס לידער, און פון 1—44 פונװאַנען מיר האָבן געבראַכט זײַן עלעגיע, איז געװיס װינטשנסװערט געפינען די שפּורן פונעם צוניפשטעלער פון יעהודע האַלײװיס דיװאַן, װי אויך זיך דערװיסן װעלכער צײַט־אָפּשניט טײלט אים אָפּ פונעם דיכ־טער, מיט װעלכע קװאַלן אָפּערירט ער, און ביכלאַל, אף װיפל איז ער קאָמפּעטענט אין יעהודע האַלײװיס פּאָעטישער ירושע. אַנ־דערש גערעדט, צי מעג מען אים האַלטן פאַר אַן אױטאָריטעט אין דעם דאָזיקן גע־ביט?


זכר יפה לר' יהודה ז"ל

קסאװיאַד נומ. 809, בלאַט 105

בלעטערנדיק דעם קסאװיאַר 1—44, געפינען מיר א שליסל צו דער דאָזיקער רעטעניש. אין בלאַט 11, פאַר דער ליד, װעלכע הייבט זיך אָן מיט די װערטער „אפתחה שערי רננה" (איך עפן די טויערן פון פרייד־געזאַנג), איז פאַראַן א באַלערנ־דיקע מיטײלונג אין אראַביש מיט העבערעי־שע אויסיעס: „מײַן לערער, דער שייך (זאָקן) אבו אלעלא (לײען — אַלאַלאַ), דער װױלער האָט מיר דערצײלט, דאָס, װאָס עס האָט אים מיטגעטײלט אונדזער הער יעהודע האַלײװי — זאָל גאָט מיט זײ בײדע זײַן צופרידן, — אַז די דאָזיקע ליד איז די ערשטע, װעלכע ער האָט פאַרפאַסט אין דער יוגנט" (אכברני אסתאדי אלשיך אבן אלעלא אלצאיג ען מרי יהודה הלוי רצי אללה ענהמא אן הדא אלקטעה אול מא קאלה והו חדת אלסן).

מיר אידענטיפיצירן דעם נאָמען אבו־אלעלא מיטן נאָמען פון יעהודע האַלײװיס פרײַנט בו־אלעלא, װעגן װעלכן מיר דערװיסן זיך אדאַנק זײַן בריװ צו יעהודע האַלײװין, װעלכן ס'האָט געפונען און פאַרעפנטלעכט ש. ד. גויטײן (זע די בײַלאַגע). אויב אַזוי, איז דער צוזאַמענשטע־לער פון יעהודע האַלײװיס דיװאַן געװען א טאַלמיד פון יעהודע האַלײװיס באַװוסטן פרײַנט אבו־אלעלא, אָבער װיאַזוי מע האָט גערופן דעם דאָזיקן טאַלמיד, בלײַבט א שאַלע. ק. סטאַר־קאָװא האָט אַרױסגעזאָגט א האַשאָרע, אַז דער צוניפשטעלער פונעם קסאװיאַד 1—44 איז גע־װען דער אויבן דערמאָנטער דאַװיד בען מײַמאָן. אויב דאָס זאָל זיך באַשטעטיקן, װעט עס געװיס זײַן ביז גאָר אינטערעסאַנט.[2]

„יונים ירונו כמוני כהם"

צום ערשטן מאָל פּובליקירן מיר נאָך איין אומבאַװוסטע ליד פון יעהודע האַלײװי, פון גאָר אַן אַנדער זשאַנער: „יונים ירונו כמוני כהם" (מיט מיר זינגען טויבן). מיר האָבן זי געפונ־נען אין פיר קסאװיאַדן פון דער לענינגראַדער עפנטלעכער ביבליאָטעק: דרײַ אין דער צװײ־טער פירקאָװיטש־זאַמלונג (נומערן 1—44, בלאַט 50, לינקע זײַט; 206, בלאַט 45, לינקע זײַט; 2—578, בלאַט 1), אין דער ערשטער פירקאָװיטש־זאַמלונג (נומער 809, בלאַט 105) און אין דער באַראָן גינצבורגס זאַמלונג אין דער לענין־ביבליאָטעק. פּראָפעסאָר כ. שירמאַן טײלט מיט

---

[1] בין צבאות שעיר וקדר אבד צבאי ונערד... יוכאשר להלחם ישוטטו להרג ואבדן ילקטו לאחד אחד בני ישראל... יום שד משדי אתה... גזרה נגזרה ובאה מאת אדני יצאה להמית עיר ואם בישראל... וביום אשר הבקעה העיר יצאה נקמת בני שעיר... חללים חוצותם מלאו... אחר עבר חרב נקמה שביה ורעב וצמא קדמו את בני ישראל.

[2] ק. ב. סטאַרקאָװא האָט אין איר רעפעראַט אפן צװישנפעלקערלעכן קאָנגרעס פון די מיזרעך־פאָרשער אין מאָסקװע (1960) אַרױסגעבראַכט דאָ אַן אַנדער נאָמען: „אבו מהל בן... גלא". איך האָב די דאָזיקע צושריפט געפאָרשט גרינטלעך צוזאַמען מיטן דאָקטאָר פון פילאָלאָגישע װיסנשאַפטן װ. װ. לעבעדיעװן, און מיר זײַנען געקומען צו אַן אײנשטימיקן אױספיר, אַז דער נאָמען איז אבו־אלעלא. מיר האָבן דאָ יעדן אָס און זײַן שפּור שטרענג דורכגעקאָנטראָלירט (זע. К. Б. Старкова, редакции «Дивана Иехуды Халеви» согласно ленинградским фрагментам. Москва, 1960, стр. 6).

אין זײַן ווערק „שירים חדשים מן הגניזה“ (נײַע לידער פון דער גניזע, ירושלאַיִם, 1965, ז. 232), אז אין צעשעדיקטן און צעריסענעם אין פיל ערטער קסאוויאד פון דער טײלאָר־שעכטער־זאמלונג (נײַע סעריע, 194, נומער 43) איז אויך פאראן די דאָזיקע ליד.

אין אָנהייב פון די סטראָפן לייענט זיך דער נאָמען יהודה, אזוי ווי אין פיל אקראָסטיכן פון יעהודע האלייווי. אלע דערמאָנטע קסאוויאדן שרײַבן צו די ליד יעהודע האלייווין.

יונים ירונו
על־בין משאבים
כמוני כהם
זכו מימיהם

יונים

הומים על־ימים
וזמן פירוד כי
הלכו בלי חמדה
חלף בימיהם

יונים

ואזכור דודי
כי עבר עלי
דדי יונתי
ריח בשמיהם

יונים

דמים שופכת
מלבות כי אין
הסירי חרב
גואל לדמיהם

יונים

הסבי את עי
עפרהכילביא
ניך מנגדי
וליש מהם

(מיט מיר זינגען טויבן לידער גאָר שיין
אף קוואלן מיט וואסער זויבער און ריין,
זיי וואָרקען פון טעג, וואָס פארגאנגען אָן פרייד,
פון אָפּשיידן זיך און פארבלײַבן אליין.
מײַן טײַבלס לאסקעס דערמאָן איך זיך אלץ;
ס׳דרינגט דורך זייער דופט מיך, ער טוט פאר מיר שטיין,
מײַן בלוט האָסטו פארגאָסן, קער אָפּ זשע דײַן שווערד
פון הארץ, וואָס בלוטיקט הילפלאָז אליין.

אָ, אינדן, ווענד אָפּ דײַנע אויגן פון מיר,
עס לויערט ווי לייבן נאָך מיר זייער מיין.

יידיש — א. מארגאָלין

ביידע אָקאָרשט פובליקירטע לידער, גענומענע פון פארשיידענע דיכטערישע זשאנרען, באשטעטיקן די אָפּשאצונג פון יעהודע האלייוויס פילזײַטיקן טאלאנט, וועלכע ס׳האָט געגעבן יעהודע אלכאריזי אין זײַן בוך „תחכמוני“ (טאכקעמאָני, פארפאסט נאָכן 1216): „ער איז ארײַן אין שאצקאמער פון דער פּאָעזיע און צוגערויבט זײַנע רײַכטימער. ארויסגייענדיק פון דאָרטן, האָט ער פארשלאָסן נאָך זיך דעם טויער. די אלע, וואָס פאָלגן נאָך זײַנע טריט און לערנען די קונסט פון זײַנע שירים, האָבן ניט דערגרייכט דעם שטויב פון זײַנע רײַטוועגענער. אלע דיכטער טראָגן זיך ארום מיט זײַנע רייד און קושן זײַנע פיס“.

אייניקע זשאנרען פון יעהודע האלייוויס דיכטונג כאראקטעריזירט יעהודע אלכאריזי אפן פאָלגנדיקן אויפן: „די שפראך פון זײַנע פּיוטים איז לויטער און געשליפן... אין די לײַדנשאפטלעכע ליבע־לידער איז זײַן שפראך געגליכן צו א פלאסט טוי, און עס פינקלען פון איר פײַער־פולע קוילן. מיט זײַנע עלעגיעס שפאלט ער און לאָזט רינען דעם טרערן־וואָלקן. ווען ער שרײַבט א בריוו אָדער א מעגילע, געפינסטו דאָרט די פײַנסטע פראזעאָלאָגיע, גלײַך ווי מע וואָלט זי אוועקגעאנוועט בא די הימל־שטערן“.

בײַלאגע

וועגן א בריוו צו יעהודע האלייווין

פראָפ. ש. ד. גויטיין האָט צווישן די גניזע־מאטעריאלן אין קעמברידזש און ניו־יאָרק געפונען פינף אראבישע בריוו, וועלכע יעהודע האלייווי האָט געשריבן ארום 1125־טן יאָר פון שפאניע צו זײַן פרײַנט אין מיצראַיִם כאלפאָן (גויטיין ש. ד. אוטוגראפים מידו של ר׳ יהודה הלוי — אווטאָגראפן פון יעהודע האלייווי. זשורנאל „תרביץ“, ב. 25, 1956, ז. 398—412). פון די בריוו דערוויסן מיר זיך א מענגע נײַע פּראָטים פון יעהודע האלייוויס לעבן.

ניט ווייניקער אינטערעסאנט איז א בריוו פון בו־אלעלא פון אלעקסאנדריִע צו יעהודע האלייווי. דעם דאָזיקן בריוו האָט אויך געפונען און פובליקירט ש. ד. גויטיין (גויטיין ש. ד. מכתב

אל רבנו יהודה הלוי על אסיפת שיריו והביקורת עליהם — א בריוו צו יעהודע האלייווי וועגן א זאמלונג פון זײַנע לידער און די קריטיק אף זיי. „תרביץ“, ב. 28, 1959, ז. 343—361).

מיר ווילן וועגדן די אופמערקזאמקײַט בלויז אף א קליינער ציטאטע פון דעם דאָזיקן בריוו. „און וואָס שײַעך נײַס. דער דײַען האָט גענומען די קאצידעס (לאנגע ליוב־פּאָעמעס. — ל. וו.) און אַרײַנגעטאָן זיי אין דיוואן און באזאָרגט זיי מיט טיטלען: „אָט דאָס האָט אונדזער הער יעהודע געזאָגט בא א געלעגנהײַט וועגן א באסיין און פאָנטאנען“ און „דאָס, וואָס ער (דער דײַען) האָט אים געענטפערט“ און „דאָס, וואָס ס'האָט געזאָגט אונדזער הער יעהודע — זאָל אים גאָט היטן — וועגן א הון“ און „זײַן (דעם דײַענס) ענטפער“, און „וואָס ער (יעהודע האלייווי) האָט געזאָגט וועגן דעם און וועגן יענעם“ און „וואָס ער, יעהודע האלייווי, האָט געזאָגט וועגן ראזיר־מעסערס“. און ווער נאָך ס'האָט זיך באקאנט מיט זיי און קען ניט קיין אנדערע (לידער פון יעהודע האלייווי), האָט געזאָגט: פאר אן אוילערעגל זעען אויס אזעלכע לידער עטוואָס ווי א נארישקײַט, הויפּטזאכלעך נאָך דעם, ווי ער האָט איבערגעלייענט דאָס, וואָס ער האָט איבער־געלייענט. וועגן דעם איניען קאָן פיל געזאָגט ווערן, נאָר ס'איז ניט קעדײַ אויסרעכענען אלע איינצלהײַטן“.

דער בריוו איז געשריבן אין אראביש מיט העברעיִשע אויסיִעס, און אין סאָף פונעם בריוו איז פאראן אן אנאָנימע צושריפט מיט אראבישע אויסיִעס: „דעם בריוו זאָל מען איבערלייענען און גלײַך פארברענען!“. דער דאָזיקער שווערער אורטייל איז ניט אויסגעפילט געוואָרן. דער בריוו איז ניט נאָר ניצל געוואָרן, נאָר ער איז איצט פארעפנטלעכט.

פון דעם דאָזיקן בריוו איז געמאכט געוואָרן, סײַ דורכן ארויסגעבער, סײַ דורך אייניקע געלערנטע, אן אויספיר, אז עס האנדלט זיך וועגן א דיוואן פון יעהודע האלייווי, דאָס הייסט א זאמלונג פון זײַנע לידער, וועלכע ס'האָט צונויפגעשטעלט דער דײַען און דערבײַ אַרײַנגע־פלאָכטן זײַנע אייגענע געדאנקען.

אינעם טעקסט פון דעם בריוו פון אבו־אלעלא צו יעהודע האלייווין, וועלכן ס'האָט פאר־עפנטלעכט פּראָפ. ש. ד. גויטיין, איז פאראן אן אויסדרוק, וועלכער „קלעפּט זיך ניט“. אינעם בריוו ווערט מיטגעטיילט, אז דער דײַען ארן אלעמאני לייגט אַרײַן יעהודע האלייוויס קאצידעס און אנדערע ווערק „פי דיוואן“. פונעם שטאנדפּונקט פון דער אראבישער שפּראך (און אויך פון אנדערע שעמישע שפּראכן) דערוואַרט זיך אפן אָרט פון „פי דיוואן“ נאָך אן ארטיקל אָדער א סופיקס פון א פארבײַט־נאָמען: „פי אלדיואן“ — אין א דיוואן, „פי דיואנך“ — אין דײַן דיוואן, „פי דיואנה — אין זײַן דיוואן. העיויס די פּובליקאציע איז ניט באזאָרגט מט קיין פאקסימילע פונעם בריוו, קאָנען מיר עטוואָס מער קאָנקרעטער גאָרנישט ניט באהויפּטן. אגעוו, איז אין דער שריפט אין יענע צײַטן דער אונטערשייד צווישן „דיואן“ און „דיואנה“ געווען קימאט אומבאמערקבאר, ווײַל מע פלעגט שרײַבן די לעצטע אויסיִעס „נון“ און „היי“ אין פאָרם פון א ליגאטור, דה. מיט איין שריפטלעכן צייכן פלעגט מען איבערגעבןביידע אויסיִעס.

דערפאר דאכט זיך מיר, אז עס פאָדערט זיך א פארקערטע אינטערפּרעטאציע פונעם בריוו צו יעהודע האלייווי, איידער פונעם אָנגענומענעם ביז איצט אין דער וויסנשאפט. מיר זײַנען גענויגט צו פארשטייך, אז אין דעם בריוו ווערט מיטגעטיילט, אז דער דײַען לייגט אַרײַן די געווידמעטע אים מיצאד יעהודע האלייווין קאצידעס און אנדערע לידער צוזאמען מיט זײַנע ענטפערס אין זײַן אייגענעם (דה. דעם דײַענס זעלבסט) דיוואן. דאָ מוז אונטערגעשטראָכן ווערן, אז א דיוואן פון א דיכטער פלעגט אנטהאלטן ניט נאָר לידער, פּאָעמעס, בריוו אדג., פארפאסטע דורך אים זעלבסט, נאָר אויך פרעמדע, וועלכע האָבן צו אים א שײַכעס.

נאָך אין 1944, פּובליקירנדיק לידער פון ארן אלעמאני, האָט פּראָפּ. כ. שירמאן איבערגע־געבן זײַנע א באאָבאכטונג: „אינעם דיוואן פון יעהודע האלייווי איז ניט געבליבן קיין איין ליד, מיט וועלכער דער דיכטער (יעהודע האלייווי) האָט געענטפערט זײַן גוטנפריינט (דעם דײַען ארן אלעמאני), אָדער זיך געווענדט צו אים“. (כ. שירמאן. „דיכטער מיטצײַטלער פון מאָשע איבן עזרא און יעהודע האלייווי“ אין: „ידיעות המכון לחקר השירה העברית“ — מיטיילונגען פונעם אינסטיטוט צו פאָרשן די העברעיִשע פּאָעזיע, יערושאלאיִם, 1944, ב. 6, ז. 265). זײַן באאָבאכ־טונג בלײַבט ראיעל אויך איצט. ווען עס זײַנען אנטדעקט געוואָרן פיל נײַע קסאוויאדן, וועלכע אנטהאלטן לידער פון יעהודע האלייווי.

נאָך מער. מיר ווען זיך דערלויבן ארויסזאָגן א האשאָרע, אז דער קסאוויאד טײַלאָר־שעכטער 16/19 א אנטהאלט א קאָפּיִע פונעם דיוואן, וועגן וועלן עס האנדלט זיך אינעם בריוו פון אבו־אלעלא צו יעהודע האלייווין. אין דאָזיקן קסאוויאד, טיילט מיט פּראָפּ. שירמאן, געפינט זיך א בריוו פון יעהודע האלייווי צו ארן איבן אלעמאני, און ווײַטער איז אָנגעשריבן אין אראביש „פאגאבה“ — „און ער (ארן אלעמאני) האָט אים געענטפערט“. דער ענטפער איז אויך געבראכט אין דער פאָרם פון א ליד (דאָרטן, ז. 267).

אויב מיר האָבן רעכט, דארף מען מער ניט דערוואַרטן קיין שום אומבאוווּסטן דיוואן פון יעהודע האלייווי, וועלכן ס'זאָל קלוימערשט האָבן צונויפגעשטעלט ארן אלעמאני. אלץ, וואָס עס האָט פארבונדן יעהודע האלייווין מיט ארן אלעמאני, דארף מען זוכן אין די קסאָווים פון אלע־מאני זעלבסט, אין זײַן דיוואן.

■ ■ ■

נאָטיצן פון א ביבליאָגראַף

מענדל ראָזענהויז

וועגן ביבליאָטעקן און ביבליאָטעקערס

זינט עס האָט אָנגעהויבן דערשײַנען „סאָוועטיש היימלאנד“, ארבעט איך אין זשורנאל אלס געזעלשאפטלעכער ביבליאָטעקער. איך בין אלט געוואָרן 80 יאָר, און אין צוזאמענהאנג מיט דעם האָט מיר די רעדאקציע פאָרגעלייגט אָנשרײַבן א ביִאָגראפיש ארטיקל. איך בין קימאט אלע מײַנע יאָרן א ביבליאָטעקער, דעריקער א ייִדישער, כ׳האָב געהאט באקאנטע צווישן מענטשן פון מײַן פּראָפעסיאָנעלער סוויווע אין פארשיידענע שטעט. דער גרעסטער טייל פון זיי זײַנען שוין ניטאָ. וויל איך דאָ קורץ וועגן זיי דערמאָנען. פארן לייענער וועט עס זיכער זײַן אינטערעסאנט. כוץ דעם, קאָנען די יעדיִעס אמאָל צוניץ קומען, אין א געוויסער מאָס, אויך דער ליטעראטורגעשיכטע. איך וועל דאָ דערמאָנען ביבליאָגראפישע ארבעטן פון ביבליאָטעק־טוער. כ׳וויל וואָרענען, אז די יעדיִעס זײַנען ניט קיין אויסשעפּנדיקע. ניט איך און ניט די רעדאקציע שטעלן זיך אזא ציל. און נאָך א מאָמענט. עס זײַנען דורכגעגאנגען ניט ווייניק יאָרן, איך שרײַב מערסטנטייל לויטן זיקאָרן, און ס׳איז דעריבער ניט אויסגעשלאָסן, אז וווּ־ניט־ווּ זאָל זיך ארײַנגאנווענען א אומפּינקטלעכקײַט.

א ביבליאָטעקער בין איך, אפּאָנעם, ניט אינגאנצן צופעליק, געהאט צו דעם א נייגונג פון די פריסטע יאָרן. איך געדענק מײַן ערשטן באזוך צווישן די געדיכטע ביכער־פּאָליצעס. איך בין אלט געווען מיסטאָמע א יאָר זיבן. די שוועסטער האָט מיך אהין געבראכט. כ׳געדענק דאָס ערשטע ביכעלע פון דער קינדער־סעריע „נצנים“ (ניצאָנים — קווייטן), אין א פּיִאָלעטאָוון אײַנבונד. דאָס ערשטע מאָל געזען א צימער, ספּעציִעל פאר ביכער. ס׳האָט זיך גלײַך פארוואָלט ארײַנגײַין אינווייניק. געלייענט האָב איך נאָר העברעיִש (לאָשנקוידעש), קיין רוסיש האָב איך ניט געקענט, און וועגן די אויסגאבעס אף „זשארגאָן“ האָב איך געהאט א פאָרשטעלונג, אז עס זײַנען אלץ אָרעמע 1—2־קאָפּעקענע ביכלעך פאר ווייניק איווּרעדיקע.

די ביבליאָטעק, אין וועלכער איך האָב אָנגעהויבן לייענען ביכער, האָט זיך גערופן — ייִדישע ביבליאָטעק. וועגן איר האָט מען געשריבן, ווען קיין באָ־ברויסק פלעגן ארויפקומען שרײַבער און באוווסטע טוער פון ווארשע און פון אנדערע שטעט (געווען צווישן זיי ש. אנ־סקי). נאטירלעך, אז זיי פלעגן די ביבליאָטעק באזוכן. צו דער ביבליאָטעק האָט געהאט א שײַכעס אווראָם קירזשניץ, אליין א באָברויסקער. דאָ האָט אויך געארבעט ז. פלאָטקין, דער אווטאָר, שוין אין די סאָוועטישע יאָרן, פונעם ערשטן האנטבוך פאר ביבליאָטעק־טעכניק — „די ביבליאָטעק־קאטאלאָגן און די קלאָלים, וויִאזוי זיי צונויפשטעלן“, מאָסקווע, 1920. געווען זײַנען דאָרט ביכער אין ייִדיש, העברעיִש און רוסיש, ס׳האָט זיך פארגעדענקט א געדרוקטער קאטאלאָג פון די ביבליאָטעק־ביכער (דערשינען אין ווילנע). אף דער אינערלעכער זײַט פונעם אײַנבונד פון יעדן בוך איז געווען צוגעקלעפּט א געדרוקט צעטעלע אין רוסיש מיט אזא טעקסט: «Библиотека Общества пособий бедным евреям города Бобруйска».

לייענער זײַנען געווען זייער א סאך, פון אלערליי עלטער, א סאך קינדער און יוגנט. אן עמעסע פאָלקס־ביבליאָטעק. א באצאָלטער ביבליאָטעקער איז געווען איינער — נאכמען יוכוויד („נאכקע“), אן אקטיווער טוער אין דער רעוואָליוציע פון 1905. אלע איבעריקע — פאָרשטייער פון דער דעמאָקראטישער ייִדישער אינטעליגענץ. ארבעטן געזעלשאפטלעך אין א ביבליאָטעק האָט זיך גערעכנט פאר א קאָוועד. א שוועריקײַט איז געווען דער „זאלאָג“. מע האָט געדארפט ארײַנטראָגן 50 קאָפּעקעס, און דאָס איז געווען פאר אָרעמע ניט פון די גרינגע זאכן. אַגעוו, האָב איך איינמאָל איבער דעם דאָזיקן „זאלאָג“ געליטן, דעריקער מאָראליש. מײַן ברודער איז געקומען אָנשטאָט מיר אין ביבליאָטעק נעמען פאר מיר א ביכל, האָט מען אים געזאָגט, אז איך האָב זיך אויסגעשריבן און באקומען צוריק די 50 קאָפּעקעס זאלאָג, מע האָט אים אפילע געוויזן א „דאָקומענט“ מיט מײַן אונטערשריפט. מיסטאמע האָט עס געטאָן איינער פון די ביידער־ייִנגלער. אין דער היים האָט מען מיר אָבער ניט געוואָלט גלייבן. כ׳האָב א געוויסע צײַט ניט געלייענט, ביז מע האָט מיך ווידער פארשריבן.



די רעדאקציע און די רעדקאָלעגיע פון „סאָוועטיש היימלאנד״ באגריסן הארציק דעם ביבליאָטעק־טוער מענדל ראָזענהויז מיט זייַן 80־טן געבורטסטאָג און ווינטשן אים געזונט, אריכאס־יאָמים און נייַע שעפערישע דערפאָלגן.

שפעטער בין איך אָנגעקומען אין דער זעלבער ביבליאָטעק שוין אלס מיטארבעטער, דאָס איז געווען אין 1922: די ביבליאָטעק האָט שוין געהייסן — די צווייטע סאָוועטישע ביבלאָיטעק. דער פארוואלטער, איינער פון די ערשטע סאָוועטישע ייִדישע לערער, יוינע הארצמאן, האָט באמערקט מייַן אינטערעס צו ביכער און מיר פאָרגעלייגט אָנקומען ארבעטן. איך בין גלייַך מאסקים געווען.

איצט זייַנען שוין אין דער ביבליאָטעק געווען א סאך ווייניקער לייענער, אי ייִדיש־לייענער, אי רוסיש־לייענער. דאָס איז שוין געווען ניט די איינציקע ביבליאָטעק, ווו ס׳זייַנען געווען ייִדישע ביכער. געהאט ביבליאָטעקן האָבן די פּראָפאריינען, די קוסטארן, די קלובן.

ס׳איז געווען אין מארט 1924. פון מאָסקווע, פון פאָלקאָמבילד איז אָנגעקומען א פאָרשלאָג שיקן א צוהערער צום ביבליאָטעק־פּראקטיקום פאר ייִדישע ביבליאָטעקערס. מע האָט געשיקט מיך. אין מינסק האָט מען מיר אָבער געזאָגט, אז דער פּראקטיקום לייגט זיך אָפּ. איך האָב זיך געדארפט אומקערן קיין באָברויסק, מיר האָט זיך אָבער זייער געוואָלט פאָרן קיין מאָסקווע (דער בילעט איז געווען ביז מאָסקווע), ווו ס׳האָט געוווינט מייַנער א כאווער, צו וועמען איך האָב געקאָנט פארפאָרן, בין איך אוועקגעפאָרן קיין מאָסקווע און געקומען אין דער צענטראלער ייִדישער ביוראָ באם פאָלקאָמבילד. וועגן דעם, אז איך ווייס וועגן דעם באשלוס אָפּצולייגן דעם פּראקטיקום, האָב איך פארשוויגן. „מיסטאמע האָט מען אין מינסק ניט באקומען אונדזער טעלעגראם, — האָט מען מיר געזאָגט. — נו, וויבאלד איר זייַנט שוין געקומען, וועלן מיר אייַך באקאנען מיט דער ביבליאָטעק־פּראקטיק אין די מאָסקווער רוסישע ביבליאָטעקן״.

דאָס איז געווען אן אויסשליסלעכער פאל אין מייַן לעבן, ווען איך בין באגאנגען אזא באוווּסטזיניקן ליגן... דאכט זיך, דער ערשטער און לעצטער פאל.

דערווייַל האָט מען געדארפט האָבן א מיטארבעטער אין דער צענטראלער ייִדישער ביבליאָטעק. פארוואָס האָט מען זי גערופן „צענטראלע״, איז ניט קלאָר. זי איז דאָך געווען די איינציקע. מע האָט מיר געזאָגט, אז אלס מיטארבעטער רעכנט זיך דער דיכטער איזי כאריק (ער איז נאָך דאן געווען ווייניק באוווּסט). ער האָט אָבער צו דער ארבעט אין ביבליאָטעק קיין כיישעק ניט געהאט, האָט מען באשטימט מיך אף זייַן אָרט. גאָר איינגיכן האָט מען באשטימט אויך א פארוואלטער — כ. מערקין. אָט אזוי בין איך שוין פארבליבן אין מאָסקווע אף שטענדיק.

די צענטראלע ייִדישע ביבליאָטעק האָט זיך געפונען אף לוביאנקער פּלאץ (איצט דזשערזשינסקי־פּלאץ), אין דער באוווּסטער מאָסקווער אלטער געביידע — „לוביאנסקאָיע פּאָדוואָריע״. דער ארייַנגאנג אין ביבליאָטעק איז געווען פון דער זייַט געבייַדע. וועלכע איז אנטקעגן דעם פּאָליטעכנישן מוזיי. די שכיינים פון ביידע זייַטן ביבליאָטעק זייַנען געווען — פון איין זייַט, א ביר־האלע (פּיוונאיא), פון דער צווייטער — א פּריוואטע ייִדישע גאָרקיך (ס׳איז געווען אין די בלי־יאָרן פון נעפּ). די קוילעס פון די ביר־טרינקער פלעגן זיך גוט הערן אין דער ביבליאָטעק. זי איז באשטאנען פון צוויי צימערן, איינער א גרויסער און איינער א קליינער, א הינטערצימער. אינעם גרויסן האָבן זיך געפונען די ביבליאָטעק און דער לייענזאל, וועלכע זייַנען ניט געווען אָפּגעטיילט איינס פונעם צווייטן. די אויסשטאטונג איז געווען

זייער אן אָרעמע: די ביבליִאָטעק — אייניקע אלטע אלמערס, דעריקער פּאַרמאַכטע, דער לייענזאַל — צוויי פּראָסטע לאַנגע טישן מיט א פּאָר צענדליק בענקלעך. אָבער שפּעטער האָט מען די ביבליִאָטעק רעמאָנטירט, פאַרביטן דאָס מעבל, און זי האָט באַקומען דעם געהעריקן אויסזען.

דער גרונט־פאָנד פון ביכער איז לעכאַטכילע באַשטאַנען פון דעם, וואָס עס איז פאַרבליבן פון דער פאַררעוואָליוציִאָנערער ביבליִאָטעק פון „מפיצי השכלה“ (אן אלטע בורזשואזע געזעלשאַפט, געשאַפן אין 1863, צו פאַרשפּרייטן בילדונג צווישן ייִדן), מערסטנטייל פון העברעיִשע ביכער און יודאַיִק. זי האָט זיך אָבער וואָס ווײַטער פאַרפולט מיט סאָוועטישע אויסגאַבעס. לייענער זײַנען געווען ווייניק, עטלעכע צענדליק אין משך פון א טאָג. דאָס זײַנען געווען מערסטנטייל געקומענע פון דער פּראָווינץ. זיי האָבן געלעבט איבערהויפּט אין די ווײַטע ראַיאָנען פון דער שטאָט מאַריִנאַ ראָשטשאַ און אנד.).

מיט דער ביבליִאָטעק פלעגן זיך אַקטיוו באַנוצן סטודענטן פון דער ייִדישער אָפּטיילונג פונעם מאָסקווער פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט, טיילווײַז אויך פון דעם מײַרעוו־אוניווערסיטעט. א גרעסערער עולם פלעגט קומען אף די אָפטע ליטעראַרישע אָוונטן. ס׳זײַנען אַרויסגעטראָטן עלטערע און יונגע שרײַבער, קולטור־טוער (ש. גאָדינער, ש. פּערסאָוו, א. ווערגעליס, עמ. קאַזאַקעוויטש און אנד.). יעדער אָוונט פלעגט זיך ענדיקן מיט א קינסטלערישער אָפּטיילונג (אַרטיסטן, פּאָרלייענער). ערעוו ייִדישע יאָמטויוויום זײַנען דורכגעפירט געוואָרן אַנטירעליגיִעזע אָוונטן.

ביכער־אויסשטעלונגען, געווידמעט שרײַבער און נײַע ווערק, פלעגן ווערן אײַנגעאָרדנט רעגולער. גאָר א גרויסע אויסשטעלונג איז אין 1939 געווען געווידמעט שאָלעם־אליינעמען. עס זײַנען עקספּאָנירט געוואָרן דעם שרײַבערס ביכער, נײַע און אַלטע אויסגאַבעס, פאָטאָגראַפיעס, דאָקומענטן. אין דער אויספאָרמירונג פון דער אויסשטעלונג האָט גענומען א טיכטיקן אָנטייל דער יונגער קריטיקער און ליטעראַטור־פאָרשער מוישע נאָטאָוויטש. גראָד האָט זיך אין מאָסקווע דאַן געפונען שאָלעם־אליינעמס פרוי אָלגע ראַבינאָוויטש (געקומען פון אַמעריקע). איך האָב זי באַזוכט אין האָטעל „סאַוואָי“ און אין נאָמען פון דער ביבליִאָטעק פאַרבעטן זי צו באַזוכן די אויסשטעלונג, וואָס זי האָט גלײַך טאַקע געטאָן. ס׳איז דאַן געקומען צו פאָרן קיין מאָסקווע פון בערדיטשעוו אויך שאָלעם־אליינעמס ברודער וועוויק (וואָלף, ער איז געווען א הענטשקעמאַכער). ווען די מערהײַט פונעם עולם איז זיך שוין פונאַנדערגעגאַנגען, האָט ער פאַר אן ענגן קרײַז דערציילט ווייניק באַוווּסטע פאַקטן, צווישן זיי וויציקע, פון שאָלעם־אליינעמס קינדער־ און יוגנט־יאָרן (אן ערעך אין יענער צײַט איז אין קיִעוו דערשינען זײַן בוך זיכרוינעס („מײַן ברודער שאָלעם־אליינעם“).

נאָך פריִער האָט די ביבליִאָטעק אָרגאַניזירט א באַשיידענע בערגעלסאָן־אויסשטעלונג אין גאָסעט (ד. בערגעלסאָן איז אין 1934 געקומען צײַטווײַליק פון אויסלאַנד). נאָך פאַר דעם, אין 1928, האָט די ביבליִאָטעק אײַנגעאָרדנט אן אויסשטעלונג פון אוראָם רייזענס ווערק און פון דער ליטעראַטור וועגן אים. רייזען איז דאַן געווען צוגאַסט אין סאָוועטנפאַרבאַנד. א גרויסער רייזען־אָוונט איז פאָרגעקומען אין ייִדישן אַרבעטער־קלוב „קאָמוניסט“.

מע דאַרף אויך דערמאָנען די גרויסע „געזערד“־אויסשטעלונג אין דער ביבליִאָטעק. זייער אַקטיוו אינעם אָרגאַניזירן די אויסשטעלונג איז געווען דער מיטאַרבעטער פון דער צענטראַלער פאַרוואַלטונג פון „געזערד“ ש. בלומבערג. אף דער עפענונג איז אַרויסגעטראָטן מוישע ליטוואַקאָוו.

די ביבליִאָטעק האָט אויך זיך גענומען פאַרשפּרייטן ייִדישע ביכער אין אייניקע מאָסקווער נײַפאַבריקן, ווו עס האָבן געאַרבעט גרעסערע גרופּעס ייִדן. איין מאָל אין וואָך, אין וואַרמעס־צײַט, פלעג איך אָדער אן אַנדער מיטאַרבעטער קומען אין עסצימער, אויסלייגן ביכער אף א טיש. עס זײַנען אָבער געווען ווייניק לייענער, און ס׳איז אויסגעקומען אָפּזאָגן זיך פון דעם עקספּערימענט. מיט דער ביבליִאָטעק האָבן אָנגעפירט פריִער כ. ל. מערקין, דערנאָך פּערל שקאָלניק (זי האָט שפּעטער א געוויסע צײַט געאַרבעט אין דער ייִדישער אָפּטיילונג פון דער לענין־ביבליִאָטעק) און צום סאָף (ביזן 1938) גערדאַליע רעזניק (איצט א פּענסיִאָנער). זיי פלעגן אָפּגעבן פיל צײַט דער אָרגאַניזאַציע פון ליטעראַרישע אָוונטן. מע דאַרף געוויס אָפּצייכענען די אַרבעט פון מײַזעלן (ער איז איינצײַטיק געווען א סטודענט פונעם ייִדישן אָפּטייל פון פּעדינסטיטוט) און פון י. דאָקמאַנען (א ייִדישער אַרבעטער, געקומען פון פּאַלעסטינע). ער האָט געאַרבעט אפן באַוווּסטן מאָסקווער אויטאָזאַוואָד (איצט אפן נאָמען פון ליכאַטשאָוון), געווען א מיטגליד פון א ייִדישן ליטעראַרישן קרײַז אפן זאַוואָד. דער קרײַז האָט אין 1932 אַרויסגעלאָזט א זאַמלונג „סטאַלינצעס“. א מיטאַרבעטער אין דער ביבליִאָטעק איז א געוויסע צײַט, דאַכט זיך, אין די יאָרן 1937—1938, געווען דער שרײַבער מישע לעוו.

די ביבליִאָטעק האָט עקזיסטירט זעלבשטענדיק ביז דער צווייטער העלפט 1938. אָנהייבנדיק פון אָט דער צײַט און ביז דער מילכאָמע, איז זי אַרײַן אַלס אָפּטיילונג אין אן אַלגעמיינער ביבליִאָטעק. די פאַרוואַלטערן — ניקיפאָראָוואַ — איז געווען זייער א סימפּאַטישער מענטש, איר פאַרטרעטער איז געווען ג. רעזניק.

אין אַלגעמיין בין איך געווען פאַרבונדן מיט דער מאָסקווער צענטראַלער ייִדישער ביבליִאָטעק אין משך פון 15 יאָר.

אין 1930 האָט מען מיר פאָרגעלייגט צו אַרבעטן איינצײַטיק אין דער ביבליִאָטעק פון גאָסעט. באַלעבאָס איז דאָ געווען אָפיציִעל דער פּראָפאַריינישער אָרטיקער קאָמיטעט. מיטגלידער פון דער ביבליִאָטעק־קאָמיסיע זײַנען געווען בינוּאָמין זוסקין און סאַרע ראָטבאַום. ביכער האָבן מיר געהאַט רוסישע און ייִדישע. צווישן די רוסישע — א באַדײַטנדיקער טייל טעאַטער־ליטעראַטור, אַלבאָמען אדג. אַרבעטן דאָ איז מיר געווען זייער אינטערעסאַנט. איך האָב נאָך דאַן קיין מישפּאָכע ניט געהאַט, ס׳איז געווען פרײַע צײַט, פלעג איך זיך שטאַרען בײַזײַן אף רעפּעטיציעס, זיך צוהערן צו די אַרויסטרעטונגען פון די רעזשיסערן (געווען אויך רוסישע רעזשיסערן — ראַדלאָוו, קאָווערין אא.). איך פלעג אַרײַן הינטער די קוליסן, זיך צוקוקן, וויִאַזוי מע פאַרגרימירט זיך, ווי מע גרייט זיך אַרויסצוגיין אף דער בינע, ס׳איז מיר אויסגעקר־

מען צו שמועסן מיט ש. מיכאָעלסן, ל. פּולווערן און מיט אַנדערע אַרטיסטן. ווען ס׳האָט זיך געעפֿנט די ייִדישע טעאַטראַלע שול, זײַנען צוגעקומען יונגע לייענער. איך האָב זיך געסטאַרעט באַרײַכערן דעם ביכער־פאָנד, ספּעציִעל מיט פּיעסן, אָנגעהויבן צונויפשטעלן אַ קאַטאַלאָג (אַף וויפֿל מעגלעך — מיט דערקלערונגען) פֿון דראַמאַטישע ווערק, ביכער און פּובליקאַציעס אין זשורנאַלן און זאַמלונגען. אַלץ איז פֿאַר מיר געווען נײַ און אינטערעסאַנט. אין 1931 האָב איך פֿונעם גאָסעט גדאַרפֿט אַוועקגיין, ווײַל כ׳האָב אָנגעהויבן אַרבעטן אין דער ייִדישער אָפּטיילונג פֿון דער ביבליאָטעק אין מאָסקווער פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט.

שוין נאָך דער מילכאָמע, ווען פֿריִער דער גאָסעט און נאָכדעם די טעאַטראַלע שול האָבן פֿאַרענדיקט זייער טעטיקײַט, זײַנען זייערע אַרכיוו־מאַטעריאַלן און די ביבליאָטעק איבערגעגעבן געוואָרן אין טעאַטער־מוזיי אַף באַכרושינס נאָמען (צו דער ביבליאָטעק פֿונעם טעאַטראַלן טעכניקום האָב איך קיין שייכעס ניט געהאַט).

אין 1932—1931 האָב איך געאַרבעט אין דער ייִדישער אָפּטיילונג פֿון דער ליטעראַריש־לינגוויסטישער אָפּטיילונג (ליטלאָ) פֿונעם פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט. די פֿאַרוואַלטערס פֿון דער אָפּטיילונג זײַנען געווען פֿריִער צווי פֿרידלאַנד, דערנאָך דער קריטיקער יאַשע בראָנשטיין און נאָך אים דער פּעדאַגאָג, געוועזענער פֿאַרוואַלטער פֿון דער באַוווּסטער ייִדישער קינדער־קאָלאָניע אין מאַלאַכאָווקע באָרעך שוואַרצמאַן. בײַ דער אָפּטיילונג איז געשאַפֿן געוואָרן אַ ביבליאָטעק, מיט וועלכער עס האָט אָנגעפֿירט אַרן גורשטיין. ער איז אָבער געווען איבערגעלאָדן מיט ליטעראַרישער אַרבעט אין ייִדיש און רוסיש, האָט ער געבעטן, מע זאָל אים באַפֿרײַען. מאַקס אײַזנשטאַט האָט מיר געגעבן אַ קליין בריוועלע, אַ כאַראַקטעריסטיק, פֿאַרגעלייגט בראָנשטיינען צו באַשטימען מיך אַלס ביבליאָטעקער.

ביכער זײַנען געווען ייִדישע און טיילווײַז העברעיִשע און יודאַיִק. די ביכער פֿון דער ייִדישער אָפּטיילונג פֿון ליטלאָ זײַנען צײַטווײַליק געווען פֿאַרייניקט מיט די רוסישע ביכער, האָב איך געאַרבעט צוזאַמען מיט יעלענאַ בלאַגינינאַ, וועלכע איז שפּעטער באַוווּסט געוואָרן אַלס גרויסע רוסישע קינדער־דיכטערן און איבערזעצערן פֿון לייב קוויטקאָס ווערק אַף רוסיש. לעקציעס אַף דער ייִדישער אָפּטיילונג פֿונעם אינסטיטוט האָבן געלייענט מ. ליטוואַקאָוו, י. נוסינאָוו, גראַנדע, א. זאַרעצקי, ע. פֿאַלקאָוויטש, ט. הייליקמאַן און אַנד. איך פֿלעג אָפֿט בײַזײַן אַף די לעקציעס.

ווען די ייִדישע אָפּטיילונג איז אַריבערגעפֿאָרן פֿון מערזליאַקאָווסקי־געסל אין דעם שיינעם הויפּט־קאָרפּוס פֿונעם אינסטיטוט, ווײַטלעך פֿון דעם שטאָטצענטער, בין איך פֿון דאָרט אַוועק און אָנגעקומען אַרבעטן אין דער ביבליאָטעק פֿונעם מײַרעוו־אוניווערסיטעט („קאָמוניסטישער אוניווערסיטעט פֿון די נאַציאָנאַלע מינדערהײַטן פֿון מײַרעוו״) — דאָס איז אַ העכערע פּאַרטיי־שול, וועלכע איז באַשטאַנען פֿון נאַציאָנאַלע סעקטאָרן. דער ערשטער רעקטאָר פֿונעם אוניווערסיטעט איז געווען דער באַוווּסטער פּוילישער קאָמוניסטישער טוער יוליאַן מאַרכלעווסקי. ווען איך בין אָנגעקומען אַרבעטן, האָט שוין מאַרכלעווסקי ניט געלעבט. דער רעקטאָר איז געווען עסטער פֿרומקינע. זי איז געווען איבערגעלאָדן מיט אָנפֿירנדיקער אַרבעט, און לעקציעס פֿלעגט זי לייענען עפּיזאָדיש. דער פֿאַרוואַלטער פֿונעם ייִדישן סעקטאָר איז געווען א. בראַכמאַן. ער פֿלעגט לייענען לעקציעס (לעניניזם, נאַציאָנאַלע פֿראַגע) אויך אין די אַנדערע סעקטאָרן.

די „מײַרעווקע״ האָט געהאַט אַ גוטע ביבליאָטעק, ביכער — פֿאַררעוואָליוציאָנערע, סאָוועטישע און באַקומענע פֿון אויסלאַנד. ווען איך פֿלעג אַלס ביבליאָטעקער אָנווײַזן בראַכמאַנען אַף אינטערעסאַנטע אויסגאַבעס, ייִדישע און העברעיִשע, דערשינענע אין אויסלאַנד, פֿלעגט זיך בראַכמאַן סטאַרען, מע זאָל זיי אויסשרײַבן. ס׳פֿלעגן אָנקומען צײַטונגען, ייִדישע און העברעיִשע, פֿון פּוילן, ליטע, אַמעריקע, פּאַלעסטינע. פֿאַר מיר איז עס אַלץ געווען אינטערעסאַנט. איך פֿלעג אויך בײַזײַן אַף די לעקציעס, וועלכע ס׳פֿלעגן לייענען א. בראַכמאַן, מ. אַלטשולער, ש. דימאַנשטיין, ט. הייליקמאַן, ע. פֿאַלקאָוויטש, ג. זשיוו און אַנד.

אין 1936 האָט דער מײַרעוו־אוניווערסיטעט אינגאַנצן געענדיקט, אויך דער ייִדישער סעקטאָר אויפֿגעהערט צו עקזיסטירן. די ייִדישע ביכער האָט מען באַשלאָסן איבערפֿירן אין דער ייִדישער אוטאָנאָמער געגנט.

איך בין אָנגעקומען אַרבעטן אין דער ביבליאָטעק פֿונעם „עמעס״־פֿאַרלאַג. פֿאַר מיר האָט מיטן ביכער־פֿאָנד זיך פֿאַרנומען א. ראַבקין, איינער פֿון די איבערזעצער פֿון לענינס ווערק (ער איז אַריבער אַף פּענסיע). די אַלמערס מיט די ביכער האָבן זיך געפֿונען אינעם צימער פֿון די קאָרעקטאָרן, האָב איך שוין באַזוכט די קורצטערמיניקע קורסן פֿאַר קאָרעקטאָרן און אָנגעהויבן אַרבעטן איינצײַטיק אויך אין דעם געביט, אָבער דאָ פֿלעג איך זיך ספּראַווען ווייניקער, איידער מיט די ביכער (אין „עמעס״־פֿאַרלאַג האָבן געאַרבעט זייער גוטע קאָרעקטאָרן: איטקאָוויטש, איטקין, סטרעלניק, קעניגסבערג, שפּילער, און זייערע נעמען פֿלעגן טאַקע מיט רעכט אָפֿט פֿיגורירן אין די ביכער. ווען איך האָב געאַרבעט אין פֿאַרלאַג, איז שוין איטקאָוויטש אַריבער אינגאַנצן אַף רעדאַקטור און אַף איבערזעצונגען. מיט די זעלבע פֿליכטן איז געווען פֿאַרנומען בלומע קאָטיק, אַ טאָכטער פֿון דעם אַוטאָר פֿון די „זיכרוינעס פֿון אַ ייִדישן אינטעליגענט״ אַווראָם קאָטיק און אַן אייניקל פֿונעם אַוטאָר פֿון די באַוווּסטע „זיכרוינעס״ יעכעזקל קאָטיק.

אין „עמעס״־פֿאַרלאַג האָב איך געאַרבעט ביזן אָנהייב פֿון דער פֿאָטערלענדישער מילכאָמע. אַלע מיטאַרבעטער, די מאַנצבלען, האָבן זיך פֿאַרשריבן אין אָפּאָלטשעניִע — איך אויך. צי מע וועט מיך נעמען אַפֿן פֿראָנט, איז בײַ מיר געווען אַ ספֿק, איך בין דאָך אין אַרמיי קיינמאָל ניט געווען. מע האָט מיך נאָך אין 1923 באַפֿרײַט צוליב דער שוואַכער ריִע און ביכלאַל צוליבן שוואַכן געזונט. אָבער ערגעץ אין אַ מיליטערישער טייל וועט מען מיך יאָ נעמען. און פֿונדעסטוועגן, נאָכן אָפּזײַן אין אַ צוגרייטונגסגרופּע אַ וואָך צײַט האָט מען מיך באַפֿרײַט.

דערווײַל איז דער פֿאַרלאַג אַריבערגעפֿאָרן קיין קויבישעוו. מײַן פֿרוי און דעם זון האָט מען צוזאַמען מיט נאָך פֿאַמיליעס עוואַקויִרט אַף אוראַל. איך בין

געבליבן אַליין, זיך פאַרנומען מיט צופעליקער אַרבעט.

אין 1942 איז געווען אַ צוגאָב־מאָביליזאַציע. מע האָט מיך אויך מאָביליזירט אַלס אַ „באַגרענעצט צוגעפּאַסטן”. כ׳האָב געדינט אין פאַרשיידענע מיליטערישע טיילן, אין פאַרשיידענע ערטער, אָנגעשפּאַרט ביזן ראַיאָן פון מורמאַנסק באַם אײַנגוס פון דעם צאָפנדיקן אײַז־אָקעאַן, געהאַט אַן אומדערוואַרטע מעגלעכקײַט באַקאַנען זיך מיט די לאַנגע פּאָליאַרע ווײַסע נעכט און מיט די טונקעלע טעג, באַוווּנדערן די שיינקײַט פון דער פּאָליאַרער שײַן. אָפּגעווען בין איך דאָרט ביז נאָיאַבער 1945. מע האָט מיך מיט נאָך רויטאַרמייער דעמאָביליזירט, און איך האָב זיך אומגעקערט קיין מאָסקווע. צו יענער צײַט האָט זיך שוין די פאַמיליע אומגעקערט פון עוואַקואַציע.

דער „עמעס”־פאַרלאַג איז געקומען צוריק קיין מאָסקווע, און איך האָב ווידער אָנגעהויבן אַרבעטן אין דער ביבליִאָטעק. אין סאָף 1948 האָט זיך די טעטיקײַט פון דעם „עמעס”־פאַרלאַג פאַרענדיקט. דעם ביכער־פאָנד האָט מען אַריבערגעפירט אין דער געבײַדע פון „אָגיז” (פאַרייניקונג פון די מעלוכע־פאַרלאַגן). מע האָט מיר פאָרגעלייגט צעשטעלן די יִדישע, העברעיִשע און רוסישע (יודאַיִק) ביכער אין אַ געהעריקער אָרדענונג. איך האָב עס אויסגעפילט.

פון סאָף 1961, ווען איך בין אַלט געוואָרן 60 יאָר, האָב איך געאַרבעט אין אַ רוסישער ביבליִאָטעק, דערנאָך אַריבער אַף פּענסיע.

ווען ס׳האָט אָנגעהויבן דערשײַנען דער זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד”, האָט מען געהאַלטן פאַר נייטיק, אַז באַ דער רעדאַקציע זאָל זײַן אַ ביבליִאָטעק. קיין אָפיציִעלע שטעלע פון אַ ביבליִאָטעקער איז ניט געווען. איך האָב ניט געוואָלט אינגאַנצן איבערײַסן די פיליאָריקע נאָענטקײַט מיטן יִדישן בוך און אָנגעהויבן אַרבעטן אַלס געזעלשאַפטלעכער ביבליִאָטעקער.

עס האָט זיך אײַנגעגעבן צו באַקומען צוריק די ביכער פונעם „עמעס”־פאַרלאַג, וועלכע האָבן זיך געפונען אין „אָגיז”. ס׳האָט זיך געשאַפן אַ באַזע פאַר אַ ביבליִאָטעק. ס׳זײַנען צוגעקומען נאָך ביכער, יִדישע און העברעיִשע. פאַראַן אויך אַ קליינע אָפּטיילונג פון פאַרהעלטניסמעסיק זעלטענע אויסגאַבעס. מע האָט געדאַרפט אָנהייבן צעשטעלן די פאָנדן און פאַרעגיסטרירן זיי. די ערשטע צײַט האָט אין דעם געהאָלפן דער ביבליִאָגראַף אַבע פינקעלשטיין. שפּעטער האָט די העברעיִשע ביכער פאַרעגיסטרירט אַווראָם פריבלודע. זיי זײַנען שוין ביידע ניטאָ. זייער מיטהילף איז פאַר מיר געווען זייער וויכטיק.

די אַרבעט אין דער ביבליִאָטעק פון „סאָוועטיש היימלאַנד” באַפרידיקט מיך, ס׳איז פאַר מיר פרוכטבאַר די אַרומרינגלונג סײַ פון ביכער און סײַ פון רעדאַקטאָרן, שרײַבער, באַזוכער. איך האָב אויך אַ פולע מעגלעכקײַט צו דרוקן מײַנע ביבליִאָגראַפישע ווערק.

איך וויל דאָ דערמאָנען אַ ריי ביבליִאָטעקערס און ביבליִאָגראַפן, מיט וועלכע איך בין געווען באַקאַנט. צום באַדויערן, האָב איך איצט ניט קיין מעגלעכקײַט צו ריידן וועגן זיי גענויער, און איך טו עס דערווײַל אינקורצן.

מאַקס אײַזענשטאַט. ער האָט געאַרבעט אין דער צענטראַלער יִדישער ביוראָ פון פאָלקאָמבילד און זיך פאַרנומען מיט מאַסן־ביבליִאָטעקן און אַנדערע מאַסעווע קולטור־אַנשטאַלטן. וועגן דעם האָט ער אָפּגעדרוקט עטלעכע ביכלעך. ער האָט דער ערשטער אָנגעהויבן פּובליקירן יערלעכע רעשימעס פון יִדישע ביכער, דערשינענע אין ראַטנפאַרבאַנד. זײַנע רעשימעס פאַר די יאָרן 1923—1926 זײַנען פאַרעפנטלעכט אין זשורנאַל „אַף די וועגן צו דער נײַער שול” (פאַר די יאָרן 1923—1924 — אין נום. 8 פאַרן 1924; פאַרן 1925 — נום. 5—6 פאַרן 1925; פאַרן 1926 — אין נום. 1—2 פאַרן 1927). ער האָט מיט מיר אָפט גערעדט, איך זאָל, כוץ דער ביבליִאָטעק־אַרבעט, זיך פאַרנעמען אויך מיט ביבליִאָגראַפיע, מיך געלערנט. שפּעטער איז ער אַוועק אַף אַלגעמיינער ביבליִאָטעק־אַרבעט, געווען פון די אָרגאַניזאַטאָרן און פאַרוואַלטעט מיט דער ביבליִאָטעק פון ליטעראַטור איבער פראַגן פון פאָלקס־בילדונג אַפן נאָמען פון ק. אושינסקי (די ערשטע יאָרן האָט זי זיך געפונען אין דער געבײַדע פון פאָלקאָמבילד).

אַרן גורשטיין. ער איז באַקאַנט אַלס ליטעראַטור־פאָרשער פון דער יִדישער און רוסישער ליטעראַטור. געווען איז ער אויך אַ יִדישער ביבליִאָגראַף, און זײַנע ביבליִאָגראַפישע אַרבעטן זײַנען פאַרבונדן טיילווײַז מיט ליטעראַטור־געשיכטע. אין „ביבליִאָלאָגישן זאַמלבוך” (קיִעוו, 1930) איז פּובליקירט זײַן באַוווּסטע אַרבעט „הויסאָפעס און אויסבעסערונגען צו בער באָראָכאָווס „פּערעץ־ביבליִאָגראַפיע””. איך געדענק, אַגעוו, ווי ער איז געווען צופרידן, וואָס זאַלמען רייזען האָט אין איינעם זײַנעם אַן אַרטיקל גערעדט וועגן באָראָכאָוו — גורשטיינס פּערעץ־ביבליִאָגראַפיע. גורשטיין האָט עס געהאַלטן פאַר אַ קאָוועד פאַר זיך. גורשטיין איז געווען זייער אַ פּינקטלעכער אין אַלץ, אַפילע זײַן פּערלדיקע שריפט איז געווען זייער אַ פּינקטלעכע און אַ קלאָרע.

דער שוואַכער קורצזיכטיקער גורשטיין איז אין די ערשטע טעג פון דער מילכאָמע אַוועק אין אָפּאָלטשעניִע. אין שווערע סיטואַציעס פלעגט ער מונטערן אַנדערע. אינגיכן איז ער געפאַלן אַפן פראָנט.

כאַצקל נאַדעל. מיט נאַדעלן בין איך געווען גוט באַקאַנט. ער איז געווען פאַרוואַלטער פון דער יִדישער אָפּטיילונג אין דער גרויסער קאָראָלענקאָ־ביבליִאָטעק אין כאַרקאָוו, פאַרעפנטלעכט ביבליִאָגראַפישע אָנצײַגערס, באַשטימטע דעריקער פאַרן מאַסן־לייענער און פאַר ביבליִאָטעקערס, צונויפגעשטעלט אויך אַנטאָלאָגיעס, געמאַכט רעשימעס פון יִדישע ביכער, דערשינענע אין סאָוועטנפאַרבאַנד אין די יאָרן 1928 און 1929 (אין „ראַטבילדונג”, 1929, נום. 1. אין 1930, נום. 4), פּובליקירט אַ ביבליִאָגראַפישן אָנצײַגער „לענין אין דער קינסטלערישער ליטעראַטור אין יִדיש, 1924—1934” (מ., 1934), ווי אויך אַ רעשימע פון שאָלעם־אַלייכעמס ווערק אין ראַטנפאַרבאַנד אַף יִדיש, רוסיש, אוקראַיִניש און אַף אַנדערע שפּראַכן פאַר די יאָרן 1921—1939, אַ רעשימע פון ווערק וועגן שאָלעם־אַלייכעמען (אינעם בוך „שאָלעם־אַלייכעם”, זאַמלונג פון קריטישע אַרטיקלען און מאַטעריאַלן. קיִעוו, 1940).

צוזאַמען מיט י. עליִאָוויטשן (געוועזענער ביבליִאָטעקער אין ביראָבידזשאַן) האָט ער צונויפגעשטעלט

אן אָנצײַגער פון רעצענזיעס און קריטישע אַרטיקלען
וועגן פאַרשיידענע ליטעראַטור־געביטן (1922—1928).
כאַרקאָוו, 1928. זיי האָבן אויך צונויפגעשטעלט דעם
אָנצײַגער: „ליטעראַטור וועגן דער נאַציאָנאַלער
פראַגע און ייִדישער ערד־איינאָרדענונג אין ראַטנ־
פאַרבאַנד", כאַרקאָוו, 1930. ווען ס'האָט אָנגעהויבן
דערשײַנען „סאָוועטיש היימלאַנד", האָט כאַצקל נאַ־
דעל זיך אָנגעהויבן דרוקן אין זשורנאַל.

אבע לעוו. ער טיילט זיך אויס פון אַנדערע בי־
בליאָגראַפן מיט דעם, וואָס זײַענדיק אַ קענער פו־
נעם בוך אין ייִדיש, העברעיִש, רוסיש (יודאיִק) —
האָט ער אַליין קיין ביבליאָגראַפישע אַרבעטן ניט פּו־
בליקירט, ניט געווען גענוג טעאָרעטיש באַהאַוונט אין
אָט דעם געביט. ער האָט זיך געלערנט נאָר אין
כיידער, געשטאַמט פון אַן אָרעמער פאַמיליע, אַליין
געווען אַן אַרבעטער, אַ גאַרבער. ער פלעגט „לייע־
נען מיט די פינגער", זיך גיך אָריענטירן אינעם אינ־
האַלט און פאַרגעדענקען. עס פלעגן זיך צו אים
ווענדן שרײַבער, געלערנטע און ביכלאַל לייענער.
בעסער איז ער געווען באַקאַנט מיט דער היסטאָרי־
שער ליטעראַטור, דעריקער אַרום דער אַרבעטער־
און פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג, אין ייִדיש און אין
רוסיש, גאַנץ פרײַ האָט ער זיך פאַנאַנדערגעקליבן
אין אַרכיוו־דאָקומענטן. ס'איז ווייניק באַקאַנט, אַז
וועגן אים האָט געשריבן ש. אַנ־סקי אין זײַנע זיכ־
רוינעס „דער ייִדישער כורבן אין פוילן און גאַלי־
ציע". זיי האָבן זיך באַגעגנט אין דער אַרמיי בײַס
דער ערשטער וועלט־מילכאָמע פון 1914—1918. צוזאַ־
מען מיט אַנדערע האָט ער געשריבן אַנטירעליגיעזע
בראָשורן (וועגן דעם קאַמף פון די ייִדישע קלערי־
קאַלן קעגן דער אַרבעטער־באַוועגונג).

איך בין געווען מיט אים נאָענט באַקאַנט. ווען
ס'האָט זיך אים געמאַכט אַ מער־ווייניקער זעלטן
ייִדיש אָדער העברעיִש ביכל, פלעגט ער מיר גלײַך
זאָגן וועגן דעם.

אָנהייב 1941 יאָר איז ער אַלט געוואָרן 60 יאָר.
צו אים אַהיים זײַנען געקומען געסט, שרײַבער, קול־
טור־ און געזעלשאַפטלעכע טוער, פרײַנט. ס'זײַנען
אַרויסגעטראָטן מיכאָעלס און אַנדערע. מע האָט דורכ־
געלייענט באַגריסונגען. אין אָרגאַניזירן די באַגעגע־
ניש האָבן זייער אַקטיוו אָנטיילגענומען עמאַנויִל
קאַזאַקעוויטש און דער זשורנאַליסט מאָטל שנײַ־
דער.

זאַלמען ראַטנער. ער איז געווען באַוווּסט צווישן
די מאָסקווער בוך־ליבהאָבער און בוך־קענער. אין
ביבליאָטעקן ניט געאַרבעט (אין ביכער־קראָמען—יאָ).
געווען אַלע יאָרן אַן אָנגעשטעלטער. פאַרמאָגט זייער
אַ גרויסע צאָל ייִדישע ביכער, מיט וועלכע עס איז
געווען קימאַט אינגאַנצן פאַרנומען איינער פון די
צוויי צימערן פון זײַן דירע. ער פלעגט ביבליאָגראַ־
פירן די לויפנדיקע סאָוועטישע ייִדישע פרעסע, אַר־
טיקלען און קינסטלערישע ווערק. אין „אַף די וועגן
צו דער נײַער שול" פאַרן 1928, נומ. 1 האָט ער אָפּ־
געדרוקט אַ רעשימע פון ייִדישע ביכער, דערשינענע
אין פּססר אין יאָר 1927. וויכטיק איז די רעשימע
„דאָס ייִדישע בוך אין פּססר פאַר די יאָרן 1917—
1921". ער האָט זי צונויפגעשטעלט צוזאַמען מיטן
קיִעווער ייִדישן ביבליאָגראַף י. קוויטני. די אַרבעט
איז פּובליקירט אינעם „ביבליאָלאָגישן זאַמלבוך" (אַ
רעשימע פון ייִדישע ביכער, וועלכע זײַנען דערשינען
אין רוסלאַנד אין דער צײַט פון דער רעוואָליוציע
(1917—1922), איז נאָך פריִער געווען פאַרעפנטלעכט
אינעם ניו־יאָרקער זשורנאַל „אופבוי", 1922, נומ. 2),
אָבער ראַטנער—קוויטניס רעשימע איז אַ מער גענויע
און וויסנשאַפטלעכע (אין דעם זעלבן „ביבליאָלאָגישן
זאַמלבוך" האָט י. קוויטני אויך אָפּגעדרוקט אַ „לע־
נינִיאַנע" — מאַטעריאַלן צו דער לענין־ביבליאָגראַפיע
אין ייִדיש). י. קוויטני פאַרדינט, מע זאָל וועגן אים
שרײַבן גענויער. מיר פעלן אָבער קאָנטראָלירטע
ביבליאָגראַפישע מאַטעריאַלן און אים פערזענ־
לעך האָב איך געזען צופעליק איין מאָל אין מאָסק־
ווע.

אווראָם קירזשניץ. דער היסטאָריקער אַ. קירזשניץ
איז איינער פון די ערשטע טוער אין געביט פון
ייִדישע ביבליאָטעקן און ביבליאָגראַפיע. ער האָט זיך
געדרוקט נאָך פאַר דער רעוואָליוציע. עס זײַנען באַ־
וווּסט זײַנע וויכטיקע ווערק: „די ייִדישע פרעסע אין
דער געוועזענער רוסלענדישער אימפעריע", 1916—
1923", מ., 1930, און „די ייִדישע פרעסע אין ראַטנ־
פאַרבאַנד (1917—1927)", מינסק, 1928. די ביבליאָ־
גראַפיע פון דער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג אין
די בענדער „דער ייִדישער אַרבעטער". מ., 1925—
1928, איז אויך פון אים צונויפגעשטעלט. ער איז
דער צונויפשטעלער פונעם גרויסן באַנד וועגן דער
ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג (רוסיש) אין דער סע־
ריע „1905", אונטער דער רעדאַקציע פון מ. פּאָקראָ־
ווסקי. ער איז געווען אַ זשורנאַליסט, אַקטיוו אָנטייל־
גענומען אין דער פאַררעוואָליוציאָנערער אַרבעטער־
פרעסע אונטערן פּסעוודאָנים בען־דאָוויד און אַנד.
און אין דער סאָוועטישער פרעסע אין ייִדיש און
רוסיש.

אבע פינקעלשטיין. ער איז געווען באַוווּסט ווי
אַ ייִדישער פאַרלאַג־טוער און ביבליאָגראַף, האָט אָנ־
טיילגענומען אין שאַפן דעם „עמעס"־פאַרלאַג און
אַנדערע פאַרלאַגן. אויך געקומען צוהילף מיט זײַן
וויסן און אָרגאַניזאַטאָרישע פייִקײַטן באַם אָרגאַני־
זירן די טעכנישע באַזע פון „סאָוועטיש היימלאַנד".
פאַרעפנטלעכט אין אים און אין אַנדערע זשורנאַלן
סטאַטיסטישע ידיִעס און אויך רעשימעס פון ווערק
פון ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער (בערגעלסאָן, אויס־
לענדער, דער ניסטער — די דאָזיקע ביבליאָגראַפיע
האָבן מיר ביידע צונויפגעשטעלט) און אַנד. ער האָט
אָנטיילגענומען צוזאַמען מיט מיר און אַ. פריבלודע
אין דער ביבליאָגראַפיע „10 יאָר סאָוועטיש היימ־
לאַנד", 1961—1971. זײַן טייל פון דער ביבליאָגראַ־
פיע (קינסטלערישע ליטעראַטור) איז אָפּגעדרוקט אין
„סאָוועטיש היימלאַנד" נומ. 10 און 11 פאַרן 1971.
ער האָט אויך אָפּגעדרוקט אייניקע קינסטלערישע
ווערק.

אווראָם פריבלודע. לויט זײַן פאַך איז ער קיין
ביבליאָגראַף ניט געווען, לויט דער בילדונג — אַ
יוריסט. פאַרנומען וויכטיקע שטעלעס, געשריבן וועגן
עקאָנאָמישע פראַגן, זיך געדרוקט אין אויסגאַבעס פון
דער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע. באַהערשט אייראָפּעיִשע
שפּראַכן. אין „סאָוועטיש היימלאַנד" האָט ער פּובלי־
קירט פאַרשיידענע מאַטעריאַלן (געשיכטלעכע, לי־
טעראַרישע) און אויך אָנטיילגענומען אין צונויפ־
שטעלן די ביבליאָגראַפיעס פון אַ טייל לעבנס ווערק
אין ייִדיש (אין „סאָוועטיש היימלאַנד", 1970, נומ. 4)
און פון די מאַטעריאַלן, וואָס האָבן זיך געדרוקט אין

זשורנאַל (געשיכטע און אַנד.). אין די יאָרן 1961—1971 געשריבן וועגן דעם אָנטייל פון ייִדן אין דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע, אינעם בירגערקריג און אין די שפּעטערדיקע יאָרן. איבערגעלאָזט אַרבעטן נאָך ביז קיין פּובליקירטע.

נאָכעם רובינשטיין. איינער פון די וויכטיקסטע ייִדישע ביבליאָטעקער און ביבליאָגראַפן. געוווינט און געאַרבעט אין מינסק, פריִער אין דער פּערעץ־ביבליאָטעק, דערנאָך אין דעם ייִדישן אָפּטייל פון דער ווײַסרוסישער מעלוכע־ביבליאָטעק. ער האָט זייער אַ סאַך אויפגעטאָן, קעדיי שאַפן אַ וויסנשאַפטלעכן ביכער־פאָנד, דעריקער ייִדיש און העברעיִש. ער האָט צונויפגעשטעלט רעשימעס פון דערשינענע ייִדישע ביכער אין פססר פאַר די יאָרן 1932—1935, פאַר יעדן יאָר אַ באַזונדערן בוך. באַ יעדן בוך איז אָנגעוויזן דער שיפער לויט דער דעצימאַלער סיסטעם און דער קעטער־צייכן, לויט וועלכן מע צעשטעלט ביכער אין אַ ביבליאָטעק. יעדער באַנד איז באַגלייט מיט אַ גרויסן אַרײַנפיר. קעדיי מע זאָל קאָנען באַנוצן די קעטער־צייכנס, וועלכע עס האָבן צונויפגעשטעלט אין 1921 א. און פ. ראָזענטאַל („וויִאַזוי דאַרף מען פאַנאַנדערשטעלן ביכער אין די ביבליאָטעקן"), האָט ער די פאַרעלטערטע טאַבעלע אינגאַנצן איבער־געמאַכט. נ. רובינשטיין האָט אויך צונויפגעשטעלט דעם איינציקן האַנטבוך אין פססר פאַר ייִדישע סאָוועטישע ביבליאָטעקן („ביבליאָטעק־אַרבעט", מאָסקווע, 1927).

ייִסראָעל סערעבריאַני. אַ פּאָר ווערטער וועגן דעם קריטיקער און ליטעראַטור־פאָרשער ייִסראָעל סערעבריאַני. ער פלעגט זיך אינטערעסירן מיט ביבליאָגראַפיע און אַ פּאָר ביבליאָגראַפישע רעשימעס אַליין צונויפגעשטעלט. אין דעם ביבליאָגראַפישן איבערזיכט „לעבנס ווערק און ליטעראַטור וועגן לענינען אין ייִדיש" („סאָוועטיש היימלאַנד", 1970, נומ. 4) האָט ער צונויפגעשטעלט דעם אָפּטייל „לענין אין דער קינסטלערישער ליטעראַטור". אין דעם פּאַריזשער זשורנאַל „פּאַריזשער שריפטן" נומ. 15—16 פאַר די יאָרן 1956—1957 — אַ רעשימע „איבערזעצונגען פון ייִדיש אָף רוסיש אין די יאָרן 1941—1948" מיט ברייטערע קאָמענטאַרן.

איך באַשרײַב אַ 60־יאָריקן (מיט איבעררײַסן) פּעריִאָד. מע וואָלט געקאָנט שרײַבן מער אי וועגן די ביבליאָטעקן, אי וועגן די ביבליאָגראַפן. דאָס אַרטיקל איז אָבער אַזוי אויך אַ גרויסער, וועל איך מיט דעם פאַרענדיקן...

ארן ווערגעליס

מאַזלטאָוו, יידיש טעאַטער!

(מאַנאַלאָגן און זינגלידער צו דער שטעלונג
„קאָמעדיאַנטן" — לויט שאָלעם-אַלייכעמס „בלאָנדזנדע שטערן")

פּראָלאָג:

אויפטריט פון דער טרופּע

זינגליד:

כאַדאַראַם

עס גייט די גאַנצע שטאָט אַצינד
כאַדאַראַם, כאַדאַראַם,
אַ טשאַד, אַ סרייפע מיט אַ ווינט,
כאַ־דאַ־ראַם.

ווי גלײַך טעאַטער — דאָס איז סאַם.
אַ טאַראַראַם, אַ טאַראַראַם,
און אַלץ גייט כאַדאַראַם.

ווו נעמט מען געלט? עס גייט דער קאָפּ
כאַדאַראַם, כאַדאַראַם.
דער הונט פון שטריקל רײַסט זיך אָפּ,
כאַ־דאַ־ראַם.

אָן אַ בילעט וואָס קריכסטו סטאַם?
אַ טאַראַראַם, אַ טאַראַראַם,
און אַלץ גייט כאַדאַראַם.

אונטער די פיס דער טראָטואַר —
כאַדאַראַם, כאַדאַראַם.
עס טוט די גאַס אין זאַל אַ שפּאַר,
כאַ־דאַ־ראַם.

דאַן אַף דער בינע, ניט געזאָמט,
עס הייבט זיך אָן אַ טאַראַראַם,
און ווידער — כאַדאַראַם.

ערשטע טייל

דרײַ מאָנאָלאָגן וועגן בלאָנדזנדע שטערן

ערשטער מאָנאָלאָג

איבער אונדז — אַ הויכער הימל,
ווו די שטערן פינקלען שיין.
לאָמיר אײַנשטילן דעם טומל,
זיך מיט מאַזל לאָזן גיין.

שטערן בלישטשען, שטערן פינקלען,
שטערן פאַלן פון דער הייך,
איינער ווי אַ שיף טוט זינקען,
און עס פאַלט אַ צוווייטער ווייך.

בא די גרויסע הימל־רוימען,
בא דעם קישעף אין דער וועלט
לאָמיר לערנען זיך צו טרוימען,
שפּילן דאָס, וואָס אונדז געפעלט.

אויך געפעלן זאָל אונדז ווערן
דער געדאנק, וואָס איז שוין אַלט,
אז ביסכאקל איז א שטערן
יעדער מענטש.

און אים באפאלט
אָפּט א בענקעניש נאָך וואנדער
איבער וועלט און איבער צײַט,
און עס ווילט זיך אים ניט אנדערש,
ווי אוועקגיין אין א שטרײַט.

אין א שטרײַט פאר דעם, אז ריין זײַן
זאָל דער הימל אין דער וועלט,
אז דער מענטש זאָל זײַן ניט איינזאם
און באשיצט פון קויט און קעלט.

אויב אזוי, איז דאָך ניט שײַעך —
דארף מען זײַן, ווי לויט דער פליכט,
פול מיט ערדיש־ריינעם פײַער,
פול מיט הימל־ריינער ליכט.

דארף מען אײַנשטילן דעם טומל,
זיך מיט מאזל לאָזן גיין.
איבער אונדז — א הויכער הימל,
ווו די שטערן פינקלען שיין.

צווייטער מאָנאָלאָג

שטערן בלאָנדזען.
אינעם הימל בלאָנדזען זיי.
טרעפט א מענטש — ער קוקט און שעפּטשעט: „ווײ מיר, ווײ...
עפּשער מײַנער איז געפאלן, עפּשער דער,
וואָס געציטערט, ווי א פלעמל, ביז אהער“...

מיטאמאָל עס ווערט געמאָלדן: ליבע פרײַנט,
ס'האָט א ספּוטניק צווישן שטערן זיך צעשײַנט!
און גאגארין פליט דאָס וועלטעלע ארום —
ניט צוליב א שיינעם כאָלעם וועגן רום.
לאָמיר גיין אין דעם געשטערן פונקט אזוי,
ווי א פויער גייט א באָרוועסער אין טוי.
אויב ס'ווערט עמעצער אליין א שטערן אויך,
זאָל ער ברענען, ניט אוועקגיין מיטן רויך,
זאָל ער, שײַנענדיק, אויך בלאָנדזען, נאָר ביטנײַ,
אז צום גרויסן ציל פארבלײַבן זאָל ער טרײַ.

זעט, עס בײַטן זיך די שטערן, וואנדלען וייך,
מיר פארקוקן זיך מיט כידעש אף דער הייך.
אָט איז איינער, אָט — א צווייטער, אָט — א סאך,
איבער אונדז פון איידלשטיינער הענגט א דאך.
ס'פאלן, פאלן, פאלן שטערן, פאלן פלינק,
נאָר זיי קערן אום זיך ווידער שנעל און גרינג.
אָט פארשווינדן זיי און ווײַזן זיך באנײַס —
ווי די הינדעלעך, זיי פּיקן זייער שפּײַז...

שטערן פאלן ניט, זיי בלאָנדזען אין דער הייך.
די נעשאָמעס פון די מענטשן בלאָנדזען אויך.

דריטער מאָנאָלאָג

צײַט, ראבויסײַ, שוין צו זאָגן פון דער בינע קלאָר:
עס פארדינט געלויבט צו ווערן אונדזער יידישער אקטיאָר!
איבער וואנדערנדע טרופּעס, אין דעם טכום אמאָל,
גייט ארום א קישעפמאכער מיט זײַן שווערן אָל.

ווי געטאָגט, דאָרט ניט גענעכטיקט, אויסגעוועזן א וועלט,
אין זײַן ראָל אַרײַנגעשריבן הונגער איז און קעלט.
פון טעאַטער צו טעאַטער און פון שטאָט צו שטאָט.
מ'האָט געהויבן אים צום הימל און געמאַכט צו שפּאָט.
זיך געזעגנדיקט דער ספּעקטאַקל, הייבט זיך אָן די וואָך.
שוין געהאַט א ביסל טײַנעג — וואָס זשע ווילסטו נאָך?
ביסט געוווינט אָף בּאַרג צו לעבן אָן א קאָפּ'קע געלט.
אָן אַכסאַניע פאַר אַרטיסטן איז די גאַרע וועלט.

טאָמיד שפּילן מיר (ס'זאָל סטײַען קויעך און געזונט),
אָפּדערנאַכט מע איז א מיילעך, און באַטאָג — א הונט.
קלעפּ זיך אָפ די באָרד די ברייטע, טו דעם מאַלבעש אויס,
שלעפּט אָף זיך אַרוף דעם דאַלעס, וואָס איז שווער און גרויס.
עכע־כע, אָן אַלטע פּיעסע, אימער שטענדיק נײַ,
גייט זי דורך ווי א פּרעמיערע יעדן טאָג אָפּסנײַ.

אין דעם טכום־האַמוישעוו
לעבן איינע מוישעס.
דאָס טעאַטער אינעם טכום
פאַרט אַרום, גייט אַרום.
דאָס טעאַטער פּראָוועט אָף דער בינע זײַנע גאָלעס,
אָנגעהויבן פון גאָלדפאַדענען,
ניט פאַרענדיקט מיט מיכאָעלסן...
ס'ענדיקט זיך ניט דער אַרטיסט,
ווען די פאָרשטעלונג זיך שליסט.

אָפּגעשפּילט שוין דעם ספּעקטאַקל, הייבט זיך אָן די וואָך.
האָסט געהאַט א ביסל טײַנעג — וואָס זשע ווילסטו נאָך?
עכע־כע, אָן אַלטע פּיעסע, אימער שטענדיק נײַ,
גייט זי דורך ווי א פּרעמיערע יעדן טאָג אָפּסנײַ.
צײַט, ראַבויסײַ, שוין צו זאָגן פון דער בינע קלאָר:
עס פאַרדינט געלויבט צו ווערן אונדזער יידישער אַקטיאָר.

זינגליד:

דער אַרויסגאַנג פון די שטערן

דער אַרויסגאַנג פון די שטערן —
ווי א כופּע אין דער וועלט.
קיינער וועט אונדז ניט פאַרווערן
דאָ זיך שטעלן א געצעלט.

שאָטנס גייען און פאַרגייען,
ווי די שפּעלעך באַם באַרג.
מיט דער נאַכט איך טו זיך פרייען,
און עס איז דער טאָג מיר קאַרג.

כ'נעם א בײַטש און טרײַב די סטאַדע
צו דעם ווײַטן האָריזאָנט.
ס'איז דערווײַלע נאַכט אוואַדע,
נאָר דער טאָג — ער איז שוין נאָ'נט.

די לעוואָנע קוקט אין פענצטער,
און דער פענצטער קוקט צו איר.
און אין האַרץ איז מיר ניט פינצטער —
נעם א ליכט און גיי נאָך מיר...

קיינער וועט אונדז ניט פאַרווערן
דאָ זיך שטעלן א געצעלט.
דער אַרויסגאַנג פון די שטערן —
ווי א כופּע אין דער וועלט.

ר ײ ז ל ס א ו פ ט ר י ט

אַ ד מ אָ ס ײַ

זאָל ארויסגיין רײזעלע די ערשטע,
ס'באַסיקעכידקעלע ייִסראַליע האַלאַנעשטערס...
דער אַלטער כאַזן! — ס'קלינגט מיט אים די גאַנצע װעלט,
און אַלע קאַר־כאַזאַנים מעגן פאַר זײַן מינדסטן נאַגל זײַן שױן די קאַפּאַרע.
ער האָט א האַלדז מיט קאָלוואַטור... אָט שטעלט ער אָן דאָס קאָל,
אָט װישט ער אָפּ די ליפּן, הוסט זיך אױס,
צורעכט געמאַכט די קײלע, פרעגט פון ייִצע־װױגן:
איז װאָס זאָל איך אײַך זינגען?
דאַן נעמט ער זינגען קונציק — הייך־אַרוף,
דערנאָכדעם לאָזט אַראָפּ זיך צו דער יעניקער אָקטאַװע,
װאָס נידעריק זי ליגט. און קאַטשעט זיך און קאַטשעט זיך,
און װײַזט דאָס, װאָס ער קאָן: א שטיקל נאָך א שטיקל...

דערװײַל באַמערקט ער ניט, אַז ס'איז שױן גרייט אַרױסצופליִען
פון דער נעסט א פײגעלע...

(רײזלס קאָל: די ליד „צאַר לי — עס טוט מיר באַנק”)

ז י י נ ג ל י ד :

צאַר לי — עס טוט מיר באַנק

ס'איז די ליבע זיס װי א געטראַנק,
אײַנער צו דעם צװײטן צוגעזאָטן.
צאַר לי — עס טוט ניט באַנק.
צאַר לי — כ'האָב ניט כאַראַטע.

װען מײַן מאַמע האָט דערזען: איך צאַנק,
האָט זי מיך מיט רײדעלעך באַשאָטן.
צאַר לי — עס טוט מיר באַנק.
צאַר לי — איך האָב כאַראַטע.

מיך געמוטשעט האָט אַזאַ געדאַנק,
אַז מע װעט מיך אײנעם גענעם בראָטן.
צאַר לי — עס טוט מיר באַנק.
צאַר לי — איך האָב כאַראַטע.

אין דער ליבע בין איך פראַנק־און־פרײַ,
און די גאַנצע װעלט כ'הער װי א קאַטער.
צאַר לי — עס טוט ניט באַנק.
צאַר לי — כ'האָב ניט כאַראַטע.

פאַרזעצונג פון „אַד מאָסײַ”

יאָ, ער אַלײן, דער טאַטע, מונטערט רײזלען, זי זאָל זינגען
פאַר דעם דירעקטאָר פון דער טרופּע אַלבערט שטשופּאַק,
און ס'גייט אַרױס דאָס מײדעלע
מיט אירע גליִענדע ציגײַנער־אױגן,
און רײזלען נעמט די גלאַטע, זיסע שטים, װי פון א פידל.
זי זינגט אַן אױסגעצױגן טרױעריקן ניגן,
א ייִדישן, און מיט א טפילע־נוסעך,
אין װעלכן ס'לאָזט זיך הערן קלאָג, פאַרדראָס,
געבעט און טרערן: ריבױנעשעלױלעם... ריבױנעשעלױלעם!...

דער דירעקטאָר פון דער טרופע אלבערט שטשופאק זאָגט:

אַזאַ באַרליאַנט! װאָס װעט פון איר דאָ, נעבעך, װערן,
אין האַלאַנעשטי, אין דעם העק, װו מע פּאַליאַסקעט זיך אין בלאָטע?
איר אָרט איז, בענעמאָנעס, צװישן בלאָנדזשנדיקע שטערן!
מײַן נאָמען זאָל ניט הײסן אַלבערט! שױן, און פּאָטער!

די מאמע לייע די כאזנטע האקט אָפּ, ווי מיט א שארף מעסער:
מײַן קינד האָט, דאנקען גאָט,
ביז הונדערט און צוואנציק,
ווען דער קאָפּ זאָל פאר איר דארן.
אוועקגעבן דאָס קינד צו פורים־שפּילער, ס׳זאָלן עסן זי די וואנצן? —
אָ, מײַנע סאָנים וועלן ניט דערהארן!

לייע די כאזנטע האָט א שארף צינגל,
בא איר קומט אויס די גאנצע זאַך גאנץ איידל,
זי זאָגט:
— א יינגל, האָסטו געזען א ביסל, איז א יינגל,
און א מיידל, האָסטו געזען א ביסל, איז א מיידל...

(לייע די כאזנטע זינגט די ליד „דער מאמעס הארץ")

זינגליד:

דער מאמעס הארץ

דער מאמעס הארץ איז ווי א קרענעצע,
די קינדער שעפּן עס ניט אויס.
נאָר פּלוצעם קומט א פרעמדער עמעצער
און זאָגט: איך וויל א טרונק טאָן בלויז.

א טרונק, א שלונג, און ברויט א פּענעצל.
נאָר עפּעס זעסטו אויס געהיים.
דו גיי דײַן וועג זיך, פרעמדער־עמעצער,
ניטאָ מײַן טאָכטער אין דער היים.

ניין, זײַ זיך מוידע, פרעמדער־עמעצער,
פון זיך די סוידעס טרייסל אָפּ.
דו האָסט אין זינען אינדערעמעצן
מײַן קינד, מײַן איינציק אויג אין קאָפּ.

עס קומט צו גיין א פרעמדער עמעצער
און זאָגט: איך וויל א טרונק טאָן בלויז.
דער מאמעס הארץ איז ווי א קרענעצע,
אוי, ווער עס וויל, דער שעפּט עס אויס.

לייבלס אופטריט

און אלץ געשען איז, ווײַל...

בעניע ראפּאלאָוויטש, דער האַלאָנעשטער ראָטשילד,
אַף אַלץ דעם געהעריקן פּאַסעק האָט שוין.
א פערד איז „א באָכער",
געלט איז „שערבלעך",
א קינד איז „א בראָכע",
באַלכויוועס זײַנען „שטערבלעך",
א ווײַב איז „אַן אומגליק",
א זון איז „א קאַדעש",
א לערער איז „הונגעריק",
טנאָים זײַנען „שמאָטעס",
א טאָכטער איז „א בלאָטער",
ברויט איז „פּאָדעם",
א פרעמדער איז „א טאָטער",
א קוינע „אָטעמט",
אַן אלקער איז „א לאָך",
א שיסל איז „א סידער",
די צונג איז „א שטאָך",
די הענט זײַנען „ברידער".

און פלוצעם דערפילט ער, אז שרעק איז — שרעק...
דאָס אייגענע קינד איז פון שטוב אוועק!
דאָס קלענסטע ביקל פון דער טשערעדע — לוי,
די גאנצע מישפּאָכע כאפּט זיך אָן, ווי שטרוי:
אוווּ איז לייבל? ס'איז לייבל ניטאָ...
דער אלטער בעניע — ניט זײַן זאָל די שאָ —
אראָפּ איז פון דערעך, און ווייטעק זיך קאָרטשעט,
בעניע ראפּאלאָוויטש, דער האָלאָנעשטער ראָטשילד!..

און אלץ געשען איז, ווײַל
ס'האָבן זיך באגעגנט רייזלס שווארצע גלְיענדע ציגײַנער־אויגן
מיט לייבלס גרויסע, שיינע, ווייכע יִינגל־אויגן,
וועלכע קוקן שעמעוודיק און ווארעם.
דעם נאָגידס יִינגל, דאָס בארמיצווע־באָכערל,
פארשיקערט ווערט פון דער ארטיסטישער כאליאסטרע.

דאָס פאָנעם פלאמט, די אויגן ברענען,
און האלדז עס טריקנט, ס'ציט מיט צוואנגען,
ער פילט, ווי ס'קישעפּט אים די סצענע,
ער איז שוין דאָרט מיט די געדאנקען!
אין די טעאטערס, אף די ברעטלעך,
אין ווארייעטעס, קאפע־שאנטאנען,
ווו שיידים רייצן, ס'טאנצן שרעטעלעך,
ווו אומעגלעכס איז ניט פאראנען.

און אין א צײַט ארום איז שוין לייבל א בלאָנדזנדער שטערן.

דער באל־האכאלוימעס, דער יונגער שטערן
לעאָ ראפּאלעסקאָ, דער שיינער יונג —
ווער וועט אים אָפּהאלטן? ווער וועט אים שטערן
צו טאָן פון דער ערד ביז צום הימל א שפּרונג?
„די ערד" — איז א בינע פאר פּוסטע קופּלעטן,
פאר פּורים־שפּילן, מעלאָדראמעס און אָפּערעטן;
„דער הימל" — א שפּיל, וואָס דאָס לעבן קאָן קאָסטן —
א קריג מיט דער וועלט געפירט האָט אקאָסטא,
דער באל־האכאלוימעס, דער יונגער שטערן —
ווער וועט אים אָפּהאלטן? ווער וועט אים שטערן?

זינגליד:

א פילאָסאָפישע ליד

א רויך גייט ארויס דורכן קוימען,
און שויב קוקט די זון אקוראט.
סע האָט אונדז נאָך קיינמאָל, נאָך קיינמאָל
די ליכטיקע שײַן ניט פארשאט.

עס טוישן זיך ווינטער און זומער,
דאָס פעלד שטייט באזונדער פון וואלד.
ס'האָט קיינמאָל קיין פראָסט ניט גענומען
פון דעם, וואָס א מענטשן איז קאלט.

פון דעם, וואָס עס ברענט ניט קיין פײַער,
געוואָרן נאָך קיינמאָל איז נאכט.
פון זיך ווערט דאָס אלטע ניט נײַער,
דאָס האָט זיך אײַך בלויז אויסגעדאכט.

דאָס לעבן סײַ פרייד איז, סײַ טרויער,
מע בעסערט דאָס אויס פאר א נויט.
דאָס לעבן — עס דויערט און דויערט,
און ס'דויערט און דויערט דער טויט.

א רויך גייט ארויס דורכן קוימען,
און שויב קוקט די זון אקוראט.
סע האָט אונדז נאָך קיינמאָל, נאָך קיינמאָל
די ליכטיקע שײַן ניט פארשאט.

צווייטער טייל

דרײַ מאָנאָלאָגן וועגן יידישן וואנדער־טעאטער

ערשטער מאָנאָלאָג

טײַער פובליקום! מיר טרעפן זיך מיט דיר באַנײַס א קאָן.
צוערשט מיר וועלן דיך אין שטעטל האָלאָנעשטי פירן.
דאָרט ווײַזט דאָס יידישע טעאטער וואָס עס קאָן
(אלבערט שטשופאק בעסערט אויס וויליאם שעקספירן...).
שפּעטער — לעמבערג, די בארימטע טרופּע „בערנארד האָלצמאַן און עט קאָמפּ"!
אין דער הויפּט־ראָל ראפאלעסקאָ... לעאָ ראפאלעסקאָ בוקארעשטער...
הערט זשע, יידן, הערט מיט סייכל און מיט קאָפּ:
צווישן שטערן ראפאלעסקאָ — ניט אומזיסט ער איז דער ערשטער!
אָף דער בינע, ווי עס רעדט זיך, גאָמלקעס פון שניי ער מאכט.
ס'לויבן אים אפילע קריסטן, מע באשרײַבט אים אין די בלעטער.
און אין לאָנדאָן ראָזע ספיוואק זינגט איר „פראטיק אפדערנאכט".
אויך, אימירצעשעם, אין יידישן ניו־יאָרק מע וועט א שפּיל טאָן שפּעטער...
שפּילן וועט מען הארצרײַסנדיקע דראמעס, ווי בא לײַטן, —
„שמינדער בעגעץ אפן אאוטאָ־דאפע"
און „די טויטן־אינקוויזיצע אין פאן סאָביעסקיס צײַטן"
(קעגן זיי איז פרידריך שילער און סערוואנטעס — פע...).
ס'האָט אליין פאר זיך דער יידישער טעאטער סאָטשיניאיעט
„כינקע־פינקע", „שלוימע גאָרגל", „שפרינג אין בעט" און „עס קאָמפּאָט",
דאָרט עס רעדט זיך אָף דער בינע ניט פון הימל־זאכן, נײַערט
וועגן פראָסטע כײַוועקאיעמס — סײַ מיט ערנסט, סײַ מיט שפּאָט.

(די ליד „מענטשן זײַנען דאָ פארשיידענע" פילן אויס צוויי זינגער: איינער זאָגט דאָס פארקערטע פונעם צווייטן)

זינגליד:

מענטשן זײַנען דאָ פארשיידענע

איינער נעמט און דאנקט ניט,
איז ער ניט קיין גאָלד.
איינער דאנקט און נעמט ניט,
איז ער גלאַט א יאָלד!

איינער פאלט און לויפט ניט,
כאפט ארײַן א זעץ.
איינער לויפט און פאלט ניט, —
אָט א מאָלאָדיעץ.

איינער גיט און האָט ניט,
זאָל ער גייך געזונט.

איינער האָט און גיט ניט,
איז ער גלאַט א הונט!

איינער טוט און רעדט ניט,
איז ער גוט און פײַן.
איינער רעדט און טוט ניט,
זאָל אים טערפקע זײַן!

איינער נעמט און דארף ניט,
אויס דער שידעך בלײַבט.
איינער דארף און נעמט ניט,
בלײַבט ער אָן א ווײַב.

צווייטער מאָנאָלאָג

אײַ, האָב איך ליב דעם יידישן טעאַטער! —
אוועקלאָזן זיך איבער דער פּראָווינץ,
אין קליינע שטעטלעך פון גאַליציע,
בוקאָווינע און רומעניע, ווו יידן
האָבן ניט געגאַשט פון אייך־האַדאַס,
ווו דאָס פּובליקום לויפט זיך צונויף אָן אָטעם,
ווען אין שטעטל קומט דאָס יידישע טעאַטער, —
ווי מע לויפט צונויף זיך בייס, לעהאַוודל,
ס'קומט א בער, א העלפאַנד, צי א מאַלפּע.

דאָס פּובליקום איז נאַריש, פּאַטשט עס בראַוואָ,
לייגט אײַן וועלטן, ווען דער פאַרהאַנג הייבט זיך אויף
און ס'וווערט אינעם טעאַטער פינצטער...
אַקטיאָרן, קאָמעדיאַנטן, פּרימאַדאָנעס
פאַרשטעלן זיך און ריידן כאָצי יידיש, כאָצי דײַטש,
זיי מאַכן אָנשטעלן, זיי זינגען און זיי טאַנצן,
און זאָל מע ווערט צעגאָסן פאַר געלעכטער,
אָדער צעגאַנגען פאַר געוויין,
אין אָט דער וועלט פון לייצים, שיידים און מאַלאָכים...
די נאַוונאַדניקעס די בידנע יידישע אַקטיאָרן —
מיט האַרץ זיי טוען אָפּריכטן דעם גאָלעס פון טעאַטער,
אין אַלע מיסטן וואַלגערן זיך — אַבי געשפּילט,
אַבי געמאַכט דעם אוילעם פריילעך...

(די ליד „אומגעבעטענע געסט” זינגט אַן אַרטיסט מיט א לענטע איבערן אַקסל, אַף וועלכער ס'איז אָנגעשריבן „האָצמאַך”. דעם רעפרען זינגט דער גאַנצער אַרטיסטן־כאָר)

זינגליד:

אומגעבעטענע געסט

טרעפט אזא מין רעטעניש
אין א גוטער שאָ:
דאָרט, ווו מע פאַרזייט אונדז ניט,
דאָרט מיר זײַנען דאָ.

ניט גייטיק קיין שפּרוכן
מיט יאָ און מיט ניין,
מע דאַרף אונדז ניט זוכן,
מיר קומען אַליין.
דאַן זאָגט מען אונדז פעסט:
אומגעבעטענע געסט.
אומגעבעטענע געסט.
אומגעבעטענע געסט.

אין א צײַט א שווערלעכער,
ווען דער אומעט ברומט,
זוכט מען לייצים ערלעכע,
און מע רופט אונדז: קומט!

ניט נייטיק קיין שפּרוכן
מיט יאָ און מיט ניין,
מע דאַרף אונדז ניט זוכן,
מיר קומען אַליין.
באַגעגנט מען דאָ
מיט א באַרעכהאבאָ.
מיט א באַרעכהאבאָ.
מיט א באַרעכהאבאָ.
ווען עס קומט דער ווינד־און־ווײַ
און דאָס מאַזל שטומט,
שרײַט מען: קאָמעדיאַנטן, הײַ!
קומט שוין גיכער, קומט!

ניט נייטיק קיין שפּרוכן
מיט יאָ און מיט ניין,
מע דאַרף אונדז ניט זוכן,
מיר קומען אַליין.
דאַן זאָגט מען צולעצט:
אומגעבעטענע געסט.
אומגעבעטענע געסט.
אומגעבעטענע געסט.

דאָרט, ווו צוויי, א דריטער זײַן
איז ניט זייער ווויל.
אונדז מע זאָגט „אַף ווידערזען"
מיט א האַלבן מויל.

מיר וועלן ניט בלײַבן,
אומזיסט אײַער שרעק,
מע דאַרף אונדז ניט טרײַבן,
מיר גייען אוועק.
מיר זאָגן אײַך פעסט:
ניין, מיר זײַנען קיין געסט.
ניין, מיר זײַנען קיין געסט.
ניין, מיר זײַנען קיין געסט.

א פריילעכע בריוו אָט דער האַצמאַך...

האַצמאַך, דער יאַדעשלעווער האָן —
א שפּיציקער קאָפּ מיט שפּיציקע אויערן —
אָט שפּילט ער טעאַטער, אָט מוז ער טאָן
א ליאַדע אַרבעט, וואָס מע וועט פאַרטרויען אים.
די שטיוול פוצט ער בא אַלע אַקטיאָרן,
כאַפּט אַרײַן קאָפּלשמוינעדיקע פּעטש,
גייט צופוס, ווען אַלע פאָרן,
הינקט, ווײַל טאָמיד דער שוך אים קוועטשט.
— האַצמאַך, דער רועך זאָל דיך נעמען!
— האַצמאַך, די אויגן זײַנען דיר אַרויס?
— האַצמאַך, ריר זיך!
— האַצמאַך!
— האַצמאַך!

א פריילעכע בריִע אָט דער האָצמאַך.
קיינער כאַפּט ניט אַזויפיל קלעפּ,
דאָך, אַדעראַבע, זאָלן נאָר אָנפאַלן ראָצכים,
וועלן זיי פליִען פון אַלע טרעפּ.
ער מאַכט נאָך אַלבערט שטשופּאַקס געוואַלד —
א כוצפּע! פון דעם מענעדזשער לאַכט ער אָפּ!
מיטאַמאָל אין דער ברוסט און אין האַלדז ווערט ענג אים,
און ער ווערגט זיך פונעם הוסט, וואָס לאָזט אים ניט אָפּ.

ער שילט דעם הוסט מיט טויטע קלאָלעס.
ער וואַרפט א קאַנטשיק (ס׳הייסט — שפּילט א ראָל).
ווי דער פאַרשטאָרבענער ליובאָוויניק אָלעווהאַשאָלעכץ,
צו דער פּרימאַדאָנע רעדט ער אַף א קאָל:
„אָ, ליבעס קינד! מיר מוזן הייראַטן,
דען נאָך דער האָכציַיט איז די ליבע
שטאַרקער אַלס פאַר דער האָכציַיט“...

און טאַנצט א „כאָסידל“:
יאָך בין מיר א כאָסידל,
א לוסטיקע בריִע,
יאָך בין מיר א כאָסידל,
גאָר אָן א פּניִע.
יאָך בין מיר א כאָסידל,
א כסידאַק,
און איך זינג מיר:
האָפּ־טשיק־טשאַק!

אַבער אויך אַף האָצמאַכן דאָס גוטע מאַזל וואַרט,
פון גרויס גליק ער ווערט אַזש צעשמאָלצן:
אַליין פאַר א מענעדזשער האָט ער זיך געמאַכט,
און ער איז שוין ניט האָצמאַך, זיַין נאָמען איז האָלצמאַן.
ווי נאָר געקומען קיין בוקאַרעשט,
גליַיך זיך אָפּגעגאָלט דאָס גאַנצע פּאָנעם,
בלויז באַקן קאָטלעטלעך געלאָזט צו רעשט,
עס זאָלן צעפּיקט ווערן די סאָנים.
אין א קליידער־געשעפט אַריַין, און דאָרט
אַראָפּגעוואָרפן די אַלטע פעדערן,
נאָר שטיין א נאַקעטער פאַרשפּאָרט —
„פאַר געלט מיר סטראָצלען אויס איַיך, פעטערל“...
זיך אויסגעקליידט ביגדיי־מאַלכעס, פול מיט כיין —
אין א הויכן צילינדער, אין לאַקירטע שיך — גיי דערקאָן אים,
דערצו נאָך א שיין שטעקעלע מיט א גאַלקע פון עלפנביין
און געלע הענטשקעלעך — אַף צעפּיקעניש די סאָנים.
אַזוי לאַנג קרענקט שטשופּאַק, אויב ער איז ער,
א פּאָהיבעל אַפּן הוסט, וואָס וויל אים פאַרשאַטן.
קאַפּצנזאָן און הונגערמאַן איז ער ניט מער! —
א רועך אין שטשופּאַקס טאַטנס טאַטן.
האָצמאַך האָט שוין מאַזל,
ער איז ניט קיין בלינדער.
האָצמאַך איז א מאַזיק —
וואָס איז פאַר א וואונדער?

ער פאַרלייגט די פינגער אין דער וועסטע,
שפּאַנט אַרום מיט לאַנגע, דאַרע פיס,
און אַזוי ער וועט געשעפטן מאַכן בעסטע,
ביז...
ביז דער הוסט וועט טרעפן אים אינמיטן גיין
און האַצמאַכס שטערן
וועט פאַרגיין...

דריטער מאָנאָלאָג

עס גייט צום סאָף שוין אונדזער שפּיל!
אָך, עס ווילט זיך נאָך א קאַפּל.
כאָטש אָט די שפּיל איז שוין באַם ציל,
פון בענקשאַפט טוט דאָס האַרץ א צאַפּל.
מע וויל, ס'זאָל עפּעס נאָך געשען,
און אויב מע איז נאָך ניט פאַרמאַטערט,
דאַן לאָמיר אָף טשיקאַוועס זען,
ווי יִדן גייען פון טעאַטער.

דער אוילעם שפּאַנט מיט דריבנע טריט.
מע רעדט מיט היץ, די אויגן פינקלען.
מיט הענט מע מאַכט אַזוי געשווינד,
אַז ס'הייבט זיך אוף פון דעם א ווינט.
מע כאַזערט איבער פון דער פּיעסע
א לידעלע, א מאָנאָלאָג,
מע גיט זיך מיטאַמאָל א פּעסטע
דאָרט, ווו מע דאַרף זיך טאָן א קלאָג,
און פּונקט פאַרקערט — באַם לאַכן וויינט מען,
אַלץ, וואָס מע רעדט — איז ניט דאָס מיינט מען.

דער אוילעם שפּאַרט, ווי פון א שטויס,
מע קרימט זיך נאָך, מע מאַכט א מינע,
מע רעדט, מע שרײַט, מע שטעלט זיך אויס
צו נאָכמאַכן, וואָס אָף דער בינע
עס איז געראָטן, און וואָס ניט.
די שפּיל נאָך גייט אין אַלע ווינקלען,

ס'גייט דער ספּעקטאַקל מיט אַזאַרט
קאָלזמאַן מע איז נאָך ניט פאַרמאַטערט.
טעאַטער שפּילט א גאַנצע נאַכט,
ווען יִדן גייען פון טעאַטער.

זינגליד:

קויל קוירע

ווען איך גיי אַרום איבער די גאַסן,
ווען איך ריר זיך צו צו יעדער שויב,
בין איך סײַ צערודערט, סײַ געלאַסן,
בין איך ווי א זויבער־ווײַסע טויב.

אויב אַוועק דו ביסט שוין פון דער מאַמען,
אויב די וואָרצלען אויסגעריסן האָסט,
זאָלסטו ניט צוריק דעם וועג פאַרצאַמען,
ניט אָף שטענדיק האָסט דײַן היים פאַרלאָזט.

קויל קוירע — זאָג איך,
קויל קוירע — רוף איך,
קויל קוירע — שרײַ איך,
קויל קוירע — הערט!

קויל קוירע — זאָג איך
קויל קוירע — רוף איך,
קויל קוירע — שרײַ איך,
קויל קוירע — הערט!

אויב געשען עס איז אַזאַ בייזווינדער,
מיט דער היים האָסט ראַפּטום זיך צעקריגט, —
ווידער זעץ זיך צו צווישן די קינדער,
טראָג אַרײַן די בעבעכעס צוריק.

ווען איך גיי אַרום איבער די גאַסן,
ווען איך ריר זיך צו צו יעדער שויב,
בין איך סײַ צערודערט, סײַ געלאַסן,
בין איך ווי א זויבער־ווײַסע טויב.

קויל קוירע — זאָג איך,
קויל קוירע — רוף איך,
קויל קוירע — שרײַ איך,
קויל קוירע — הערט!

קויל קוירע — זאָג איך,
קויל קוירע — רוף איך,
קויל קוירע — שרײַ איך,
קויל קוירע — הערט!

עפּילאָג:

די וועלט זאָל זיך ניט קריגן

לאָמיר ביידע,
לאָמיר אַלע,
לאָמיר ריידן
צווישן זיך —
צי די וועלט איז שוין פאַרפאַלן,
צי עס וואַרט דאָס גליק אַף איר.

וועט איר מיך ליובן,
וועט איר מיך בענטשן,
מענטשן! מענטשן!
וועט איר מיך שעלטן,
וועט איר מיך לינטשן,
מענטשן! מענטשן!
נאָר איך וועל אײַך זאָגן דעם עמעס,
נאָר איך וועל ניט זאָגן קיין ליגן,
אז עס מוזן אַלע עפּעס
טאָן, די וועלט זאָל זיך ניט קריגן.

לאָמיר אַלע,
לאָמיר ביידע,
לאָמיר שאַלן
אין טרומייט,
אז ניט מעגלעך איז צעשיידן
אונדז מיט פרידן און מיט פרייד.

וועט איר מיך ליובן,
וועט איר מיך בענטשן,
מענטשן! מענטשן!
וועט איר מיך שעלטן,
וועט איר מיך לינטשן,
מענטשן! מענטשן!
נאָר איך וועל אײַך זאָגן דעם עמעס,
נאָר איך וועל קיין ליגן ניט זאָגן,
אז עס מוזן אַלע עפּעס
טאָן, די וועלט זאָל זיך ניט שלאָגן.

לאָמיר זאָגן,
לאָמיר טײַנען:
פול מיט זאָרגן
זײַנען מיר,
אז די זון זאָל אייביק שײַנען
סײַ פאַר מיר און סײַ פאַר דיר.

וועט איר מיך ליובן,
וועט איר מיך בענטשן,
מענטשן! מענטשן!
וועט איר מיך שעלטן
וועט איר מיך לינטשן,
מענטשן! מענטשן! —
נאָר איך וועל אײַך זאָגן מיט גלויבן,
אז איר זאָלט אין שלאָף און אין כאָלעם
אומעטום דעם שאָלעם ליובן:
שאָלעם! שאָלעם! שאָלעם! שאָלעם!

מאניע קאטליאראווע

גאסטראָלן אפן ווײַטן מיזרעך

ווען מע האָט געמאָלדן, אז דער מאָסקווער ייִדישער דראמאטישער אנסאמבל פאָרט מיט גאסטראָל־ספעקטאקלען אפן ווײַטן מיזרעך און אין די צאָפן־געגנטן, האָבן זיך צווישן די אקטיאָרן אָנגעהויבן דעבאטן. למשל, איך מיט זינאָווי קאמינסקין זײַנען שטענדיק גרייט אויספאָרן, ווי מע זאָגט, א וועלט. ווײַל ווער נאָך פילט אזוי גוט, ווי די עלטערע אקטיאָרן, דעם טאם פון באגעגענען זיך מיט נײַע צושויער, שפּילן אלע מאָל אין אנדערע ערטער. אָבער גאָר אנדערש האָבן רעאגירט די, וואָס זײַנען קיינמאָל אזוי ווײַט ניט געפלויגן. זיי האָבן גענומען זאָרגן פארן געזונט פון די עלטערע. מע האָט אונדז דערמאָנט דאָס, וואָס, צום גרויסן באדויערן, פילן מיר און געדענקען אליין גאנץ גוט, אז מיר זײַנען שוין ניט אזוי יונג און ס'איז געפערלעך פאר אונדזער געזונט אזא ווײַטע נעסיִע.

געווען איז נאָך איין סיבע פון דעם זאָרגן זיך: צי וועט אין מאגאדאן, בעלאָגאָרסק, טשיטא זײַן א צושויער?

אָבער ווי דאָס זאָל ניט זײַן, זיצן מיר שוין אין דעם פּרעכטיקן לײַנער „איל־18“ און פליִען קיין מאגאדאן. איך האָב ניט דערוואַרט, אז מיר וועלן אזוי לײַכט איבערטראָגן דעם לאנגשאָעדיקן פלוג. און אזויווי מיר זײַנען ארויסגעפלויגן אף נאכט־צײַט, זײַנען מיר אפּילע א פּאָר שאָ געשמאק געשלאָפן. און דאן, ווען די ראדיִאָ האָט געמאָלדן, אז לויט דער מאָסקווער צײַט איז אכט אזייגער אינדערפרי, האָט אונדזער לײַנער זיך געזעצט אף דער מאגאדאנער ערד, און דאָרט איז געווען פיר אזייגער באטאָג — דער אונטערשייד אין דער צײַט איז אכט שאָ.

גלײַך אין דעם זעלבן טאָג האָבן מיר באקוקט די שטאָט. א גאנץ שיינער צענטער, און בכלל זעט אויס מאגאדאן ווי ארומגעוואשן ריין. דעריקער דער טעאטער — א פּרעכטיקער ביניען מיט קאָלאָנעס, וואָס מיט אים וואָלט זיך ניט פארשעמט קיין איין גרויסע שטאָט. דער קאָלעקטיוו פונעם טעאטער באשטייט פון א דראמאטישער און אָפּערעטע־טרופּע. אף אָט דער טעאטראלער סצענע האָבן מיר געשפּילט פיר אָוונטן נאָכאנאנד. איבער טעכנישע סיבעס האָבן מיר געבראכט מיט זיך בלויז דעם „דאמען־שנײַדער“ („א נאכט פאר באבי יאר“).

ווען עס האָט זיך געענדיקט דער ערשטער ספּעקטאקל, איז הינטער די קוליסן ארײַנגעקומען דער סעקרעטאר פון דער שטאָטישער פּארטיי־אָרגאניזאציע, וועלכער האָט באגריסט די אַרטיסטן מיט די גאסטראָלן, און הארציק זיי באדאנקט אין נאָמען פון די מאגאדאנער צושויער. ס'איז אויך געקומען א פאָרשטייער פון א פּראכט־שיף, וועלכע האָט זיך געפונען אין אָט דער צײַט אין דער בוכטע „נאָגאיעווא“. ער האָט אײַנגעלאדן דעם קינסטלערישן אָנפירער פון אונדזער אנסאמבל יאקאָוו גובענקאָ מיט די אקטיאָרן אף א באגעגעניש מיט דער קאָיוטקאָמפּאניע.

אפן צווייטן טאָג זײַנען מיר געווען צוגאסט בא די יאם־לײַט. מיר באקוקן די שיף, די גלענצנדע באדינגונגען, אין וועלכע עס געפינען זיך די מענטשן, וואָס עס קומט זיי אויס א לאנגע צײַט צו זײַן ווײַט פון דער היים און פון דעם היימלאנד. אין א גאנץ היפּשן זאַל, ווו עס שטייט א גוטער אינסטרומענט, האָבן אונדזערע אַרטיסטן באוויזן א קאָנצערט, אף וועלכן עס איז בײַגעווען דער גאנצער עקיפּאַזש. די ארויסטרעטונגען סײַ אף ייִדיש, סײַ אף רוסיש האָבן די יאם־לײַט אופגענומען מיט באגײַסטערונג. דערנאָך האָבן די באלעבאטים געבעטן צום טיש און אונדז מעכאבעד געווען מיט א הייס־פּײַערדיקן ווארמעס, ווי זיי האָבן זיך אויסגעדריקט: הייס ווי זייערע הערצער.

אין מאגאדאן האָט די פילהארמאָניע אָרגאניזירט פארן אנסאמבל אן עקסקורסיע אפן שטילן אָקעאן, פונקט אף דעם אָרט, ווו ער באגעגנט זיך מיטן אָכאָטסקער יאם. די שיינקײַט און גרויזאמקײַט פון דעם דאָזיקן בילד איז אומעגלעך צו באשרײַבן. פון לינקס שטייען צוויי גרויסע גראניטענע פעלדזן, וואָס זעען אויס, ווי ספּעציִעל געשניצטע פון א מײַסטער. דאָס וואסער פונעם אָקעאן פארבט זיך אין אלערליי קאָלירן און שיקט זײַנע מעכטיק־שווי-

מיקע כוואליעס צום ברעג, ווו זיי ווארפן זיך אהער מיט גרויס ראש און דאָ לעקן זיי מאמעש די פיס. מיר זייַנען צוערשט געשטאנען ווי פארקישעפטע, און דערנאָך גענומען וואשן די הענט אין דעם אייַז־קאלטן וואסער. ניט קוקנדיק אף דעם, וואָס די זון האָט געשייַנט, איז דער וועטער געווען א הארבער, און דער ווינט האָט געריסן פון אונדז די קליידער, פונקט ווי אים וואָלט זיך וועלן אונדז אויסטאָן און אָפּשיקן אין אָקעאן אריַין, מיר זאָלן א שווים טאָן.

אין אָט דעם אָוונט איז פאָרגעקומען אונדזער לעצטער ספעקטאקל. דעם עמעס זאָגנדיק, האָבן מיר ניט דערווארט, אז אין אזא אנדערש שפּראכיקער (רוסישער) שטאָט מיט אזא קאלטן וועטער זאָל מען אופנעמען אזוי ווארעם און גאסטפרייַנטלעך א ייִדישן טעאטער. מיר זייַנען אָפּגעפאָרן פון דער שטאָט אין א געהויבענער שטימונג, ניט אופהערנדיק צו ריידן וועגן דעם גאסטפרייַנטלעכן צושויער, וועלכער האָט אלע אָוונטן געבראכט פאר אונדז בלומען, און געהאלטן אין איין בעטן קומען אָפטער.

פונעם מאגאדאנער עראָפּאָרט זייַנען מיר אָפּגעפלויגן קיין כאבאראָווסק. מאכמעס מיר האָבן פארשפּעטיקט צום צוג, וואָס פירט פון כאבאראָווסק קיין ביראָבידזשאן, זייַנען מיר פארבליבן נעכטיקן אין האָטעל „אינטוריסט“ אין דער וווּנדער־שיינער שטאָט כאבאראָווסק. אף מאָרגן האָט אונדז די הויפּטשטאָט פון דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט באגעגנט מיט א שטארקער היץ. ס'איז ניט שווער זיך פאָרצושטעלן, אין וועלכע אָנצוגן עס האָבן זיך דאָ אויסגעפּוצט די אקטיאָרן, איבערהויפּט די יוגנט. זי האָט זיך, ווי מע זאָגט, באפרייַט פון אלץ, וואָס איז איבעריק, אָנגעטאָן אף זיך שטאָפן, וועלכע זייַנען העל און פארביק. קוידעמקאָל איז די גאנצע יוגנט אוועק צו דער בירע זיך באָדן. צוריק זייַנען אייניקע געקומען מיט צוגעבראָטענע פּענעמער און לייַבער.

און דאָ האָט אונדזער אָנפירער יאקאָוו אבראמאָוויטש גובענקאָ געגעבן דער יוגנט צו פארשטיין, אז זיי זייַנען געקומען ארבעטן און ניט „זשארען זיך אף דער זון. אן ארטיסט קאָן ביכלאל זיך ניט דערלויבן, אז דאָס פּאָנעם זאָל בא אים באקומען אן אנדער פארב“.

אפדערנאכט זייַנען מיר געגאנגען שפּאצירן איבער דער שטאָט, וועלכע איז שטארק אויסגעוואקסן און צעשפּרייט זיך אזוי, אז דאָס אויג קאָן ניט פארכאפּן אירע ראכוועסן. ס'האָט אונדז א סאך נוץ געבראכט דאָס, וואָס מיר האָבן אין די צוויי פרייַע טעג זיך באקאנט מיט דער שטאָט. מאָנטיק האָבן מיר געהאט א באגעגעניש מיט די זשורנאליסטן פון דער ייִדישער רעדאקציע „ביראָבידזשאנער שטערן“ און געגעבן אן אינטערוויו אף דער ייִדישער ראדיאָ־טראנסליאציע.

דער פאָרזיצער פונעם געגנטלעכן קאָמיטעט פאר טעלעוויזיע־ און ראדיאָ־טראנסלירונגען מארק פרענקעל, דער ייִדישער דיקטאָר סארע וועכטער און דער קלאנג־רעזשיסער ווערע טשוכרי זייַנען אזעלכע פרייַנטלעך־צוגעלאָזטע מענטשן, אז מיר האָבן זיך גלייַך דערפילט אין דער סטודיע גוט און היימיש. פרענקעל מיט ביידע מילדע פרויען זייַנען פארנאכט געקומען מיט דער נייטיקער אפּאראטור אף אונדזער פאָרשטעלונג און פארשריבן זי פון אָנהייב ביזן סאָף. אין דער סטודיע האָבן מיר אויסגעפילט פראגמענטן פון אונדזער קומענדיקער פּרעמיערע „בלאָנדזנדע שטערן“ לויט שאָלעם־אלייכעמען מיט ארן ווערגעליסעס נייַע הייַנטצייַטיקע טעקסטן און זינגלידער. כוץ דעם, האָט זינאָווי קאמינסקי פארשריבן צוויי דערציילונגען פון מענדעלע מויכער־ספאָרים און שאָלעם־אלייכעמען, איך האָב געלייענט שאָלעם־אלייכעמס „א מייַנעלאָשן פון א שטיף־מאמע“, שירע גאָרשמאנס „די ליבע פון א בלעכער“ און „דער מאדאמס קינדער“ און לידער פון ארן ווערגעליס, מוישע טייף, מאָטל גרוביאן, שיקע דריז און אווראָם גאָנטאר.

אין דער שטאָט ביראָבידזשאן האָבן מיר אויך געהאט צוויי שפּעטערישע באגעגענישן אף די אָרטיקע אונטערנעמונגען. די ערשטע איז פאָרגעקומען אף דער שוך־פאבריק, ווו דער דירעקטאָר איז יאקאָוו שנייַדערמאן.

ווען זי האָט זיך אין 1946 געעפנט אין א צווײשטאָקיק הילצערן שטיבל, האָט דער קאָלעקטיוו אָנגעציילט סאכאקל 30 מענטשן. קיין מאשינעס זייַנען ניט געווען, די גאנצע ארבעט איז געטאָן געוואָרן מיט די הענט. יאקאָוו שנייַדערמאן איז געווען צווישן די ערשטע. פון א זיבעצניאָריק ארבעטער־ייִנגל ביז א דירעקטאָר פון איינער פון די גרעסטע שוך־פאבריקן אפן ווייַטן מיזרעך — דאָס איז דער וועג פון יאקאָוו אראָנאָוויטש שנייַדערמאנען. פון א לערן־ייִנגל ביז אן אָנפירער פונעם גרעסטן צעך אין דער אונטערנעמונג — דעם „זאגאָטאָוואָטשנע“ — דאָס איז דער וועג פון גריגאָרי סעמיאָנאָוויטש דובינסקין. א זעכצניאָריק מיידעלע איז געקומען אף דער פאבריק בעלע איסאאקאָוונע סערדצע, וועלכע איז איצט באלוינט מיטן צווייטן אָרדען פון „ארבעטס־רום“. פאָלינע סעמיאָנאָוונע גילדבורד איז באערט מיט א מעדאל „פאר אויסגעצייכנטער מי“. לעאָניד סעמיאָנאָוויטש סאמטשוקאָוו, דער אָנפירער פונעם עקספּערימענטאלן צעך, איז איינער פון די בעסטע ראציאָנאליזאטאָרן. דאָוויד איסאאקאָוויטש סמיקון, דער פארוואלטער פון דער צענטראלער לאבאָראטאָריע, איז באוווּסט מיט זייַן שארפן מויעך און מיט זייַן ברייטן דיאפּאזאָן פון טעכנישע קענטענישן. מיט היפּשע דערגרייכונגען האָט די שוך־פאבריק פארענדיקט דעם צענטן פינפיאָר. אלס צוגאָב צום פּלאן האָט זי ארויסגעגעבן א מיליאָן מיט 750 טויזנט פּאָר שיך. פאר די דערפאָלגן איז איר צוגעייגנט געוואָרן דער נאָמען „פאבריק אפן נאָמען פונעם 26־טן צוזאמענפאָר פון קפּסס“. אין אירע צעכן ארבעטן מענטשן פון פארשיידענע נאציאָנאליטעטן, וועלכע לעבן אין פרייַנטשאפט ווי איין ארבעטער־מישפּאָכע.

נאָכן קאָנצערט, וואָס דער אנסאמבל האָט געגעבן אין פולגעפּאַקטן קלוב פון דער אונטערנעמונג, האָט יאקאָוו שנײַדערמאַן אונדז געשענקט אַן אדרעס אין נאָמען פון דער פאבריק. אלס אן אָנדענק פון דער באגעגעניש האָט ער אונטערגעטראָגן יעדן באזונדער א מאטאָנע — א קאָמפּלעקט קינסטלערישע פּילפּארביקע קארטלעך, וועלכע שפּיגלען אָפּ דאָס לעבן, די נאטור און די קולטור־אנטוויקלונגען פון דער יידישער אווטאָנאָמער געגנט. מיר האָבן זיך אויך באקאנט מיט דער אויסשטעלונג, וואָס געפינט זיך אפן ערשטן שטאָק באם ארײַנגאנג אין דער פאבריק. די כאוועריטע מאזאָ, וועלכע האָט אונדז געבראכט פונעם האָטעל אף א מאשין, האָט גערן ארומגעפירט די ארטיסטן איבער דער אויסשטעלונג און מיט גרויס קענטעניש דערציילט וועגן דער געשיכטע פון דער פאבריק. אין א צײַט ארום, ווען מיר האָבן זיך אומגעקערט פון די גאסטראָלן קיין מאָסקווע, האָבן מיר געטראָפן א דאנק־בריוו פונעם קאָלעקטיוו פון דער שוך־פאבריק, וואָס איז געשיקט געוואָרן אין דער הויפּט־פארוואלטונג פון קולטור און אין דער פאריייניקונג „מאָסקאָנצערט". אָט איז דער טעקסט פונעם בריוו:

„די אדמיניסטראציע, דער פארטיי־קאָמיטעט און דער פאבריק־קאָמיטעט פון די פראָפעסיאָנאלע פארייִנען פון דער בירָאבידזשאנער שוך־פאבריק דאנקען הארציק דעם קאָלעקטיוו פונעם מאָסקווער יידישן דראמאטישן אנסאמבל פאר דער באגעגעניש, וועלכע איז פאָרגעקומען דעם 24 יון 1981. דער קינסטלערישער אָנפירער יאקאָוו גובענקאָ האָט עמאָציאָנעל און מיט אינטערעסאנטע פּראָטים דערציילט וועגן דעם שעפערישן וועג פונעם קאָלעקטיוו, וועגן די אקטיאָרן און וועגן די פּלענער אף ווײַטער. אין דער קאָנצערט־פּראָגראם האָבן זיך באטייליקט די ארטיסטן: מ. קאָטליאראָווע, מ. לעווקאָוויטש, י. גייכמאן, מ. אדאמאָווסקע, ע. קינער, ב. פּרייטייעוו אא. אלע האָבן זיי דערפרייט דעם צושויער מיט זייער אייגנארטיקער קונסט, פּראָפעסיאָנעלער מײַסטערשאפט, מיטן נאציאָנאלן קאָלאָריט פון דער שפּיל. ס'איז זייער גוט, וואָס דער אנסאמבל פארמערט זיך מיט טאלאנטפולער קינסטלערישער יוגנט און די שעפערישע האשפּאָע פונעם עלטערן דאָר ווירקט פרוכטבאר אף דער ווײַטערדיקער אנטוויקלונג פונעם טעאטער.

מיט א גרויסן דערפאָלג זײַנען דורכגעגאַן די פאָרשטעלונגען פונעם אנסאמבל אין אונדזער שטאָט. וויכטיק איז דאָס, וואָס די טעמאטיק פון דער פּיעסע „א נאכט פאר באבי יאר" איז אָרגאניש פארבונדן מיט דער פערציקיאָריקער דאטע, זינט די דײַטשישע פאשיסטן זײַנען פרעך אָנגעפאלן אף אונדזער סאָוועטן־לאנד. די ארבעטער און אינזשעניערן פון דער בירָאבידזשאנער שוך־פאבריק האָבן געקוקט אײַער פאָרשטעלונג, און זיי דאנקען די אקטיאָרן, וואָס טראָגן דעם עמעס וועגן די גרויסע איבערלעבונגען פון אונדזער לאנד אין די מילכאָמע־יאָרן, וועגן דער העלדישקײַט און פרײַנטשאפט פון די סאָוועטישע מענטשן.

מיר ווינטשן נײַע דערפאָלגן דעם גאנצן

די ארטיסטן ז. קאמינסקי (אין צענטער), מ. קאָטליאראָווע (לינקס) און ר. ווישניאקאָווע אין א סצענע פונעם פעקטאקל „דער דאמען־שנײַדער"

קאָלעקטיוו און בעטן אײַך, איר זאָלט קומען אָפטער צו אונדז אפן ווײַטן מיזרעך.
דירעקטאָר פון דער פאבריק — שנײַדערמאן יאַ. אַ.
סעקרעטאַר פונעם פּאַרטיי־קאָמיטעט — קושניר אַ. יאַ.
פּאָרזיצער פון דעם פאבריק־קאָמיטעט מארקאָווא אַ. אי.״

אָף מאָרגן איז פאָרגעקומען א באגעגעניש מיט דער בירעבידזשאנער נײ־פאבריק.
דאָ האָבן מיר זיך דערוווּסט, אז די פאבריק האָט זיך אָרגאניזירט אין 1932 — א קלײנער ווארשטאט, ווו ס׳האָבן געארבעט אינגאנצן 100 מענטשן, און איצט א מאָדערנע אונטערנעמונג מיט 1500 ארבעטער — מענטשן פון 19 נאציאָנאַליטעטן. 50 פּראָצ. פון זיי זײַנען ייִדן.
אויך אין דער נײ־פאבריק האָבן מיר באוויזן א קאָנצערט, וועלכן די ארבעטער האָבן אופגענומען מיט באגײַסטערונג.
פאר אן אקטיאָר איז יעדע באגעגעניש מיטן צושויער א גרויס געווינס, איבערהויפּט, ווען ער פילט דעם אָטעם פונעם דאנקבארן זאַל, און צומאָל רעגט אָן אף נײַע אָנשטרענגונגען בלויז א קלונג דורכן טעלעפאָן, אָדער א בלום, וואָס א פּראָסטער מענטש שענקט דעם ארטיסט. אָט איז א בײַשפּיל. אין אײנעם א טאָג, בעשאס איך האָב זיך געלאָזט גײן אף דער ראַדיאָ, האָט מיך אָפּגעשטעלט די האָטעל־דעזשורנע פונעם 2־טן שטאָק, ווו איך האָב פארנומען א נומער. איבערײַסנדיק איר געשפּרעך דורכן טעלעפאָן, האָט זי מיר איבערגעגעבן דאָס טרײַבל. איך האָב דערהערט א פרויִשע שטים, וואָס האָט איבערגעגעבן אַלע אַקטיאָרן, דעם רעזשיסער און מיר פערזענלעך א הארציקן דאנק פארן ספּעקטאַקל. איבערהויפּט האָט זי געלויבט זינאָווי קאמינסקין, וועלכער האָט געשפּילט די הויפּט־ראָל — דעם דאמען־שנײַדער.
„כאָטש איך פערזענלעך, — האָט זי געזאָגט, — האָב די מילכאָמע ניט געזען און מיר איז ניט אויסגעקומען אזעלעכס איבערלעבן, נאָר דאָס, וואָס איך האָב נעכטן געזען אין אײַער פאָרשטעלונג, האָט מיך ניט געלאָזט אײַנשלאָפן א גאנצע נאכט...״ טרערן האָבן איר געשטערט רײדן, און מיר — הערן. איך האָב זיך באמיט זי באַרויִקן און אפילע פארגעסן צו פרעגן איר נאָמען. ווען איך בין צוריקגעקומען פונעם ראַדיאָ־קאָמיטעט, האָט אף מיר געווארט א סורפּריז. די זעלבע דעזשורנע (זי האָט אויך געקוקט אונדזער פאָרשטעלונג) האָט מיר געמאָלדן, אז עס איז געקומען א פרוי מיט א בוקעט פּיאָנען און געפרעגט: „ווו וווינט דאָ דער דאמסקע שנײַדער מיט זײַן טאָכטער סאָניע״. דאָס האָט זי געמײנט קאמינסקין און מיך. זינאָווי איז גראָד געווען בא זיך אין נומער, און בא מיר האָט זי אַלײן אוועקגעשטעלט די בלומען. צי קאָן מען פארגעסן אזא דאנקבארן צושויער?

פון בירעבידזשאן זײַנען מיר ארויסגעפאָרן מיטן צוג קײן בעלאָגאָרסק, וואָס געפינט זיך אפן טײַך אמור. דאָס איז א קלײנע, זײער א רײנע שטאָט מיט גוטע פרײַנטלעכע אײַנוווינער. זיי האָבן פארפולט דעם זאַל, ווו מיר זײַנען ארויסגעטראָטן, אין מעשעך פון צוויי אָוונטן (דוכט זיך, רוסישע מענטשן, און מיט וואָס פאר א פארינטערעסירטקײַט זיי האָבן עס

א סצענע פונעם ספּעקטאַקל „דער דאמען־שנײַדער״

אופגענומען ייִדישע טעאטראלע קונסט!). וויַיטער איז דער וועג אונדזערער געגאנגען קיין טשיטא. און וויַיל איך בין ניט בעקויעך אף א פּראָפעסיאָנעל־ליטעראַרישן אויפן אויסדריקן מיַין אנציקונג פון דער נאטור, וואָס ציט זיך איבער אָט דעם וועג, קאָן איך נאָר איבערכאַזערן דאָס ווערטל „בעסער איין מאָל זען, איידער צען מאָל הערן”... די בערג, באדעקטע מיט סוידעסדיקע גרינע וועלדער, די פעלדזן פון גראניט, דער בארימטער טיַיך אמור, וועלכער שלענגלט זיך לענגויס דער איַיזנבאן־ליניע און באגלייט אונדז קימאט דעם גאנצן וועג. איך האָב זיך קיינמאָל ניט פאָרגעשטעלט, אז עס איז דאָ אף דער וועלט אזא אויסערגעוויינלעך שיינע נאטור, ווי אפן וויַיטן מיזרעך און אין סיביר!

די אוראלטע שטאָט טשיטא האָט אף מיר געמאכט א דערשיטערנדיקן איַינדרוק מיט אירע איַינגעפונדעוועטע גאסן, מיטן ראַכוועס פון די פּלעצער, מיט די אלטע שיינע מויערן, ווי אויך מיט די נ‍ייַע געבייַען, וואָס זיַינען שוין געבויט אין א מאָדערנעם סטיל.

אין טשיטא האָבן מיר געשפּילט איין אָוונט אין אָפּיצערן־הויז. אפּאָנעם, אדאנק דעם איז געקומען אף דער פאָרשטעלונג א סאך מיליטער־יוגנט. ניט קוקנדיק אף דעם, וואָס ניט אלץ איז אין דער שפּיל דערגאנגען צו יעדן איינעם, זיַינען אלע אין זאל געזעסן אופמערקזאמע און צופרידענע.

איצט האָט דער אנסאמבל זיך שוין אומגעקערט קיין מאָסקווע. די נאָטיץ שריַיב איך אונטערן פרישן איַינדרוק פון דער גאסטראָלרייַזע. מיר זעצן פאָר די רעפּעטיציעס פונעם ספּעקטאקל „בלאָנדזשנדע שטערן”, וועלכע מיר האָבן געמוזט איבעררייַסן איבער דער רייַזע. דערוויסנדיק זיך, אז איך שריַיב די דאָזיקע נאָטיץ, האָבן אלע ארטיסטן פונעם אנסאמבל מיך געבעטן באדאנקען די וויַיטמיזרעכדיקע צושויער פאר דער וואַרעמקייַט, מיט וועלכער זיי האָבן אונדז אופגענומען.

זינאָווי קאמינסקי

די סאָוועטישע ייִדישע קולטור האָט געליטן א שווערן פארלוסט: אין עלטער פון 69 יאָר איז געשטאָרבן דער ארטיסט פונעם מאָסקווער ייִדישן דראמאטישן אנסאמבל זינאָווי קאמינסקי.

געבוירן אין 1912 אין א מישפּאָכע פון ייִדישע אקטיאָרן, וועלכע האָבן געצויגן זייער ייִכעס פון דער באַוווּסטער טעאטראלער דינאסטיע קאמינסקי, האָט ז. קאמינסקי אָנגעהויבן שפּילן אף דער בינע נאָך פון קינדוויַיז אָן — צוערשט אין רודאָלף זאסלאַווסקיס און אין מוישע זאכאראָווס וואנדער־טרופּעס, דערנאָך אין בינ־יאָמין שווארצערס „פאָלקס־טעאטער”. אין 1929 קומט ער אָן זיך לערנען אין דער סטודיע באַם ייִדישן טעאטער פון וויַסרוסלאנד און באהערשט די יעסוידעס פון דער טעאטראלער קונסט אונטער דער אָנפירונג פונעם אָנגעזעענעם רעזשיסער ראפאלסקי. שפּעטער ווערט ער איינער פון די פירנדיקע אקטיאָרן אין קרימער ייִדישן קאָלווירטישן טעאטער. אין משעך פון פיל יאָרן האָט ז. קאמינסקי געשאפן אין אָט דעם טעאטער א ריי הויפּט־ראָלן — סטעמפּעניו, הערשעלע אָסטראָפּאָליער, מענאכעם־מענדל און אנד.

דעם יונגן באגאבטן אקטיאָר לאדט איַין מיכאָעלס אין דעם מאָסקווער גאָסעט, און דאָרט צעבליט זיך מיט א נ‍ייַער קראפט קאמינסקיס טאלאנט. אין דעם ספּעקטאקל „שלוימע מײַמאָן” פּילט ער אויס די ראָל פונעם פּילאָסאָף מוישע מענדעלסאָן, אין די „בלאָנדזשנדע שטערן” — פון לייבל ראפאלעסקאָ. ער נעמט אָנטייל אין די ספּעקטאקלען „די קאפּריזנע קאלע”, „כאסענע געהאט”, „פּרייַלעכס”, און סיַי די צושויער, סיַי די קריטיק מערקט אָפּ זיַין וווּנדערלעכע באגאבונג — צארטן ליריזם און טיפן פּסיכאָלאָגיזם.

אין משעך פון די לעצטע יאָרן ארבעט זינאָווי קאמינסקי אינעם מאָסקווער ייִדישן דראמאטישן אנסאמבל. טויזנטער צושויער האָבן מיט באגיַיסטערונג אופגענומען דעם ארטיסט אין די ראָלן פון עפראָיִם פידלער אין גאָרדינס „איבערן אָקעאן”, רעב אלטער, שימען־עליע און טעוויע דער מילכיקער אין שאָלעם־אליי‏כעמס פּיעסן. די לעצטע ראָל, וואָס ז. קאמינסקי האָט געשפּילט אין אָט דעם אנסאמבל, איז געווען דער שניַידער אין א. באָרשטשאגאָווסקיס „די נאכט ערעוו באבי יאר”.

זינאָווי קאמינסקיס בײַטראָג אין דער ייִדישער טעאטראלער קונסט איז אומשאצבאר. ער וועט פארבליַיבן אין דער געשיכטע פונעם ייִדישן סאָוועטישן טעאטער אלס אקטיאָר פון א גרויסן פארנעם. זיַין נאָמען וועט שטענדיק דערמאָנט ווערן מיט ייִראַס־האקאָוועד.

קינסטלער מענדל גאָרשמאן

מענדלֿ גאָרשמאן (1902 — 1972) געהערט צו דעם דאָר קינסטלֿער, וועמענס שעפערישע קרעדאָ האָט זיך אויסגעפורעמט אין די שווערע און ראָמאנטישע צוואנציקער יאָרן. ער איז געקומען פון דער באגאבטער סטודענטן־סוויווע, וועלֿכע איז גענייגט געווען צו עקספערימענטירונג און אוניווערסאלֿיזם. פילֿ סטודענטן האָבן געפרווט זייערע קויכעס אין סצענאָגראפיע און אויספאָרמירונגס־קונסט, אָבער גאָרשמאן האָט פון סאמע אָנהייב אין זייַן זעלֿבשטענדיקער טעטיקייַט מיט ווונדערלֿעכער באשטענדיקייַט געמאָלֿט בוך־אילֿיוסטראציעס. זייַן גראפיק דערשייַנט אין צייַטונגען און זשורנאלֿן. ער ווענדעט אויך די אופמערקזאמקייַט אף דער אקוואַרעלֿ־מאָלֿערייַ. זייַן מייַסטערשאפט שטייַגט, ער באהערשט אלֿערלֿיי אויסדרוק־מיטלֿען פון דער גראפישער טעכניק. די פרוכטבארע האשפאָע פונעם געניִאלֿן וו. א. פאוואָרסקי איז ניט פארבייַגעגאנגען דעם קינסטלֿער גאָרשמאן.

ער איז בייַגעקומען אלֿע אוואנגארד־שטרעמונגען פון ערשטן פערטלֿ פון די צוואנציקער יאָרן. דורכטראָגנדיק אף זייַן גאנצן קינסטלֿערישן וועג לֿיבע צו דער נאטור, האָט ער זי איבערגעשמאָלֿצן אין קינסטלֿערישע געשטאלֿטן ערנסט און אומבאצווונגען. פאוואָרסקיס האשפאָע מערקט זיך בא אים אין דעם, ווי עס „אָטעמט“ דער רוים אפן בויגן אין די שווארץ־ווייַסע פען־צייכענונגען, אויך דעריך, ווי ארכיטעקטאָניש עס איז אינגאנצן גענומען דער רוים־אָרגאניזם פונעם בוך. וועגן דעם זאָגן איידעס די אילֿיוסטראציעס צו מענדעלֿע מויכער־ספאָרימס, י.־לֿ. פערעצעס, שאָלֿעם־אלֿייכעמס ווערק, ווי אויך צו די ווערק פון די רוסישע קלֿאסיקער.

א נאכעסדיק געפילֿ שפירט דער לֿייענער, באטראכטנדיק די רירנדיק־כיינעוודיקע צייכענונגען, דורכגעשטראלֿטע מיט זעלֿיקן הומאָר און איראָניע צו די באשיידענע פערסאָנאזשן פונעם שטעטלֿ — מ. גאָרשמאנס באלֿיבטע טעמאטיק. די געשטאלֿטן זייַנען אָרגאניש און אומבאצווונגען אריַין אין לֿיטערארישן געבוי און זייַנען ניט אוועקצונעמען פון דעם טעקסט. זיי פארכאפן מאמעש מיט דער דינקייַט און ארטיסטיזם, מיט דעם לֿאקאָנישן אינהאלֿט פון דער מאָלֿערישער שפראך.

לֿיודמילֿע נאכאָווא



אווטאָפאָרטרעט

אילוסטראציעס צו יאָסיף אוטקינס
„פּאָעמע וועגן דעם גערלן מאָטעלע".

אוטאָליטאָגראַפיע



אילוסטראציעס צו יאָסיף אוטקינס
„פּאָעמע וועגן דעם געלן מאַטעלע".

אווטאָליטאָגראַפיע

אילוסטראַציע צו שאָלעם־אַלייכעמס
„מאָטל פּייסי דעם כאַזנס״

אילוסטראַציע צו י.־ל. פּערעצעס
„דער מעשוגענער באַטלען״

ש·מ·ו·ע·ס

וועגן מוזיק און טעאַטער

עטלעכע שטריכן צום פּאָרטרעט פון אַלעקסאַנדער קאָנסטאַנטינאָוויטש גלאַזונאָוון

די מערהייט רוסישע קאָמפּאָזיטאָרן־קלאַסיקער, וועלכע האָבן געלעבט אין XIX יאָרהונדערט, האָבן געשאַפן אָריענטאַלע מוזיק. די דאָזיקע ליניע האָט געצויגן איר אָנהייב נאָך פון גלינקען (לאָמיר דערמאָנען די מיזרעך־סצענעס אין „רוסלאַן און ליודמילע"). מוסאָרגסקי האָט אין זײַן אָפּערע „כאָוואַנטשטשינע" בוילעט אָפּגעשפּיגלט די מיזרעך־טעמע. דאָס זעלבע קאָן מען זאָגן וועגן רימסקי־קאָרסאַקאָוון. וואָס שייך אַנטאָן רובינשטיינען (דעם גרינדער און ערשטן דירעקטאָר פון דער פּעטערבורגער קאָנסערוואַטאָריע), האָט ער פאַרמאָגט אין זײַן רעפּערטואַר אָפּערעס, וואָס זײַנען פון אָנהייב ביזן סאָף געווען געבויט אויף ביבלישע סוזשעטן („שולאַמיס", „די מאַקאַבייער").

באַזונדער פון די אַנדערע איז אין דעם פּראַט געשטאַנען גלאַזונאָוו. כאָטש בא אים זײַנען יאָ געווען אָריענטאַליזמען, האָבן זיי אָבער צו דער ייִדישער מוזיק קיין שייכעס ניט געהאַט. און דאָך דערמאָנען מיר איצט זײַן נאָמען אין צוזאַמענהאַנג מיט דער ייִדישער טעמע, און אָט פאַרוואָס.

נאָך דער רעוואָליוציע פון 1905 איז א. ק. גלאַזונאָוו געוואָרן דער אָנפירער פון דער פּעטערבורגער קאָנסערוואַטאָריע (אויף דעם פּאָסט האָט ער אָפּגעאַרבעט ביז דער מיט פון די צוואַנציקער יאָרן), און גראָד פון אָט דער צײַט האָט זיך אָנגעהויבן דער גלענצנדיקער אויפבלי פון דער רוסישער קאָמפּאָזיטאָרישער און אויספילערישער שול. פיל שילער (אַזוי האָט מען דעמלט גערופן די סטודענטן פון דער קאָנסערוואַטאָריע) האָבן געשטאַמט פון דער ייִדישער אָרעמשאַפט פון די שטעטלעך, דאָס זײַנען געווען קינדער פון באַלמעלאָכעס, קליינהענדלער, קוסטאַרן. ס'איז גענוג צו זאָגן, אַז פון די ווענט פון דער פּעטערבורגער קאָנסערוואַטאָריע זײַנען אַרויס אַזעלכע מוזיקאַנטן, ווי יאַשע כייפעץ (אַ שילער פון לעאָפּאָלד אַוער), מישע עלמאַן, מאַשע זײַדעל, די ברידער פּיאַסטראָ.

אין די ווענט פון דער פּעטערבורגער קאָנסערוואַטאָריע זײַנען אויפגעקומען קאָמפּאָזיטאָרישע שולן: אַ לעטלענדישע, עסטלענדישע, אַרמענישע, ייִדישע. אַזאַ אויסערסט גינסטיקע שעפערישע אַטמאָספער איז געשאַפן געוואָרן בא גלאַזונאָווס דירעקטן און אומיטלבאַרן אָנטייל! מע דאַרף ניט פאַרגעסן, אַז ביז דער גרויסער סאָציאַליסטישער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע האָט מען פאַר לערנען אין דער קאָנסערוואַטאָריע געמוזט צאָלן פאַר אַ יאָר צוויי הונדערט גאָלדרובל מעזומאָנים. ווו האָבן די שטעטלדיקע קאַפּצאָנים געקאָנט נעמען אַזויפיל געלט? דער אוטאָר פון אָט די שורעס איז אָנגענומען געוואָרן אין דער קאָנסערוואַטאָריע אומזיסט, אין עלטער פון 9 יאָר — פּערזענלעך דורך א. ק. גלאַזונאָוון, אַזוי ווי פיל אַנדערע ייִנגלעך.

ווי באַוווּסט, האָבן ייִדן ניט געהאַט קיין פּראַוואָזשיטעלסטוואָ אין פּעטערבורג, נאָר די קאַנדידאַטן אויף אָנגענומען ווערן אין דער קאָנסערוואַטאָריע האָבן געהאַט אַ להאַטע (די להאַטע האָט, פאַרשטייט זיך, געפּועלט גלאַזונאָוו): אין דער צײַט פון די אויפנאַם־עקזאַמענעס האָבן ייִדישע אַביטוריענטן געמעגט אין פּעטערבורג וווינען. און די, וואָס זײַנען אָנגענומען געוואָרן אין דער קאָנסערוואַטאָריע, האָבן באַקומען דאָס רעכט זיך געפינען אין מעשעך פונעם גאַנצן לערן־טערמין — פינף יאָר. ס'פלעגט טרעפן, אַז ווען אַ ייִדיש ייִנגל האָט ניט אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען, איז ער אויך ניט פאַרפאַלן געוואָרן: דער, וואָס איז ניט דורכגעגאַנגען לויטן פידל־קלאַס, איז מיט גלאַזונאָווס הילף פיקטיוו אָנגענומען געוואָרן אין אַזאַ אינסטרומענטן־קלאַס, וואָס איז בא די ייִדן געווען ווייניקער פּאָפּולער, אַשטייגער, אינעם קלאַס פון שלאָג־מאַכשירים, אָדער פון מעשענע בלאָזאינסטרומענטן. צווישן אַזעלכע „שילער" זײַנען געווען אויך רעוואָליוציאָנערן, וועלכע האָבן, לויט זייער טעטיקייט, נייטיק באַדאַרפט זײַן אין פּעטערבורג. אויך דאָ האָט זיך געפילט גלאַזונאָווס האַנט.

גלאַזונאָוון גופע האָט מען אין קיין פאַל ניט געקאָנט אָנרופן דעמאָקראַט, ווער רעדט נאָך סאָציאַליסט. ער איז געווען אַ טיפּישער פּעטערבורגער ליבעראַל, געשטאַמט פון אַ רײַכער פאַמיליע (זײַן פאָטער איז געווען אַ פאַרלעגער), נאָר ער אַליין האָט זיך פאַרנומען בלויז מיט מוזיקאַלער קונסט. אַלס מוזיקאַנט און מענטש האָט ער געהאַט אַ שטאַרקן

אײַנפֿלוס אין אַלע פּעטערבורגער קרײַזן, אָנגעהויבן פֿונעם צאַרישן הויף און ביז די רעוואָלוציאָנערן פֿון יענער צײַט. מע קאָן ניט זאָגן, אַז ער איז געווען פֿול מיט ענערגיע, גיכער האָט ער, פּאַרקערט, גע־האַט אַן אײַנגעהאַלטענעם כאַראַקטער און איז געווען אַ שווײַגער. אַן אַד־מיניסטראַטאָר איז ער אויפֿן ערשטן קוק געווען אויך ניט זייער קיין גרעאַטענער. אינדערעמעסן אָבער, פֿלעגט ער אָפּטמאָל אַרויסווײַזן היפּשע אָרגאַני־זאַטאָרישע פֿײַיִקײַטן. לאָמיר דערמאָנען כאָטש אַזאַ פֿאַקט. אין די יאָרן פֿון דער ערשטער וועלט־מילכאָמע האָט ער, שטרעבנדיק צו פֿאַרהיטן די מוזיקאַלע קאַדרען, זיך אויסגעסטאַרעט, אַז באַם פּאַוולאָווער פּאָלק זאָל אָרגאַניזירט ווערן אַ גרויסער סימפֿאָנישער אָרקעסטער. די סטרונע־גרופּע פֿונעם דאָזיקן אָרקעסטער איז באַשטאַנען אויסשליסלעך פֿון ייִדן. דאָס האָט געהאָלפֿן צו פֿאַרהיטן אַ היפּשע גרופּע מוזיקאַנטן, וועלכע האָבן שפּעטער פֿאַרנומען אַ וויכטיק אָרט אין דער אַנט־וויקלונג פֿון דער סאָוועטישער מוזיק. אַף צו אָרגאַניזירן אַזאַ אונטערנעמונג האָט מען געמוזט האָבן ניט ווייניק ענערגיע.

איך האָב שוין אָנגעוויזן, אַז גלאַזו־נאָוו איז קלאָר ניט געווען קיין רעוואָ־לוציאָנער, פּאַרקערט, ער פֿלעגט זיך ניט אָפּזאָגן צו אונטערהאַלטן באַציִונגען מיט די העכסטע קרײַזן פֿונעם צאַרישן הויף. אַזוי, לע־מאָשל, האָט ער אָנגעשריבן מוזיק צו דער פּיעסע „דער מײַלעך פֿון יעהודע", וואָס איר אויטאָר איז געווען ק. ר. (קאָנסטאַנטין ראָמאַנאָוו) — דער פֿעטער פֿונעם אימפּעראַטאָר ניקאָלײַ II.

פּילבאַר איז געווען גלאַזונאָווס אײַנפֿלוס אויך אינעם אופֿקום פֿון דער סאָוועטישער ייִדישער קאָמ־פּאָזיטאָרישער שול. ס'ווילט זיך מיר דערמאָנען דאָ די נעמען פֿון די אָנטיילנעמער אין דער „געזעל־שאַפֿט פֿון ייִדישער פֿאָלקס־מוזיק": מ. מילנער, אי. קאָפּיט, ס. ראָזאָווסקי, מ. לוואָוו, י. שקליאַר, נאָענט צו זיי איז געווען ג. קאָמפּאַנייעץ (מײַנער אַ פֿעטער, שפּעטער אַ פּראָפֿעסאָר פֿון דער קיִעווער קאָנסערוואַטאָריע). אין דער „געזעלשאַפֿט פֿון ייִדי־שער פֿאָלקס־מוזיק האָט אַקטיוו געאַרבעט דער פֿאָלקלאָריסט ז. קיסעלהאָף, דער מאָסקווער מוזיק־קריטיקער יולי ענגעל, דער קאָמפּאָזיטאָר און פּע־דאַגאָג נ. א. רימסקי־קאָרסאַקאָוו, וועמען מ. לוואָוו האָט באַוויזן זײַנע שילערישע שאַפֿונגען (ווי מיר געדענקען, איז גלאַזונאָוו אויך געווען רימסקי־קאָר־סאַקאָווס אַ שילער), וועלכער האָט זיך מיט פֿולער האַסקאָמע באַצויגן צו מ. לוואָווס ערשטע מוזיקאַלע פּרווון. וועגן דער דאָזיקער איניציאַטיוו האָט גע־וווּסט אויך גלאַזונאָוו, וואָס האָט אונטערגעהאַלטן די ערשטע מוזיקאַלע נאַציאָנאַלע שולן בײַ די לעטן, עסטן, אַרמענער, ייִדן.

ווי איך האָב שוין אָנגעוויזן, איז גלאַזונאָוו גע־ווען אַ מענטש מיט אַ מילדער נאַטור, מע האָט אים

א. ק. גלאַזונאָוו, 1899. קינסטלער וו. סעראָוו

אַפֿילו גערופֿן ווייכלײַביקער. ווען מע האָט אָבער געדאַרפֿט, איז דער זעלבער גלאַזונאָוו געווען פֿעסט און אײַנגעשפּאַרט. אין די שווערע יאָרן 1918—1922, ווען אין סאָוועטן־רוסלאַנד האָט געהערשט הונגער, האָט ער ניט נאָכגעגעבן דעם בײַשפּיל פֿון אייניקע מוזיקער און שרײַבער (לעאָניד אַנדרייעוו, מעטנער, באַלמאָנט, סעווערייאַנין אאַ.) און איז ניט געלאָפֿן פֿון סאָוועטן־רוסלאַנד. פּונקט ווי איפּאָליטאָוו־איוואַ־נאָוו, ווי גליער, איז ער פֿאַרבליבן אין זײַן היימ־לאַנד און צוזאַמען מיטן פֿאָלק איבערגעלעבט די מאַנגלען און דעם הונגער. שפּעטער, צום סאָף פֿון די 20־ער יאָרן, איז גלאַזונאָוו, אונטערן אײַנפֿלוס פֿון זײַן נײַעם געזינד, מיט דער האַסקאָמע פֿון דער סאָוועטן־רעגירונג, אַרויסגעפֿאָרן קיין אויסלאַנד.

צוטרעטנדיק צו שרײַבן אָט די נאָטיץ, האָב איך ניט געשטעלט פֿאַר זיך קיין אויפֿגאַבע צו געבן אַן איבערזיכט פֿון גלאַזונאָווס שאַפֿונג. איך וויל בלויז צוגעבן עפּעס־וואָס וועגן דער ראָליע, וואָס גלאַזו־נאָוו האָט געשפּילט אין דער שעפֿערישער סוויווע פֿון די מוזיקאַנטן. זײַענדיק געבענטשט מיט אַ פֿע־נאָמענאַלן זיקאָרן, האָט ער אַפּויסווייניק אויפֿגע־שטעלט, דה. פֿאַרשריבן און איבערגעלאָזט פֿאַר די קומענדיקע דורות, באָראָדינס גרויסע אוווערטור פֿון דער אָפּערע „דער פֿירשט איגאָר". גלאַזונאָוו איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט פֿאָרויסגעזען שאָסטאַקאָוויטשעס געניאַלקײַט.

דינאָווי קאָמפּאַנייעץ

פובליציסטיק

לעאָנעל דאַדיאַני

פאַרענדערונגען אינעם לעבן פון ייִסראָעל

די ציִעניסטישע טעאָרעטיקער סטארען זיך מיט אלע קויכעס צו אויסבאַהאלטן פון דער וועלט דעם עמעסן טאָך פונעם ציִעניזם. זיי באַהויפּטן, אַז אָט די רעאַקציאָנערע פּראָ־אימפּעריאַליסטישע אידעאָלאָגיע, ווי אויך די פּראַקטישע מײַסים, וואָס זײַנען אָף איר באַזירט, זײַנען (שטעלט אײַך פאָר!) די „נאַציאָנאַלע באַפרײַונגס־באַוועגונג פון די ייִדן", די „ייִדישע רעוואָליוציע" אאַז״וו. די ציִעניסטן און די פּראָציִעניסטן הערן ניט אויף צו גיסן שמוץ אָף דער רעזאָליוציע פון דער גענעראַלער אַסאַמבליי פון די פאַרייניקטע נאַציעס פון 1975, וועלכע האָט ריכטיק קוואַליפיצירט דעם ציִעניזם אַלס אַ פאָרם פון ראַסיזם און ראַסן־דיסקרימינאַציע.

די היסטאָרישע פאַקטן און די הײַנטיקע ווירקלעכקײַט דערווײַזן איבערצײַגעוודיק, אַז אַלע פּרוּוון צו־צופוצן דעם עמעסן טאָך פון דער ציִעניסטישער אידעאָלאָגיע און פון דער פּאָליטיק פון די רעגירנדיקע קרײַזן פון ייִסראָעל זײַנען געבויט אָף זאַמד. די פּראָגרעסיווע עפנטלעכקײַט פון גאָר דער וועלט זעט בוילעט דעם שאָוויניסטישן טאָך און דעם ראַסיזם פון די ציִעניסטישע דאָגמעס, ווי, אַשטייגער, די באַהויפּטונג, אַז אַלע ייִדן זײַנען בעמיילע צווישן זיך קרויווים; אַז עס עקזיסטירט אַן עקסטעריטאָריִעלע „ייִדישע וועלט־נאַציע"; אַז „דער אַנטיסעמיטיזם איז אייביק"; אַז עס איז „ניט נאָרמאַל" און „אַ גרויסע זינד", ווען ייִדן וווינען אין אַנדערע לענדער, ניט אין ייִסראָעל, וווּהין מע דאַרף אַריבערפירן אַלע ייִדן פון די „גאָלעס"־ערטער. די דאָזיקע דאָגמעס שטעלן מיט זיך פאָר די פּראָגראַם פון דער „ריין־ייִדישער מעלוכע", זיי זײַנען דער באַזיס אָף צו שאַפן דאָס אַזויגערופענע „גרויס ייִסראָעל".

„אונדזערע אָוועס, — האָט נאָך דער אַזויגערופענער זעקסטאָגיקער מילכאָמע געזאָגט מאָשע דאַיאַן, — האָבן דערגרייכט צו די גרענעצן, וועלכע זײַנען אָנערקענט געוואָרן אַלס דער יעסאָד אָף צעטיילן פּאַלעסטינע. אונדזער דאָר האָט דערגרייכט די גרענעצן פון 1949. און איצט האָט דער דאָר פון דער זעקסטאָגיקער מילכאָמע דערגרייכט דעם סועץ־קאַנאַל, דעם יאַרדן און די גאָלאַנישע בערג. דאָס איז ניט דער סאָף. נאָך די עקזיסטירנדיקע ליניעס פונעם פײַער־אָפּשטעל וועלן זײַן נײַע ליניעס, זיי וועלן אַריבערשפרײַזן דעם יאַרדן־טײַך, עפשער אויך צוקומען צו ליבאַן און צענטראַל־סיריע". מע דאַרף אָנווײַזן, אַז אין קיין איין אָפיציִעלן ייִסראָעל־דאָקומענט פון דער ציִעניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע ווערן ניט דערמאָנט די פּינקטלעכע גרענעצן פון דער מעדינע.

די געשיכטע פונעם ציִעניזם איז אַ בײַשפּיל דערפון, ווי דער עקסטרעמער בורזשואַזער נאַציאָנאַליזם וואַקסט אַריבער אין איינער פון די רעאַקציאָנערסטע פאָרמען פון ראַסיזם.

נאָך דער צווייטער וועלט־מילכאָמע, ווען די אָרגאַניזאַציע פון די פאַרייניקטע נאַציעס האָט זיך פאַרנומען מיט לייזן די פראַגע וועגן דער בריטישער מאַנדאַט־טעריטאָריע אין פּאַלעסטינע, האָבן די ציִעניסטן פאָרסירט זייער פּאָליטיק: „וואָס מער ערד, וואָס ווייניקער אַראַבער". דעם 9 אַפּרעל 1948 איז די ציִעניסטישע טעראָריסטישע גרופּע „אירגון צוועי לעומי" (אַ נאַציאָנאַלע מיליטערישע אָרגאַניזאַציע. וואָס איר אָנפירער איז געווען דער איצטיקער פּרעמיער פון ייִסראָעל מענאַכעם בעגין) צוזאַמען מיט די טעראָריסטן פון דער אַזויגערופענער „שטערן"־גרופּע באַפאַלן דאָס אַראַבישע דאָרף דאַר־יאַסין און אויסגעקוילעט די גאַנצע באַפעלקערונג פונעם דאָרף, דערונטער קליינע קינדער, פרויען און זקיינים. דער ציל פון אָט דער בלוטיקער אַקציע איז געווען — אָנשרעקן די אַראַבער, קעדיי זיי זאָלן אַנטלויפן פון די ראַיאָנען, וועלכע דאַרפן אַרײַנגיין אין באַשטאַנד פון דער ייִדישער מעלוכע. די דאָזיקע און ענלעכע אַקציעס, ווי, אַשטייגער, דאָס פאַרשפּרייטן קאָלערליי קלאַנגען, וועלכע וואַרפן אָן אַ שרעק אָף דער באַפעלקערונג, די רעפּרעסיעס קעגן די אַראַבער, האָבן געבראַכט דערצו, אַז שוין אין אַ כוידעש אַרום האָבן 200 טויזנט פּאַלעסטינער אַראַבער פאַרלאָזן פּאַלעסטינע. סאַכאַקל זײַנען אין די יאָרן 1947—1949 געלאָפן פון זייערע היימען אָדער פאַרטריבן געוואָרן דורך די ציִעניסטן העכער 800 טויזנט פּאַלעסטינער אַראַבער.

האַלטנדיק זיך באַם ראַסיסטישן לאָזונג — די ערד אָן דעם פאָלק — דעם פאָלק אָן דער ערד, באַטראַכטן די ציִעניסטן דאָס 4־מיליאָניקע פאָלק פון פּאַלעסטי־

נע ניט אלס א סוווערען פּאָלק, נאָר אלס אומגעוווּנ־טשענע אויסלענדער. די ציִוניסטן לייגן קיין אכט ניט דערויף, אז אזא פּאָליטיק געפינט זיך אין א הימל־שרײַענדיקן ווידערשפּרוך מיט דער געשיכטע, מיט דער רעאַלער ווירקלעכקייט, מיטן יוישער און צווישנפעלקערלעכן רעכט. די ייִסראַעל־אגרעסיע האָט דערפירט דערצו, אז דאָס אראבישע פּאָלק פון פּאַ־לעסטינע האָט פארלאָרן זײַן היימלאנד און איז דער־גאנגען צו דער לאַגע פון פּליטים.

אָנשפּארנדיק זיך אָף דער הילף פון די פאַריי־ניקטע שטאטן און פון די אנדערע אימפּעריאַליסטי־שע לענדער און רעאַקציאָנערע קרײַזן, פּארנעמען זיך די רעגירער פון ייִסראַעל מיט סאבאָטירן די באַמיִונגען צו אײַנשטעלן א שטענדיקן און יוישער־דיקן שאָלעם אפן נאָענטן מיזרעך, זיי באַמיִען זיך צו פארהיטן דאָ די געפערלעכע לאַגע פון פּערמאַ־נענטער אָנגעשטרענגטקײַט. ס'איז פאַר אלעמען קלאָר, אז די ניט אײַנגערעגולירטקײַט פונעם קאָנ־פליקט צווישן ייִסראַעל און די אראבער דראָעט מיט אן ערנסטער געפאַר ניט בלויז דער פרידלעכער אנט־וויקלונג אינעם נאָענטמיזרעכדיקן רעגיאָן, נאָר אויך דעם אלגעמיינעם שאָלעם.

וויפל די ציִוניסטישע און פּראָציִוניסטישע פּראָ־פּאגאנדע זאָל ניט סטאַרען זיך צו פּארמאַסקירן דעם דאָזיקן פּאַקט, איז דער ראַסיזם שוין אַרײַנגעדרונ־גען אין אלע שפּאַלטן פון דער הײַנטיקער מעלוכע־סיסטעם פון ייִסראַעל, אָף אים באַזירט זיך די טע־טיקײַט פון אלע ציִוניסטישע פּאָליטישע פּארטייען און אָרגאַניזאַציעס.

דער דעפּוטאַט פונעם ענגלישן פּארלאַמענט ר. דזש. מאַקסוועל היסלאָק האָט אין זײַן אַרויסטרעטונג אין דער געמיינדעס־פּאַלאַטע אין אָקטיאַבער 1973 דערציילט וועגן א שמועס, וואָס ער האָט געהאַט מיטן אָנגעזעענעם טוער פון דער סאָציאַל־ציִוניסטי־שער אַרבעטס־פּארטיי פון ייִסראַעל (מאַי) ד. האַקאַ־העַן. דער שמועס האָט באַוויזן, ווי טיף דער ראַסיזם דרינגט אַרײַן אין באַוווסטזײַן פון די ציִוניסטן, דערונטער פון יענע, וועלכע רופן זיך אָן סאָציאַליסטן (און אלס אַזעלכע, ווי מאַדנע דאָס זאָל ניט זײַן, ווערן זיי אנערקענט דורך דער אָנפירונג פונעם סאָ־ציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל). ד. האַקאַהען האָט גערעדט זייער לאַנג און מיט א היסטערישן טאָן, — דערמאָנט זיך דער בריטישער פּארלאַמענטאַריער. — ווען ער האָט איבערגעכאַפּט דעם אָטעם, האָב איך געמוזט ווענדן זיך צו אים מיט א פראַגע: „דאָקטאָר האַקאַהען, איך בין טיף אופגעבראַכט, וויאַזוי איר רעדט וועגן די אנדערע מענטשן. מיט פּונקט אַזעלכע אויסדרוקן האָט דאָך יוליוס שטרײַכער גערעדט וועגן די ייִדן. צי דען האָט איר זיך גאָרנישט ניט אויס־געלערנט?". קאַלזמאַן איך וועל לעבן, וועל איך ניט פאַרגעסן זײַן ענטפער: „זיי זײַנען דאָך אָבער ניט קיין מענטשן, זיי זײַנען אראבער". ער האָט געהאַט אין זינען די אראבישע פּליטים"...

בעשײַטע האָט דער ערשטער פּרעמיער־מיניסטער פון ייִסראַעל ד. בען־גוריאָן, וועלכער האָט אליין גע־פירט א ראַסיסטישע פּאָליטיק בענוגייע די אראבער, אַזוי אויסגעדריקט זיך וועגן דעם איצטיקן הויפּט פון דער ייִסראַעל־רעגירונג: בעגין איז א... ראַסיסט, ער איז גרייט צו פארטיליקן אלע אראבער... אויס־נוצן קאַלערליי מיטלען, קעדיי דערגרייכן זײַן גע־גאַרטן ציל — די אַבסאָליוטע מאַכט".

„איר, בירגער פון ייִסראַעל, — האָט מ. בעגין גע־לערנט מיט עטלעכע יאָר צוריק די אָפיצערן און סאָלדאַטן פון דער מעדינע, — דאַרפט ניט אַרויס־ווײַזן קיין כעסעד באַם דערהאַרגענען אײַערע קעג־נער. איר דאַרפט צו זיי ניט פילן קיין ברעקל ראַכ־מאָנעס, קאַלזמאַן מיר וועלן ניט פארטיליקן די אַזוי־גערופענע אראבישע קולטור, וואָס אָף אירע רויִנען וועלן מיר אויסבויען אונדזער אייגענע ציוויליזאַציע".

אַרויסטרעטנדיק אין אָקטיאַבער 1955 אין קנעס־סעט, האָט ער געזאָגט: „איך גלייב טיף אין דער טײַקעפדיקער פּרעווענטיווער מילכאָמע קעגן די אראַ־בישע מעלוכעס. ווען מיר האַנדלען אַזוי, דערגרייכן מיר צוויי צילן: ערשטנס, מאַכן מיר א סאָף צו דער מאַכט פון די אראבער; צווייטנס, פארברייטערן מיר אונדזער טעריטאָריע".

די ייִסראַעל־מאַכט האָט אָפּגענומען בא די אראַ־בער (סײַ בא די פּליטים, סײַ בא יענע, וועלכע זײַ־נען געבליבן אין לאַנד) מער פון 650 טויזנט העקט־טאַר ערד אָף א טעריטאָריע פון בערערך 800 טויזנט העקטאַר אַקער־ערד. די 800 טויזנט הא זײַנען גע־ווען דאָס אייגנס פון די אראבער נאָך איידער עס איז געשאַפן געוואָרן מעדינאַס ייִסראַעל. לויט די יעדיעס פון דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע נאַציעס, האָט די רעגירונג קאָנפיסקירט דאָס אייגנ־טום פון די אראבישע פּליטים אָף א סומע פון 360 מיליאָן דאָלער (אין די פּרײַזן פון 1948—1949).

דער האַלבער מיליאָן פון דער אראבישער באַ־פעלקערונג פון ייִסראַעל לעבט אין באַדינגונגען פון שטענדיקער נאַציאָנאַלער דיסקרימינאַציע און באַ־גרענעצטע רעכט. אין לאַנד זײַנען גילטיק 170 פאַר־שיידענע דיסקרימינאַציע־געזעצן בענוגייע די אראַ־בער, וועלכע טרעפן זיך אָן בוכשטעבלעך אָף יעדן טראָט מיט אן אומענטשלעכער דערנידערנדיקער באַ־ציִונג צו זיך; די ראַסיסטן טרעטירן מיט גאַדלעס די פּאַלעסטינער, זאָגנדיק, אַז זיי זײַנען „ניט פײַיִק צו דענקען" אדג.

די אראבער, וועלכע וווינען אין ייִסראַעל, באַקו־מען, בעדערעך־קלאַל, די שווערסטע און סאַמע ני־דעריק באַצאָלטע אַרבעט. דער דורכשניטלעכער יאָר־פאַרדינסט פון אן אראבישן אַרבעטער באַטרעפט מאַקס־סימום 70% פונעם פאַרדינסט פון א ייִדישן אַרבע־טער. די פויערים־פעלאַכן מעגן פאַרקויפן זייער פּראָ־דוקציע בלויז פאַר שטאַרק נידעריקע פּרײַזן. דער גרעסטער טייל פון די אַרבעטנדיקע אראבער האָט ניט קיין סאָציאַלע רעכט, באַזונדערס דאָס רעכט אָף אָפּרו, דאָס רעכט אָף באַקומען שטיצע, ווען מע פאַר־לירט די אַרבעט. מיט סטראַכירונג אין פאַל פון קראַנק ווערן איז אַרומגעכאַפּט ניט מער פון א דריטטייל פון דער אראבישער באַפעלקערונג אין ייִסראַעל.

די פּאָליטישע רעכט פון דער אראבישער נאַציאָ־נאַלער מינדערהײַט זײַנען שטאַרק באַגרענעצט. דער ייִסראַעל־אַדוואָקאַט מוכאַמעד קיוואַן רופט זיך אָפּ אין שאַרפע אויסדרוקן וועגן דער דעמאָקראַטיע אין ייִסראַעל: „דו ביסט אן אראבער, מעגסטו ריידן דאָס, וואָס דו ווילסט, מיר אָבער זײַנען די מאַכט, מעגן מיר טאָן דאָס, וואָס מיר ווילן... דיך מעג מען אַרײַנ־זעצן אין טפיסע אָף אן אומבאַגרענעצטן טערמין,

ארויסשיקן דיך פון לאַנד, כּאָרעוו מאכן דײַן שטוב, לאָזן דיך אָן א היים. אָט אזא איז די ייִסראָעל־דעמאָקראַטיע״.

אן אומראכמאָנעסדיקע דיסקרימינאַציע פירן דורך די מאכט־אָרגאַנען פון טעל־אוויוו בענעגייע דער בילדונג פון די אראבער. אין דער סיסטעם פון דער אָנפאנג־בילדונג פאר די אראבישע קינדער אין ייִסראָעל פעלן שטארק אויס שול־געבײַדעס און לערער. די פּראָגרעסיווע אראבישע לערער ווערן ארויסגעטריבן פון דער ארבעט. אין די הויכשולן בילדן די אראבער (כאָטש זיי באַטרעפן העכער 15% פון דער גאַנצער באפעלקערונג) סאַכאַקל וואָסערע 2% סטודענטן. מע דארף באַטאָנען, אז די לערן־פּלענער, לערנביכער — די גאַנצע לערן־סיסטעם פון די ייִסראָעל־שולן פאר די אראבישע קינדער האָט דעם ציל צו פלאַנצן אין זיי נאַציאָנאַלן ניהיליזם און אונטערטעניקע געפילן צו דער ציִעניסטישער רעגירונג.

אפילע די טעל־אוויווער צײַטונג „האארעץ״ איז געווען געצוווּנגען צו אנערקענען, אז „די פּאָליטיק פון ייִסראָעל בענעגייע די אראבער קאָן צוגעגליכן ווערן צו דער פּאָליטיק, וועלכע די פארייניקטע שטאַטן פון אמעריקע האָבן אין פאָריקן יאָרהונדערט געפירט בענעגייע די אינדיִאַנער״. דער באַוווּסטער ענגלישער היסטאָריקער ארנאָלד טאָינבי האָט, פון זײַן זײַט, געשריבן, האַבנדיק אין זינען דעם ציִעניסטישן ראַסיזם: „די טראגעדיע פון דער הײַנטיקער געשיכטע פונעם ייִדנטום באַשטייט דערין, וואָס אַנשטאָט לערנען זיך פון די אייגענע ליידן, באַגייען זיך די ייִדן (ציִעניסטן. — ל. ד.) מיט די אראבער פונקט אזוי, ווי מיט זיי זײַנען זיך באַגאַנגען די נאַציסטן״.

דער ראסיזם האָט זיך אזוי טיף אײַנגעוואָרצלט אין ייִסראָעל, אז אין די באַדינגונגען פון דיסקרימינאַציע, אין דער לאַגע פון בירגער פון צווייטן סאָרט, לעבן אויך די אזויגערופענע מיזרעך־ייִדן — ד. ה. די ייִדן, וועלכע שטאַמען פון אפריקע און אזיִע. זיי באַטרעפן איצט מער ווי א העלפט פון דער ייִדישער באפעלקערונג פונעם לאַנד. די אמעריקאַנער בורזשואזע אויטאָרן יו. פישער און מ. באַסיאָוני מערקן אָפּ אין זייער בוך „דער שטורעם איבער דער אראבישער וועלט״ (טשיקאַגאָ, 1977), אז די שפּאַלטונג אין ייִסראָעל צווישן די „ייִדן פון דער ייִדישער אָפּשטאַמונג״ און די „ייִדן פון אפריקאַניש־אזיִאַטישער אָפּשטאַמונג״ איז פונקט אזא שארפע, ווי אין די פארייניקטע שטאַטן צווישן די ווײַסע און די נעגערס. די קינדער פון אפריקאַניש־אזיִאַטישע ייִדן (ספאַרדים) באַטרעפן 60% צווישן די שילער פון די אָנפאנג־שולן, 15% צווישן יענע, וועלכע פארענדיקן די מיטלשול און סאַכאַקל 3% צווישן די ארויסלאָזניקעס פון די אוניווערסיטעטן. 78% פון די ייִדישע קינדער, וועלכע לעבן אין אָרעמקײַט, שטאַמען פון די אפריקאַניש־אזיִאַטישע לענדער. די מיזרעך־ייִדן זײַנען זייער אין א קליינעם פּראָצענט פארטראָטן אינעם מעלוכע־אפּאַראַט (עפּעס מער פון 3%), אין פּארלאַמענט, צווישן דער אָנפירונג פון די פּאָליטישע פארטייען און פּראָפאַריינען. א מיזרעך־ייִד פארדינט אין דורכשניט אין צוויי מאָל ווייניקער, איידער אן אייראָפּעיִשער ייִד.

פונקט ווי די אראבישע באפעלקערונג פון ייִסראָעל, האָבן אויך די מיזרעך־ייִדן ניט בעדייע צו שאָלעם מאכן מיט זייער רעכטלאָזיקײַט און מיט די שווערע לעבנס־באַדינגונגען. זיי הייבן זיך אויף צום קאַמף קעגן דער דיסקרימינאַציע. איינער פון די לידערס פון דער באַוועגונג „שווארצע פּאַנטערעס״, וואָס קעמפט פאר גלײַכבארעכטיקונג פון די ייִדן, וועלכע שטאַמען פון אפריקע און אזיִע, ק. שעמעש, האָט געזאָגט: „איך ווייס, אז ביז יענער צײַט, ווען איר, די אראבער, וועט זיך געפינען אין אן אויסנאַמלאַגע, וועט מיט מיר אויך געשען דאָס זעלבע״.

סיסטעמאַטישע שטראָף־אָפּעראַציעס ווערן דורכגעפירט אָף די אָקופּירטע געביטן מיצאַד די מאכט־אָרגאַנען פון ייִסראָעל. אין דער לעצטער צײַט איז געוואָרן אַלץ קלאָרער, אז אין די פּלענער פונעם אימפּעריִאַליזם, שאָוויניזם און אראבישער רעאַקציע גייען ארײַן ניט בלויז די אַקציעס פון ארויסשיקן פון לאַנד, נאָר אויך א סיסטעם פון פיזיש אומברענגען די פּאַטריִאָטישע אָנפירונג אָף די אָקופּירטע טעריטאָריעס, וועלכע הייבט אוף די פאָלקסמאַסן פונעם מײַרעוו־ברעג און פון דעם אזא־סעקטאָר צום קאַמף קעגן די קעמפּ־דעווידער פארשטענדיקונגען און קעגן דעם פּראָיעקט פון דער אזויגערופענער „אַדמיניסטראַטיווער אויטאָנאָמיע״.

אין יון 1980 האָבן די ציִעניסטישע עקסטרעמיסטן פאָרגענומען א פּרווו צו דערמאָרדן דרײַ אָנגעזעענע פאָרשטייער פון דער באפעלקערונג פונעם אָקופּירטן מײַרעוו־ברעג. אינעם אויטאָמאָביל, אין וועלכן עס זײַנען געפאָרן די מערן פון דרײַ אראבישע שטעט, האָט מען ארײַנגעלייגט באָמבעס. דער מער פון שכעם (נאבלוס) באַסאַם שאקאא און דער מער פון ראַמאַלאַך קערים כאַלאַף זײַנען שווער פארוווּנדעט געוואָרן. דער דריטער — דער מער פון על־ביר איבראהים שאַוויל איז אַלפּי־נעס ארויס אן אומגעשעדיקטער.

אין 1967—1979 האָט ייִסראָעל בלויז אפן מײַרעוו־ברעג פון דעם יאַרדן כּאָרעוו געמאַכט 20 טויזנט הײַזער פון די פּאַלעסטינער און קאָנפיסקירט ארום 30% פון זייערע ערד־גיטער. פאר דעם דאָזיקן פּעריִאָד איז א פערטל מיליאָן פּאַלעסטינער, וועלכע ווינען אָף אָט דער טעריטאָריע, געווען געצוווּנגען צו פארלאָזן זייערע היים־ערטער און אריבערקלײַבן זיך אפן מיזרעך־ברעג. די צאָל אראבישע אײַנוווינער פון מיזרעך־ירושאָלאַיִם איז פארקירצט געוואָרן אָף 32%, אָף די גאָלאַנער בערג איז ביכלאַל פארבליבן ניט מער ווי 9% פון דער אָרטיקער באפעלקערונג. די רעגירנדיקע קרײַזן פון ייִסראָעל ארבעטן פאנאַנדער א ספּעציִעלע סיסטעם מאָסמיטלען, וועלכע דארפן צווינגען די פּאַלעסטינער צו עמיגרירן פונעם לאַנד. זומער 1980 האָט דער פראַנצויזישער זשורנאַל „עקספּרעס״, פארופנדיק זיך אפן געוועזענעם אינפאָרמאַציע־מיניסטער און געוועזענעם שעף פון דער מיליטערישער אויסשפּירונג פון ייִסראָעל גענעראַל א. יאַריוו, געשריבן, אז „עס עקזיסטירן פאַנטאַסטישע פּלענער, וועלכע זעען פאָרויס אויסצונוצן די אָנגעשטרענגטע סיטואַציע און ארויסשיקן פון די אָקופּירטע טעריטאָריעס 700—800 טויזנט פּאַלעסטינער״.

אָף די פארכאַפּטע טעריטאָריעס זײַנען אופגעשטעלט געוואָרן העכער 130 טויזנט ייִסראָעל־יישוּווים — מיליטערישע און ציווילע. מענאַכעם בעגינס

אולטרא־רעכטער קאבינעט שאפט אָן אופהער נײַע ציִעניסטישע פּאָרפּאָסטן אַף דער אראבישער ערד.

די לאגע אין ייִסראָעל און אין גאנצן נאָענטמיזרעכדיקן רעגיאָן ווערט אַלץ געפערלעכער איבער דעם, וואָס די רעגירער פון דער מעדינע איגנאָרירן אַף א ווילקירלעכן אויפן די אינטערעסן פון אנדערע לענדער און פעלקער. מיט וואָס אנדערש, אויב ניט מיט אומגעצוימטער גאדלעס און גרינגשעצונג בענעגייע דער עפנטלעכער מיינונג פון דער וועלט קאָן מען דערקלערן, לעמאָשל, אזא מין מעלדונג פונעם געוועזענעם פּרעמיער־מיניסטער פון ייִסראָעל גאָלדע מעיִר: „מיר (ד. ה. די ציִעניסטישע רעדלפירער. — ל. ד.) האָבן שוין לאנג אויסגעלערנט זיך ניט צו לייגן קיין אכט דערויף, וואָס אנדערע זאָגן וועגן דעם, וואָס מיר שטעלן מיט זיך פּאָר און ווער מיר דארפן זײַן...". דאָס זעלבע האָט געפּריידיקט בען־גוריאָן: „וויכטיק איז בלויז דאָס, וואָס עס טוען די ייִדן, ניט דאָס, וואָס עס ריידן די גאָיִם"...

ייִסראָעל איז איצט א פארבינדעטע פון אלע רעאקציאָנערע רעזשימען. פילזײַטיקע מיטארבעט אין די פּאָליטישע, עקאָנאָמישע און מיליטערישע געביטן, עקזיסטירן, אשטייגער, צווישן ייִסראָעל און די ראסיסטן פון דער דאָרעם־אפריקאנישער רעפּובליק. נאָך אין די 60־ער יאָרן האָט דער דעמלטיקער דאָרעם־אפריקאנישער אָנהענגער פון היטלערן כ. פערווורד אָפּגעמערקט, אז ייִסראָעל איז, פונקט ווי פערווורדס אייגענע מעלוכע, א מעדינע, ווו עס הערשט דער אפּארטעיִד".

דער מיליטעריש־פּאָליטישער אליאנס צווישן טעלאוויוו און דער פּרעטאָריע איז אופגעקומען און זיך אנטוויקלט אין די ראמען פון דער גלאָבאלער סטראטעגיע פונעם אימפּעריאליזם, פון דער סטראטעגיע, וואָס איז געצילט קעגן דעם רעוואָליוציאָנערן וועלטפּראָצעס, קעגן דעם באפרײַערישן קאמף פון די פעלקער.

די פּראָגרעסיווע קרעפטן פון ייִסראָעל, בעראָש מיט דער קאָמוניסטישער פּארטיי, פירן קאָנסעקווענט א קאמף קעגן דער אגרעסיווער, עקספּאנסיאָניסטישער פּאָליטיק פון די רעגירנדיקע קרײַזן, זיי דעמאסקירן דעם ציִעניסטישן שאָוויניזם און ראסיזם, באטאָנען די נייטיקײַט פון אקטיווע געמיינזאמע אקציעס פון אלע דעמאָקראטישע קרעפטן. זיי שאפן א ברייטן אנטיפאשיסטישן פראָנט אף צו שטעלן א ווידערשטאנד דער וואקסנדיקער סאקאָנע פונעם פאשיזם.

די קאָמוניסטן האלטן אונטער אפן סאמע אנטשיידענעם אויפן דעם קאמף פון דער אראבישער באפעלקערונג פונעם לאנד קעגן דער פּאָליטיק פון דיסקרימינאציע און נאציאָנאלער אונטערדריקונג, וועלכע עס פירן די רעגירונג און די פארשיידענע ציִעניסטישע קרײַזן. וועגן א קוואליטאטיוו נײַעם עטאפּ אינעם קאמף פון דער אראבישער מינדערהײַט זאָגן איידעס די געשעענישן פון די לעצטע יאָרן (ניצכוינעס פון די לינקע קרעפטן בעראָש מיט דער קאָמוניסטישער פּארטיי פון ייִסראָעל אף די מוניציפּאליטעט־וואלן אין נאזארעט אין 1975 און אין 1978; דער אלגעמיינער שטרײַק פון דער אראבישער באפעלקערונג אין ייִסראָעל אין מארט 1976; די רעזולטאטן פון די פּארלאמענט־וואלן אין 1977 און די מוניציפּאלע וואלן אין 1978, ווען די מערהײַט אראבער האָבן געשטימט פאר דעם דעמאָקראטישן שאָלעם־פראָנט, מיט וועלן עס פירט אָן די קאָמפּארטיי; די מאסן־שטרײַקן און פּראָטעסט־דעמאָנסטראציעס קעגן דער ציִעניסטישער „יודאיזאציע־פּאָליטיק" אדג.).

די קאָנסאָלידאציע פון אלע פּראָגרעסיווע קרעפטן פונעם לאנד איז א וויכטיקער רינג אינעם קאמף פאר דעמאָקראטיע, פאר טיפע ענדערונגען אין דעם לעבן פון ייִסראָעל.

עס שמועסט מיטן לייענער
דער בריוו־אַפּטייל פון דער רעדאַקציע

כּאַשעווע לייענער!

אין מעשעך פון יאָרהונדערטער באַגלייטן דעם מענטשן בריוו. אַף פּארמעט און שערבלעך, בערעסטע און שטיינער, געשריבענע מיט טינט, מיט בלוט פון די אָדערן, געקריצטע און געדלובעטע — בריוו־מעגילעס און בריוו־צירקוליארן, ליבע־אנערקענונגען און סינע־אויסברוכן, ווינטש־קאַרטלעך, געשעפטלעכע צעטעלעך, בריוו מיט מארקעס און אָן מארקעס, אריַינגעלייגטע אין וויקעלעך, אין קאָנווערטן, בריוו־פּאַקעטן און דריַיעקלעך פון דער פעלד־פּאָסט... אפילע איצט, אין דער טקופע פון טעכנישער רעוואָליוציע, קאָן מען זיך, צום גליק, פּאָרט ניט באַגיין בלויז מיט קארגע טעלעגראַמעס. אַף די אָנבערעגיקע וועלט־ראַכוועסן באַשטאַטן מיט ארבעט דעם פּאָטשטאַליאָנען־האַמוין פּילצאָליקע פּאָטשט־צוגן, פּאָטשט־שיפן, לופט־ליַינערס... נו, און פּאָטשט־קעסטלעך, גאָט צו דאנקען, פארמאָגן אלע שטיבער. אזוי אָדער אנדערש, אָבער אויך היַינט פארלירן ניט די בריוו זייער דויערסדיקע באַדיַיטונג, זיי דינען אלס בינד־פּעדעם אין מענטשלעכע צווישנבאַציִונגען.

אייניקע בריוו נעמען מיר אוף מער אָדער ווייניקער גליַיכגילטיק, אנדערע זיַינען טיַיער, דערקוויקן, העלפן אין א שווערער שאָ, עס זיַינען פּאַראַן אויך אזעלכע בריוו, וואָס פארביטערן דאָס לעבן, אנטוישן. אָפט ווארטן מיר מיט אומגעדולד אַף א יעדיִע פון א ליַיבלעכן מענטשן. אָך, ווי מיר ווארטן צומאָל פארבענקט: „א בריוועלע דער מאַמען, זאָל זיך ניט פארזאמען”... ניט ווייניק בריוו, צום באַדויערן, פארזאמען זיך...

דאָ ניט לאַנג צוריק איז אין בריוו־אָפּטייל פון „סאָוועטיש היימלאַנד” אריַינגעקומען א פרוי מיט גרויסע, שיינע, נאָר פארזאָרגטע אויגן, און, ניט צורזענדיק זיך אפן פאָרגעלייגטן שטול, האָט זי הייזעריקלעך ארויסגעשעפּטשעט:

— העלפט מיר, זיַיט אזוי גוט, האָט ניט קיין פאריבל...

לאָזט זיך אויס, אז פאראיאָרן איז איר טאָכטער מיטן מאַן און מיט זיַינע עלטערן ארויסגעפאָרן קיין יִיסראָעל. זיי האָבן בלויז איין בריוועלע פון דאָרט צוגעשיקט, און ווי אין וואסער אריַין... „אז אָך און וויי... וואָס האָט זי געדארפט אוועקפאָרן פון דער היים?” די פרוי גלייבט, אז דער זשורנאַל איז בעקויעך אופטאָן אלץ, „אפילע פון יענער־וועלט ארויסשלעפּן”, איז זאָל ער זי צוריק צונויפירן מיט איר קינד, כּאָטשבי דערוויַיל, עפשער א טעלעפאָן־געשפרעך באַשטעלן, דער „אָוויר” קאָן ניט פארשטיין דער מאמעס טרערן, אָבער דער זשורנאַל... קעדיי

ווי־ניט־איז אָפּשאַצן די לאַגע, אין וועלכער ס'איז אריַינגעפאלן איר טאָכטער, האָט זי אויסגעשטאמלט עטלעכע קורצע, אָפּגעהאקטע פראזעס: „נאָך איין באַגעגעניש מיט גליק־זוכער, וואָס טאַפּן א וואַנט”... „לעכאַטכילע פארשאַפט מען זיך אליין צאָרעס, דערנאָך בלאָנדזשעט מען אינדערפינצטער, ניט וויסנדיק, וויִאזוי פון די צאָרעס פּאָטער ווערן”... „גיי זיַי א נאָווי און זע פּאָרויס, וואָס דו וועסט אין נאָוועגאַד פארלירן און צי וועסטו ביכלאַל עפּעס אינעם וואָגל געפינען”... „אָן אייסעק מיט דער אליִא”... „בעעמעס: געפאלן אפן סייכל — און צעשלאָגן די נאָז”...

אָט אזוי קומט פאָר אין לעבן. ווער עס קוקט ארויס אַף א בריוו, דערהאלט אים ניט. און מיר, די רעדאַקציע, באַקומען זיי אָפט אומגעריכטערהייט. אונדזער געוועזענע לייענערן עטל שינדלמעסטער האָט ניט קיין טיַינעס צום גוירל, איר בריוו אין רעדאַקציע, פונדערוויַיטנס, פון יענער זיַיט אָקעאַן, איז, וואָלט מען געקאָנט זאָגן, א האָפּערדיקער. אין אמעריקע, זעט איר, פילט זי זיך ניט ערגער, ווי אין מאָסקווע, פונוואנען זי האָט עמיגרירט מיט עטלעכע יאָר צוריק, בגאָדים און דערנערונג האָט זי גענוג. די טשיקאַגער יִדישע קעהילע, שריַיבט זי, איז זיך מיט איר, מיט עטל שינדלמעסטער, זייער פיַין באַגאנגען, אפילע געשענקט איר א פוטערן מאַנטל, קיימאט ניט קיין געניצטן, וועגן אזא מין פעלצל האָט זי א גאנץ לעבן געטרוימט, און א פענסיע האָט מען פאר איר זיך אויסגעסטארעט בא די אָרטיקע מעצעַנאַטן — אַף דער אכילע קלעקט. און אלץ דערפאר, וואָס זי, עטל שינדלמעסטער, האָט מאַזלדיק געמאכט אמעריקע מיט איר עמיגרירן אהין. מיר פארמאָגן וועגן דעם אָן אנדער דעפיניציע: זי האָט אויסגעביטן די היים אַף א פעלץ, וואָס זי האָט אליין ניט פארדינט, און אַף עטלעכע שמאטעס מיט א טעלער זופּ, אויך אויסגעשנאָרעטע. עטל שינדלמעסטער איז אונדז באַקאַנט פערזענלעך: זי פלעגט אָפט בײַזיַין אַף אונדזערע רעדאַקציִאָנעלע דאָנערשטיקן. מיר מיינען, אז איר כּפייצים־נאַכעס און מאָגן־פרייד וועלן זיך גאָר גיך אויסוועפּן, און דער גייַסט־הונגער וועט ווידער א פּאָדער טאָן זיַינס. א סימען האָט איר: ס'האָבן זיך באַוויזן די ערשטע סימאָנים פון נאָסטאַלגיע — עטל שינדלמעסטער פרעגט זיך אָן, צי קאָנען מיר איר ארויסשיקן „סאָוועטיש היימלאַנד”, זי בענקט נאָכן זשורנאַל, נאָר קיין איבעריקן דאָלער אַף אויסשריַיבן אים האָט זי ניט...

א געפּאַקטן קאָנווערט האָט צוגעשיקט אין רעדאַקציע ארנאָ מאָושעסיאַן פון יִיסראָעל. מאַטעריעל איז דער בריוו־שריַיבער, וויַיזט אויס, אויך באַזאָרגט, אלנפאלס, ער קלאָגט זיך ניט, אז ער איז ארבעטסלאָז און אז ער זיצט אָן געלט. אָבער קיין לויבגעזאנג

דעם „נײַעם״ ארט לעבן האָבן מיר אין זײַן בריוו ניט אנטדעקט. פארקערט — א ווייגעשריי פון אן אנטוישטן מענטשן. „טײַערער פון דער היים, ווו כ׳בין געבוירן און אויסגעוואקסן, טײַערער פון רוסלאנד איז ניטאָ גאָרנישט, און קיין שום וווילשטאנד וועט קיינמאָל ניט שטילן די גײַסטיקע שמערצן בא יענע, וואָס האָבן זיך אוועקגעלאָזט אין דער פרעמד״. ארנאָ מאָוושעסיאן לעבט אין ייִסראָעל ווייניק צײַט, בלויז דרײַ כאדאָשים, נאָר ער האָט שוין אָנגעגעבן דאָקומענטן אף פאָרן צוריק. ער שרײַבט: „איין ציל פארמאָג איך איצט — אף שטענדיק אויסמעקן פונעם לעבן די טעג, ווען איך בין געווען א סוינע זיך אליין, אײַנלייגנדיק די וועלט, קעדיי זיך ארויסרײַסן צו אלדי שווארצע יאָר אף מײַרעוו. כ׳וויל אהיים, אין סאָוועטנפארבאנד, כ׳וועל ווארטן, אזוי לאנג וועל איך ווארטן, ביז מע וועט דערהערן מײַן ווייגעשריי, כ׳וועל ווארטן און האָפן. איך מוז דערציילן יענע נאראָנים, וואָס רײַסן זיך נאָך איצט ארויספאָרן, צו וואָס פאר אן אומגליק זיי שטרעבן, כ׳מוז זיי וואָרענען, כ׳מוז זיי איבערצײַגן, זיי זאָלן זיך אליין קיין מיסע מעשונע ניט אָנטאָן, ניט אופטאָן אזוינס, וואָס דערנאָך איז קימאט אומעגלעך צו פאריכטן״...

מאָוושעסיאנס בריוו איז עטוואָס א כאאָטישער, נאָר געשריבן איז ער אופריכטיק. אין סאָוועטנפארבאנד האָט ער געהאט א פאמיליע — דאָס ווײַב און די טאָכטער, וועלכע זײַנען געבליבן אין דער היים, זײַענדיק ניט מאסקים מיט זײַנע לײַכטזיניקע טורעכצן. אויך די פרײַנט האָט ער קיין ייִסראָעל ניט מיטגענומען. ער האָט ביזן אוועקפאָרן געארבעט אין א רעסטאָראן. געלעבט, ווי מע קאָן זיך אָנשטויסן, פארמעגלעך און ערשט איצט איז אים קלאָר געוואָרן — גליקלעך. אָבער דאן, ערעוו דער עמיגראציע, האָט אים אף גליקלעך זײַן, פולקאָם גליקלעך, מיטאמאָל עפּעס ניט געסטײַעט, אגעוו — ווי יעדן פון אונדז קלעקט עפּעס־וואָס ניט, קעדיי מיר זאָלן זיך פילן אינגאנצן גליקלעך, יעדערן — זײַנס: איינעם פעלט א מאָדערן „וועגנטל״, דעם צווייטן — א רײַזע אין די בערג, דעם דריטן — א בוקיניסטישער בוך, וואָס קאָסט צו טײַער, און נאָך און נאָך פעלט אונדז, אָן אן עק און אָן א סאָף. צומאָל איז פּאָשעט ניטאָ קיין צײַט צו דערפילן זיך גליקלעך, באנעמען, אז ביסט גליקלעך. דעריבער לויפן אייניקע ארום פארסאָפּעטע און זוכן אָט דאָס געגארטע מאָדערן „וועגנטל״, מע קלעטערט אף בערג, מע שפּאָרט אף א בוך, מע פרוּווט כאָטש אף עטלעכע טעג זיך ארויסרײַסן פונעם הו־הא און זיך ארומקוקן. איז עס דען א פארברעכן? — וועט איר זאָגן. אוודע ניין. פארקערט, ס׳איז אפילע גאנץ סימפּאטיש, וואָס א מענטש טרוימט וועגן א שיינער און נוצלעכער זאך. אין קעגנפאל — וואָס וואָלט זײַן, ווען אלע זאָלן זיך באנוגענען מיט דעם, וואָס זיי פארמאָגן? זייער ניט אינטערעסאנט וואָלט געווען צו לעבן.

אָבער מאָוושעסיאנען האָט זיך אויסגעוויזן, אז אים קלעקט ניט, ווייסט איר וואָס? ניט קיין „וועגנטל״, ניט קיין רײַזע און קעדוימע אזעלכע זאכן. אים האָט זיך אויסגעדאכט, אז עס פעלט אים אויס ניט מער און ניט ווייניקער, ווי אליין די פרײַהײַט, די אזויגערופענע מײַרעוו־פרײַהײַט. אין זײַן בריוו דערמאָנט ער זיך איצט מיט א ביטערן געפיל, ווי־אזוי ער האָט זיך א פארסאמטער געצויגן צו אָט דער קלוימערשטער פרײַהײַט. נאָר אפילע דאן האָבן אים אינטערעסירט ניט די פּאָליטישע אספּעקטן אירע, ווײַל ער איז לויט דער נאטור א טיפּישער געברויכער, אים האָט געגארט צו זיך דער כפייצים־קולט אינעם מײַרעוודיקן לעבנס־ארט. אָבער וואָס האָט ער געוווּסט וועגן אָט דעם ארט לעבן? ביז גאָר ווינציק. דאָס, וואָס עס האָבן רעקלאמירט אף פארשיידענע כוואליעס קאָלערליי ראדיאָ־קוילעס, אויסלענדישע קינאָפילמען. קנייטלעך צו דעם איניען האָבן צוגעלייגט אינערלעכע און אויסערלעכע האָניק־קוועטשער. מאָוושעסיאן האָט ביסלעכווײַז געמאכט זיך אליין מיט ניט־געשטויגענע, ניט־געפלויגענע פּלענער און פארטראכטן. ער האָט געטרוימט וועגן לעבן שיין און זאָרגלאָז דאָרטן, אף דער מײַרעוו־זײַט, אין יענער וועלט. און אלץ איז אים דערפאר אין דער אייגענער היים געוואָרן דערווידער — אפילע דאָס געטרײַע ווײַב, די טאָכטער, די עכטע, ניט אויסגעטראכטע פרײַנט. און גיי פרוּוו דערווײַזן זיך אליין, אז דײַנע פארדאכטן און ניט צופרידנקײַטן זײַנען אָנגעטראכטע, אז אין דער געזעלשאפט שטופּט דיך קיינער ניט אָפּ מיט די עלנבויגנס פונעם ראָסלפלייש, אז מע שעצט דיך ניט ווייניקער, ווי דו פארדינסט.

אין אלע זײַנע דורכפאלן און שוועריקײַטן, ניסיוינעס און אנגסטן האָט מאָוושעסיאן באשולדיקט די סאָוועטנמאכט, די סאָציאליסטישע סיסטעם. ניט אָנגעקומען אין אינסטיטוט — הייסט עס, אז מע האָט אים בעקיוון אונטערגעשטעלט א פיסל. אף דער שטעלע ניט אזוי גיך גערוקט זיך פאָרויס — הייסט עס, אז מע לאָזט אים ניט... יאָ, עס טרעפן אין לעבן ענלעכע פאלן, און ראנגלען זיך מיט זיי איז קאָמפּליצירט. פארפאקן די טשעמאָדאנעס איז א סאך לײַכטער. „פארוואָס, אייגנטלעך, זײַנען מיר צומאָל אזוי פארליבט אין זיך אליין און מיר שאצן איבער די אייגענע קויכעס, די אייגענע פייִקײַטן?״ — שטעלט מאָוושעסיאן א פראגע אין זײַן בריוו, און ער ענטפערט עטוואָס פאראדאָקסאל: „מיר האָבן זיך אײַנגערעדט, אז דאָרטן, אף מײַרעוו, וועט מען אונדז הויך אָפּשאצן און אופנעמען מיט צעשפּרייטע אָרעמס, וואָרעם אין סאָוועטנפארבאנד שעצט מען אונדז הויך, כאָטש ניט שטענדיק פארדינען מיר אזא מין אָפּשאצונג״.

ארויספאָרנדיק פונעם סאָוועטנפארבאנד קיין ייִסראָעל, האָט מאָוושעסיאן ניט געפרעגט בא זיך, צי ער איז בעקויעך ענדערן זײַן אײַנגעבוירענע אין סאָוועטנפארבאנד וועלט־אופאסונג, פארגעסן זײַן דערציִונג, אָפּזאָגן זיך פון זײַנע געוווינהײַטן. אים איז עס ניט געלונגען. א בוידעם האָט זיך אויסגעלאָזט פון זײַן טרוים צו דערגרייכן דאָרט, אף מײַרעוו, אלץ, וואָס ער וויל, פארלאָזנדיק זיך בלויז אף דער אייגענער איניציִאטיוו. נאָר קיין סוינע דער אלטער היים זײַנער האָט מאָוושעסיאן ניט געוואָלט און ניט געקאָנט ווערן, קיין אויסוווּרף און קיין רעכילעסטרײַבער — אויך ניט. זיך פארוואנדלען אין א פרומען ייִד, א גלויביקן אין גאָט איז אים דערווידער.

מאָוושעסיאן איז אין ייִסראָעל איינזאם און דערנידעריקט, א מענטש פונעם צווייטן סאָרט, ער קאָן זיך ניט צופאסן צו די דאָרטיקע פארהעלטענישן צווישן מענטשן, צו דער דאָרטיקער קולטורעלער אטמאָספער. ס׳איז אים דערווידער די אינערלעכע

און אויסערלעכע פּאָליטיק פון דער מעדינע, איר קורס אַף אַגרעסיע, אַף אונטערדריקן דאָס פּאַלעסטינער פֿאָלק. ערשט טרעפנדיק זיך אויג אַף אויג מיט דער ייִסראָעלדיקערווירקלעכקייט, האָט ער זיך איבערצייגט, אַז די סאָוועטישע פּרעסע שרייבט וועגן איר אָן גוזמע, דעם גאַנצן עמעס.

בריוו וועגן מענטשלעכע גורלעס — וועגן גליקלעכע אָדער שלימאַזלדיקע — באַקומען מיר אָפט, אויך באַגעגענישן מיט לייענער האָבן מיר ניט ווײ־

ניק. צייטנווייז וועלן מיר זיך דערלויבן אַזוי אָדער אַנדערש אַ הייב טאָן דאָס פֿאָרהאַנגל, אַרייַנקוקן אַהין, ווו ס'איז פֿאַרבאָרגן אַ שטאַרקע איבערלעבעניש, אַ ווייטעקדיקע פֿראַגע. ס'קאָן זייַן, אַז דאָס וועט באַלויכטן געוויסע פּראָבלעמען פֿון געזעלשאַפֿטלעכן באַטייַט.

אַלדאָס גוטס אײַך, טײַערע לייענער!

סאַראַ מינדלינע

דאָס און טשיקאַווע

פּושקין אין אָדעס

אַנציקונג און טרויער, האָפֿענונג און לעבנסדורשט האָט אַרויסגערופֿן דער יאַם בײַ דעם יונגן פּושקין. וויפֿל טיפֿע געפֿילן האָט געהאַט דער 24־יאָריקער דיכטער, אָפּלעבנדיק אין אָדעס אַ גאַנץ יאָר!

אָן אַרויסגעשיקטער פֿאַר פֿרײַליבנדיקע לידער אַף דאָרעם, פֿאַלט אַרײַן דער פּאָעט, נאָך קעשענעוו, קיין אָדעס. מע האָט אים באַשטימט אַלס אַרכיוואַריוס אין דער קאַנצעליאַריע פֿונעם גענעראַל־גובערנאַטאָר פֿונעם נאָוואָראָסײַסקער קאַנט, דעם גראַף מ. וואָראָנצאָוו. די אַדמיניסטראַטיווע דינסט, די האַשפּאָע פֿונעם טיטולירטן שעף איז אים שווער געווען אַריבערצוטראָגן. „גאָרנישט דערנידעריקט ניט אַזוי, ווי האַשפּאָע...״ וועט ער אָנשרײַבן אין איינעם פֿון זײַנע בריוו.

ס'זײַנען געווען אויך ליכטיקע מאָמענטן אינעם אָדעסער יאָר פֿונעם דיכטער. אין דער רײַכער ביבליאָטעק באַם גראַף וואָראָנצאָוו, ווו ס'האָבן זיך געהיט די ווערטפֿולע ביכער און מאַנוסקריפּטן, האָט ער געשעפּט קענטענישן וועגן דער געשיכטע פֿון רוסלאַנד. ער ווערט אַ שטענדיקער אַרײַנגייער אין די ביכער־קראָמען. טאַקע אין אָדעס האָט ער אָנגעהויבן זאַמלען זײַן קומענדיקע גרויסע ביבליאָטעק. אויספֿאָרשנדיק איינציקע נײַע מעקוירים, צום בײַשפּיל, דעם מאַנוסקריפּט פֿונעם היסטאָריקער א. סקאַלקאָווסקי, די פּאַפּירן פֿון מ. וואָראָנצאָווס מישפּאָכע־אַרכיוו און די פֿאַרהיטע אין אַן איינציקן עקזעמפּליאַר נומערן פֿון דער צײַטונג „זשורנאַל ד'אָדעסאַ״ פֿאַרן 1824, איז דער אָדעסער היסטאָריקער פּראָפֿעסאָר באָראָוואָי געקומען צום אויספֿיר וועגן דער אויסשליסלעכער ראָל פֿונעם אָדעסער פּעריאָד אין דער אויספֿאָרמירונג פֿון דעם דיכטערס געזעלשאַפֿטלעך־פּאָליטישע אָנשויונגען.

לאָמיר זיך פֿאָרשטעלן אָדעס פֿון יענער צײַט. אַ באַדײַטנדיקער טייל פֿון דער באַפֿעלקערונג זײַנען אַנטלאָפֿענע פּויערים, וועלכע זײַנען געוואָרן אַרבעטער, סאָכרים, באַלמעלאָכעס. ניט ווייניק באַאַמטע און אַפֿילע אַדל־לײַט האַלטן זיך בײַ פּראָגרעסיווע אָנשויונגען. אין שטאָט האָבן געלעבט און אַהין פֿלעגן קומען פֿיל דעקאַבריסטן, מיט וועלכע דער דיכטער פֿלעגט זיך אָפֿט באַגעגענען. ער האָט אויך געוווּסט וועגן דער עקזיסטענץ פֿון דער געהיימער געזעלשאַפֿט פֿון גריכישע פּאַטריאָטן, וועלכע האָבן געהאַט אַ ציל צו באַפֿרײַען דאָס היימלאַנד פֿונעם טערקישן יאָך.

אין דער פֿרײַליבנדיקער סוויווע זײַנען דורכגעגאַן דעם דיכטערס אָדעסער כאָדאָשים. גרויס איז פּושקינס אײַנפֿלוס אַף דער אָדעסער געזעלשאַפֿט. זײַנע ניט פֿאַרעפֿנטלעכטע לידער האָט מען געלייענט געהיים, איבערגעשריבן זיי און פֿאַרשפּרייט. ווי עס באַטאָנט א. סקאַלקאָווסקי, פֿלעגן איבער דער שטאָט אומגיין „טויזנטער סאַמע שטעכעדיקע סאַטירעס״, וועלכע דער דיכטער האָט אָנגעשריבן, אָדער זיי געלייענט.

...בײַ פּושקינס דענקמאָל, וואָס שטייט אין אָדעס, בײַ זײַן באַרעליעף אַף דער וואַנט פֿונעם הויז־מוזיי ליגן שטענדיק פֿרישע בלומען. אין שטאָטישן דראַמאַטישן טעאַטער קאָן מען זען אַ ספּעקטאַקל, געווידמעט דעם יאָר, וואָס דער גרויסער דיכטער האָט אָפּגעלעבט אין אָדעס. ניין, ניט איין יאָר האָט דאָ געלעבט אַלעקסאַנדער סערגייעוויטש!

א. קנאָפּ

מאַטעריאַלן פאַר א לעקסיקאָן
פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור

פײַקין, יאַקאָוו
(דאַטעס אומבאַוואוסט)

— פובליציסט, געזעלשאפטלעכער טוער. געבוירן אין וויטעבסק, ווײַסרוסלאנד. זיך געלערנט אין פעטערבורגער אוניווערסיטעט. אין די סטודענטישע יאָרן זיך באטייליקט אין דער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג. נאָך דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע געפירט אן אקטיווע געזעלשאפטלעכע ארבעט, געווען פאָרזיצער פונעם געגנטלעכן „ייִדגעזקאָם” אין וויטעבסק. פארעפנטלעכט וויסנשאפטלעכע ארבעטן אין געביט פון ייִדישער דעמאָגראפיע אין ווײַסרוסלאנד אין די אויסגאבעס „רויטער שטערן” (וויטעבסק, 1920 — 1923), „יעדיעס פון ייִדאָפּטייל באם וויטעבסקער אידגעזקאָם” (וויטעבסק, 1922), פון וועלכע ער איז געווען דער רעדאקטאָר. שפּעטער זיך געדרוקט אין די צײַטונגען „אָקטיאבער” און „דער עמעס”, אין כוידעש־זשורנאל „שטערן”. אין דער מינסקער „צײַטשריפט” (נומ. 4, 1930) פארעפנטלעכט אן ארבעט „אייניקע סאכאקלען פון דער דעמאָגראפישער ציילונג פון 1926”. אין די יאָרן פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע געלעבט אין מאָסקווע, געווען א מיטגליד פון דער היסטאָרישער קאָמיסיע באם ייִדישן אנטיפאשיסטישן קאָמיטעט און א שטענדיקער מיטארבעטער פון דער צײַטונג „אייניקײַט”.

פּרוסמאַן, ל.
(1895 — ?)

— פּראָזאיקער, פּעדאגאָג, איבערזעצער. זיך אָנגעהויבן דרוקן נאָך פאר דער רעוואָליוציע. אין די 20־ער — 30־קער יאָרן געווען אן אקטיווער פּעדאגאָגישער טוער, דער איבערזעצער פון פּאָפּולער־וויסנשאפטלעכע און שול־ביכער אף ייִדיש. זיך געדרוקט אין די אויסגאבעס „קאָמוניסטישע וועלט”, „קאָמוניסטישע פּאָן”, „דער עמעס”.

ו ע ר ק: א נײַע פּארנאָסע (דערציילונג פאר יוגנט). כארקאָוו, „פּעדאגאָגישער פארלאג”, 1919; לעבינס רוף (צוזאמען מיט מ. מײַדאנסקי), לייענבוך. קיִעוו, 1925 (צווייטע אופלאגע — 1928, דריטע פארבעסערטע אופלאגע — 1929); ארבעטבוך אף נאטורוויסנשאפט, ערשטער טייל: מאטעריאלן פון לאנדווירטשאפט (צוזאמען מיט י. בוכטיאנסקי, ג. גרינבערג, מ. דוואָרקין, י. יאכינסאָן, י. שטשופּאק). קיִעוו, „קולטור־ליגע”, 1926; 2־טער טייל (מאטעריאלן פון דער אינדוסטריע, מאָס און וואָג, בוי־מאטעריאלן, גאזן, הייצונג, ברענען, טעמפּעראטור־מעסטונגען, קאלאָריאָמעטריע), קיִעוו, 1927. איבערזעצונגען פון רוסיש: י. ב. איגנאטאָוו און ס. לעבעדיעוו. באשטימער פוןביימער און מיסטגראָזן, קיִעוו, 1926; (צוזאמען מיט ל. שטשופּאק) ג. א. דזשיאלאָוו. האנטבוך פאר קאָרנפלאנצערס. כארקאָוו, 1932; א. פּידגרושינא. וואָס דערציילט די ערד וועגן דער געשיכטע און אנטוויקלונג פון לעבן. כארקאָוו, 1932; ב. ווסעסוויאטסקי. באָטאניק, לערנבוך פאר דער מיטלשול, 5—6 לערניאָרן. כארקאָוו, 1933; מ. צויזמער. זאָאָלאָגיע (צוזאמען מיט ז. סקודיצקי און ל. שטשופּאק). כארקאָוו, 1933.

ב י ב ל י אָ ג ר א פ י ע: זשורנאל „צוקונפט”, ניו־יאָרק, יאנואר 1919; ביבליאָגראפישע יאָרביכער פון ייִוואָ, ווארשע, 1928, זוכצעטל; א. ווילענקין, צײַטונג „דער שטערן”, כארקאָוו, 1933, נומ. 276; נ. רובינשטיין, דאָס ייִדישע בוך אין סאָוועטנפארבאנד, 1932, 1933, זוכצעטל.

פּויניצקי, דאָוויד
(? — 1944)

— פובליציסט, פּעדאגאָג. אין די דרײַסיקער יאָרן פארעפנטלעכט א ריי פּאָפּולער־וויסנשאפטלעכע ארבעטן פאר שילער. אָנטיילנעמער פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע, געפאלן אפן פראָנט.

ו ע ר ק: זײַ אליין א מײַסטער (וועגן פּאָליטעכניזאציע). כארקאָוו—קיִעוו, 1932; די סאָוועטישע עקספּעדיציע צום צאָפן־פּאָליוס. קיִעוו, 1938; נאָך דער ארבעט (צוזאמען מיט ב. גוטיאנסקי), שפּילן, פארשיידענע אײַנפאלן, קונצן, קאָפּדרייעניש, רעבוסן, וויצן, נײַס פון טעכניק. קיִעוו, 1938.

ב י ב ל י אָ ג ר א פ י ע: נעקראָלאָג אין דער צײַטונג „אייניקײַט”, 3 אווגוסט, 1944.

✧ ✧ ✧

(окончание урока XV) | (סאָף פונעם לימעד XV)

§ 22. Для выражения повелительной формы с «пусть» зачастую вместо [лоз], [лозн] употребляется вспомогательный глагол в ед. числе [зол], во множ. числе [золн], т.е.
לאָז ער קומען־זאָל ער קומען; לאָזן זיי נעמען־זאָלן זיי נעמען.

Заметьте!

«Да здравствует...» (дословно «Пусть живет...») = **זאָל לעבן...**

«Да здравствует мир!» = זאָל לעבן **דער שאָלעם!**

אויפגאבע 6: **שרײַבט ארויס די ווערטער און לייענט די פראגמענטן פון איציק פעפערס ליד:**

ווערטער I: 1) **דאָרט**; 2) **טאָגן**; 3) **נאָך ניט**; 4) **פּראָסט**

1) там; 2) светать; 3) еще не; 4) простой.

טעקסט I: — זאָל טאָגן **אָט דאָרט, ווו עס האָט נאָך ניט געטאָגט! — מיט ווערטער מיט פּראָסטע האָט לעניך געזאָגט.**

ווערטער II: 1) **אָנגיסן** (זיך); 2) **דער בארג, בערג**; 3) **א הייב טאָן** (זיך); 4) **העכער**; 5) **דער קלעזמער, קלעזמאָרים**; 6) **דאָס** (דער) **קאָרן**; 7) **שטארק**; 8) **דער ווײַנטרויב, ־ן**; 9) **שפּילן** (טוט א שפּיל!) 10) **די גערעטעניש**

1) наливать(ся); 2) гора, -ы; 3) поднять(ся); 4) выше; 5) музыкант, -ы; 6) рожь; 7) крепкий; 8) виноград; 9) играть (сыграйте-ка); 10) урожай.

טעקסט II: **איז טוט א שפּיל, קלעזמאָרימלעך, דער באס און דער באיאן, זאָל טאנצן די גערעטעניש אין גאנץ ביראָבידזשאן. דאָס קאָרן זאָל א הייב טאָן זיך נאָך העכער פונעם בארג; דער ווײַנטרויב זאָל זיך אָנגיסן, דער ווײַן זאָל ווערן שטארק.**

* * *

ווערטער III: 1) **די בייט, —ן**; 2) **דאָס געזאנג, —ען**; 3) **ניט גערוט!** 4) **געשמאק**; 5) **דאָס גרינס, —ן**; 6) **דער זאפט, —ן**; 7) **זאפטיק**; 8) **דער זאנג, —ען**; 9) **„א פריילעכס"**. 10) **די פידל, —ען**; 11) **רוישן**; 12) **דונערן**; 13) **דער טרומייט, —ן.**

1) грядка, -и; 2) пение, песня; 3) здесь — «продолжайте играть» (дословно «не отдыхайте»); 4) вкусный; 5) зелень; 6) сок, -и; 7) сочный; 8) колос, -ья; 9) «веселое» (название народного танца; 10) скрипка, -и; 11) шуметь; 12) греметь; 13) труба, горн.

טעקסט III: **שפּילט א פריילעכס! שפּילט א פריילעכס!..**

פידלען, פלייטן, קאָנטראבאסן.
זאָלן טאנצן אלע גאסן,
זאָלן דונערן טרומייטן,
און די גרינסן אף די בייטן
זאָלן זאפטיק זײַן און גוט!
פידלען, פלייטן, ניט גערוט!
ווי געשמאקע היכע זאנגען
זאָלן רוישן די געזאנגען!

Задание 7: Повторите тему «Повелительное наклонение» (урок № 6, §§ 2 и 2б) и спишите приводимую ниже сводную таблицу повелительных форм глагола в ед. и множ. числе:

лицо	Единств. число	איינצאָל	פּערזאָן
1	Возьму-ка я!	**לאָמיך נעמען!**	1
2	Возьми!	**נעם!**	2
3	Пусть он возьмет!	**לאָז (זאָל) ער נעמען**	3

	Множеств. число	מערצאָל	
1	Давайте возьмем!	לאָמיר נעמען!	1
2	Возьмите!	נעמט!	2
3	Пусть они возьмут!	לאָזן (זאָלן) זיי נעמען!	3

Задание 8: Переведите на идиш.
1) Давайте споем! 2) Пусть он поет! 3) Пусть они поют! 4) Пойте! 5) Пой! 6) Дай-ка спою! 7) Работай! 8) Работайте! 9) Пусть она работает! 10) Давайте поработаем! 11) Поработаю-ка я. 12) Пусть они работают!

Ключи к уроку XV

К заданию 1: а) -3, 5, 8, 10; б) -2, 6; в) -1, 4, 7, 9.

К заданию 2. (дословно) 1) И вот мы у мостика. 2) Речка течет (бежит), лягушки квакают, доски шатаются, качаются, а Бузи дрожит. 3) Чего ты боишься, глупенькая? 4) Держись за меня, или давай я тебя обниму, я тебя и ты меня. 5) Видишь? 6) Вот так, вот так.

К заданию 3: I. Свадебная песня: Давайте все вместе встретим жениха (невесту). Давайте все вместе выпьем по стаканчику вина!
II. Народная песня: Давай помиримся! Поставь самовар... не будь глупышом!... Купи фунт фисташек ... выпьем вина!

К заданию 4: 1) Братья мои, поклянемся чистыми слезами матери, детьми в колыбели: «Пасть (в бою) или победить!».
2) Давайте будем молчать минуту молчания, которая длится (так долго), как (само) время...
3) Помянем павших, всех, кого уже больше нет с нами.
4) Идемте, будем жить в новом районе на берегах Вилии.

К заданию 5. «Пусть он поклянется, что больше он даже не заглянет ко мне (в мой) в сад» — требует жена лекаря.
«Пусть у меня отсохнут руки, пусть у меня вытекут (выйдут) глаза», — говорю я и иду с мамой домой.

К заданию 6: I. «Пусть светает (да будет день) там, где еще не светало!» — сказал простыми словами Ленин.
II. Сыграйте же, музыканты, бас и баян! Пусть танцует (пляшет, ходит волнами) урожай в Биробиджане. Пусть выше гор подымется рожь, виноград пусть наливается, пусть станет крепким (набирает крепости) вино».
III. Сыграйте фрейлэхс («веселое») скрипки, флейты, контробасы! Пусть пляшут улицы! Пусть гремят трубы! Зелень (овощи) на грядках пусть будет сочной и хорошей. Скрипки, флейты, играйте! Пусть шумят напевы, как высокие, вкусные колосья.

צו דער אויפגאַבע 8:
1) לאָמיר זינגען! 2) לאָז (זאָל) ער זינגען! 3) לאָזן (זאָלן) זיי זינגען! 4) זינגט! 5) זינג! 6) לאָמיך זינגען! 7) אַרבעט! 8) אַרבעט! 9) לאָז (זאָל) זי אַרבעטן! 10) לאָמיר אַרבעטן!
11) לאָמיך אַרבעטן! 12) לאָזן (זאָלן) זיי אַרבעטן!

דאָצענט ש. סאנדלער

Jewish Agenda of the 80s". Discussing a series of preparatory measures for the procedures and programme documents of this organisation, Samuel Levy reports: "As a result, the supporters of various ideological standpoints were represented among the 700 participants of the foundation conference of the "New Jewish Agenda" in Washington in December 1980. This undoubtedly influenced the character of the debates among the delegates. However, most of those present supported the programme of active participation in the struggle of the democratic forces of the USA against the advancing forces of reaction and militarism".

And, later:

"The programme adopted by the New Jewish Agenda is of great importance in order to mobilise the Jewish masses in the struggle for peace and social progress and against the domination of the monopolies, and also against the arms race. As was noted by the editor of the magazine "Jewish Affairs", well-known Communist party member, Herbert Apteker, speaking on 15 February 1981 in Los Angeles, the foundation of this organisation "is a positive step forward for all the friends of democracy and peace. The New Jewish Agenda programme makes it possible to unite broad strata of the Jewish workers for the USA on a progressive basis".

We are publishing in our current number the following chapters from "Letters from Washington": "From the search for an alternative to a programme of action"; "Who is pushing the Jewish community to the Right ?"; "Clouds on the horizon"; "In Alliance with antisemitism"; and "Troubled Times". The rest of the article will be published in our March number.

There is also other publicistic material: a transcription of a discussion between Pilot-Cosmonaut of the USSR Georgy Beregovoy, writer V. Mitroshenkov and A. Vergelis, chief editor of "Sovietish Heimland" on problems of continuing and deepening the theme of space in the magazine; an article by Leonel Dadiani of Moscow, "The Urgent Need for Changes in Israel"; and "Notes of a Librarian" by M. Rozenhauz.

Readers will find the usual regular features in this issue: "A Chronicle of Cultural and Literary Life", "Items of Interest", "Chats with the Readers", "Material for a Lexicon of Soviet Jewish Literature" and "An Aid to those learning Yiddish".

A large selection of travel notes, illustrated with photographs, covers meetings between the editors and authors of "Sovietish Heimland" and readers in Moscow, Kiev, Chernovtsy and Kishinev during the celebrations to mark the 20th anniversary of the magazine.

Supplement to issue: S. Rabinovich
"Lenin in our life"

RÉSUMÉ

"Sovietish Heimland" ("The Soviet Homeland") No. 2, February, 1982

Readers all over the world welcomed with special interest Leonid Ilyich Brezhnev's books "Malaya Zemlya", "Revival" and "The Virgin Lands". In his new book, "Reminiscences", Leonid Ilyich tells about the working people he met in his early years. The chapter "Life to the Sound of Factory Siren" gives an account of the past organically interwoven with reflections on the high historical calling of the working class and its revolutionary feat under the leadership of the Leninist party.

"Reminiscences" is packed with events and is geographically far-ranging: the years of collectivisation in the Kursk countryside, in Byelorussia and the Urals; the student years and service with the tank troops near Chita; the beginning of party work in Dneprodzerzhinsk. L. I. Brezhnev's book "Reminiscences" discusses the problems of the present day, the future, and the fate of Russia.

The February number of "Sovietish Heimland" opens with this remarkable work translated into Yiddish.

Our feature "Literary Criticism: Problems of Art" contains the following items: a story by Lvov writer Alexander Lizen in which he develops the theme of the relations between various generations of the Soviet technological intelligentsia; a story by Moscow writer Evgenia Malakhovskaya, "Over the Atlantic", about the assistance rendered by the Soviet Union to the people of faraway Peru when they were suffering from the effects of a catastrophic earthquake; and a story, "Encounter en route", about the heroism of Soviet people in the years of the Patriotic War, from the literary heritage of front-line writer Iekhil Falikman.

Our poetry section is devoted to Soviet patriotism, the present and past, and also lyrical reflections. Pinya Plotkin of Bobruisk and Aron Vergelis of Moscow are represented by new verse cycles. Schoolteacher Charna Yaroshevich of Yalta makes her debut on the pages of our magazin with a poem, "Memory". There is also a verse cycle by the late Matvei Grubian, the well-known Jewish poet.

Out feature "Literary Criticism, Problems of Art" contains the following items: an article by Samuil Vinitsky of Odessa about Irma Druker, one of Soviet literature's veteran writers; travel notes by actress Manie Kotlyarova of Moscow about the Moscow Jewish Drama Company's tours of the Far East and the North; literary notes by Lev Vilsker of Leningrad, "Unknown poems by Iehuda Halevy; and an article by composer Zinovy Kompaneyets of Moscow, "Towards a creative portrait of Alexander Konstantinovich Glazunov.

There is a variety of publicistic material in this number. Readers will be particularly interested in an article by Samuel Levy of the USA, "Letters from Washington". The author describes new trends in American Jewish society. In particular, he witnessed the birth of the now famous Left organisation, "The New

гастролях Московского еврейского драматического ансамбля на Дальнем Востоке и на Севере страны; литературоведческие заметки Льва Вильскера (Ленинград) «Неизвестные стихи Иегуды Галеви»; статья композитора Зиновия Қомпанеец (Москва) «К творческому портрету Александра Константиновича Глазунова».

Разнообразны публицистические материалы номера. У читателей вызовет особый интерес статья Самуэля Леви (США) «Письма из Вашингтона». Автор рассказывает о новых веяниях в американской еврейской среде. В частности, он был свидетелем зарождения приобретшей известность левой организации «Новая еврейская повестка дня на 80-е годы». Рассказав о ряде мероприятий, подготовивших организационные формы и програмные документы этой организации, Самуэль Леви сообщает:

«В результате среди 700 участников Учредительной конференции «Новой еврейской повестки дня» (НЕПД), собравшихся в Вашингтоне в декабре 1980 года, были представлены сторонники различных идеологических взглядов. Это, несомненно, отразилось на характере дебатов среди делегатов. Однако, большинство собравшихся поддержали платформу активного участия в борьбе демократических сил США против наступления сил реакции и милитаризма.»

И далее:

«Программа, принятия НЕПД, имеет важное значение для мобилизации еврейских масс на борьбу за мир и социальный прогресс, против господства монополий и гонки вооружений. Как отметил редактор журнала «Джуиш Афферс», видный деятель коммунистической партии США Герберт Аптекер, выступая 15-го февраля 1981 года в Лос-Анджелесе, создание этой организации «является позитивным шагом вперед для всех друзей демократии и мира». Платформа НЕПД дает возможность объединить широкие слои еврейских трудящихся США на прогрессивной основе».

В этом номере напечатаны следующие главки «Писем из Вашингтона»: «От поисков альтернативы к программе действий», «Кто толкает еврейскую общину вправо», «Тучи на небосклоне», «В альянсе с антисемитами», «Смутное время». Окончание статьи будет опубликовано в мартовской книжке журнала.

В номере напечатаны и другие публицистические материалы: запись беседы летчика-космонавта Г. Берегового, писателя В. Митрошенкова и главного редактора «Советиш геймланд» А. Вергелиса по вопросам продолжения и углубления космической темы в журнале; статья Леонеля Дадиани (Москва) «Назревшая необходимость изменений в жизни «Израиля». Печатаются «Заметки библиотекаря» М. Розенгауза. Читатели найдут в этом номере традиционные рубрики: «Хроника культурной и литературной жизни», «Это интересно», «Беседы с читателями», «Материалы для лексикона советской еврейской литературы», «В помощь изучающим идиш».

Большая подборка путевых заметок, иллюстрированная фотоматериалами, посвящена встречам членов редколлегии журнала и авторского актива с читателями в Москве, Киеве, Черновцах и Кишиневе в дни празднования 20-летия «Советиш геймланд».

Приложение к номеру: С. Рабинович

«Ленин в нашей жизни»

РЕЗЮМЕ

«Советиш геймланд» («Советская родина»)
№ 2, февраль, 1982

С исключительным интересом были встречены читателями во всем мире книги Леонида Ильича Брежнева «Малая земля», «Возрождение», «Целина». Новые страницы его воспоминаний как бы предворяют их — Леонид Ильич рассказывает о рабочих людях, с которыми он встречался в свои первые трудовые годы. Рассказ о прошлом в главе книги «Воспоминания» «Жизнь по заводскому гудку» органично переплетается с раздумьем о высоком историческом призвании рабочего класса, его революционного подвига под руководством ленинской партии.

«Воспоминания» богаты событиями, широка география повествования — годы коллективизации в Курской деревне, в Белоруссии и на Урале, студенческая пора и служба в танковых войсках под Читой, начало ответственной партийной деятельности в Днепродзержинске. «Воспоминания» Л. И. Брежнева неизменно соотносятся с проблемами современности, с будущим, судьбами Родины.

Февральский номер «Советиш геймланд» открывается этим замечательным произведением в переводе на идиш.

В таком же тематическом и идейно-художественном плане решены другие произведения прозы в этом номере: рассказ львовского писателя Александра Лизена «Человек рождается», в котором разрабатывается тема о взаимоотношениях между разными поколениями советской технической интеллигенции, повесть московской писательницы Евгении Малаховской «Над Атлантическим океаном» — о помощи, оказанной Советским государством народу далекого Перу, пострадавшему от катастрофического землятрясения, рассказ «Встреча в пути». — О героизме советских людей в годы Отечественной войны, из литературного наследия писателя-фронтовика Иехиля Фаликмана.

В поэтической рубрике преобладают мотивы советского патриотизма, переклички времен, а также лирические раздумья. С новыми циклами стихов выступают Пиня Плоткин (Бобруйск) и Арон Вергелис (Москва); впервые на страницах журнала выступает учительница Чарна Ярошевич (Ялта) с поэмой «Память»; публикуется также цикл стихов ныне покойного известного советского еврейского поэта Матвея Грубияна.

В разделе «Литературная критика, вопросы искусства» помещены следующие материалы: статья Самуила Виницкого (Одесса) о творчестве одного из ветеранов советской еврейской литературы Ирмы Друкера; путевые заметки актрисы Мани Котляровой (Москва) о

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

(Советская родина)

Ежемесячный литературно-художественный журнал

На еврейском языке

Орган Союза писателей СССР

Издается с 1961 г.

Издательство «Советский писатель»

Главный редактор **А. ВЕРГЕЛИС**

РЕДКОЛЛЕГИЯ:

Х. Бейдер (зам. главного редактора),
Т. Ген, С. Гордон,
Нотэ Лурье, Х. Меламуд,
Б. Миллер, Б. Могильнер,
Г. Полянкер, И. Шрайбман,
И. Шустер (ответственный секретарь)

Адрес редакции журнала:
101000, Москва, Центр, ул. Кирова, 17.

Телефоны:
главный редактор — 228-27-91
ответственный секретарь — 223-96-07

Художественная и техническая редакция
С. Черняк, Е. Каплан

Корректор Б. Гершман

Сдано в набор 30.11.1981. Подписано к печати 18.01.1982 г. Формат $70 \times 108^1/_{16}$. Бумага типографская № 1. Печ. л. 11+0,25 вкл. (Усл. печ. л. 15,75). Бум. л. 5,5+0,125. Цена 80 коп. Зак. 798.

Ордена Трудового Красного Знамени московская типография № 7 «Искра революции» «Союзполиграфпрома» Государственного Комитета СССР по делам издательств, полиграфии и книжной торговли.
Москва 121019, пер. Аксакова, 13.

© Журнал «Советиш геймланд», 1982 г.

Цена 80 коп.

70821

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

СОВЕТСКАЯ РОДИНА

В НОМЕРЕ:

Л. И. Брежнев. Воспоминания.

Рассказы А. Лизена, И. Фаликмана.

Е. Малаховская. Над Атлантическим океаном (повесть).

Стихи А. Вергелиса, М. Грубиана, П. Плоткина, Ч. Ярошевич.

Литературная критика, вопросы искусства. С. Винницкий. Поющее сердце (о творчестве И. Друкера); М. Котлярова. Гастроли на Дальнем Востоке; З. Компанеец. Штрихи к портрету А. К. Глазунова; М. Розенгауз. Записки библиографа.

Наши сообщения. Л. Вильскер. Неизвестные стихи Иегуды Галеви.

В юбилейные дни «Советиш геймланд» (коллективный репортаж).

Публицистика. С. Леви. Письма из Вашингтона;

Л. Дадиани. Назревшая необходимость изменений в Израиле (статья).

Беседа за круглым столом с участием летчика-космонавта Г. Т. Берегового.

Депутаты ЕАО обсуждают проект Закона о Еврейской автономной области. Хроника культурной жизни. Это интересно. Материалы для лексикона еврейской советской литературы. В помощь изучающим идиш.

Резюме на русском и английском языках.

1982

№ 2